STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04636

AL NEHAROT POYLN

Mendel Mann

Permanent preservation of this book was made possible
by Bruce Slovin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ ע נ ד ל מ אַ ן

על נהרות פולין

קיום

29

משה פייגענבלום.

מענדל מאַן

על נהרות פוילן

ראָמאַן

פאַרלאַג
פועלי ציון-התאחדות

בוענאָס איירעס 1962 — ה׳תשכ״ב

מיין זון צבי —
מיט ליבשאַפט.

קאַפּיטל איינס

אין אַ פּראָסטיקן טאָג, סוף דעצעמבער 1916. אויף דעם וועג וואָס פירט פון מאָדלינער פעסטונג קיין זאַקראָטשין און פלינצק זענען געשטאַנען אַלערליי וועגענער ביים דייטשישן וואַכפּאָסטן; באַלעגאָלישע בוידן באַדעקטע מיט אַ גרין־שימלדיקן פּלאַנדעק, פאַרבונדענע מיט שטריק, פויערישע פורמאַנקעס אָנגעטורעמטע מיט היי, אָמניבוסן באַשלאָגענע מיט זשאַווער־בלעך, וועגענער אויף רעסאָרן מיט צודעקן געפלאָכטענע פון ווערבע־ריטלעך און ראָגאָזשעס. אין אַ זייט איז געשטאַנען אַ קאָטש געשפּאַנט אין צוויי פערד. דער יונגער זשרעבאַק איז געווען צוגעבונדן נאָר צו דער קלאָניצע. די קאָטש איז געווען פון אַ רויען קאַלב־פעל, די רעדער דיקע, באַשלאָגענע מיט שוואַרצע גומי־רייפן, די פערד געזונטע, מיט צעפלאָשעטע גזשיבעס, אומרו:קע. דאָס געשפּאַן — מאַסיוו, בלויז לעדער און מעש, היימיש געמאַכט, אָן די אַלערליי באַפּוצונגען וואָס עס האָבן די פּריצישע קאָטשן. דער אָנטרייבער קיווע קאָפּ האָט זיך לוסטיק איבערגערופן מיט איינעם פון אַ לאַסטוואָגן און דערביי געקלאַפּט זיך מיט די הענט די זייטן, געטאָפּעט מיט די באַשטיוולטע פיס.

צוויי אָנגעפּוישטע דייטשן אין אומגעלומפּערטע גרוי־גרינלעכע שינעלן מיט שפּיציקע היטלען און אַראָפּגעלאָזטע לאַפּן האָבן געשריגן אויף שוואַביש צו אַ ייִדישן אָמניבוס־אָנטרייבער. דער אָנטרייבער האָט צוגעלייגט אַ האַנט צום אויער און הויך געליאַרעמט:

— הער יעקע, יאַך בין טויב! איך פאַרשטיי ניקס, הער יעקע!...

דער דייטש האָט געקלימפּערט מיט אַ בינט שליסלען, פאַרראָכטן דעם רימען פון דער ביקס, געפּיפּקעט די פּייקע און נישט אויפגעהערט צו שרייען.

די באַלעגאָלעס זענען אויסגעבראָכן אין אַ ווילדן געלעכטער. זיי האָבן זיך געקאַטשעט פון לאַכן, געקלאַפּט אין די יוכטאָווע שטיוול־כאָליאַוועס און הנאה געהאַט פון זייערן אַ גוטן ברודער וואָס שפּילט אַזוי ווויל די ראָל פון אַ טויבן.

אויף די וועגענער מיט היי, צווישן די „פאַרשוינען" זענען געזעסן עטלעכע יונגע שיקסעס מיט צעקנעפּלטע מאַנטלען, אָן די קאָפּטיכלעך.

איצט איז געקומען זייער צייט צו צעטומלען די דייטשישע וואַכפּאָסטנס

דורך חנדלען זיך צו זיי, דערגעגטערן די הייסע פּנימער צו די שוואַבישע פּרצוּ־פּים, מאַכן אייגלעך. די באַלעגאָלעס האָבן פרעך געוווּנקען צו די דייטשן און געשריען: — די פּרויענצימערס איז קאַלט! לאָזט זיי אַריין אין דער בודקע פון וואַכפּאָסטן צו דערוואַרעמען!

— גנעדיקער יעקע — האָט געזאָגט איינער פון די פאַרשוינבען אויף אַ וואָגן פון מעל, וואָס איז נאָר אויבן־אויפיק געווען פאַרדעקט מיט היי — לאָסען זי די פריילין אין וואַכבודע...

אַ געזונטע שיקסע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און אַרויפגעפאַלן מיט אירע שווערע היפּטן אויף דעם דייטש מיט דער פייף. ער האָט געווישט די פלאַכע גאָמבע וואָס איז געווען אַזוי פלאַך ווי אַ ברעט און איז אַוועק מיט דער שיקסע צו דער בודע.

— וואָס שטייסטו? סענדער גיב אַ פּאָר גוטע באַטעקעס!

— וויאָ! — האָבן געגרופן די פאַרמאַנעס. — מען קען שוין... אַ רוח אין זייער טריפהנער נשמה דער יעקישער... וויאָ!

די רייע וועגענער האָט געגרירט. די דייטשן האָבן שוין מער נישט געזוכט. יאַדוויגע און זאַכע וועלן זיך שוין אַן עצה־טאָן מיט די צוויי דראַבעס. דער שמוקל איז געלונגען. פרייד מיט תאווה האָט זיך אויסגעמישט אַזוי ווי עס מישט זיך אויס קלייען מיט מעל בעת מען מאַכט אַ גוטן אָברעק פאַר די פערד.

קיווע קאַפּ האָט זיך איבערגעבויגן פון דער קעלניע צום קליינעם פענצ־טערל פון דער קאַטש וואָס איז געווען אונטער זיין רוקן און הייזעריק אַריינ־געשריגן:

— באַלעבאָסטע, איצט וועט מען שוין פאָרן אַן אָפּהאַלט ביז פלינצק! ס׳אַ גוט וועטער, דער וועג איז גוט, עס וועט נישט שאָקלען, ער איז אויסגעפאָרן, דער וועג.

קיווע קאַפּ האָט אויך געוואָלט זאָגן אַז די צוויי דייטשן האָבן געכאַפּט יענע מציאה, אויסגעפּאָרענע צוויי נקבות וואָס דער מילנער דינגט זיי כדי אַדורכצו־שמוקלען זעק מעל, נאָר קיווע האָט זיך אַ ביס־געטאָן די ליפּן, ווייל מיט דער יינגער באַלעבאָסטע יותא קען מען זיך נישט דערלויבן צו מאַכן אַזעלכע וויצן, און כדי ער זאָל זיך חס־וחלילה נישט אַרויסכאַפּן מיט עפּעס אַ באַלעגאָלישער גראָבקייט, האָט ער פאַרקערעוועט דעם שמועס און אָנגעהויבן אויספרעגן זיך אויף דעם ניי־געבוירנס.

— עס שרייט גאָרנישט? איי, איי, אַ געזונט פרעסטל... מנחה־צייט וועלן מיר זיין אין פלינצק.

אין דער קאַטש איז וואַרעם. די פענצטערלעך פון ביידע זייטן זענען פאַר־

האַנגען מיט ווייסע פאַרהאַנגלעך. די ווענט מיט פילץ. יוטאַ פירט איר ביי־געבוירענעם זון פון וואַרשע. אין דער קאַטש איז דאָ אַחוץ דעם דריי־וואָכנדיקן מנחם, דער אַכט־יאָריקער הערש און דער זעקס־יאָריקער וואָלף.

עס איז איר גוט. זי פאָרט אַרויס פון האַלב־פאַרהונגערטן און בלאָקירטן וואַרשע צו איר היימישן דאָרף. אַרום שפּרייט זיך דאָס פלאַכלאַנד פון צפון־מאַזאָוויע. אָט איז שוין דאָס קליינע שטעטעלע זאַקראָטשין. די קאַטש שפּרינגט אי־בער שלעכט־ברוקירטע גאַסן. יוטאַ פאַרריכט די שווערע בערן־פעל וואָס פאַלט אַראָפּ פון די קני און פאַרהילט אירע קינדער. הערש קוקט אַרויס פון פענצ־טערל. וואָלף דרימלט. אויך זי אַליין ווערט פאַרוויגט פון דער וואַרעמקייט פון דער בערן־פעל. די פעל שטאַמט נאָך פון איר עלטער־זיידן. ער האָט דאָס דער־הרגעט דעם בער און אָפּגעשונדן מיט די אייגענע הענט די פעל. דאָס איז געווען אין די וועלדער פון קוכאַר, ווען עס איז אויסגעבראָכן די פוילישע פּאָווסטאַניע. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר די צאַרישע זשאַנדאַרמען. די גויים האָבן אים גערופן יאַס יפת. זיין ערשטער נאָמען איז געווען מנחם — מיכאַל אויף פויליש. די גאַנצע יפת־דינאַסטיע ווערט אָנגערופן די „יאַסעס". דער זיידע איז געווען אַ וואַלד־אויפזעער ביי זלמן פּאָזנער. זיינע זין האָבן דערנאָך געפּאַכטעט די עפּל־סעדער פון האַלב־מאַזאָוויע, העט ביזן נאַרעוו, אַרום דעם טייך ווקראַ. ביז איצט געהערן צו די יאַסעס די פּאַשע־פעלדער ביי דער דזשאַלדוווקאַ, אויף ביידע זייטן טייך. קיווע קאַפּס פאָטער און קיווע אַליין, אין די יונגל־יאָרן, זענען גע־ווען די טראַטווע־טרייבער ביי די יאַסעס, טראַטווע־בינדער, וואָס האָבן נישט געהאַט זייערס גלייכן. יוטאַס פאָטער, הערץ, פלעגט איין מאָל אין יאָר מיטפאָרן מיטן טראַטווע־געקניפּ אַזש קיין דאַנציק צו זען זיך מיט די האַמבורגער שיף־בויער און מאַכן די חשבונות. אין אַ ספּעציעל צונויפגעשלאָגן ביידל האָט גע־לעבט הערץ יפת אויף דער טראַטווע. קיווע איז נישט איינמאָל מיטגעפאָרן ביז דאַנציק און ער קען זיך נאָך אַלץ נישט אָנדערציילן פון די נסיעות וואָס האָבן געדויערט לאַנגע וואָכן.

די קאַטש האָט זיך געטראָגן איבער היימישע וועגן. נישט נאָר דער אָנ־טרייבער, נאָר אַפילו די פערד זענען געוואָרן מער אויפגעלייגט און האָבן פון צייט צו צייט געהירזשעט. דער זשרעבאַק איז געווען אָפּגעבונדן און פאַרויס־געלאָפן דער קאַטש מיט צעשפּרייטע נאָזלעכער.

גרויסע פאַרנאַכטיקע לאָנקעס, פאַרשנייטע. בלאָע וואַלד־פּאַסן אויף גע־וועלבטע האָריזאָנטן. צעאַקערטע פעלדער מיט נאַקעטע בראָזדעס. ווערבעס מיט שטאַמען אויסגעהוילטע פון דונערן און ריטלעך וויגנדיקע אין ווינט.

זאַגראַדעס פאַרשאָטנטע אין בלאָלעך־פאַרנאַכטיקע טאָלן. טאָפּאָליעס ביי די וועג־ראַנדן און אָלכעס וואָס דער ווינטער האָט נישט באַוויזן זיי נאַקעט צו מאַכן. זענען דאָס טאַקע בלעטער וואָס אַפילו דער שאַרפער שפּעט־האַרבסט ווינט האָט זיי נישט געקענט אַראָפּרייסן, אָדער, דאָס זענען גרויע ווינטער־שפּאַקן וואָס רוען זיך דאָ אָפּ נאָך אַ פייגל־שמחה און וועלן זיך באַלד אַ טראָג־טאָן צו די דרימלענדיקע דערפלעך מיט די הויך־טורעמדיקע קאָשטשיאָלן?

דווקא אין דער קאָטש האָט יוטאַ נישט אָפּגעפילט איר איינזאַמקייט אַזוי ווי אין וואַרשע. אָט־אָ די דערפער און די שטעטלעך, וואָס זי פאָרט איצט פאַר־ביי, זענען איר באַקאַנט פון די קינדער־יאָרן. זי האָט זייערע נעמען געהערט אין די שבת־צו־נאַכטסן, ווען די פעטערס זענען געזעסן ביים גרויסן דעמבענעם טיש און מיט קרייד געמאַכט די חשבונות אויפן האָלץ, געמעקט, געשריבן צי־פערן, געאַמפּערט זיך, אָנגערופן נעמען פון מענטשן, פון דערפער, פון שטעט־לעך, געווישט מיט די אַרבל די ציפערן און ווידער מיט רוגזה געשריבן נייע ציפערן. רויך פון די פייקעס, די פאַרע פון שיסלען מיט גריץ און דער הייסער אָטעם פון די פעטערס. טייל מאָל האָט אַ פעטער זיך אַ שטעל־געטאָן קעגן אַלעמען מיט כעס, צעפּראַלט די טיר און איז אַוועק. אַ נאַכטיקע קעלט האָט זיך אַריינגעריסן אין דער גרויסער שטוב און פון ווינט האָט זיך געטונקלט די בליך־לאָמפּ.

יוטאַס מאַן איז נישט געווען בעת זי איז אויפגעבונדן געוואָרן מיט מנחמען. ער איז איצט אין בערלין. איין גאָט ווייס וואָס עס ציט אים אין דער וועלט אַריין. עס קומען אָן פון אים געציקלטע בריוו, געשריבן אין אַ דייטש־מערישן יידיש מיט שפּיציקע אותיות.

אָט איז שוין פלינצק.

קיווע קאָפּ שרייט צו אַן אָנטרייבער. אַ סטאַדע פּי טראָגט זיך איבער דער שמאָלער שול־גאַס. די בהמות רייבן זיך מיט די רוקנס אָן דער קאָטש. אַ גע־קנאַקעריי פון בייטשן. עס איז שוין מנחה־צייט. יידן גייען דאַוונען. די קאָטש האָט זיך פאַרקערעוועט צום זאַיאַזד פון אַנשלס שענק און געבליבן שטיין אין אַ געראַמען הויף.

— פאַני יוטאַ, גייטס אַרויס, וואַרעמט זיך אָן אין דער שענק. כ'וועל עפּעס צוואַרפן די פערד, אַריינכאַפּן אַ מנחה און — היידאַ ווייטער. עס איז געבליבן צען וויאָרסט ביז סאָכאַטשין.

ער האָט געעפנט די טיר פון דער קאָטש און געהאָלפן יוטאַן אַראָפּגיין פון די טרעפּלעך.

— וואָס מאַכט עפּעס דער פּאַרשוין? לאָמיך אַ קוק־טאָן אויף אים!

קיווע האָט זיך איבערגעבויגן איבער די קישנס, געזוכט דאָס פּנימל פון קינד, געזען נאָר דעם דורכזעעוודיקן זיידענעם שאַל און אַ שמאַטשקע־געטאָן מיט די ליפּן.

ביידע קינדער האָבן זיך אָנגעהאַלטן ביי דער מאַמעס לאַנגן פּעלץ און געשטעלט וואַקלדיקע טריט.

פון דער שענק האָט געזעצט אַ פּאַרע. צעהיצטע באַלעגאַלעס מיט קעלי־שעקלעך ביים הויכן שענק־געשטעל. דרימלענדיקע פּויערים ביי די טישלעך, צעיאַכמערטע סוחרים. זילבער־געלט, פלעשער בראַנפן אויף לאַנגע טישן. גלאַנציקע דאַשעקעס, קורטוזן מיט געפלאָכטענע לעדער־פּעטליעס און ברוינע זשופּאַנעס, אַ געמיש פון פּויליש, יידיש, דייטשמעריש און רוסישע קללות.

— וואָס איז ער אַזוי שטיל? — איז קיווע נישט אָפּגעטראָטן. — לאָז ער אַ שמעק־טאָן דעם ריח פון אַנשלס שענק, כאַ־כאַ־כאַ, קניפּט אים אויף, פּאַני יוטאַ...

יוטאַ האָט געפאָלגט קיווען. זי האָט דרך־ארץ געהאַט פאַרן אָנטרייבער. ער איז אַן אייגענער, אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין הויף פון די יאַסעס. מיט ציטערנדיקע פינגער האָט זי געקניפּט די שאַלן, געוויקלט דעם זון פון די וויקעלעך און מיט פאַרטייעטן שרעק געוואַרט אויף דעם צאַפּלדיקן געשריי פון מנחמלען.

— מאַ! מאַמע! — האָבן גערופן די צוויי עלטערע יינגלעך. — מנחם... מיכאַל... — און טרערן זענען געבליבן הענגען אויף זייערע ווייעס.

— גיט מיר אַהער דעם יונגאַטש, אייערע הענט ציטערן.

קיווע האָט גענומען אַרויסוויקלען דאָס קינד פון די שאַלן, פון די ווינדעלעך און אַ ווײַלע זיך איינגעקוקט אין שלאָפנדיקן נפשל.

— אַנשל, פּאַדאַוואַי אַ פלעשל פינף־און־ניינציקער!

אין זיין געשריי איז געווען אומרו. ער האָט אַ גאַס־געטאָן אויף דער דלאָניע אַ ביסל בראַנפן און גענומען איינרייבן דעם רוקן פון קינד. דערנאָך איז דאָס קינד אַריבער אין די הענט פון אַנשלען אַליין. מנחם איז געלעגן אויפן שענקערס אָרעם אַ נאַקעטער. דער צעגליטער אויוון האָט געוואָרפן אַ רויטן אָפּשיין אויף זיין גופל, אויף אַנשלס הענט. די פּויערים פון דער שענק האָבן זיך אויפגעשטעלט, צוגעקומען נאָענט צום אויוון. די באַלעגאַלעס, די סאַדאָווניקעס, די דאָרפס־גייער האָבן איינגעהאַלטן די אָטעמס. עס איז געוואָרן אומגעווייגלעך שטיל.

יוטאַ האָט פֿאַרבראָכן די הענט און צוגעשלאָסן די אויגן.

און מיטאַמאָל איז געקומען דאָס דערלייזערישע געשריי פֿון קינד. עס האָט זיך אויסגעמישט מיטן דערוואַכטן געברום פֿון די פֿויערים, מיטן הייזעריקן געזשום פֿון די באַלעגאָלעס און דעם געקלאַנג פֿון בראָנפֿן־פֿלעשער. דאָס געשריי האָט זיך דורכגעריסן דורך דעם שענק־געליאַרעם ווי אַ נאַר־וואָס אָנגעצויגענע סטרונע פֿון אַ פֿידל וואָס גיט אַרויס דעם ערשטן קלאַנג.

— דאָס איז אַ נייער יאַס! דער יינגסטער פֿון דער דינאַסטיע!

אַ פּוילישער פּריץ האָט זיך אַ שטעל־אויף געטאָן.

— דו ביסט אַ יאַסאָוואַ?

יוטאַ האָט מיט אַ בלייך פּנים, אַ דערשראָקנס נאָך פֿון דעם נאָר־וואָס איבערגעלעבטן פּחד, געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— סלאַווא! סלאַווא פֿאַרן אָנדענק פֿון דיינע זיידעס, די פּוילישע פּאַטריאָטן... איך האָב זיך מיט זיי צוזאַמען געשלאָגן פֿאַר פּוילן... סלאַווא, פֿאַרן ניי־געבוירענעם... לאָז קושן דיין האַנט, פּאַני יאַסאָוואַ! גיס אָן אַ ניי גלאָז צום טשעשטש פֿון ניי־געבוירענעם!

דער פּאַליאַק האָט געווישט די וואָנצעס, צעשורפֿעט זיי און געוואָלט צוריק אָנשפּיצן מיט די פֿינגער די פּיכטע. ער האָט צעקנעפּלט דעם געל־פֿילצענעם סורטוק און אָפּזיפֿנדיק אַ האַלב־גלאָז געפֿרעגט: — ווי אַזוי רופֿט מען אים?

— מנחם... אויף פּויליש מיכאַל.

— מיכאַל? יעזו דראָגי, מיכאַל! ער הייסט נאָך מיין בעסטן ברודער, דער וואָס האָט אין דער פּאַוסטאַניע פּוילנס נאָמען... מיכאַל... איך בין דער אַלטער דזשיעדזשיק פֿון קאַלאַזאַמב... טרערן זענען גערונען דעם זקן פֿון די גערונצלטע אויגן־ווינקלען. — איך זאָג אייך, מיר וועלן זיי אַלעמען פֿאַרטרייבן, אָט־אָ די שוואַבישע חזירים, די רוסישע קאַצאַפּן... מיכאַל וועט לעבן אין אַ גליקלעכער צייט... ער וועט לעבן אין אַ פֿריי פּוילן...

אין דער אָפֿענער טיר איז געשטאַנען קיווע. ער האָט באַוויזן אַריינצוכאַפּן אַ מנחה אין שולעכל און אָנצוטאָן דעם פֿערד די צוימלעך.

ווען די קאַטש איז אַרויס פֿון די פּלינצקער געסלעך איז שוין געווען נאַכט. דער וועג איז אַ גלייכער ביז סאָכאַטשין. די שניי־פֿעלדער זענען פֿאַרשאָטנט. בײדעריקע קוסטעס ביים זומפּיקן טייכל פּלאָנקאַ. דער ברעג וויקלט זיך איבערן דאָרף פּאַשוועגטנע, מאַכט אומקרייזן, פֿאַרלירט די וואַסערן אין טאָלן און קאַ־

נאַוועס. די פּאַשע־פעלדער זענען דאָ בלאַטיקע, אומעטום באַטשנע וועגן, צע־בראַכענע הילצערנע בריקלעך. אויף די אייביק־פייכטע פעלדער טאַפּטשען בהמות מיט פאַרבאַקענע פּעצענעס בלאָטע אויף די בייכער, אויף די זייטן. דער פּריצישער הויף איז גרויס, ריין, געמויערטע שטאַלן, אַ רויט־ציגל־דיק הויז מיט ווייסע מירמלנע זיילן, אַן עפּל־סאַד און געדיכטע קאַשטאַן־אַלייען.

מיכאַל האָט געוויינט.

יוטאַן איז גוט געווען צו הערן דאָס געוויין. עס איז געקומען ווי פון די אייגענע אינגעווייד. יעדער אויפצאַפּל פון קינד איז נאָך אַלץ געווען צונויפ־געקנופּט מיט איר גוף. דאָס געוויין האָט זי געלייטערט, געגעבן פרייד און אַז די קאַטש איז אַרויף צו די הויכקייטן פון קאַזשימין, האָבן די אָפענע ברויט־פעלדער, די פאַרשנייטע, אַריינגעלויכטן דורכן פענצטערל. זי האָט דערזען די פייערלעך פון די היימישע דערפער. יוטאַ האָט צעקנעפּלט דעם פעלץ, אויפגע־וויקלט דאָס קינד און געגעבן די פולע ברוסט צום זויגן.

הערשל האָט צוערשט צוגעקוקט זיך צו דער מאַמעס הענט, געקוקט אויף אירע לאַנגע פינגער און דעם אָפּשיין פון שניי און דער לבנה אויף דער מאַמעס גרויסע פייכטע אויגן און אַז עס האָט אַ לייכט־געטאָן מיט אַ זעלטן ליכט די ווייסקייט פון דער מאַמעס ברוסט, האָט ער זיך פאַרשעמט אָוועקגעדרייט צום קאַטש־פענצטערל.

נישט ווייט פון דאָרף שעראַמין, אין דער רעכטער זייט פון וועג, ליגט אַ פלאַכער שטיין וווּ עס האָט אין זיין צוריקמאַרש פון רוסלאַנד גערוט נאַפּאַ־לעאָן. אַ וויאָרסט פון דאַנען קרייצן זיך די באַטשנע וועגן און עס שטייט דער גרויסער הילצערנער צלם מיטן יויזל. קעגנאיבער דעם צלם צעשפּרייט אַן אַלטער דעמב זיינע צווייגן.

קיווע האָט איינגעהאַלטן די קאַטש. די פערד האָבן געטאָפּטשעט אויף אַן אָרט, ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קעלניע, אַ ווילע געשטאַנען אַ שוויי־גנדיקער אַנטקעגן דעמב און אָנגעהויבן שעפּטשען איילים אַ תפילה.

— באַלעבאָסטע, דאָס איז עס. איר האָט דאָך מיר אָנגעזאָגט, נאָך אין וואַרשע, אַז איך זאָל, למען־השם, נישט פאַרגעסן און אָפּשטעלן די פערד. דאָ איז עס, פּאַני יוטאַ.

זי האָט איינגעהילט מיכאַלן אין בערנפּעל און אים פאַרזיכטיק אָוועקגע־לייגט אויפן ברייטן געזעס לעבן דעם שלאָפנדיקן וועלוועלע.

יוטאַ איז אַרויס פון דער קאַטש. איר איז נאָכגעגאַנגען דער עלטסטער זון. זיי זענען ביידע נאָענט געשטאַנען ביים דעמב.

— זאָלסט רויִק זיין. איך פיר אַהיים אַ קינד וואָס טראָגט דיין נאָמען. זאָל אים דער אייבערשטער געבן מער גליק ווי דו האָסט געהאַט. בעט פאַרן ניי־געבוירענעם און פאַר אונדז אַלע. זאָל די ערד דיר גרינג זיין און זאָלן די מענטשן אויף דער ערד פון מאַזאָוויע זיין גוט צו אונדז. אָמן.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו די נאַקעטע דעמב־צווייגן און עס איז דערגאַנגען צו איר אַ גערויש ווי עמעצער וואָלט איר געענטפערט.

יוטאַ איז שנעל אַריין אין דער קאַטש און גענומען דאָס קינד אויף די אָרעמס. קיווע האָט אַ קנאַל־געטאָן מיט דער בייטש און די פערד זענען געלאָפן אַזוי שנעל און פלינק ווי זיי וואָלטן נישט אָנגערירט די ערד.

— מאַ, דער זיידע הערט דען? די ערד איז דאָך באַדעקט מיט שניי, די צווייגן רוישן, דער זיידע הערט דאָך נישט, — האָט געזאָגט הערשעלע.

— מיכאַל, מיכאַל, מיין קליינער מנחם — האָט זי געשעפּטשעט צום ניי־געבוירענעם.

זי איז שטאָלץ געווען וואָס דער אָנדענק פון איר זיידנס ברודער איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, דער וואָס איז געפאַלן אין דער פוילישער פּאָווסטאַניע פון 1863 ביי דעם בוים. ער האָט אָנגעפירט מיט אַ גרופּע פוילישע אויפשטענ־דלער. עטלעכע צוואַנציק יאָר איז ער דעמאָלט אַלט געווען. אין דער משפחה האָט מען וועגן זיידן מיכאַל כמעט נישט גערעדט. אַ הרוג, אַ קדוש. קיינער פון די ניי־געבוירענע האָט נישט געטראָגן זיין נאָמען. ווען יוטאַ האָט זיך געריכט אין קימפּעט און געגרייט די קאָטש, איז געקומען קיווע מיטן בערנפעל. „ס'איז פון זיידן. ער האָט געהרגעט דעם בער. נעם, עס וועט דיך וואַרעמען". און בעת זי איז אויפן וועג קיין וואַרשע, פאַרבייגעפאָרן דעם דעמב און געזען ווי די צווייגן זיינע פאַרדעקן אַ האַלבן הימל, איז אויפגעקומען אין איר זכרון דער זיידע. אין דער פרעמד וועט זי געבוירן. דעם קינדס טאַטע טראָגט זיך אַרום איבער דייטשישע שטעט. אַליין איז זי און אַזוי איינזאַם ווי דער דעמב, כאָטש צווישן ברידער און פעטערס. און זי האָט זיך געגעבן אַ נדר: אויב עס וועט זיין אַ ייִנגל וועט ער טראָגן דעם נאָמען מיכאַל.

די שטוב איז געווען גוט אויסגעהייצט. דאָס וויגל מיט לענגלעכע קישנס, אַ ירושה־וויגל וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שליטן, מען זאָל עס קענען לייכט וויגן. די קופּערנע בליך־לאָמפּ, דער פאַרעדיקער סאַמאָוואַר, דאָס פרישע גע־בעקס. די שטוב איז געווען איבערגעפּולט מיט מומעס, מיט פעטערס און ברידער.

— הערש, קוש די מזוזה, נאַ, נעם אַ טעפּל טיי מיט איינגעמאַכטס און גיי

שלאָפן. וועלוול איז אַ פעפער. שלאָפסט שוין? האָסט כאָטש געזאָגט קריעת־שמע? כי־כי־כי — האָט אים געקיצלט דער פעטער עליע. — נישט געזאָגט קיין קריעת־שמע...

— זע נאָר דעם צדיק אין פעלץ, — האָט יוטאַ געזאָגט צום ברודער. מער קיין זאָרגן האָסטו נישט?

מען האָט צעוויקלט די ווינדעלעך, די שאַלן און ביים שיין פון בליצלאָמפּ אין דער שטוב־וואַרעמקייט, אַרויסגעוויקלט דאָס קינד פון אַ באַרג מיט ווייס געוואַנט.

— אָט איז דער יונגאַטש! — האָט געזאָגט קיווע.

— לאָמיך אים געבן כאָטש אַ לייטיש פעטשל.

און איידער דער פעטער עליע איז נאָך צוגעקומען צום וויגל האָט זיך מיכאַל צעשריגן און דאָס געשריי איז פאַרלאָרן געגאַנגען אין דעם הילכיקן געלעכטער פון די פעטערס, אין די הייזעריקע רייד פון די שכנים און אין היר־זשעריי פון די אויסגעשפּאַנטע פערד.

דער פעטער האָט באַטראַכט די בערנפעל און געפרעגט קיווען:

— דאָס האָסטו געהאַט אין קאָטש?

— די באַלעבאָסטע האָט די פעל גענומען.

אין קיוועס רייד איז געווען אַ פאַרענטפערן זיך. ער האָט נאָך עפּעס אַ ברום־געטאָן און געלאָזט זיך צו דער טיר.

עליעס פּנים איז מיט איין מאָל אָנגעגאָסן געוואָרן מיט רויטקייט. ער איז נאָענט צוגעגאַנגען צו דער שוועסטער יוטאַ.

— ווי אַזוי רופט מען אים? ער האָט דאָך שוין אַ נאָמען? דער ברית איז געווען אין וואַרשע?

— מיכאַל איז זיין נאָמען. — אין יוטאַס ענטפער איז געווען עקשנות און בייזע להכעיס.

— מיכאַל?

— פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן, יוטאַ?

דעם פעטערס רייד זענען געוואָרן צאַרנדיק. ער האָט מיט די פּיס אַ שאַר־געטאָן די בערנפעל און איז אַרויס פון שטוב. נאָך אים זענען אַוועק די מומעס. בלויז קיווע קאָפּ איז געבליבן מיט זיין ווייב. זיי האָבן צוגעוואָרפן טרוקן האָלץ צום אויוון און אַביסל אַראָפּגעדרייט די בליץ־לאָמפּ אַז עס זאָל אַזוי נישט שטעכן אין די אויגן.

— אַ גוטע נאַכט, יוטאַ — האָבן זיי געזאָגט ווי זיי וואָלטן זיך געפילט אין עפּעס זינדיק.

ווען קיינער איז שוין נישט געווען אין שטוב האָט זיך יוטאַ אַראָפּגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין דער בערנפּעל און שטיל גע־וויינט. הערשל האָט געהערט דאָס שטילע געוויין און עס האָט נישט אַרויסגע־רופן ביי אים קיין חידוש. עס איז אויסגעקומען אַז דאָס איז אַ המשך פון דער מאַמעס רייד ביים דעמב, אַז אין דעם געוויין שיידט ער אונטער אירע רייד פון עפּעס אַ פרעמד און וויט כליפּען. דערנאָך איז אים אויסגעקומען אַז דער קלויסטער קלינגט און עס קומען־אָן רייטער מיט בלאַנקע שווערדן. דער מאַרק איז פול מיט פערד. אויבנאָן רייט דער זיידע מיכאַל, אָנשטאָט אַ שווערד טראָגט ער אויף די הענט אַ קינד און דאָס איז דער קליינער מיכאַל וואָס איז געבוירן־געוואָרן. אַ מחנה רייטער דערנענטערט זיך צו דער שטוב. די גלאָקן קלינגען הילכיקער. כאָטש די מענטשן זענען אויף צווילדעוועטע פערד מיט נאַקעטע שווערדן אויפגעהויבענע, האָבן זיי מילדע פּנימער. זיי רופן צו דער מאַמעס פענצטער. דער פעטער עליע לאָזט דער מאַמען נישט אַרויסגיין. יוטאַ, גיי נישט אַרויס צו זיי! עס איז אַ סכנה! די מאַמע הערט אים נישט. זי שטייט שוין ביי דער שוועל. דער זיידע שפּרינגט־אַראָפּ פון פערד. ערשט איצט זעט ער, אַז דער זיידע איז אין קליידער פון אַ פּריץ, אַ גרינער סורטוק, ברוינע לעדער־פּעטליעס, שפּאָרן אויף די רייט־שטיוול, אַ רויט העמד מיט ווייסע פראַנדזן. יוטאַ! רופט ער, נעם דאָס קינד. דאָס איז מיכאַל. דערציי אים פאַר אַ גוטן מענטשן פון דער ערד! די מאַמע שטרעקט אויס די הענט. זי טוליעט מיכאַלן צו דער ברוסט. די רייטער שרייען: וויוואַט! די גלעקער קלינגען. די רייטער רייטן אַוועק — — —

בעת יוטאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון דער פּאָדלאָגע איז שוין מיכאַל געלעגן אין וויגל מיט אָפענע אייגעלעך.

— דו האָסט אַלץ פאַרשטאַנען. דו האָסט אַלץ געזען, מיין מלאכל, מיין קליין ליכטיק יינגעלע. מיכאַל. מיכאַל. דו האָסט געהערט די רייד מיינע ביים דעמב, דו האָסט באַנומען אַלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער שענק. דו האָסט געהערט מיין געוויין, דו ביסט נאָך איצט דורכגענומען מיט דער וואַרעמ־קייט פון זיידנס בערנפּעל. דער זיידע, וואָס איז פאַרשטויסן געוואָרן פון אונ־דזער געדעכעניש. כאָטש מען האָט אים ליב איז עס אַ ליבע ווי צו אַ פרעמדן, מחמת זיינע נישט־יידישע דרכים, דאָס ליב־האָבן די ערד פון מאַזאָוויע מער ווי זיין אייגענעם שטאַם. ער איז נישט נאָר פאַרבונדן מיט דער ערד אַזוי ווי די וואָרצלען פון דעמב וואָס געדענקען זיין טויט, נאָר ער האָט אונדז אַלעמען פאַרבונדן מיט פּוילנס ערד און גרויס געמאַכט אונדזער נאָמען צווישן פרעמדע. מיכאַל... מנחם... דו ביסט געבוירן געוואָרן אויף אייגענער ערד, אויף היימי־

שער. דיין וויג שטייט אין אַ שטוב וואָס איז געבויט געוואָרן פון עלטער־זיידעס. נישט ווייט, ביי די גרעבליעס רוישט די וואַסער־מיל. דאָרט שפרייטן זיך פּאַשע־פעלדער, זאַפטיק־גרינע לאָנקעס... דער הויף איז מיט אַ טיפן ברונעם. די דערפלעך טראָגן דאָ יידישע נעמען נאָך פון יענע צייטן ווען אונדזערע זיידעס האָבן דאָ געפירט דעם אַקער. דו ביסט געקומען אויף דער וועלט אין מלחמה־צייט. עס דערנענטערן זיך גרויסע טעג פאַר פוילן און אויך פאַר אונדז, ווייל ברידער זענען מיר מיט די פּאָליאַקן... ווייל דיין נאָמען איז נאָך פוילנס אַ העלד, מיכאַל... ווייל — — —

יוטאַ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם ראַנד פון וויגל און שטיל געוויגט איר קינד, געוויגט עס אַזוי לאַנג ביז די בליץ־לאָמפּ איז פון זיך אַליין אויסגעגאַנגען און דאָס הויז איז פאַרזונקען געוואָרן אין א מילדער, וואַרעמער און ליבער טונקלניש.

קאַפּיטל צוויי

די ערשטע צאַפּלדיקע טריט פֿון מיכאַלן אין דער גרויסער שטוב: אַן אויפֿשטיין און אַ פֿאַלן. ער שאַרט זיך לענגויס די לאַנגע דעמבענע בענק וואָס זענען צעשטעלט ביי די ווענט. עס ציט אים צום שפּינראָד. ער פּלאָנטערט די וואָלפֿעדעם, רייסט זיי מיט די הענט, ציט וואָלקנוילן מיט די פּיסלעך און קייט דעם וואָל־פֿאָדעם מיט די ציינדלעך. אין די פֿאַרנאַכטן וויל ער אַז דער פֿעטער עליע זאָל אים אויפֿהייבן הויך, ביזן בליצלאָמפּ. ער האָט ליב איינצוקוקן זיך אין די שוואַרצאַפּל פֿון זיין גרויסן ברודער און אומגעריכט אַ שטרעק־טאָן אַ פֿינגערל גלייך אין שוואַרצאַפּל אַריין. ער וויל פֿאַנגען דאָס קליינע שפּילנדיקע מענטשעלע וואָס ער זעט דאָרט. ער פּלאָנטערט זיך ביים אויוון, בייסט מיט די ציינדלעך די זיסלעכע בעריאָזעווע קאָרע. ער קלאַמערט זיך אָן די געפּוצטע שטיוול פֿון זיינע פֿעטערס. טיילמאָל הענגט ער אָן זיין בליק אויף אַ בעלקע פֿון סופּיט און קוקט לאַנג אויף די אויסטערלישע האָלץ־סלאָיען, די וואָס ליכטיקן אין אָפּשיין פֿון דער זון אין דעם רויען האָלץ.

מיט חדשים שפּעטער זענען פֿאָרגעקומען עטלעכע געשעענישן וואָס מיכאַל האָט זיי שוין געדענקט אַ גאַנץ לעבן.

— — — אַ שווערער קלאַפּ אין טיר. בייזע סאָלדאַטן רייסן זיך אַריין. זיי ווילן אַז די מאַמע זאָל עפֿענען דעם קעלער. ער ווייסט אַז דאָס איז פֿאַרבאָטן. מען קען אַריינפֿאַלן אין דער שוואַרצער פֿינצטערניש. בלאַנקע באַגנעטן ביי דער מאַמעס ברוסט. ניין! ניין! — שרייט זי. זיי שטויסן אַוועק דער מאַמען. מיכאַל שרייט־אויס דער מאַמעס געשריי. מען עפֿנט דעם קעלער. דאָס איז אין דער פֿאַרדערשטער שטוב. אַ פֿינצטערניש שלאָגט פֿון דאָרט אַרויס. סאָלדאַטן צינדן־אָן לאָמפּן. מיכאַל וויינט. די מאַמע ברעכט די הענט און ער הערט איר רופֿן. „פּאָליאַקן זענט איר? ניין! ניין! נישט דערויף האָבן מיר געוואַרט! ניין, נישט דערויף!״.

וואָס ווייטער איז געשען קען ער זיך נישט דערמאָנען. ער געדענקט נאָר

דעם געבלענד פון די באַגנעטן, די לויערנדיקע פינצטערניש פון קעלער און דער מאַמעס געשריי. דאָס געדענקט ער גוט.

און נאָך עפּעס געדענקט ער.

— — — אין אַ געמויערטער שטאַל. ער און וועלוול ליגן אויף אַ שטיינערנער פּאָדלאָגע. אַ שיסעריי. די מאַמע דעקט־צו ביידע קינדער מיט איר גוף. מאַ... מאַ... איך קען נישט... מאַ, דו דריקסט מיך... עס איז שווער...

און דאָס זענען געווען די רייד פון דער מאַמען וואָס ער געדענקט: אויב אַ קויל וועט טרעפן זאָל עס מיך, נישט אייך, קינדער מיינע.

דערנאָך איז אים געבליבן איז זכרון אַזאַ בילד: די טיר איז צעפּראַלט. די צימערן זענען פול מיט זעלנער. זיי זיצן מיט די רוקנס צו דער וואַנט. אין מיט פון שטוב שטייען זייערע ביקסן אָנגעלענט אָן טיש. דער אויוון ברענט. די סאָלדאַטן שיילן געבראָטענע קאַרטאָפל. עס טונקלט שוין. ער שפּרייזט אַרום צווישן די מידע זעלנער. מען רופט זיי „באָלשעוויקעס". אין שטוב ווערט טונקעלער און טונקעלער. דאָס איינציקע ליכט קומט פון ברענענדיקן אויוון. די זעלנער זינגען שטילע און טרויעריקע לידער. זיי רעדן צו אים, שטרעקן אויס פאַרשאָטנטע הענט. ער האָט נישט קיין מורא פאַר די פרעמדע. עמעצער נעמט אים אַריין אין גרויסע אָרעמס און וויגט אים צום ריטעם פון אַ געזאַנג וואָס איז אַזוי ענלעך צו אַן אויסגייענדיקן גע‏יאָמער פון גלאָקן. מיכאַל געדענקט די ברייט־צעעפנטע טירן פון די פאָדערשטע צימערן. אין הויז איז קיינער נישטאָ. ער שטעלט אומרויקע טריט אויף די שטיינערנע שטיגלעך. מען שמייכלט צו אים. די ברייטע גאַס איז פול מיט מענטשן. „זיי זענען ביינאַכט אַנטלאָפן!" — שרייט אַ פרוי. „די באָלשעוויקעס זענען שוין נישטאָ!"

מיכאַל גייט אַליין צום מאַרק. דאָס איז זיין ערשט אַוועקגיין פון שטוב איינער אַליין. אָט איז שוין דער קלויסטער־טויער, דער גלאָק פון דער דזוואָנניצע. אין מיטן מאַרק שטייען פויערישע וועגענער. אַ הירזשעריי פון פערד. אויף די וועגענער ליגן פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן. בלוט־פלעקן ביי די וועגענער. הינט נישטערן צווישן די רעדער. זיי לעקן די בלוט־פלעקן אויף די הויקערדיקע שטיינער. פון וואַלד קומען־אָן טשאַטעס שוואַרצע פייגל. אַ פּאָליאַק פון דער שענק שרייט צו די פורן: „פגרט אויף דער פוילישער ערדז!". מיכאַל וויל וויינען, נאָר ער קען נישט, וויל ער איז אַליין. עס איז נישטאָ קיינער פון זיינע ברידער. ווו זענען זיי? ווען ער וואָלט כאָטש דערזען אַ פעטער וואָלט ער זיך הויך צעוויינט. עס שרעקן אים די וואָרנעס וואָס פליען אַזוי נידעריק איבער די וועגענער. ער האָט מורא פאַר די שטילע הינט וואָס לויפן אַרום פון פור צו פור מיט אַרויסגעזעצטע שליפּיעס, מיט אַרויסגעשטרעקטע צינגער, מיט ווידלען

אַראָפּגעלאָזטע צווישן די פּיס. ער הערט אַ קרעכצעריי פון די מענטשן וואָס ליגן אין די וועגענער ווי די קלעצער האָלץ.

און מיט אַ מאָל: פון דעם קלויסטער־טורעם האָט זיך דערטראָגן אַ ביקסן־געקנאַל. אַ שאָס נאָך אַ שאָס. מיכאַל פאַלט און שטעלט זיך. די מענטשן אין מאַרק לאַכן צו אים. דאָס שיקט מען נאָך פאַרשפּעטיקטע קוילן „די רויטע מאָס־קאַליעס״. עמעצער האָט אים אַ נעם־געטאָן אויף אַן אַקסל. דאָס איז דער פעטער עליע.

ביינאַכט האָט מיכאַל נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. דאָס בייטאָגיקע שי־סעריי פון קאָשטשיאָל האָט אָוועקגענומען זיין גלייכגעוויכט. פאַרוואָס איז ער ביי יעדן שאָס געפאַלן ווי עמעצער וואָלט אים אומגעוואָרפן און די מענטשן האָבן זיך לוסטיק געמאַכט? מאָרגן וועט ער גיין אין מאַרק אַריין און וואַרפן שטיינער אויף די הינט. אַזעלכע אַרויסגעזעצטע אויגענעס ביים שכנס מאָפּס האָט ער קיינמאָל נישט געזען. די טשאַטשע קראָען לאָזט זיך אַראָפּ נידעריקער און נידעריקער. זיי זענען באַפאַלן די מענטשן, פּיקן־אויס די שוואַרצאַפּלען, פלאַטערן מיט שוואַרצע פליגל איבער פאַרבלוטיקטע פּנימער. פערד רייסן־זיך פון געשפּאַן און לויפן אין ווילדן גאַלאָפּ. די גלאָקן קלינגען אַזש מען הערט נישט מער דעם זינגענדיקן געוויג פון איין גלאָקן־געקלאַנג צום אַנדערן נאָר אַ הייזעריק געפּויק. און אַז דאָס געוואַי פון די גלאָקן איז געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער האָט ער זיך אַ ריס־געטאָן פון בעטל און אָנגעהויבן שרייען — — —

גוטע וואַרעמע מאַמישע הענט וויגן אים.

— שאַ, שאַ, שאַ, מיין גרויסער, מיין מיכאַל... שאַ, עס איז דאָך שטיל. די גלאָקן קלינגען נישט. די פייגל שלאָפן אין די נעסטן. די פורן זענען אַוועק. עס איז שטיל. קוק אַרויס וועסטו זען אַז דער מאַרק איז ליידיק...

נאָקעטע הענט פון דער מאַמען, וואַרעמע בריסטן. איר האָלדז איז איינ־געקלאַמערט אין זיינע הענטלעך. לאַנגע זיידענע האָר קיצלען זיין רוקן. דאָס שטילע עטעמען פון דער מאַמע און דער געשעפּטש פון אירע ליפּן וואָס זענען אַזוי נאָענט מאַכן אים וואַך.

ער רייסט אויף די אויגן און קוקט אַרויס פון דער נאַכטיקער שויב צום מאַרק.

דער קלויסטער איז הויך, פאַרשאָטנט. ער זעט נאָר דעם גרויען סילועט. לעבן צלם לייכטן עטלעכע שטערן. נידעריק איבער די הייזער הענגט אַ פולע לבנה. ער קוקט לאַנג אויף דער לבנה ביז ער פאַרמאַכט די אויגן. די מאַמע

טראָגט אים צום בעטל. עס איז גוט וואָס עס איז אַזוי שטיל, אַזש ער קען הערן דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ.

מיכאַל זיצט ביים גרויסן פענצטער און מאָלט מיט די פינגער אויף דער פאַרהויכטער שויב. דער טאַטע בלעטערט אַ בוך ביים גרויסן פענצטער. זייט דער טאַטע איז צוריקגעקומען איז די מאַמע שטיל און פאַרטראַכט. קיינער איז נישט אַזוי אָנגעטאָן ווי דער טאַטע: אַ קורץ־געשניטענער ראָק, גימזענע שטיוואָלעטן, ווייסע מאַנזשעטן, געטרעס. באַגילדעטע ברילן און אַ קליין צוגעשניטן בערדל.

באַקאַנטע פּויערים שיטן־אָפּ אין קעלער קאַרטאָפל. זיי ברענגען שטשאַפּעס האָלץ און לייגן עס אויס אין הויף.

דער טאַטע שטייט אָפּט ביים פענצטער און קוקט ווי די מאַמע רעדט מיט די פּויערים, ווי זיי צ׳ען פאַר איר די היט. אָפטמאָל העלפט זי די פּויערים אויסקערעווען די וועגענער. זי כאַפּט־אָן דרייסט אַ פערד ביים ציימל און פירט אַרויס דעם וואָגן פון הויף.

מיכאַל ווישט די פאַרלאָפענע שויבן מיט ביידע הענטלעך, ווישט זיי און באַהויכט מיטן הייסן אָטעם. ער וויל זען דעם האָלצהעקער. נישט ווייט פון שטאַל האַקט ער איצט האָלץ. צעזעגטע קלעצער און איבער זיי וואַצעק מיט אַן אויפגעהויבענער האַק. יעדעס מאָל ווען ער הייבט אויף די האַק טוט זי אַ פינקל אַזש ס׳ליכטיקן די שויבן און ער דערהערט וואַצעקס רוף: „עך!”. מיכאַל איז רויק ווען ער זעט אַז די האַק טרעפט אין מיטן פון צעזעגטן האָלץ און עס צעפאַלן זיך צוויי גלייכע האָלץ־טיילן. ער האָט מורא פאַרן האַק־געבלענד אויף די שויבן.

אין די פאַרנאַכטן טרייבט מען דורך דער גאַס סטאַדעס קי. עס שמעקט מיט מילך, מיט גראָז, מיט בהמישן אָפּפאַל. אַ בייטשן־געקנאַל און אַן איבערופן זיך פון פאַסטעכער. דראַביאַסטע וועגענער מיט סנאָפּעס שטרוי, מיט היי. אין די מאַרק־טעג איז די שטוב פול מיט פּויערישע טעכטער, מיט פּויערטעס. טיילמאָל פאַרפאָרן פּריצישע קאַטשן און אַ שטאַטיש־געקליידטע פּאַני שטייגט פּאַמעלעך אַראָפּ פון די שטיגלעך. די מאַמע לויפט איר אַנטקעגן און זיי פאַלן זיך אין די אָרעמס אַריין.

זייער אָפּט קומען מיכאַלס מומעס: הויכע, געזונטע, מיט פליישיקע הענט. מיכאַל האָט מורא פאַר די מומעס, ווייל אַז זיי דערזען אים לויפן זיי מיט צעשפרייטע אָרעמס, דריקן אים צו זיך, קושן אים מיט די גרויסע נאַסע ליפּן, קושן אים אין די אויגן אַריין, אין דעם מויל, ער פילט זייער הייסן אָטעם און

זינקט צווישן זייערע בריסטן. זיי קלאַמערן אים איין מיט די שויסן. דער ריח פון שוויס, פון זייף, פון הייסן לייב מאַכט אים איבלדיק. ער וויל שרייען און טרעפט־אָן פאַרסליניעטע ליפּן פון דער מומע.

— אוצר זיסער, מאַנצפּערשוין פּאַלנער! — רופן זיי.

באַזונדערס האָט מיכאַל פיינט די מומע וויכנע, די וואָס האָט נישט קיין קינדער. אירע הענט זענען אַזוי הייס אַזש זיי בריִען אים און אַז זי דערזעט מיכאַלן צעשפּילן זיך אין איר אַלע געבליטן.

שפּעט ביינאַכט.

די מאַמע צינדט אָן די בליצלאָמפּ. עמיצער קלאַפּט אין טיר. מיכאַל איז וואַך.

— זאַראַז... זאַראַז... — זאָגט די מאַמע אויף פּויליש.

אין דער טיר שטייט אַ טונקל־געקליידטע פרוי. איר קאָפּ איז פאַרהילט אין אַ שוואַרצן שאַל. זי דעקט־אָפּ דאָס פּנים און עס ליכטיקן אַרויס גרויסע פאַרפלאָכטענע צעפּ.

— מאַריאַ!

ביידע פרויען האָבן זיך פאַרמאַכט אין אַ צימער און לאַנג געשמועסט. דערנאָך האָט אים די מאַמע אַרויסגענומען פון בעט און געמאַכט אָן אָרט לעבן זיך אין פאָרנטיקן צימער. אין זיין קליין צימערל איז געבליבן די פּאַני מאַריאַ. מען האָט אויסגעלאָשן די לאָמפּ און עס איז ווידער געוואָרן נאַכט. מיכאַל קען נישט שלאָפן. ער הערט זיך איין אין דער שטילקייט. אַ ווייט קלאַפּן פון פערדישע טריט. עמעצער דערנענטערט זיך איילִיק. אַ פערד איז געבליבן שטיין לעבן הויז. ווידער אַ קלאַפּן אין דער טיר ווי מען וואָלט געשלאָגן מיט די פויסטן. די מאַמע עפנט דעם שווערן ריגל.

אַ הויכער מענטש אין אַ לאַנגן רייט־מאַנטל. מיט די נאַגייקע שלאָגט ער אין די שטיוול. דער טאַטע דרייט־אַרויף די לאָמפּ. דער רייטער איז גרויס און זיין שאָטן מעכטיק. ער פאַרנעמט די גאַנצע וואַנט, אַ שטיק סופיט. ער איז דיק, גווידערדיק. באַלד וועט עפּעס שרעקלעכס געשען. מיכאַל ציטערט פאַר פּחד. דעם רייטערס פּנים איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט פייער. דאָס איז פון דער פייקע וואָס ער האָט אָנגעצונדן. נאָך אַ רגע און ער וועט זיך אַ וואָרף־טאָן אויף דער מאַמען, אויפן טאַטן מיט די פויסטן די פאַרביילטע. באַלד וועט אויסברעכן זיין צאָרן, נאָר אָנשטאָט דעם איז געשען עפּעס וואָס מיכאַל האָט נישט דערוואַרט. דער פרעמדער האָט אָנגעהויבן גיין אויף די פינגער־שפּיצן צו דער טיר, וואָס

האָט געפירט אין מיכאַלס קליין צימערל, און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני ביי דער שוועל.

די מאַמע איז אים נאָכגעגאַנגען מיט דער בליצלאָמפּ אין דער האַנט.

— מאַריאַ, מאַריאַ, מאַרישאַ מאַיאַ... — האָט ער געשעפּטשעט. — עפן די טיר... מאַריאַ...

פאַרוואָס בעט ער זיך אַזוי? פאַרוואָס קניט ער? די טיר איז נישט פאַרשלאָסן. ער דאַרף דאָך נאָר איין שטויס־טאָן.

מיכאַל האָט געקוקט אויף דעם ברייטן רוקן פון רייטער, געזען די אַקסל פון פרעמדן און געהערט זיין שעפּטשעריי. די מאַמע איז אַוועק מיט דער בליצלאָמפּ. דער טאַטע איז אַריין אין זיין צימער. עטלעכע מאָל האָט זיך מיכאַל אויפגעכאַפּט, געזען ווי נישט ווייט פון אים קניט דער פּוילישער פּריץ, וועמענס קאָטש פלעגט זיך טראָגן איבער דער ברייטער גאַס, און איז איינגעשלאָפן. פאַרטאָג איז שוין זיין צימערל געווען פּוסט. ער האָט געקוקט דורכן פענצטער, געזוכט די קאָטש, געזוכט דאָס פערד פון נאַכטיקן רייטער, געקוקט אויף דער טיר, אויף דער אויסגעלאָשענער לאָמפּ און געוואָלט וויסן אויב דאָס איז געווען אַ חלום אָדער אַן אמת.

— טאַטע, רייטער רייטן ביינאַכט?

— יאָ, קינד מיינס.

— פאַרוואָס רייטן זיי ביינאַכט?

— ווייל עס ווערט אַ שריפה און זיי זוכן הילף. אָדער...

— איז נעכטן געווען אַ שריפה?

— ניין.

— טאָ פאַרוואָס רייטן זיי?

דער פאָטער האָט זיך צעלאַכט. — לאָז צו־רו, מנחם, נאַ, נעם אַ בוך, בלעטער דאָס.

ער האָט געמישט די בלעטער, איינגעקוקט זיך אין די בוכשטאַבן און געפירט זיינע פינגער איבער גלייכע שורות. טייל מאָל האָט ער פאַרהאַלטן די האַנט ביי אַן אות און אים געדריקט מיט די פינגער־שפּיצן.

— וואָס איז דאָס, טאַטע?

— דאָס איז אַ מעשה וועגן ים־פאָרער אויף שיפן קיין אינדיע.

— וואָס זענען שיפן?

וועלוול האָט אויסגעמאָלן אַ שיף. צומאָרגנס האָבן זיך ביידע קינדער אַראָפּגעלאָזט פון הויכן ברעג צום טייך ווקראַ, דאָרט ווו עס איז צוגעבונדן אויף אַ קייט דאָס פישער־שיפל פון יאַן קאָנקאָל. דאָס וואָס איז אויף דעם

גאַנצן לעבן זיינעם געבליבן אין געדעכעניש, זענען געווען די רינגען אין וואַ־סער בעת ער האָט געוואָרפן אַ שטיינדל.

די ליכטיק־האַריקע בעלאַ פירט אים פאַר דער האַנט. זיי גייען אויף טרעפּ פּאַרדעקטע מיט אַ טעפּיך. עס איז צווישן טאָג און נאַכט. אין בעלאַס הויז זע־נען שוין אָנגעצונדן אַ סך בליך־לאָמפּן. דאָס ליכט איז נישט אַזוי שפּיזלדיק און אָפן ווי אין מיכאַלס שטוב נאָר מילד און גרינלעך. אויף געבעטע שטולן, אויף ווייכע סאָפעס פון פּלוש, זיצן שטאָטיש־געקליידטע מענטשן. זיי שפּילן אין דאָמינע, וואַרפן קאָליריקע קאָרטן אויף קאָכל־טישלעך, לייגן צונויף שוואַר־צע קלעצלעך מיט ליכטיקע אויגן. מיכאַלן דאַכט זיך אַז דאָס איז אַ שמאָלער נאַכטיקער הימל־פּאַס מיט ליכטיקע שטערן. פאַרוואָס הערט ער נישט זיינע אייגענע טריט? עס איז אַזוי ווי אויף אַ לאָנקע. דאָס איז אַ גרינער טעפּיך. זיין שטוב איז אַ פּראָסטע. אַלץ איז פון דעמב; די טישן, די שענק, די בעטן, די בענק. ער ווייסט אַז דאָס איז ס׳הויז פון די אָפּעגהיימערס. ווען די קליינע בעלאַ האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט: „קום צו מיר״, האָט אים די מאַמע אָפּגעווישט דאָס נעזל, אַזוי שטאַרק אַז עס האָט אים וויי־געטאָן. בע־לאַס מוטער איז זיי אַנטקעגנגעגאַנגען. זי זעט אויס ווי אַ מלכה פון די ציגיי־נער. אַזויפיל אָנגעהאָנגענע קרעלן? אַזאַ הויכע פריזור מיט פּאַרלייגטע צעפּ און לאָקנס?

— יינגעלע, וועמענס ביסטו? — האָט אויסגעזונגען בעלאַס מוטער.

— איך בין דער מאַמעס...

— כאַ־כאַ־כאַ... און נישט דעם טאַטנס ביסטו?

איר געלעכטער האָט אים טרויעריק געמאַכט. ער האָט דערפילט אַז עס איז אַ חוזק־שמייכל וואָס פאַרשווינדט שוין מער נישט פון איר פּנים. ער האָט איבערגעשטעלט די פיס ווי ער וואָלט געזוכט אַן אָנשפּאַר און פאַרשעמט גע־זאָגט: — פון טאַטן אויך. — ער האָט אָבער פאַרשטאַנען אַז דער ענטפער טויג נישט און איז גלייך נאָך דעם רויט געוואָרן. אומגעריכט פאַר בעלאַן האָט ער אַרויסגעריסן זיין האַנט פון אירער און הויך געזאָגט:

— איך בין אַ יאָס. מיכאַל רופט מען מיך!

— דאָס איז נאָך דעם... נו, דער דעמב אויפן וועג קיין פּלינצק... — האָט עמעצער געזאָגט ביי די טישלעך אויף פּויליש.

— יעדעס יאָר פירט מיך די מאַמע צום זיידן. דאָרט וואַקסט אַ גרויסער בוים. דער גרעסטער בוים פון אַלע ביימער...

מיכאַל האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן נאָר עס איז געוואָרן שטיל און ער האָט זיך נישט געטרויט צו ריידן אין אַזאַ אויסטערלישער שטילקייט.

— דיין מאַמע וועט דיך זוכן. גיי אַהיים. זי וואַרט אויף דיר.

מען האָט אים אַרויסגעפירט פון הויז און צוגעמאַכט די טיר. עס איז שוין געווען פינצטער. ער איז געלאָפן איבער דער ברייטער גאַס אַזוי שטיל ווי אַ קעצל וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון אַ וואַרעם און ליכטיק ווינקל.

— מאַמע, רופסט מיך? מען האָט מיר געזאָגט אַז איך זאָל אַהיימגיין. דו דאַרפסט מיך?

— ביסט אַליין געקומען? האָט דיך נישט באַגלייט זייער דינסט?

— אַליין. פאַרוואָס האָסטו מיך גערופן?

די מאַמע איז אויפגעשטאַנען פון שפּינראַד און געזאָגט:

— קינד, איך האָב דיך נישט גערופן. זיי ווילן דיך נישט דאָרט. זאָלסט מער נישט גיין צו בעלאַן. זייער הויז איז אַ הויז פון פרעמדע, קנעכט שוואַבי־שע. ווער האָט זיי אַהערגערופן קיין מאַזאָוויע? פאַרוואָס האָבן זיי זיך נישט אָפּגעטראָגן צוזאַמען מיט די דייטשן, אָט־אָ די פראַנקפורטער יחסנים? זיי צע־קאַליעטשען דאָס פוילישע לשון, עס פּאַסט זיי נישט צו ריידן ייִדיש. די „פּראַו" האָט דיר ליגנט געזאָגט. געדענק דאָס, קינד מיינס.

מיכאַל האָט ליב צו ליגן אויף דער וואָלענער ראָגזשע און זען ווי אַזוי די מאַמע שפּינט. אירע לידער זענען טרויעריקע, שטילע און זיי וועבן זיך און רייסן זיך אַזוי ווי די וואָל־פעדעם. זי קניפּט זיי צוזאַמען, ליד צו ליד, אַזוי ווי פאָדעם מיט פאָדעם און דערנאָך ציִען זיך די טענער ביז אַ נייעם וואָל־קנוף.

דאָס זענען לידער אויף ייִדיש און פויליש. אויף ייִדיש זינגט זי וועגן דער גילדענער פּאַווע וואָס איז געפלויגן איבער אַ ווייט און פרעמד לאַנד און האָט פאַרלוירן אירע פעדערן די שיינע צו איר שאַנד. זי זינגט וועגן האַרץ פון אַ ייִדישער מאַמען און וועגן די בריוועלעך וואָס וועלן קומען פון גאָלדענעם לאַנד. זי זינגט וועגן דריי נייטאָרינס אָרעמע, וואָס נייען און נייען, וועגן מיידלעך וואָס וואַרטן אויפן באַשערטן און דער צאַר האָט אים אויף מלחמות גע־שיקט. ער איז געפאַנגען אין טערקיי און שווימט אויפן שוואַרצן ים.

אין די לידער וואָס די מאַמע זינגט אויף פויליש הערט מען דעם געקלאַנג פון קייטן אויף פראָסט־פאַרשנייטע פעלדער, מען הערט דעם געוואַי פון זאַ־ווייעס און דאָס רייסן זיך פון פוילישן אָדלער וואָס איז מיט קייטן צוגעשמידט...

דורך די לידער האָט מיכאַל אָנגעהויבן צו דערקענען די וועלט. זי האָט זיך געשפּרייט פון דעם לאַנד פון די פראַנצויזן ביז סיביר. די נעמען פון טייכן

האָט ער געלערנט פון אַלט־פּוילישע הימנען. גרויס איז געווען פאַר אים די וועלט, אַזוי גרויס ווי פון ים דעם שוואַרצן ביז דאַנציק, וווהין עס זענען געפאָרן די פעטערס מיט באַרקעס געהילצער. דאָרטן איז שוין דער ים.

צו זיבן יאָר האָט ער שוין געקענט לייענען די ערשטע זאַצן אין פּויליש. אין דער קליינער דאָרפס־שולע איז ער געווען אַזוי היימיש ווי ביי זיך אין שטוב, נאָר ווען דער גלח איז געקומען לערנען קאַטעכיזם, האָט זיך מיכאַל אַרומגעדרייט אויפן הויף פון דער שולע. אין דער היים איז ער געווען אַליין. ביידע ברידער זענען אַוועק מיטן טאַטן קיין וואַרשע צום זיידן דעם סופר. דאָרטן וועלן זיי לערנען אין שולעס און ווערן „מענטשן" — אַזוי האָט געזאָגט דער פעטער עליע.

יעדן זונטיק האָט די מאַמע איינגעשפּאַנט די בריטשקע און געפאָרן אויף וויזיט צו אירע באַקאַנטע. ביי די גרעבליעס האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן, געקוקט אויף די שטיינער, אויף די שוואַרצע אַרויסשטאַרנדיקע קלעצער פון די וואַסערן, אויף די הילצערנע דאַמבעס.

די ווקראַ איז פול מיט וואַסערן. איין ברעג, דער רעכטער, איז אַ הויכער. די לאַנקע דערגייט ביזן ברעג און מען זעט די טונקעלע אַפּריסן. דער אַנדערער ברעג איז אַ פלאַכער און די וואַסערן פאַרגיסן שטיקער פעלד. עס וואַקסן דאָרט אַלכע־קוסטעס מיט אונטערגעשוואַנקענע וואָרצלען, אַלערליי בלושטשן. אויף טייל ערטער זענען די וואַסערן פאַרצויגן מיט אַ ליכטיק־גרינעם שליים. אין דעם זומפּיקן טייל פון ווקראַ זענען אַמאָל דערטראַנקען געוואָרן עטלעכע קאָזאַקישע פערד מיט די רייטער. מען רופט דאָס אָרט „די צאַרישע מאָגילע".

— דאָרט איז עס, מיכאַל! דאָרט! זעסט די אָלשינעס, וווּ עס שטייט דער טאָפּל־צלם? אָהאָ, דער צאַר האָט איבערגעלאָזט אַ סך קברים. קאָזאַקישע און אויך אונדזערע...

— דער פעטער עליע זאָגט אַז אַלץ איז געווען אומזיסט... אַז דער זיידע מיכאַל איז געשטאָרבן אויף פאַר גאָרנישט...

יוטאַ האָט בייז אַ שמיץ־געטאָן דאָס פערד.

— וווּ ליגט קוכאַר? פאַרוואָס רופט מען דאָס דערפל ראַכעלקאַ?

דאָס פאָרן אויף דער גרעבליע איז שווער. די רעדער שפּרינגען איבער שטיינער, קייקלען זיי אַראָפּ. נאַקעטע וואָרצלען שטעקן אַרויס צווישן דעם שטיינער־אָנהויף און פלאָנטערן זיך אַריין אין די ספּריכעס. ווערבע־צווייגן פאַטשן אין פערדס קאַרק. מיכאַל בייגט זיי אַוועק מיט די הענטלעך, ברעכט זילבער־גרינע ריטלעך.

— אויף יענער זייט ליגט קוכאַר. זעסט די מיל? נישט ווייט איז דאָס גו־

טע־אָרט.ביים לאָזע־צוים רוט דער עלטער־זיידע. עס איז געווען אונדזער פעלד. מיר האָבן עס געשענקט פאַר אַ בית־הקברות.

יוטאַ האָט פאַרקערעוועט די בריטשקע און זי זענען געפאָרן אויף אַ זייטיקן זאַמדיקן וועג, אַ באַזעצטן פוןביידע זייטן מיט טאָפּאָליעס.

— ראַבעלקאַ הייסט דאָס דערפל ווייל עס טראָגט דעם נאָמען פון אַ ייִדישער טאָכטער, פון אַן אַרענדאַר. עס איז אַן אַלטע מעשה...

דאָס איז דער וועג וואָס פירט צו דעם גוט פון דער פאַני מאַריאַ לעוואַנדאָווסקאַ.

זייט יענער נאַכט, ווען ער האָט דערזען איר פנים, בעת זי האָט אויסגעטאָן דעם שוואַרצן שאַל מיט די פרענדזן, איז אים די פאַני מאַריאַ נישט אַרויס פון זינען. אַפילו דער פריץ מיטן רויטן פרצוף איז אים אויסגעקומען אַנדערש ווי די אַנדערע פריצים. דאָס קניִען ביי דער טיר און דער געשעפּטש אין דער נאַכט, האָט מילדער געמאַכט דעם פריץ אין מיכאַלס אויגן.

מאַריאַ איז געזעסן אויף דער טעראַסע. אַ וואָלף־הונט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן איז אויפגעשפּרונגען, אַ ביל־געטאָן און אָנגעהויבן פריילעך וואַרפן מיטן עק. אַ פּאַראָבעק האָט אויסגעטאָן דאָס ציימל פון פערד און צוגעטראָגן אַ פולן עמער וואַסער און אַ זאַק האָבער.

פון אייבערשטן שטאָק קוקט אַראָפּ אַ קליין מיידעלע. דאָס איז סטעפאַ. מיכאַל האָט זי נישט איין מאָל געזען אין די זונטיקס, בעת זי פאָרט אין קאָשטשאָל אַריין, אָנגעטאָן אין ווייסן. אַ קאָפּ מיט פלאַקסענע האָר אַזוי ווי די קאָבאָפּליעס. אין שפּיץ פון קאָפּ — אַ גרויסע ווייסע לענטע ווי אַ ווייסער פעלדפלאַטער מיט צעעפנטע פליגל. סטעפאַ איז תמיד געקליידט אין ווייסן און ער שרעקט זיך פאַר איר. זי איז ווי איינע פון די מלאכימלעך וואָס שוועבן אַרום אויפן בילד פון געקרייציקטן ווען מען נעמט אים אַראָפּ פון קרייץ. דאָס הייליקע בילד הענגט אין דער גרויסער סאַליע פון דער פאַני מאַריאַ.

מיכאַל שטייט ביי דער גלעזערנער טיר, לעבן די פאָרהאַנגען וואָס פאַרשטעלן אים און קען נישט אַראָפּנעמען די אויגן פון דער פאַני מאַריאַ. צום ערשטן מאָל האָט ער דערפילט אַ פרייד וואָס ער איז איצט אַזוי נאָענט פון דער געהיימער פרוי וואָס ער האָט געזען אין יענער נאַכט. גרויסע טונקעלע ברעמען ווי די בויגנס, לאַנגע בלאָלעך־שוואַרצע וויִעס און אַרום די שוואַרצאַפּלען אַזאַ בלאָקייט ווי פון די כאַבער־בלימלעך וואָס ליכטיקן אַרויס פון רייפן ווייץ. און אַז זי האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו אים, האָט די אויפגעבראָכענע פרייד און די דערוואַרטונג פון עפּעס וואָס איז ניי און לאָקנדיק, און דער אָטעם דער הייסער, און די יִינגלישע שעמעוודיקייט, און די גאַרונג אַז מען זאָל אים דער־

זען און מען זאָל אים איינקלעמען, אויפהייבן — דאָס אַלץ האָט אַוועקגענומען זיין גלייכגעוויכט און ער האָט אַ שטרעק־געטאָן צו איר זיינע הענטלעך און איז אַרויפגעפאַלן אויף די וואַרעמע אָרעמס פון מאַריאַ. אַ רויטקייט האָט באַגאָסן זיין פנים. קיינער האָט די רויטקייט נישט געזען. די פאַני מאַריאַ האָט זי אָבער אָפּגעפילט. זיין יינגליש געשפּאַנטער גוף ברענט און זי האָט אים צוגעדריקט שטאַרקער צו זיך. אירע ליפּן האָבן געקושט זיינע ליפּן. ווען זי האָט אים אַרויס־געלאָזט פון די אָרעמס איז מיכאַל געלאָפן אין סאָד אַריין און זיך באַהאַלטן צווישן די שטעכיקע אַגרעס־קוסטעס. מאַריאַס קול האָט זיך געוויגט צוזאַמען מיט די הימלען, מיט די לייכטע וואָלקנס.

— סטעפאַ, סטעפּטשו! זוך אויס מיכאַלן! שפּיל זיך מיט אים!

דער וואָלף־הונט איז נאָענט צוגעקומען, באַשמעקט מיכאַלן, אַ ביל געטאָן, לעבן אים איז געשטאַנען דאָס מלאכל סטעפקאַ. ער איז אויפגעשפּרונגען, גע־רייניקט דאָס מאַטראָזן־בלוזקעלע פון גראָז־אָפּפאַל און געלאָזט זיך פירן צו דער גרויסער טעראַסע. דאָרט איז שוין געזעסן די מאַמע, מאַריאַ און דער פּריץ. זיי האָבן געטרונקען טיי מיט איינגעמאַכטס. סטעפאַ איז געזעסן לעבן אים און געקוקט מיט טרויער אויף דעם הונט. טיילמאָל האָט זי באַרירט מיכאַלס הענט. ער איז אומרויִק געוואָרן פון די קילע פינגער אירע און אַ ציטער איז אַדורכ־געלאָפן זיין הויט. אַ שוואַרצער לאָק איז אים אַראָפּגעפאַלן און פאַרדעקט אַ האַלבן שטערן. זיינע שאַרפע, פאַרברוינטע קינבאַקן, דער ווייסער געבלענד פון די ציין און די געדיכטע ברעמען, די כמעט צונויפגעוואַקסענע — דאָס אַלץ האָט אים געמאַכט אַזוי ווייט און פרעמד פון דעם פלאַקסענעם מיידעלע מיטן בלייכן געזיכט.

די פאַני מאַריאַ האָט געקוקט אויף מיכאַלן מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם. זי האָט די ערשטע דערפילט דאָס הייסע בלוט פון שוואַרצהאָריקן יינגל, געזען די שיין־געשניטענע ליפּן פול מיט זינלעכקייט און אָנזאָג. זי האָט שטיל געווונטשן זיך צו האָבן אַזאַ זון. ניין נישט קיין זון נאָר... זי האָט געזען אין מיכאַלן דעם ריין־בלוטיקן פרעמדן גאָט וואָס האָט אַנטפּלעקט זיך פאַר איר אין געשטאַלט פון דעם אויסטערלישן יינגל. זי האָט דערקענט אין אים דעם אָנזאָג פון ריינער מענלעכקייט. איר מאַן, דער פּריץ מיט דעם רויט־צעשיכורטן פּרצוף איז אַ סריס. זי טרייבט אים פון זיך אין די נעכט מיט דער רייט־פּייטש. ער ליגט אויף דער שוועל פון איר צימער און בעט זיך: נשמהלע, שמייס מיך, שטאַרקער. דאָס מאַכט מיך גליקלעך. פּייטש מיך. פעסטער! זי שטייט איבער אים אין צעקנעפּלטן טערקישן כאַלאַט, לאַכט, און די לעדערנע רימענס פון דער פּייטש פאַלן אויף זיין צעיוירן לייב צוזאַמען מיט ווערטער פון גוטמוט, שפּאָט און אָפּטמאָל כעס.

ער בעט זיך וויינענדיק: נאָך, נאָך, צוד מוי, נבײַאַשניעשאַ מאַריאַ, שוויענטאַ! ער איז שיכור און לאַכט מיט טרערן. זי גייט מיט כעס צו איר געלעגער און ער קריכט אויף אַלע פיר צום בעט. אין מאַריאַן זידט־אויף דאָס פּאַנסקע בלוט, דאָס פּריצישע, און זי שרייט דעמאָלט אויס צו אים: דו קריכסט ווי אַ הונט, טאַ ביל! בילט ער און זי לאַכט, לאַכט הויך. דערנאָך בייגט זי זיך איבער אים. „מיין אַניאָל, מיין הייליקער יעוונוך".

איר טאָכטער איז געבוירן געוואָרן פון דעם דאָרפישן גלח, דערפאַר דאָס מלאכים־פּנימל. צווישן די קאַלטע פינצטערע שטיין־ווענט פון פּראָבאָשטשס הויז, ווו עס איז נישטאָ קיין זונליכט, אויף דעם מאָנאַכישן געלעגער, דערפאַר איז סטעפקאַ ווי אַ בלייכער געוויקס וואָס געדייעט אין שטיין־שאָטנס.

דאָס אַלץ האָט מאַריאַ דערציילט איר פריינדין יוטאַ.

זיי פלעגן זיך אָפּשליסן אין אַ זייטיק אַלקערל און לאַנג ריידן. נאָר איין מאָל האָט מיכאַל נישט־ווילנדיק, אַזאַ געשפּרעך אונטערגעהערט.

זייט דעם באַזוך האָט ער געוואַרט יעדן זונטיק ביי דער שוועל און אויס־געקוקט זיך די אויגן אויף דער פּריצישער קאָטש וואָס וועט פאַרבייפאָרן אין קלויסטער אַריין. ער האָט זי גלייך דערקענט. מאַריאַ איז געזעסן מיט דער טאָכטער. דער פּריץ האָט אָנגעטריבן די פערד. ער איז געווען אין קליידער פון די „סאָקאָלן"; אַ פאַרוואָרפענער סורטוק אויף דער פּלייצע ווי אַ פּעלערינע אַ געל־גרינע צוגעבונדן צום האַלדז מיט אַ רויטער שנור און אַ פירקאַנטיקע מאַ־טשעיוווקע מיט אַ פּאַווע־פעדער. די פערד האָבן געשפּאַנט טריט ביי טריט און מיכאַל האָט געזוכט דער פּאַני מאַריאַס בליק. זי האָט אים דערזען!

דאָס קאָטש־טירל עפנט זיך. זי שטרעקט אַרויס צו אים אַ האַנט, און עס איז געשען עפּעס וואָס ער האָט זיך נישט געקענט דערנאָך שענקען; ער איז שנעל צוגעלאָפן, איינגעבויגן דעם קאָפּ, אָנגענומען אירע וואַרעמע פינגער און זיי געקושט. זי האָט אַ גלעט געטאָן די האָר־לאָקן. מיכאַל איז געלאָפן אַהיים, געשטאַנען ביים פענצטער, פאַרשאָטנט ביי די פאָרהאַנגען און געזען ווי די קאָטש איז צוגעפאָרן ביזן קלויסטער־טויער. ער האָט געוואָלט ווידער אַרויס־לויפן, צוגיין צום טויער. אפשר וועט ער דערהערן דער פּאַני מאַריאַס קלויס־טער־געזאַנג?

די מומע וויכנע גייט אים אַנטקעגן.

— וווהין גייט אַ יינגעלע?

— אין ערגעץ נישט. אַזוי זיך...

— אַזוי, סתם? איך האָב געמיינט אין קאָשטשאָל אַריין? פאַרוואָס ביסטו נאָכגעלאָפן די קאָטש?

— ווייל איך האָב אַזוי געוואָלט! — האָט ער אויסגעשריגן און ווי זיין טבע דויט געוואָרן ביז איבער די אויערן.

זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט.

— ביסט אַזאַ שעמעוודיקער. עס איז נישט שיין... ביסט דאָך שוין אַ גרויסער...

זי האָט געוואָלט אים צודריקן צו זיך און מיכאַל האָט דערפילט דעם ריח פון די געוועשן, פון זייף, פון האָר געצוואָגענע מיט נאַפט. מיט איין שטויס איז ער פריי געוואָרן פון אירע הענט און געלאָפן צום שטאַל, געקראָכן אויפן לייטער און איינגעגראָבן זיך אין פרישן היי. ער איז דאָרט געלעגן ביז עס האָבן אָנגעהויבן צו קלינגען די קלויסטער־גלאָקן.

קיווע קאַפּ האָט ליב געהאַט צו דערציילן וועגן די טראַטוועס וואָס זענען געשווומען פון דער דזשאַלדאָווקאַ צום טייך ווקראַ ביזן נאַרעוו און פון נאַרעוו צו דער ווייסל אַזש ביז דאַנציק. ער איז געווען אין די יינגל־יאָרן אַ טראַטוועבינדער, אַ פּליסאַק. ער קען אַלע דערפער פון נאַרעוו ביז צום ים און די שטעט וואָס ליגן לענגאויס דער ווייסל. צוויי חדשים האָט געדויערט אַזאַ פאָרן. ער האָט געפירט ריזיקע סאָסנע־קלעצער צונויפגעבונדענע מיט שטריק, מיט ליפּעווע רינדלען פון יפתעס וועלדער.

— דיינער אַ זיידע, אַז ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן וואַלד, איז אים גלייך קלאָר געוואָרן וויפל טראַטוועס ער וועט האָבן פון דעם וואַלד־פּערטל. עס האָט תמיד געשטימט! איין מאָל אין יאָר איז ער מיטגעפאָרן מיט די טראַטוועס. אין אַ הילצערנער בודקע, באַשלאָגן מיט וואָלענע ראָגזשעס האָט ער אַ גאַנצן וועג געלערנט תורה. שחרית און מנחה האָט ער געדאַוונט אויף דער אָפענער טראַטווע. ער איז געשטאַנען אין טלית און תפילין און אַרום אים פּוילישע טייכן, פּוילישע הימלען. וויעזשבעס האָבן געענטפערט: אָמן! אַפילו די פיש פון טייך האָבן בעת דיין זיידנס תפילה געפּאַטשט אין דעם טייך־שפּיגל. אין די פרייטיקס, צו ליכט־צינדן, האָבן מיר פאַרקניפּט די טראַטוועס צו אַלטע ביימער ביים ברעג, ליכט־געצונדן אויף אַ ווייס־געדעקטן טיש און מיר האָבן געגעסן שבתדיקע מאכלים. ערשט שבת־צו־נאַכטס, ווען עס האָט זיך באַוויזן דער ערשטער שטערן, האָבן מיר אָפּגעבונדן די טראַטוועס און מיט לאַנגע דרענגער אָפּגעשטויסן זיך פון ברעג און געשווומען מיטן שטראָם אַרויף, אַרויף קיין דאַנציק, צום באַלטישן ים.

מיכאַל איז נישט אָפּגעטראָטן פון קיווען גאַנצע טעג. זיי זענען צוזאַמען געלעגן אויף דער לאָנקע בעת די פערד מיטן זשרעבאַק זענען געווען אויף

פאַשע, אין שטאַל בעתן אויסמישן דעם אָברעק. טייל מאָל פלעגט אויך מיכאַל מיטפאָרן אין דער מיל אַריין און וואַרטן אין אָלכע־וועלדל ביז מען וועט צע־מאָלן די זעקלעך קאָרן.

קיווע קאָפּ האָט דערציילט וועגן די גרויסע געשלעגן אויף די יאַרידים מיט שיכורע גויים, וועגן די ווונדערלעכע פּאַסירונגען אין די נעכט בעת די טראַטווע איז געשווומען איבער לבנהדיקע וואַסערן. ס׳פלעגן זיך פלוצים באַ־ווייזן נישט־גוטע, שדים. זיי האָבן תמיד אָנגענומען אַנדערע פּרצופים. אַמאָל זענען זיי געווען אַזוי ווי די אַלטע וויעזשבעס די פאַרקראַמפּטע און צעלאָמטע, די שוואַרץ־אויסגעהוילטע פון דונערן און בליצן. זיי זענען אונדז נאָכגעלאָפן מיטן ברעג, זיי האָבן געפייפט, געהוסט, אויפגעשטעלט די האָר פון קאָפּ דיבאָם און אַז די לבנה האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ כמאַרע, זענען זיי אַריינגעשפּרונ־גען אין וואַסער, אָנגעכאַפּט די פאָדערשטע קלעצער און געוואָלט דרייען מיט דער טראַטווע אַזוי ווי מען דרייט מיט אַ חנוכה־דריידל. אין טייך האָט אויפ־געברויזט. דעמאָלט האָב איך אויפגעוועקט די שיכורע טראַטווע־יונגען מיט אַ גרויס געשריי. מיר האָבן געכאַפּט די העק, די דרענגער, וואָס זענען געווען לאַנג ווי צוואָנציק אַרשין און אַרויסגעפירט די טראַטווע פון קעסל־גרוב. די נישט־גוטע זענען אָפּגעטראָטן מיט אַ געיאָמער. איינעם האָב איך שיִער נישט דעם קאָפּ געפלעפט. ער האָט אָבער מיט וואָרצל־פינגער פאַרקראַמפּט מיין האַנט און איך האָב זי לאַנג געריסן ביז כ׳האָב זי באַפרייט. אַ גאַנצן ווינטער האָב איך נישט געקענט מיט איר אַפילו קיין קלאָץ שפּאַלטן. ערגער זענען גע־ווען די נישטיקע קליינע און שטילע שרעטלעך. זיי פלעגן זיך באַווייזן נאָר צווישן טאָג און נאַכט, אָדער ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, איידער די זון האָט זיך באַוויזן. געדאַכט האָט זיך דיר אַז אַ נעפּל־וואָלקנדל רוט זיך אויס אויף די קלעצער, אָדער, דאָס איז דער שאָטן פון אַ ברעג אַ שיפּועדיקן. דאָס נעפּל־וואָלקנדל איז געפאַלן אויף די קלעצער און דו האָסט אין דער זעלבער רגע דערפילט אַ חשק צו דרימלען. דאָס איז אָבער געווען אַ שדל פון אַ געפער־לעכער גזע. אַזאַ נישטיקס. דאַכט זיך, נאָר געדיכטע לופט, אַ קנוילעכל, אַ וואָלקנדל — און דאָס האָט אונדז אָפּגעטאָן די גרעסטע צרות! עס האָט אויפ־געקנופּט די דיק־געפלאָכטענע שטריק פון די קלעצער, צעריסן די ליפּע־ליקע, און אַז דו האָסט געשטעלט אַ טריט אויף דער טראַטווע ביסטו פאַרזונקען גע־וואָרן אין די שוואַרצע וואַסערן אַזש דו האָסט נישט געקענט באַווייזן אַפילו אַ געשריי צו טאָן: שמע ישראל! נישט איינער פון די טראַטווע־יונגען איז נעלם געוואָרן. ערשט צוריקפאָרנדיק האָט מען זיי געפונען, אָט־אָ די יונגען, דער־טרונקענע ביי די ברעגעס. אַמערגסטן איז געווען מיט די רוסאַלקעס... עך, זע־

נעןָ דאָס געווען נישט־גוטע, אַזש איך האָב די אויגן נישט געקענט אָפּרייסן פון זיי! איך האָב דעמאָלט אָוועקגעלייגט די דרענגער און אָנגעהויבן איבער־שרייען זיך מיט זיי און זיי האָבן געענטפערט מיט אַ לאַקנדיק געלעכטער. — קיווע, טרייב דעם פּאַראָם! פיר די טראַטוועס! — האָט געשריגן דיין זיידע צו מיר. איך בין אָבער געפאַנגען געווען פון זייער תאווהדיקן געלעכטער און גע־וואָלט אַז מיר זאָלן וואָס פריִער צושווימען צום ברעג. דעמאָלט האָט מיר דיין זיידע אַראָפּגעלאָזט צוויי קלינגענדיקע פּעטש און אַליין אַ כאַפּ געטאָן די דרענ־גער אין די הענט אַריין. איך האָב געיאָמערט. דיין זיידעס ברוסט איז געווען צעכראַסטעט, די גרוי־שוואַרצע באָרד געווינטיקט זיך. ער האָט בייז געברומט: — אַוועק, חציפות! אַוועק! דער פּאַראָם מיט די טראַטוועס זענען אַריין אין מיטן־טייך־שטראָם און שטיל געשווומען איבער די טיפע וואַסערן.

— ווי אַזוי האָבן אויסגעזען די רוסאַלקעס? — האָט מיכאל געפרעגט.

קיווע האָט זיך אַרומגעקוקט, איינגעהערט אין גערויש פון דער מיל, איין אויג צוגעמאַכט און מיטן אַנדערן אַ פינטל געטאָן לוסטיק.

— איך קען דיר נישט דערציילן. עס איז נישט שיין איבערצורייד‍ן.

— פאַרוואָס?

קיווע האָט זיך צעלאַכט.

— זיי זענען געווען באַקעט, אַזויווי חוה. טייל זענען געווען געהילט אין שלייערן, נאָר זיי זענען געווען דורכזעעוודיק די שלייערן און געזונגען האָבן די רוסאַלקעס אויסגעלאַסענע לידער. זיי האָבן זיך באַוויזן נאָר אין די פריי־טיק־צו־נאַכטן. ווען דער פּאַראָם איז געווען צוגעבונדן צום ברעג און אויך אין די שבת־צו־נאַכטן ווען מען האָט אָפּגעקניפּט די טראַטוועס און געלאָזט זיך צו די טיפע וואַסערן, אין מיט פון טייך. ביינאַכט, האָבן זיך די פיר גויִשע פּאַ־ראָמטשיקעס, וואָס זענען מיט אונדז געפאָרן, געלאָזן גיין צו די פעלדער, כאַפּן רוסאַלקעס. איין מאָל, אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס בין איך מיט זיי מיטגעגאַנגען. איך בין דעמאָלט געווען אַלט אַכצן יאָר. אויפן פּאַראָם איז געבליבן דיין על־טער־זיידנס אַ ברודער. ער איז געשלאָפן אין ביידל. איך בין אַוועק מיט די טראַטווע־יונגען און מיר האָבן ביז פאַרטאָג פאַרברענגט מיט די רוסאַלקעס. דאָס זענען געווען שיקסעס פון אַ דאָרף, ביי דער שטאָט פּלאָצק. זיי זענען זיך געקומען באָדן ביינאַכט אין דער ווייסל. עס איז געווען שניט־צייט. די נעכט זענען געווען לבנהדיקע, וואַרעמע, און נאָך לבנהדיקער און נאָך הייסער ווי די נעכט זענען געווען די רוסאַלקעס. פאַרטאָג, אַז מיר זענען צוריקגעקומען צו די טראַטוועס, האָבן מיר זיך אַריינגעשליידערט אין די וואַסערן. איך האָב גע־קענט פיר מאָל אָן אָפּרו אַריבערשווימען די ווייסל.

נאָך אַ ווײלע שטילשווײגן האָט קיווע געזאָגט: — זאָלסט נישט קײנעם דערצײלן װעגן די רוסאַלקעס. שווער.

— איך שווער.

קיווע האָט זיך צוגערוקט נענטער און געזאָגט:

— איך בין אײנמאָל אַנטלאָפן פון דער הײם. אַ גאַנצן זומער האָב איך זיך אַרומגעשלעפּט איבער די דערפער מיט זאַכען. כ׳האָב זי געוואָלט נעמען פאַר אַ ווײב. איך האָב דעמאָלט געטריבן טאַבונען פערד, געהאַקערט, געפאָרן אויף יאַרידים. זי האָט אָבער געוואָלט אַז איך זאָל זיך שמדן. דאָס נישט. קײנמאָל נישט. אײנמאָל איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג אויף אַ יאַריד. איך בין געווען דאָרט מיט זאַכעס ברידער. פּויערים האָבן זיך געוואָרפן אויף אַ ייִדישן באַלע־גאָלע. איך האָב זיך אײנגעשטעלט פאַר אים. מײן האַנט איז דעמאָלט געווען אַ שווערע. איי קינדערלעך, האָב איך דערלאַנגט קלעפּ. אין זאַכעס ברידער האָט זיך די יוכע אָנגעצונדן און זײ האָבן זיך געוואָרפן אויף מיר. אײנער האָט מיר פאַרפאָרן מיט דער פויסט צווישן די שליפּיעס. איך האָב געענטפערט. מער ווי דעם „אָלאַ באָגאַ" האָט ער נישט באַוויזן אַרויסצורײדן. אויף אַן אויסגע־שפּאַנט פערד, וואָס עמיצער האָט געהאַלטן אין דינגען, האָב איך זיך אַרויפ־געכאַפּט און אָפּגעריטן אין אײן אָטעם ביז פּלינצק, אַ וויאָרסט פופציק, און געלאָזט דערנאָך דאָס פערד אויף הפקר. קיווע איז נאָך נישט אַזוי געפאַלן צו ווערן אַ פערד־גנב אָדער אַ רויבער! אַז איך בין צוריקגעקומען האָט מיך מײן זײדע חתונה־געמאַכט און איך בין ווידער געוואָרן אַ געסטאַטקעוועטער פאַרשוין. זאַכע איז עס געווען די רוסאַלקע. דער טײוול ווײסט אויב זי לעבט נאָך. שפּע־טער, אַז איך בין געפאָרן מיט די טראַטוועס האָב איך שוין געהאַט אַ שוואַרצע באָרד און ווען מען איז דורכגעפאָרן דורך די דערפער בײ פּלאָצק בין איך גע־לעגן אײנגעהילט אין אַ ראָגזשע. איך האָב מורא געהאַט פאַר נקמה פון זאַ־כעס ברידער. איך ווײס אַז זי האָט געהאַט פון מיר אַ ממזר. אַנומלט האָט מען מיר דערצײלט אַז ער דרײט זיך אַרום אויפן ווישעגראָדער מאַרק.

בײנאַכט, אויפן געלעגער, האָט מיכאַל איבערגעלעבט קיוועס מעשות. זײ־נע נעכט זענען געווען פול מיט נישט־גוטע, מיט רוסאַלקעס, מיט שניטערינס וואָס גײען זיך באָדן אין די נעכט צו דער ווײסל. ער האָט געהערט אין די חלו־מות דאָס געקלאַפּערײ פון פערדישע פּאָדקאָוועס אויף שטײנערנעם ברוק פון די מערק. ער האָט געזען פײגל נידערן איבער פורן מיט פּאַרוווּנדעטע סאָל־דאַטן; זײ פּאַטשן מיט די פליגל און עפענען די שוואַרצע שנאָבלען.

קאַפיטל דריי

צו צוועלף יאָר האָט שוין מיכאַל געקענט צענדליקער דערפער וואָס רינג־
לען אַרום פלינצק. ער איז געפאָרן מיט דער מאַמען און מיט קיוועץ אויף יאַ־
רידים קיין נײשטאָט, קיין פלינצק, קיין טשעכאַנאָווע און אַפילו קיין פלאָצק.
פויערים האָבן געצויגן די הוטן, אויסגעשטרעקט צו אים שווערע האָריק־באַ־
וואַקסענע הענט. זיין אייבערשטע ליפ איז שוין פאַרדעקט געווען מיט אַ טונ־
קעלן האָר־מעך. זיין קול איז הייזעריק געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן נאָכ־
קוקן אין די פאַרנאַכטן ווי קיוועס טאָכטער מעלקט די קי. ער איז געשטאַנען
אין דער שטאַל־טיר און געזען ווי אירע פינגער צי:ען דעם אייטער און דער
מילך־פאָדעם זינגט אין בלעכענעם עמער. דער פולער אייטער מיט די ליכטי־
קע און שטייפע אייטער־וואָרצלען, דעם מיידלס מילך־פאַרגאָסענע פינגער און
אירע רויטע באַקן, האָבן געצונדן זיין בלוט. דעמאָלט פלעגט ער אַ שטויס־טאָן
דאָס פערד און טרייבן עס צום ברונעם, אָנכאַפן דעם זשרעבאַק ביי דער
גזשיבע און מיט איין פלינקן שפרונג אַרויפכאַפן זיך אויף דעם רוקן פון קייג־
מאָל נאָך נישט געזאָטלטן זשרעבאַק און יאָגן צום טייך. ביים ברעג האָט זיך
דאָס פערד געשטעלט דיבאָם. עס האָט נישט געוואָלט אַריין אין טייך. מיט
דער פויסט האָט ער געשלאָגן איבערן קאַרק, געריסן די האָר, געפאַטשט מיט
דער האַנט־פלאַך, ביז דאָס פערד האָט טריט ביי טריט אָנגעהויבן צו גיין אין
טייך אַריין, געהירזשעט, צעשפרייט די נאָזלעכער, אויפגעהויבן די אייבער־
שטע טייל פון דער מאָרדע, אַנטפלעקט די פאָדערשטע ציין און אַרויסגעלאָזט
אַ שוים און שטראָמען הייסן אָטעם.

מיכאַלן האָט זיך געדאַכט אַז דער טייך קאָכט און בלעזלט זיך פון פערדס
בר:ענדיקער פאַרע. ער איז געווען אין די קליידער און דאָס וואַסער האָט שוין
אָנגעהויבן צו דערגיין צום פערדס בויך. וויאָ! וויאָ! — האָט ער גערופן. מיט
אַמאָל האָט דאָס פערד הויך פאַרריסן דעם קאָפ ווי עס וואָלט עפעס געזוכט
אין די הימלען און מיט דעם פאַרריסענעם קאָפ אָנגעהויבן צו שווימען. די
קילע וואַסערן האָבן מיכאַלן געמאַכט אויפשוידערן. דאָס האָט נאָר געדויערט איין
רגע און אַז דער שוידער איז דורכגעלאָפן דורך זיין גוף איז אים אויסגעקומען

אַז ער איז פֿאַרהילט אין סאַמעט און זײַן שטערן ווערט געשליפֿן פֿון פֿאַליענ־דיקע כוואַליעס.

מיכאַל ליגט אַ נאַקעטער אויפֿן גראָז. דאָס פֿערד קײַט גראָז. אַ פֿי־שער גייט לענג־אויס דער סטעזשקע און טראָגט אויף אַ דראָנג אַ פּייכטע פֿיש־נעץ. נישט ווײַט, ביים זאַמדבערג, וואַשן פֿרויען דאָס געפּעס. עס איז נאָך מי־טאָג. אַ מיידלש געלעכטער און אַ רופֿן צו יענער זײַט טײַך. מיכאַל קוקט זיך איין אין זײַן נאַקעטקייט און אַ בושה גייט־אויף אין אים. ער שעמט זיך הלמאי ער האָט אַזוי פֿרעך געקוקט אויף קיוועס טאָכטער און פֿאַר די זינדיקע מחש־בות וואָס באַפֿאַלן אים. די קליידער זענען פֿייכט, ער פֿירט דאָס פֿערד צוריק צום שטאַל.

עס איז שוין טונקל. באַלד וועט די מאַמע אָנצינדן די בליך־לאָמפּ. ער וועט עסן די הייסע זופּ מיטן ראַזעווען ברויט, טרינקען אַ גלאָז מילך.

אין מאַרק איז פּוסט. דער רב גייט פֿון שולעכל. אַ פֿאַרשפּעטיקטער פּויער דרימלט אויף אַ וואָגן. אויפֿן שפּיץ פֿון קלויסטער־צלם שטייט אַ ווראָנע. אין די פֿענצטער פֿון אָפּנהיימערס ציגל־הויז איז פֿינצטער. די לאָדן זענען דאָרט פֿאַרמאַכט. אויף זומער וועט צוריקקומען בעלאַ.

טרויעריק זענען אין די פֿאַרנאַכטן די באָטשנע ווענן פֿון מאַזאָוויע; אָרעמע ווערבעס, ממש בלויז צעשורפּעטער שטאַם. קאַלוזשעס וואָס שפּיגלען די וואָלקנס, רעדער־אָפּדרוקן אויף די שטעגן מיט וואַסער אין זיי ווי די אָנגעדראָלענע אָדערן אויף פֿאַרמאַזאָליעטע פּויערישע דלאָניעס. אַ ברוין־שטעכיקע פֿאָקזשי־ווע מיט אויסגעלאָשענע שטערן־בלומען ווי פֿון פֿאַרראָסטן בלעך. אין די זײַטן פֿון די באָטשנע וועגן דרימלען זאַגראָדעס, אַרום די אָרעמע הײַזער — פֿאַר־וואַקסענע בייטן און קאָניטשינע־פֿעלדער, אַרבעס־זאַגאָנעס פֿאַר פֿערד און נאַ־קעטע אַרויסגעריסענע באָטוועס נאָך דעם ווי מ׳האָט אויסגעקאָפּעט די קאַר־טאָפֿל. אין די פֿאַלבן פֿון די פֿעלד־ווערבלונגען זעט מען שטרוי־דעכער פֿון פּויערישע כאַטעס און אויף זיי באָטשאַן־נעסטן. אַ פּאַסטעך טרײַבט אַ קאַלב. אַ פּויערטע שטייט ביי דער קרייצונג פֿון די באָטשנע וועגן, פֿלעכט אין געאייל אַ קרענצל פֿון רויטן מאָן און טוט דאָס אָן אויף די פֿיס פֿון יוזל. עס דאַכט זיך, אַז דאָס בלוט פֿון געקרייציקטן איז וואַרעם און פֿריש אַזש די פֿעלדער זענען פֿול מיט גאָטס הייליקן בלוט.

— שטשענס באָזשע, יאַסאָוואַ!

אַ פּויער גריסט זיך. וואָס טוט ער אַליין אויף די אָוונטיקע פֿעלדער? אַ

טשאַטע פייגל לאָזט זיך אַראָפּ נידעריק און באַזעצט זיך אויף די אָלכעס ביי דער מיל.

איינמאָל, בעת זיי זענען געפאָרן קיין קוכאַר, האָט אים די מאַמע אָנגעוויזן אויף אַ באַרג און דערציילט אַז דאָ האָט געוווינט נאַפּאָלעאָן ווען ער איז געגאַנגען אויף מאָסקווע. דאָס אָרט רופט מען ביזן היינטיקן טאָג אויף זיין נאָמען. אין דער מיט פון באַרג איז דאָ אַ טאָל, און אין דעם טאָל איז געווען אויפגעשלאָגן נאַפּאָלעאָנס געצעלט.

— ער האָט זיך דאָ לאַנג פאַרהאַלטן און געוואַרט אויף דעם ייִדישן מיידל שולמית. זי איז נישט געקומען די ייִדישע טאָכטער פון סאָכאַטשין. זי איז נישט דערגאַנגען צום קעניגס געצעלט...

יוטאַ האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד און געקוקט אויף סאָכאַטשין. מען האָט איצט געזען דאָס קליינע שטעטעלע ווי אויף דער פלאַך פון דער אייגענער האַנט. דער קלויסטער־טורעם, רויטע דאַכוועקע־דעכער, געקאַלכטע הייזער, דעם גלחס סאָד, גערטנער און פעלדער מיט ליכטיקע זייטן־שטעגלעך און פאַר דעם שטעטל זילבערט זיך די דזשאַלדאָווקאַ וואָס נעמט עס אַרום ווי אַן אָפּגעדעקטער אָרעם.

— ...ער האָט זי דערזען בעת זיין באַגילדעטע קאַרעטע איז געפאָרן אין זונטיק קיין סאָכאַטשין אין קלויסטער אַריין. זי האָט אַרויסגעקוקט פון פענצטער און געפלאָכטן אירע צעפּ. מיט אַ טאָג שפּעטער איז געקומען אַ קעניגלעכער שטאַפעט און אויף אַ גאָלדענער טאַץ געבראַכט אַ בריוו פון גרויסן אימפּעראַטאָר, אַז ער רופט זי אין זיין געצעלט. זי איז געגאַנגען. ביז דער בריק האָבן זי באַגלייט אַלע טעכטער פון סאָכאַטשין. זי איז געגאַנגען דערנאָך אַליין לענגאויס דעם טייך און צעפלאָכטן אירע צעפּ. שולמית איז צום געצעלט נישט דערגאַנגען.

מיכאַל האָט געקוקט צום ברעג, געזוכט דאָס שטעגל צווישן די נידעריקע קוסטעס.

— פאַרוואָס איז זי נישט דערגאַנגען?

— זי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין טייך. מען האָט איר קערפּער קיינמאָל נישט געפונען. זי איז דערטרונקען געוואָרן אויף דעם אָרט ווו מיר שטייען. עס איז דאָ געוואָרן דערנאָך אַ קעסל־גרוב. היינט איז תשעה־באָב, דאָס איז איר יאָרטאָג. קוק, מיין זון, אויף די אומרויִקע כוואַליעס, קוק! וועסטו זען ווי סע שווימען אַרום אירע צעקעמטע האָר. קוק, יעדן תשעה־באָב שווימען אַרויף אירע שוואַרצע האָר, אָט־אָ די צעקעמטע צעפּ. זעסט?

מיכאַל האָט צוגעשלאָסן די אויגן און געזאָגט: — איך זע אירע צעפּ.

— נאַפּאָלעאָן איז נישט גלייך אַוועק פון דעם באַרג־טאָל. ער האָט דאָ

געוואַרט אין טרויער זיבן טעג, וואָרעם ער איז נישט געווען קיין בייזער קעניג וואָס האָט געוואָלט שלעכטס־טאָן, נאָר וואָרהאַפטיקע ליבע איז דאָס געווען. ווען ער איז דערגאַנגען קיין מאָסקווע מיט זיינע חיילות איז שוין געווען שפּעט. די פּרעסט האָבן זיך אָנגערוקט און ער האָט געמוזט צוריקציִען זיך פון רוסלאַנד. אויף זיין צוריקוועגס איז ער ווידער פאַרבייגעפאָרן סאָכאַטשין. זיין פערד איז דורכגעשווומען דזשאַלדאָווקאַ, אויף דעם אָרט ווו שולמית האָט זיך דערטרונ־קען און אַלע האָבן געזען ווי אירע צעפלאָכטענע צעפּ שווימען נאָך דעם קעניג. שולדיק האָבן זיך געפילט די ייִדן פון סאָכאַטשין און זיי זענען אַנטקעגן־גע־גאַנגען דעם פראַנצויזישן קעניג מיט ברויט און זאַלץ און זיי האָבן געזען זיינע טרערן. דער אימפּעראַטאָר האָט זיי געשענקט אַ סאַמעטענע פאָן, אויסגעהאַפטן מיט זייד און די ייִדן האָבן דאָס געמאַכט פאַר אַ פּרוכת אין דער שול און עס איז דאָ ביזן היינטיקן טאָג. — — —

די מעשות וואָס יוטאַ האָט דערציילט איר זון, זענען תמיד געווען פאַר־בונדן מיט פעלדער און וועלדער, מיט טייכן און אָזיערעס. און דערציילט האָט זי זיי נישט ביי פאַרמאַכטע לאָדנס, ביים שיין פון דער נאַפט־לאָמפּ און שטילן גערויש פון שפּינראָד, זי האָט זיי דערציילט בעת די נסיעות, אונטער גאָטס אָפענע הימלען און געפירט דעם זון צו די ערטער ווו די מעשות האָבן טאַקע פּאַסירט. און וואָרהאַפטיק זענען זיי געוואָרן פאַר מיכאַלן אַזוי ווי ער אַליין וואָלט דאָס אַלץ בייגעוווינט.

נישט איין מאָל איז ער געגאַנגען צום נאַפּאָלעאָן־באַרג און אַראָפּגעלאָזט זיך אין מאַכיקן טאָל אַריין, דאָרט ווו עס האָט געוואַרט נאַפּאָלעאָן אויף דער ייִדישער טאָכטער פון סאָכאָטשין. ער האָט בפירוש געזען דעם באַגילדעטן גע־צעלט און געהערט דאָס רייטעריי פון קעניגלעכע שטאַפּעטן. מיכאַל האָט גע־רעדט צו די גראָזן, צו די ביימער, צו די וואָלקנס, וואָרעם זיי זענען דאָך גע־ווען די עדות פון דעם ווונדערלעכן גאַנג פון ייִדישן מיידל לענגאויס דעם טייך מיט די צעפלאָכטענע שוואַרצע צעפּ.

אין טאָל קלינגט־אָפּ אַ קאָסע. אַ פויער קאָסעט. נידעריק, אויף די פייכטע פעלדער, נישט ווייט פון טייך, שטייט אַ באַטשאַן אויף איין פוס. אויף גזשעמאַלס כאַטע, ביים קוימען ליגט אַ ראָד פון אַן אַלטן וואָגן און אויפן ראָד האָבן באַ־טשאַנעס אָנגעטראָגן ריטלעך און שטרוי. דריי יונגע בושלען, וואָס האָבן זיך אויסגעפּיקט דעם פרילינג פּרוּוון־אויס די פליגל. ביים אָנקום פון די ערשטע קילע ווינטן וועלן שוועבן שורות באַטשאַנעס צו די וואַרעמע לענדער. אַ טשאַ־טע לאַבענדזשעס לויפט מיט ווילד געשריי, איבער די פייכטע לאָנקעס צום טייך, לויפן דורך, האַלב־שוועבנדיק דעם וואַסער, רודערן־אויף מיט די פליג־

לען דעם טייך־שפּיגל און דערגרייכן דעם אַנדערן ברעג. זיי ווערן נעלם אין אויסגעטריקנטן סכך.

דער פעטער עליע האָט מיטגענומען מיכאַלן אין די סעדער וועלכע ער האָט געפּאַכטעט. דאָס איז געווען יוטאָס עלטסטער ברודער. היות זיי זענען פרי פאַריתומט געוואָרן, האָט זיך דער פעטער עליע געהאַלטן פאַר אַן אויפזעער איבער דער שוועסטערס שטוב און אַכט געלייגט אויך אויף אירע קינדער. מיט מיכאַלס טאַטן האָט ער נישט געלעבט בשלום. עס איז קיינמאָל נישט דערגאַנגען צו קיין קריגעריי און דאָך האָבן זיי זיך אויסגעמיטן. ערשטנס, איז ער נישט צו גאָט און נישט צו לייט, וואָרעם פאַרוואָס איז ער ברוגז מיטן רבונו־של־עולם? והשנית — ער רעדט דאָך נישט מיט די שוואָגערס. זיין פּויליש איז אויסגעמישט מיט אַ דאַאַטש און מיט אַ מאָסקאַליש אַזוי ווי אַ שלעכט־אויסגעמישטער אַברעק. הענט האָט ער אײדעלע, נישט צום שפּאַנען, נישט צו האַלטן אַפילו לייטשעס פון אַ בריטשקע, נישט צו אַ מלאָכה. שטיוואַלעטן טראָגט ער גימזענע, ווייסע מאַנזשעטן אין מיטן דער וואָך, און אַז ער גייט הערט מען אים נישט, און אַז ער רעדט איז עס ווי מען דאַוועט שמונה־עשרה. אונדזערס אַ ברודער, אַז ער רעדט ציטערן די שויבן און אַז ער האַלט שוין אַמאָל אַ ספר אין דער האַנט איז עס אַ סידור אָדער אַ תהילים — און דיין טאַטע לייענט גויִשע ביכער, וואָס טויג מיר דאָס אַלץ אַז ער קען אַפילו קיין שייטל האָלץ נישט צעהאַקן?

אײנמאָל, בעת מיכאַל איז געפאָרן מיטן פעטער עליע אַהיים פון אַ יאַריד אויף אַ באַלעגאָלישן וואָגן מיט נאָך פאַרשוינען און מען איז פאַרבייגעפאָרן דעם הילצערנעם וועג־צלם מיטן יויזל, האָט דער פעטער עליע דערזען, אַז וואַצעק צלמט זיך נישט איבער.

— פאַרוואָס צלמסטו זיך נישט, וואַצעק? זעסט דען נישט דעם קזשיזש?

— איך זע. כ׳בין נישט בלינד! — האָט שיכורלעך געענטפערט וואַצעק.

— סטאַרי עליאַש, זאָג מיר, וואָס גייט עס דיך אָן? שטעק נישט אַריין דיין כשרן קאָפּ אין אַ חזירישער קאַריטע! — האָט וואַצעק פאַרבראָקט דעם ענטפער מיט אַ ווערטל אין ייִדיש.

דער פעטער עליע איז געוואָרן אין כעס און אויסגעשריגן צום אַנטרייבער:

— יאָסל דראַנג! שטעל־אָפּ דעם וואָגן!

דער אַלטער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געזעס, אַ נעם־געטאָן מיכאַלן און זיי האָבן אָנגעהויבן צו גיין צופוס.

— עס איז דאָך אַ מהלך, אַ וויאָרסט פינף. די נאַכט פאַלט־צו.
— מ׳וועט דערגיין. איך וויל נישט פאָרן מיט אַ גוי וואָס צלמט זיך נישט. אַזאַ גוי קען הרגענען מענטשן. מען מוז האָבן אַ גאָט אין האַרצן, מנחם, הערסט וואָס איך זאָג? אַ גאָט אין האַרצן.
זיי גייען איבער געדיכטע, טונקעלע עפּל־סעדער.
מיכאַל איז יונג, הויך, גלי׳ענדיקע ברוינע אויגן איינגעפּאַסטע אין שוואַר־צע רינגען, געדיכטע ברעמען און דער פּעטער עליע נידעריק, קרעמפּ, ברייט־פּלייציק מיט אַ שיטערלעך געקרייזלט געל־גרוי בערדל, מיט אָפּשטייענדיקע הענט און אַ וויגנדיקן גאַנג. אויפן אַקסל הענגט אַ סענקעוואַטער שטעקן און זיינע וואַסערדיקע אויגן לייכטן אין דער טונקלניש.
דער שומר אין סאַד איז פּיוועש. מיכאַל הערט שוין זיין געשריי: — אָהאָ־אָ־אָ!
דאָס איז ווי אַ גמרא־ניגון.
אין שטרוי־ביידל שטייט אַ קליין טישל און דאָס געלעגער איז אַ בינט שטרוי. אַרום ביידל ליגן עפּל וואָס דער ווינט האָט אָפּגעטרייסלט. אַ ווייך־שיכ־רות מאַכט מונטער און מיכאַל איז וואַכיק געוואָרן. ער גייט צווישן די רייען עפּל־ביימער, טרעט אויף די ווייכע גראָזן און איבער אים ליכטיקן רייפע עפּל. אַ מיידלש קול האָט צעשניטן די גרינע שטילקייט. איר קול גיסט זיך ווי עפּל־ווייַן. ער איז איצט ווי אַ הירש און לויפט צום פּריצישן הויף. אַ באָרוועס שיקסל גייט אים אַנטקעגן.
— מ׳האָט מיך געשיקט פון דזשעדזשיצעס הויז נאָך אַ קיישל עפּל. ווו איז דער פאַן פּיוועש?
ביידע זענען געגאַנגען צו דער שטרוי־בודע. דער פּעטער האָט געזאָגט:
— מיכאַל, נעם דאָס קיישל און קלייבט ביידע אָן אַראָפּגעפאַלענע עפּל. איר זאָלט נישט רייסן פון די ביימער! הערסט?
זיי זענען נעלם געוואָרן. ביי אַן אַלטן עפּל־בוים, דאָרט ווו איין צווייג האָט אַראָפּגענידערט ביז די גראָזן און מען וואָלט אים געדאַרפט אונטערשפּאַרן מיט אַ פּאַדפּאָרע, זענען זיי געבליבן שטיין. דאָס קליינע דאָרפס־מיידל האָט זיך איינגעבויגן און אויפגעהויבן אַ גרויסן עפּל און מיט די ציין אים געביסן. מי־כאַל האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בויך, אַרונטערגעקראָכן אונטער דעם צווייג און אָפּערגעשאַרט עפּל. זי האָט געקניט לעבן אים. דער עפּל־זאַפט איז געררו־נען פון די ליפּן, די פינגער אירע זענען פייכט געווען און דאָס צעפּל אויפן האַלדז מיטן רויטן בענדל, האָט זיך צעקניפּט.
— ווי אַזוי רופט מען דיך?

— זאָשקאָ.

ער האָט אָנגענומען די צעפּלאָכטענע האָר. זי האָט זיך אויסגעצויגן לעבן אים און פלינק אַרונטערגעשאַרט אונטערן צווייג. עטלעכע עפּל זענען געפאַלן מיט אַ טויבן געקלאַפּ אויף דער ערד. זאָשקאָ האָט פאַרטייעט געקוקט אויף מיכאַלס ציטערנדיקע ליפּן. זי האָט זיך איינגעקאָרטשעט ווי פון שרעק און אָנגעהויבן צוריקציִען זיך. אַן אויסגעטריקנט ריטל האָט זיך פאַרטשעפּעט אַן איר קליידל און אָפּגעדעקט דעם האַלדז מיט אַן אַקסל. מיכאַל האָט דערזען אויף אַ שוואַרץ בענדל אַ זילבערן צלמל. ער האָט זי איינגעקלעמט אין די אָרעמס מיט אַ יונגלשער תאווה וואָס איז געווען אַזוי רוי און אַזוי אומשולדיק ווי אַ וואַסער־שטראָם ביי די גרעבליעס. זי האָט נישט געשריגן. אים האָבן ווי־געטאָן אירע שטייפע הענט און די שאַרפע נעגל וואָס האָבן זיך איינגעשניטן אין זיין הויט. ער האָט אַמאָל געכאַפּט אַ טורקלטויב און זיך דערמאָנט אַז די וואַרעמקייט פון דער טורקלטויב איז געווען די זעלביקע ווי פון זאָשקען. אויך דעמאָלט האָט די טורקלטויב איינגעשניטן זיין הויט מיט די נעגל און אַ פליגל האָט געפּאַטשט איבערן פּנים. ער האָט געוואָלט ריידן צו איר, דערציילן איר וועגן די רינגען וואָס קלאַמערן אים איין ווען ער ליגט אויף דעם היי אין שטאַל, ער האָט איר געוואָלט זאָגן אַז זי איז שענער ווי די פּאַני מאַריאַ, שענער ווי דאָס טויטע מלאכל סטעפּקאָ, שענער ווי בעלאַ און איר אָטעם איז ווי עפּל־ווייַן. זיינע פינגער האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין אירע פינגער און אַ ווייטיק אַ דערלייזערישער, האָט אים געמאַכט אויפציטערן. ער האָט דערשפּירט אויף זיינע ליפּן דאָס צלמל פון איר האַלדז און עס האָט אים געבריט

— קוש דאָס. קוש דאָס צלמל, דו אומגלייביקער.

אַ וויסטער כעס האָט אים אַרומגעכאַפּט. זיי האָבן זיך געראַנגלט לאַנג און שטום. עפּל זענען געפאַלן. טרוקענע צווייגן האָבן זיך געבראָכן. דער שווערער בידעריקער צוויג האָט זיך צעוויגט און ס'האָט אַ קראַך געטאָן.

— זע נאָר ווי דו זעסט אויס? — דער פעטער עליע קוקט אים אָן פאַרשעריש.

אין דער סאַדזאַווקע האָט מיכאַל געזען די רויטע צייכנס פון זאָשעס נעגל אויף זיין פּנים. דאָס באָרוועסע שיקסל שטייט לעבן דעם ברונעם. זי קוקט נאָך ווי די בריטשקע פון אַלטן עליאַש מיט מיכאַלן ווערט נעלם.

פון טאַטן זענען אָנגעקומען גוטע בריוו. ער האָט געוואָלט אויך אַריבערנעמען מיכאַלן קיין וואַרשע און געשריבן, אַז עס וואָלט בעסער געווען אַז מען

זאָל אַלץ פאַרקויפן און קומען אין דער גרויסער שטאָט אַריין. דאָס האָט מען אָבער נישט געקענט טאָן, ווייל פון עלטער־זיידן איז געבליבן אַ צוואה, אַז די ערד טאָר מען נישט פאַרקויפן. זי מוז בלייבן ביי דער יאָס־משפּחה, און דאָס אויף תמיד. מען מעג פאַרפּאַכטן נאָר אַ טייל פון די אַקער־פעלדער, די לאַנ־קעס און דעם סאָד, נאָר אַ טייל פון גערעטעניש מוז באַקומען די משפּחה אין נאַטור. מען האָט דאָס גערופן „ווימיאַר". אין דער צוואה איז געווען געשריבן: „וואָרעם איך וויל אַז מיינע קינדער און קינדס־קינדער זאָלן עסן די פּירות און דאָס גערעטעניש פון דער דאָזיקער ערד וואָס באַלאַנגט צו אונדז ווייל זי איז דעראָבערט געוואָרן אויף אַן ערלעכן אופן, דורך מיין זיידן, דורך מיין טאַטן און אַ טייל פון פאַרמעגן דורך מיר אַליין. מיר האָבן די ערד נישט אָפּגעקויפט ביי פאַראָרעמטע פּריצים נאָר ביי שוואָבן. מיר האָבן די ערד אויסגעלייזט פון פרעמדע הענט, אַז זי זאָל זיין פּויליש און יידישע הענט זאָלן זי באַאַרבעטן. דער ערשטער אַקער אין פרילינג זאָל געמאַכט ווערן פון מיינעם אַ יורש. ער זאָל אַליין שפּאַנען דאָס פערד. ער זאָל אָנטאָן בעתן אַקערן די ציצה־כנפות אָפן און זיין ראש זאָל זיין פאַרדעקט, און נאָך דעם ווי ער וועט צעאַקערן עטלעכע בראָדזעס, אַרומקרייזן דאָס פעלד, מעג ער דעם אַקער איבערגעבן דעם פּאַ־ראָבעק. אויב עס וועלן צעטיילט ווערן די פעלדער צווישן די קינדער און קינדס־קינדער און אויף איין טייל וועט בלייבן נאָר אַן אשה פון מיין גזע, זאָל אַקערן דער פּאַראָבעק, נאָר איין בראָדזע זאָל זי פירן דאָס פערד. און אַזוי זאָל מען זיך פירן ביזן ווייטסטן דור אַריין. דאָס הויז טאָר נישט פאַרקויפט ווערן, נישט צענומען ווערן. איר זאָלט עס נישט איבערבויען, נאָר פאַרריכטן".

די צוואה איז אָפּגעהיטן געוואָרן. עס האָט קיין רייד נישט געקענט זיין אַז יוטאַ זאָל אַלץ איבערלאָזן און אַוועקפאָרן קיין וואַרשע.

מיכאַלס פאָטער איז געקומען קיין סאָכאַטשין צוזאַמען מיט דער ספר־תורה וואָס עס האָט געלאָזט שרייבן יוטאַס משפּחה.

אין וואַרשע, נישט ווייט פון דער מוראַנאָוו־גאַס, האָט געוווינט אַ באַקאַנ־טער סופר. ביי דעם סופר האָט מען באַשטעלט דעם ספר און זיך אויף משדך געווען. מען האָט אָנגעשלאָגן דעם סופרס זון דער דאָרפישער טאָכטער יוטאַ. כאָטש איסאַק איז שוין געווען אַן אויפגעקלערטער יונגערמאַן, און אין יענע גאַסן, ביי חברים, זענען געלעגן זיינע געפּרעסטע „דאַטשישע" קליידער, וועל־כע ער פלעגט אָנטאָן אין געהיים פאַרן פאָטער אין די שבתדיקע נאָכמיטאָגן און פאַראַדירן מיט זיי אויף נאָווי־שוויאַט, האָט ער זיך צוגעהערט צו די רייד פון שדכן. ווען די דאָרפס־יידן האָבן אָנגעשלאָגן דעם שידוך איז איסאַק גלייך

איינגעגאַנגען אויף דער זעונג. עס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע צו גיין אין פאָלק אַריין. ער וועט קענען טראָגן ליכט אין אַ ווייטן יידישן ישוב. און אַז מען האָט אַראָפּגעבראַכט יוטאַן קיין וואַרשע אויף אַ שטיקל צייט, איז ער אויף אַן אמת פאַרליבט געוואָרן אין איר. ער האָט יוטאַן אַפילו דערציילט דעם סוד פון זיינע „דייטשישע" קליידער און זי אַוועקגעפירט אויף יענע גויישע גאַסן. זיי האָבן פאַראַדירט געאָרעמטע אין די אַלייען. איינמאָל האָט ער יוטאַן מיטגענומען אויף אַ דעמאָנסטראַציע. דאָס איז געווען ס'פינפטע יאָר. יוטאַ איז נישט־ווילנדיק געוואָרן יענעם טאָג ממש אַ העלדין. געשען איז עס אַזוי: ווען די קאָזאַקן האָבן צעטריבן די פוילישע דעמאָנסטראַנטן איז אַ קאָזאַקיש פערד אַרויפגעריטן אויפן המון. איסאַק איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם פערדס פיס און איז געטראָטן געוואָרן פון פערדס פאָדקאָוועס. יוטאַ האָט אַ כאַפּ־געטאָן מיט גרויס געניטשאַפט דאָס פערד ביים ציימל און מיט דער פויסט דערלאַנגט אים צווישן די נאָזדרעס. דאָס פערד האָט זיך געריסן פון אירע הענט. דער קאָזאַק מיט דער צעפאָכעטער שווערד, דערזעענדיק די אומגעווייניטלעך־דרייסטע יונגע פרוי, האָט זיך אַזש איבערגעצלמט. די „בערזע" האָט דערנאָך לאַנג געריעדט וועגן דער העל־האַריקער „חברטע" וואָס האָט איינגעהאַלטן דאָס צע־ווילדעוועטע פערד און אָפּגעראַטעוועט רעוואָלוציאָנערן. אין אָוונט זענען זיי צוריקגעקומען פון שפּאַציר. עס האָט געהייסן, אַז זיי זענען געגאַנגען אויף באָ־ניפראַטן־גאַס, צו די ציטאַדעלעס און צוריק.

די חתונה איז פאָרגעקומען אין אַ וואַרשעווער סאַליע מיט אַ מאַרשאַליק, מיט דרשה־געשאַנק, מיט אַ יידישער קאַפּעליע. עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט, ווי דער מאַרשאַליק האָט דאָס אַליין געזאָגט: זעמל־מעל און קאָרן־מעל. און רבותי, שטאַמען שטאַמט דאָך דאָס פון איין און דער זעלבער ערד, פון איין און דעם זעלביקן גאָט איז עס געבענטשט.

איסאַק האָט הנאה געהאַט פון דעם וואָס עס קומט איצט פאָר אין דעם חתונה־זאַל אויף גענשע־גאַס. עס איז דאָך ממש אַ יידישע קאָפּיע פון וויס־פיאַנסקיס „וועסעליע". ער האָט די פאָרשטעלונג געזען אין גרויסן פוילישן טעאַטער. דאָרט האָט זיך משדך געווען אַ פוילישער אינטעליגענט, אַ פּאָעט מיט אַ דאָרפישער טאָכטער. צעטיילט האָט זיי נישט נאָר דער שטאַנד, נאָר אויך בלוט וואָס דער כלהס עלטערן האָבן פאַרגאָסן פון די פריצים די שליאַכ־טשיצעס. איסאַק גייט צום פאָלק...

דער חתונה־זאַל איז איבערגעפולט געווען מיט זיינע חברים: יונגעלייט־לעך מיט שטייפע קראַגנס. דאָס זענען אָנגעשטעלטע אין די שניט־קראָמען,

אינטעליגענץ, אַקטיאָרן פון קאַמינסקי־טעאַטער אויף באַניפראַטן, אַ שרייבער מיט אַ פעלערינע, פאַרבאַהאַלטענע רעוואָלוציאָנערן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז געקומען קיווע קאָפּ מיט דער אַלטער קאַטש און אַהיימגעפירט אין שטעטל אַריין יוטאַן מיט איר גרויסשטאָטישן מאַן. אין דער זעלבער קאַטש האָט מען אויך געפירט דעם נייעם ספר וואָס עס האָט געשריבן צוויי יאָר צייט דער סופר.

דער פעטער עליע פלעגט זאָגן: מיר זענען רייך געוואָרן מיט צוויי הייליקע ספרים. נאָר איין ספר האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פסול... און דו, יוטאַ, אַנשטאָט צו קושן דעם כשרן ספר... אוי ס'איז אַ זינד...

— עס איז נישט קיין ספר־תורה — האָט קיווע געזאָגט — דאָס איז בלויז אַ מענטעלע. אינעווייניק איז גאָרנישט דאָ. אַז מען וויקלט עס אויף זעט מען אַז ס'איז עפּעס געשריבן נאָר אויף אַ גוי׳יש לשון...

די ערשטע יאָרן האָט דער גרויסשטאָטישער איסאַק זיך געוואָלט אויסמישן מיטן פאָלק. ער האָט אויסגעשריבן צייטונגען און ביכלעך, פאַרגעלייענט זיי פאַר די שוואָגערס, פאַר די דאָרפס־יונגעלייט. ער האָט זיי געלערנט לייענען און שרייבן. זיי האָבן זיך געזאַמלט אין די פאַרנאַכטן אין דער גרויסער שטוב, געקנאַקט באַניעקערן, געגלעט די כאַליאָוועס פון די שטיוול, געריבן זיך האַנט אָן האַנט, אַרויסלאָזנדיק דערביי פאַרשטיקטע קרעכצן ווי די וואָסערן ביי די דאַמבעס. עס איז זיי נמאס געוואָרן צו הערן די „געלערנטע רייד" וועגן דער ערד וואָס דרייט זיך אַרום דער זון, וועגן די שטערן וואָס זענען אויך פּלאַנעטן, גרעסער ווי אונדזער ערד. צווישן זיך האָבן די יונגען געחוזקט פון גרויסשטאָטישן „יאָלד". ווען סורטשע, די נייטאָרין, איז אַראָפּ פון זינען, ווייל אַ דאָרפס־יונג איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע און זי איבערגעלאָזן מיט אַ בויך, האָט זי אין איר שגעון אויסגעלאָזן דעם כעס צום פרעמדן יונגן־מאַן איסאַק. זי האָט יעדע נאַכט געקלאַפּט אין די לאָדנס פון זיין שטוב און געשריגן: יידן, די וועלט דרייט זיך, אַזוי זאָגט איסאַק! די וועלט דרייט זיך!

מיכאַל האָט זיך נישט איין מאָל געוועקט פון שלאָף און געהערט דער נייטאָרינס רופן אין דער נאַכט. עס פלעגט זיך איבערחזרן נאַכט נאָך נאַכט אַ גאַנצן האַרבסט.

ווען די יונגען האָבן אויפגעהערט קומען איז איסאַק נישט געוואָרן געפאַלן ביי זיך. ער האָט געשפּאַצירט אין די פאַרטאָגן איבער די וועגן און שטעגן אַרום סאָכאַטשין. זיך אויפגעכאַפּט ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, ווען די טוי־נעפּלען זענען נאָך געלעגן אויף די פעלדער און די וואָלקנס האָבן

זיך אָנגעטרונקען אין טייך. ער האָט געזען ווי די פּויערים טרייבן אַרויס די פּי, ווי זיי פּענטען־אויף די פערד אויף די לאָנקעס נאָך דער נאַכט־פּאַשע. טייל מאָל פלעגט ער זיך אָפּשטעלן פאַר די קאָרנפעלדער, אָננעמען אַ זאַנג און צו זיך אַליין שטיל ריידן: „או־וואַ, ס'אַראַ שיינע גערעטעניש". ער האָט געפילט דאָס וואַקסן פון די גראָזן און פון די זאַנגען. אַנשטאָט מיט דעם דאָרפס־מענטש איז ער נאָענט געוואָרן מיט דעם פעלד און מיט גאָטס פלאַנצן און צו זיי האָט ער געזונגען מיט אַ קוים־קוים דערהערטן ניגון זיינע הימנען וואָס האָבן נישט גע־האַט קיין ווערטער און נישט קיין קלאַנגען. זיי זענען צוזאַמענגעגאָסן געוואָרן מיט דעם מילדן פאַרטאָגיקן ווינט און גראָזן־געשעפּטש. און דער ניגון האָט זיך באַהאָפטן מיט דער וועלט ווי עס באַהעפט זיך דער הימל מיטן האָריזאָנט.

מיכאַל געדענקט די פאַרטאָגיקע שפּאַצירן מיטן טאַטן. דעמאָלט האָט ער זיך אויסגעלערנט זען די וועלט. נישט נאָר די געוועלבטע הימלען נאָר אַפילו דאָס קלענסטע גרעזעלע וואָס אַ פּויערישער וואָגן האָט צעטראָטן מיט די רע־דער, זען אַן אָפּגעבראָכן צווייגל פון וועלכן עס טריפט נאָך פרישער בוים־זאַפט אַזוי ווי טרערן. דער טאַטע איז געשטאַנען ביי אַזאַ אָפּגעבראָכן צווייגל, פאַרקנופּט עס, אויסגעגלייכט אַ צעטראָטן פעלד־בלימל און זיין שטילער ניגון איז באַהאָפטן געוואָרן מיט דעם וואָס איז אייביק — מיט דער ערד.

טייל מאָל פלעגט דער טאַטע אַוועקלייגן אויף דער האַנטפלאַך אַ בלאַט פון אַ בוים און זאָגן: ווי שיין עס איז די וועלט. געחידושט האָט זיך מיכאַל וואָס די שיינקייט פון דער וועלט אַנטפּלעקט זיין פאָטער אין אַלעם וואָס ער זעט נאָר, אַפילו אין אַ בלאַט אַ פאַרגעלטן פון אַ טאָפּאָליע.

אין די יאַריד־טעג וואָס זענען פאָרגעקומען יעדן דאָנערשטיק האָט זיך מיכאַל אַרומגעדרייט צווישן די פּויערישע פורמאַנקעס, זיך צוגעקוקט צו די פערד־הענדלער בעת מען פּרוווט אויס אַ קאָבילע ווי אַזוי זי לויפט. ער האָט געזען דעם צעטומלטן און אומרויִקן פּויער מיט זיין ווייב, מיט אַ שכן און קע־גנאַיבער אים, דער געניטער סוחר, ווי זיי קלאַפּן זיך אין די דלאָניעס. עמיצער האָט אויפגעריסן דעם פערדס מאָרדע, געקוקט אויף די ציין, געציילט זיי, שטויסנדיק דערביי דאָס פערד מיט דער קני צווישן די פאָדערשטע פיס, דער־נאָך האָט זיך דער פּויער געווישט די הענט פון שוים, געשפּיגן מיט רוגזה, אַרויסגעצויגן פון בוזעם אַ דיק־אָנגעשטאָפּטן בייטל פון קאַלב־פעל.

צווישן די פּויערים אויפן יאַריד האָט מיכאַל געזען באַקאַנטע, וואָס זע־נען נישט איין מאָל פאַרפאָרן אין זיין הויף. אויף די וועגענער, אויסגעבעטע מיט היי, מיט שטרוי, זענען געזעסן שיקסעס. עס האָט געשמעקט פון זיי מיט

אויבסט, מיט מילך, מיט פערד־שוויס, מיטן ריח פון חזרים. הייזעריקע געשרייען. אַ בלינדער בעטלער זינגט אַ ליד וועגן אַ קשאַנדז וואָס איז דערשטאָכן געוואָרן פון שוויענטאָ־קראַדן אויפן אַלטאַר, ווי אַזוי מען האָט זיי אַלעמען געכאַפּט און אין קייטן געשמידט. עס איז אַ לאַנג און אויסגעצויגן ליד וואָס דאָס אויסזינגען עס דויערט צוויי שעה. עס הייבט זיך אָן אַזוי: „אין דער שטאָט פּולטוסק, ווו עס וווינען קריסטן געהייליקטע איז דער אַלטאַר אין קאָשטשיאָל באַשפּריצט געוואָרן מיט הייליק בלוט. יעזוס כריסטאָס איז פון קזשיש אַראָפּ... הערט אויס קריסטן דאָס דאָזיקע ליד, ווייל עס וועט זיין אַ לערע פאַר אייך און אייערע פּאָקאָלעניעס, אָמען".

אַ קאַטערינקע וויינט. אַ פּאַפּוגיי ציט קוויטלעך. קונצנמאַכער שפּרינגען דורך פייערדיקע רעדער און אַ פּויקער פּויקט, דרייט זיך און קלאַפּט מיט די טאַצן, אַ קליין באָרוועס מיידעלע גייט אַרום מיט אַ טיכל און אַלע וואַרפן דאָרט אַריין קופּערנע גראָשנס.

מען האָט געכאַפּט אַ יאַריד־גנב. עס איז אַן אָנלויף. פּויערים האַלטן אַ פאַרבלוטיקטן יונג און מען דערלאַנגט אים קלעפּ. אַ שיכור ליגט אין רינשטאָק און זינגט: אוי־דאַנאַ־דאַנאַ־דאַנאַ... מיט אַמאָל האָבן זיך צעקלונגען די קלויסטער־גלאָקן. פּויערים פאַרריכטן דעם געשפּאַן, טוען־אָן די ציימלעך אויף פערדישע מאָרדעס, פאַרקניפּן די קלאַניצעס און פאָרן צוריק צו זייערע היימען.

אין איינעם פון די יאַריד־טעג האָט מיכאַל געזען אַ בעטלער וואָס האָט געהאַלטן אויף די הענט אַ קליין מיידעלע מיט פאַרבונדענע אויגן. זי האָט הויך געוויינט. אירע קולות האָבן זיך געטראָגן איבערן מאַרק, אויסגעמישט זיך מיט דעם הירזשעריי פון פערד און זיך יעדע רגע באַנייט. דאָס טוך אַרום די אויגן איז געווען שמוציק. דער בעטלער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביים קלויסטער־טויער. די פּויערטעס האָבן געוואָרפן קליינגעלט אין אַ פּוטערן היטל וואָס איז געלעגן ביים בעטלערס פיס. דורך דעם מאַרק איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען דער פעלדשער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אויף דעם יאָמערדיקן מיידעלע און געפרעגט: וואָס איז דעם קינד? עס האָט קראַנקע אויגן — האָט אויסגעקרעכצט דער בעטלער.

געשען איז עס פּלוצים. דער פעלדשער האָט אַ ריס־געטאָן דאָס טוך פון מיידלס אויגן און מיכאַל האָט דערזען צוויי גרויסע שפּינען, שוואַרץ־גרויע, וואָס זענען אַרויסגעקראָכן פון קינדס אויגן־ווינקלען און אַראָפּגעלאָזט זיך אויף שפּינפעדעם צו דער ערד.

לאַנגע נעכט האָט ער אין די חלומות געזען די שפּינען און געהערט דאָס געוויין פון מיידעלע אויפן יאַריד ביים קלויסטער־טויער.

די מומע וויכנע האָט אים שוין מער נישט געכאַפּט אין די אָרעמס אַריין און געדריקט צום הייסן לייב. זי האָט געקוקט אויף מיכאַלן ווי אויף אַ דער־וואַקסן יינגל און מיט באַדויערן געזאָגט: — דו ביסט שוין באַלד אַ חתן־בחור, אַ גאַנצער מאַנספּאַרשוין.

קיווּעס טאַכטער איז לענגער געבליבן אין שטאַל און געוואַרט אַז מיכאַל זאָל צוקומען צו דער שטאַל־טיר. און אַז ברײַנע האָט נישט געהערט מיכאַלס קול איז זי אין כעס געוואָרן אויף דער בהמה, געשטויסן זי מיט רוגזה, גע־צויגן מיט אַלע כוחות די אייטער־וואָרצלען.

מיכאַלן איז באַפאַלן אַ שעמעוודיקייט און צוריקגעהאַלטנקייט. ער האָט אויסגעזוכט צווישן טאַטנס ביכער אַלערליי רייזע־באַשרייבונגען און זיי גע־לייענט אויפן היי־בוידעם.

אין די נעכט האָט ער געוועבט, וואַכעדיקערהייט, זיינע חלומות. אין פּע־טער עליעס סעדער. די שטרוי־בודע. דער ריח פון עפּל. קיווּעס טאָכטער ווייַנט אין שטאַל. ביים טייך לויפן אַרום רוסאַלקעס. דער פּריץ פון גוטאַזשעוואַ רייט אויף אַ שוימיקן פערד. עס איז ביינאַכט. די מאַמע שטייט ביי דער טיר מיט דער נאַפט־לאָמפּ. קיווּע קאָפּס שיקסע, די רוסאַלקע, לויפט אַ נאַקעטע איבערן מאַרק. עס איז שבת און די יידן גייען פון שול. זי כאַפּט־אָן קיווּען פאַר די הענט. איך האָב דיך אָפּגעפונען! אַן אַנלויף, געשרייען. קליפּה, גיי צוריק אין דיין רו אַריין! זעט וואָס קיווּע קאָפּ האָט אָפּגעטאָן! קיווּעס טאָכטער, ברײַנע, קען נישט איבערטראָגן די שאַנדע פון איר טאַטן. זי לויפט צום טייך זיך טרינקען. קיי־נעם אַרט נישט איר געוויין, קיינער קוקט זיך נישט אום אויף איר. נאָר איין מיכאַל לויפט איר נאָך. אָט איז שוין דאָס קעסל־גרוב. ברײַנע שפּרינגט אַריין אין וואַסער. הונדערטער רינגען וויקלען זי אַרום. ער זעט בלויז אירע האָר און מיט איין שפּרונג איז ער אין טייך, ער לאָזט זיך אַראָפּ ביזן דנאָ און שווימט אַרויס מיט דער דערטרונקענער צום ברעג. אַ פולע לבנה. זי ליגט אויסגע־צויגן ביים ברעג און די כוואַליעס וואַשן אירע ווייסע פיס. ברײַנע דערוואַכט. זי האָט נישט קיין קליידער. איר קערפּער ליכטיקט. זי איז שיין. אַ כמאַרע איז אַרויפגעשווומען אויף דער לבנה און זי פאַרדעקט. עס ווערט פינצטער און אין דער פינצטערניש איז עס געשען. — — —

צומאָרגנס שאַרט ער זיך ביי דער שטאַל־וואַנט. ברײַנע גייט פאַרביי מיט אַ פולן עמער מילך. קיווּע קוקט אויף מיכאַלן מיט חשד, בייזלעך. באַלד וועט ער אים פרעגן: מיכאַל, וואָס האָסטו אָפּגעטאָן נעכטן ביינאַכט, ווען עס איז פינצטער געוואָרן מיט מיין טאָכטער? געדענקסט, ווען זי איז געלעגן אַ דער־טרונקענע ביים ברעג און דער וואָלקן איז אַרויפגעשווומען אויף דער לבנה?

וואָס וועט אים מיכאַל ענטפערן? איז עס טאַקע געווען אַ חלום אָדער דאָס איז אַן אמת? די מומע וויכנע סודעט זיך מיט דער מאַמען. דאָס דערציילט זי מי־כאַלס נעכטיקן חלום. ער קען שוין נישט אָפּטיילן חלום פון וואָר. עס דאַכט זיך אים אַז אַלץ איז אַנטפּלעקט געוואָרן, אַלע זיינע נאַכט־זעונגען. זיין פּנים איז ווי דאָס אָפענע ציפערבלאַט פון גרויסן זייגער אויפן קאָשטשיאָל. אַ רויט־קייט שלאָגט אַרויס דורך זיינע הויטן. ער וויל אַנטלויפן אויף שיפן מיט אָנ־געצויגענע זעגלען, לאָזן זיך מיט די באַרימטע ים־פאָרער וואָס שווימען אַרויס פון פאָרטוגעזישע האַפנס קיין אינדיע. ער וועט אַרומקרייזן גאַנץ אַפריקע, אָפּ־שטעלן זיך אויפן שוואַרצן וועלט־טייל, אַריינשווימען אין אינדישן אָקעאַן. ער וועט אויפן וועג באַזוכן אַראַבישע מדינות. צווישן די שיפספאָרער געפינט זיך אַ ייִד, ער שטאַמט פון דער שטאָט פלאָצק. דאָס איז דער מענטש וואָס צייכנט די מאַפּע פון וועגן, דער וואָס רעכנט־אויס די מיילן און קען ריידן אויף פאַר־שיידענע לשונות. פלאָצק געפינט זיך פופציק וויאָרסט פון דאַנען. מיכאַל קען פלאָצק. ער דערקענט יעדעס געסל פון דער שיינער שטאָט מיט די אַלטע טור־רעמס. איך בין דער ייִד פון פלאָצק וואָס שווימט מיט דעם פאָרטוגעזישן ים־פאָרער. אָט זענען די פאַרמעטענע מגילות; דאָס זענען מיינע וועג־צייכענונגען. איך שווים איצט צוואַנציק ים־קנופּ... אַ ווינט פון דרום־מזרח... וואַסקאָ דע גאַמאַ עצהט זיך מיט מיר... איך צעוויקל דעם פאַרמעט... פינף חדשים בלויז אין איין זייט... היינט הייבן מיר אויף דעם אַנקער... עס איז אַ שטילער טאָג אויפן ים. אַ זעלטן שטילער טאָג. עס פייפן שוין די שיפס־סירענעס. די זעג־לען זענען אָנגעצויגן... איך וועל שרייבן צו אייך פון יעדן האַפן — — —

ביינאַכט האָט מיכאַל אויפגעקייטלט די טיר און איז אַוועק צום טייך. דאָס פישער־שיפל איז צוגעבונדן צו אַן אַלטער ווערבע. אין די בלושטשן, אויף יע־נער זייט ברעג, קוואַקעט אַ ראָפּוכע. עס ענטפערן איר אָפּ זשאַבעס פון דער זאַסטאַווע ביי דער מיל. די לבנה איז פאַרנעפּלט. אַ געפענטעט פערד היפּעט איבער די לאָנקעס און אַ קלאַפּעריי פון פערדישע פּאָדקאָווען וועקט דעם שטילן טייך. נישט ווייט פליעסקעט־אויף אַ פיש. דער טייך איז רויִק ווייל דער מיל־נער האָט פאַרשטעלט אַלע טאַמעס. — — — מיכאַל איז אַליין אויף אַן אומ־באַקאַנטן אינדזל. באַלד וועלן קומען די שליחים פון שוואַרצע שבטים און אָוועקפירן אים צו זייער מלך. פאַרוואָס זעט מען נישט די פלינקע שוואַרצע שיפלעך וואָס לויפן אויף די וואַסערן אַזוי ווי די אַרויסגעשאָסענע פיילן? אַז זיין זעגלשיף וועט אָנקומען מיט די אָנגעצויגענע לייוונטן, וועט ער שווימען קיין אינדיע ווו אויף די מערק האַנדלט מען מיט צימרינג און פּסומים. — —

דאָס געפענטעטע פערד איז צוגעקומען גאָר נאָענט. ער גלעט דעם פערדס

קאַרק. דאָס וואַרעמע צוקן פון דער פעל גיט זיך אים איבער. מיכאַל דערוואַכט. אַ גאָט־געבענטשטע שטילקייט. דרימלענדיקע נאַכט־ווייטן. אַ בלאַנדזשענדיק פייערל אויף דעם באַטשנעם וועגל. דאָס פאַרט אַ באַלעגאָלע און צום וואָגן איז צוגעבונדן אַ לאַמטערן.

די מאַמע שלאָפט. מיכאַל צינדט־אָן אַ קליין ליכטל. ער בלעטערט אַלטע ספרים. צווישן טונקעלע טאָוולען האָט ער געפונען נישט־באַשריבענע בלעטער. ער צייכנט. דאָס זענען האַסטיקע, אָפּגעריסענע שטריכן. אָ, גאָט! עס ווערט פון זיי אַ וואַלד. דער טייך קרייזט אַרום פּאַשע־לאַנקעס. דאָס צוגעבונדענע שיפל צום אַלטן בוים. דאָס געפּענטעטע פערד. אָנגעצויגענע מאַסטן אויף אַ זעגלשיף. צעשטורעמטע ימען...

אַ שטומע פרייד האָט אים אַרומגענומען ווען ער האָט דערזען זיינע אייגענע צייכענונגען. מיכאַל האָט צוגעלייגט די ליפּן צום פּאַפּיר און באַרירט עס כדי צו פילן דעם ריח און דעם טעם פון אָט דער ווייטקייט וואָס שפּרייט זיך פאַר אים, אַ געדולדיקע ווייטקייט, וואָס איז גוט צו אים, וואָס לאָקט אים, וואָס אַנטפּלעקט אים פאַרבאָרגענע סודות. ער האָט אָנגעהויבן צו זען די וועלט אַנדערש ווי ער האָט זי געזען פריִער. ער האָט דערזען דעם אונטערשייד פון קאָשטשיאָל אין די פאַרשיידענע צייטן פון טאָג, ווען די זון גייט אויף פון היבטער דעם ציגל־דאַך, ווען דער אָוונט פאַלט־צו און אין דער נאַכט.

ער האָט אונטערשיידט דעם טייך־שפּיגל וואָס צווישן די ווערבעס ווען זיי בייגן זיך איבער די וואַסערן און דער אומרויִקער וואַסער־טונקלקייט ביי די פאַרמאַכטע שליוזן לעבן מיל. ער האָט געקוקט אויף די צעשפּרייטע סטאַדעס פּי איבער די לאָנקעס; דעם וואַרעמען ברוין פון די פעלן, די ווייסע פלעקן פון זייערע רוקנס און דאָס קופּער פון אויסגעטראָטענעם ליים־שליאַך ווו עס גייען אין די מיטאָג־שעהען די פּי אַנטרינקען זיך ביים פלאַכן טייך־ברעג. ער איז געזעסן אויפן פישער־שיפל. געזען דעם שפּיל פון כוואַליעס, שאָטנס פון קי אין טייך. טייל מאָל האָט ער זיך איינגעקוקט אין פּנימער פון נאָענטע מענטשן און עס איז אים אויסגעקומען אַז ביז איצט האָט ער זיי בכלל נישט געזען אַזוי ווי ער זעט זיי אין דער רגע.

די ערשטע וואָס האָט אַנטדעקט מיכאַלס צייכענונגען איז געווען די פּאַני מאַריאַ.

— דו וועסט אויסוואַקסן אַ מאָלער. איך האָב געוווּסט אַז אין איינעם אַ טאָג וועסטו אונדז מיט עפּעס איבערראַשן. דו וועסט ווערן אַזוי באַרימט ווי

דער מאָלער פון קראָקע, מאַוריצי גאָטליב. ער האָט געמאַכט מיינס אַ פּאָר־טרעט. אויך ער איז פון אַלט־גלוביקן פאָלק.

אין איינעם אַ זונטיק האָט די פּאַני מאַריאַ געבראַכט מיכאַלן אַ מתנה: אַ גרויס שאַכטל מיט פאַרבן. — וועסטו וויסן ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט די פאַרבן? זאָג, מיכאַל! אָ, דו ווייסט וויסן. דו ביסט שוין גרויס.

די פּאַני מאַריאַ האָט געגלעט זיינע שוואַרצע האָר און פאַרהאַלטן די פינ־גער ביי זיינע שלייפן. אים האָט זיך געדאַכט אַז דאָס שלאָגן פון די אָדערן האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דער ריח פון אירע הענט, דער סאַמעט פון איר קול און דער געשאָרך פון זייד איז אים געווען ניי. אירע פּריצישע צימערן זענען פול מיט געמעלן. אים דאַכט זיך אַז דער וואָל אירער, וואָס פאַרדעקט דאָס פּנים ביז דער העלפט און עס טונקלען אַרויס פּיאָלעטע פינטעלעך, באַוועגלעכע אויף דעם דורכזיכטיקן זייד, איז אָנגעשווומען פון אַ ווייטער פאַרנאַכטיקער לאָנקע. זיי האָבן געלויכטן מיט זייער פּיאָלעט־טונקלניש, ווייל עס האָט זיי באַשיינט דאָס ליכט פון איר הויט. מיכאַל האָט גענומען איר האַנט, פאַרנייגט זיך און אַ קוש געטאָן. — אַ דאַנק, פּאַני מאַריאַ, אַ דאַנק פאַר דער מתנה.

— יוטאַ, איך קען שווערן ביים הייליקן, אַז אין מיכאַלן רינט פּריציש בלוט. ער פירט זיך אויף ווי אַ שליאַכטשיטס אַ זון...

ער האָט נאָכגעקוקט איר בריטשקע ביז זי איז פאַרשוווּנדן. אין אַ צייט שפּעטער האָט מיכאַל אָנגעהויבן לערנען מאָלעריי ביי אַן אַלטן רוס, אַ פריינד פון דער פּאַני מאַריאַ, אַ שיכור. ער האָט אים געלערנט דעם סוד פון מישן אייל־פאַרב. דאָס איז געווען אַן אָרעמער לעשניאַק פון רוסישן אָפּשטאַם, אַ גע־וועזענער פאַרשיקטער.

אויפן וועג קיין גוטאַזשעוואַ, אין אַ פאַרוואָרלאָזט וואַלד־שטיבל האָט גע־וווינט דער אַלטער מאָלער סערגיי קריזשאַנאָווסקי.

קרומע ווענט באַהאָנגענע מיט טונקעלע לייוונטן, אָן ראָמען, זיי האָבן זיך געוויקלט ווי די מגילות און פון אַ חשכות אַרויס האָט מען געזען פּרויען ביי שוואַרצע שפּיגלען, דורכגעשאָסענע ווילדפייגל אויף דעמבענע טישן, בריקן איבער נאַכטיקע טייכן, אַן איינזאַמער מענטש מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער וואָס גייט אַנטקעגן אַ שטורעם. פאַרשנייטע פעלדער אין דער נאַכט און אַ גרופּע מענטשן צוגעטוליעטע צו זיך, באַוואַכטע פון זשאַנדאַרן.

מיכאַל איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר, געקוקט אויפן רוקן פון אַלטן, איבערגעבויגענעם סערגיי, געזען די יאַגד־ביקסן אויף דער וואַנט לעבן בעט, די ליידיקע שטייג וואָס האָט פאַרנומען כמעט דאָס גאַנצע פענצטער. דער

אַלטער האָט זיך צעהוסט, דערנאָך צוגעלייגט אַ האַנט צום אויער און הייזעריק עפּעס געזאָגט.

מיכאַל האָט אים נישט פאַרשטאַנען.

— די פּאַני מאַריאַ האָט מיך געשיקט.

— די פּאַני מאַריאַ?

ער האָט זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען, זיינע רויט־אָנגעדראָלענע אָדערן אויפן פּנים האָבן געציטערט. דער זקן האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגע־שטרעקט ביידע הענט. ערשט איצט האָט מיכאַל דערזען אַז ער איז גרויס, גרייכט ביזן סופיט. די פינגער טרוקן, ברוין ביי די שפּיצן ווי צוגעסמאָליעטע.

מיכאַל האָט געוויזן זיינע צייכענונגען.

— לאַדנאָ, לאַדנאָ. אַ גוטער אָנהייב. איך וועל דיך לערנען מישן פאַרבן. עס עקזיסטירן נישט אויף דער וועלט קיין רויע פאַרבן. די רויע פאַרבן האָבן אויסגעטראַכט פאַרגרעבטע מענטשן. אַפילו מענטשלעך בלוט איז נישט רויט. אָהאָ, איך האָב געזען בלוט אויף שניי, בלוט אויף זאַמד אין די מדבריות פון ווייטן אָריענט. ניין, עס איז נישט רויט. דאָס זענען רעגנבויגן־שפּליטערס. דער רעגנבויגן וואָס דערהייבט זיך ווי אַן אָנזאָג פון זינד, ווי אַ פאַראוואָרף צו די מענטשן: איר האָט געזינדיקט...

דער אַלטער האָט געפּרוווט אויסגלייכן אַ האַלב־פאַרוויקלטן לייוונט וואָס איז נאָר אויבן געווען צוגעפּעסטיקט צו דער וואַנט און די אונטערשטע טייל פאַרוויקלט. ער האָט מיט דער האַנט געגלעט דאָס בילד. עס האָט זיך אַנט־פּלעקט אַ פרוי ביים שפּיגל, איצט האָט מיכאַל דערזען אַז דאָס איז נישט קיין שוואַרצער שפּיגל נאָר אַ גרויס פענצטער אין דער נאַכט אַריין. ערגעץ גייט שוין אויף אַ ליכט.

סערגייען איז נמאס געוואָרן צו האַלטן לאַנג די האַנט אויפן ראַנד פון לייוונט און אַז ער האָט זי אַוועקגענומען, איז דאָס בילד פאַררואָלט געוואָרן פון זיך אַליין ביז צום האַלדז פון דער פרוי.

— האָסט זיך איבערגעשראָקן, מאַלאַדאַי טשעלאָוויעק? עס איז אפשר צו־פרי צו רעדן מיט דיר וועגן די אמתע קאָלירן פון בלוט? האָסט נאָך אַ לאַנגן וועג דורכצומאַכן. וועסט אַלץ אַליין זען. געדענק, עס עקזיסטירן נישט קיין רויטע פאַרבן.. זיי זענען נאָר אויף די פאַלשע פּענער... זיי זענען אַזוי פרעך און אַזוי רוי ווי די הערשער. מיר וועלן אַלע פאַרבן אויסמישן. ניין נישט אַלע. מען מוז וויסן וועלכע און ווי אַזוי. לערן זיך ביי די פעלדער, ביי די לאָנקעס, ביי די וועלדער. לערן זיך ביים פאַרוועלקטן בלאַט פון אָט דעם בוים וואָס קוקט אַריין אין פענצטער, וועסט זען אַז ער איז שענער, רייכער ווי דער נישטיקער פאַן

וואָס פלאַטערט אין די פּאַראַד־טעג. נישט נאָר אויגן דאַרפסטו האָבן — נאָר אַ האַרץ. דאַרפסט אַלץ אָפּפילן מיט די פינגער־שפּיצן. ווייז מיר דיינע הענט.

מיכאַל האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט.

— קום צום פענצטער.

אַ געדיכטער צווייג פון אַ קאַשטאַן־בוים האָט דורכגעזופּט די שיין פון טאָג און געשפּרייט אַ דורכזעעוודיקן גרינעם שאָטן.

— מאָלעריי איז הייליק, הייליק! — האָט אויסגערופן דער אַלטער. — איר ייִדן האָלט נישט פון מאָלעריי. אַ שאָד. איך בין אַ גלייביקער און וועל דיך דערפאַר נישט לערנען קלעפּן געטער און נישט צייכענען געטער — נאָר איך וועל דיך לערנען דעם סוד פון פאַרב. ייִדן האָבן ליב נאָר איין פאַרב: גרוי. אמתער גרוי האָט אין זיך די מיסטעריע פון קבלה. זי האָט אין זיך דעם סוד פון אַלע פאַרבן. עס ווענדט זיך נאָר אין מענטש וואָס זאָל דאָס קענען דערזען. איין נייג — און דער גרוי ווערט שוואַרץ. איין טריט פון גרוי — און עס הייבן זיך אָן אויסשיילן פאַרבאַרגענע וועלטן. ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט — האָט ער זי געפורעמט פון גרוי. און דו זעסט וואָס ער האָט באַשאַפן? קוק אַרויס פון פענצטער! צעשטער דאָס נישט, ייִנגער מענטש! לערן זיך נישט פון די וואָס טראָגן רויע, נאַקעטע פענער און דער בלינדער המון יובלט! — — —

צוויי מאָל אין דער וואָך איז מיכאַל געקומען צום מאָלער סערגיי. איין מאָל, ווען דער אַלטער איז געווען שיכור האָט ער זיך צערעדט:

— די וועלט האָט פאַרגעסן אַז סערגיי לעבט ערגעץ ביי פּאָליאַקן און איז אַ היטער פון וועלדער. דו ביסט דער איינציקער וואָס דערמאָנט מיך איצט אַז איך בין אַ „כודאָזשניק", אַ פאַרבן־מישער... פאַרגעס נישט, מיכאַל, ווען דו וועסט קומען אין דער וועלט אַריין און דו וועסט דערזען עכטע מאָלער, זאָג זיי אַז אויפן וועג קיין גוטאַזשעוואָ האָט געלעבט אַן אומגליקלעכער, אָרעמער רוס מיטן נאָמען סערגיי.

פון אַן אייזערן־באַשלאָגענעם קעסטל האָט ער אַרויסגענומען אַ פאַר־וויקלטן ראָל לייוונט און פּאַמעלעך גענומען אויפוויקלען דאָס בילד. עס איז געווען אַ פּרויען־אַקט וואָס האָט פאַרנומען כמעט די גאַנצע פּאָדערשטע וואַנט.

דער אַלטער האָט דאָס בילד צוגעפּעסטיקט צו דער וואַנט און האַסטיק אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ ווי ער וואָלט געוואָלט מיכאַלן כאַפּן אויף דער הייסער רגע.

די אומגעריכטע אַנטפּלעקונג פון נאַקעטן פרויען־קערפּער איז געווען

פֿאַר מיכאַלן ווי אַ בליץ וואָס מאַכט נישט ליכטיק, נאָר פֿאַרבלענדט. ער האָט זיך אָנגעהויבן צוריקצוציִען ביז דער וואַנט.

— דאָס ליכט פֿאַלט גוט? איך זע אַז דו פֿאַרשטייסט שוין די באַדייטונג פֿון ליכט.

דאָס איז געווען ס'ערשטע מאָל ווי מיכאַל זעט אַ פֿרויען־קערפּער.

פֿרויען־לייב און גרינער פּלוש פֿון אַ נאַכלאַזיק־צעשפּרייטן פּלעד. ליכט־שיין וואָס דרינגט אַריין דורך אַ שלייער פֿון לופטיקע גאַרדינען.

פֿאַר אים זענען אָבער אַלע פֿאַרבן פֿאַרלאָשן געוואָרן. ער האָט נאָר געזען לייב, געוואָלט אַריינגעמען מיט איין מאָל די דאַזיקע זעאונג, אַרומנעמען מיט זיין בליק דעם ליכטיקן שטערן און די פֿינגער־שפּיצן פֿון אירע פֿיס. ער האָט געפֿילט אַ פֿרייד. די פֿרייד איז געווען אַ זינלעכע און ער האָט זי געשפּירט אין זיינע גלידער.

דעם טאָג איז גאַרנישט אַרויסגעקומען פֿון דעם פֿאַרבן־געמיש, עפּעס אַן אומריינער גרוי מיט אַ ברוין. אויף להכעיס, האָבן זיך אַריינבאַקומען רויטע פֿלעקן, נאַקעטע, פּרעכע אַזש סערגייִ איז אויפֿגעשפּרונגען אַ בייזער.

— רייניק־אָפּ דעם שמוץ וואָס בושעוועט אויף דיין פֿאַלעטע. דאָס איז די אומריינקייט וואָס שלאָגט פֿון דיר אַרויס. איך קען נישט זען דעם העס־לעכן רויט. אַ זומפּ איז געוואָרן דיין פֿאַרבן־געמיש, אַ באַגנע באַדעקט מיט שליים. רייס־אויף דעם שליים, דו נאַריש יִנגל!...

און אין אַ רגע שפּעטער האָט ער געפֿרעגט רויִק:

— ווי אַלט ביסטו?

— פֿופֿצן יאָר.

— עס איז צו פֿרי אַז זאָלסט שיכור ווערן פֿון אַט דעם — און ער האָט אָנגעוויזן אויפֿן בילד פֿון דער נאַקעטער פֿרוי. — איך וואָלט מיט דער זעל־בער לײַדנשאַפֿט געמאָלן אַ געפּגרט פֿערד ווי אַט דאָס בילד. כאַ־כאַ־כאַ.

ער האָט געלאַכט מיט שפּאָט און מיט פֿאַרביטערונג.

—אַ געפּגרט פֿערד. וואָראַנעס פּיקן־אויס די שוואַרצאַפּלען. שניי. איך האָב דאָס געזען. איך האָב דאָס געזען אין סיביר. מיינע קייטן האָבן געקלינגען און איבערגעקלינגען דאָס געשריי פֿון די וואָראַנעס. אַז איך בין צוריקגעקומען נאָך יאָרן פֿאַרשיקונג איז זי שוין נישט געווען. זי האָט נישט געוואַרט. אַ פֿאַ־ליאַטשקע איז זי געווען. פֿון דער פּוילישער שליאַכטע. זי איז צוריקגעפֿאָרן אין איר היימלאַנד, קיין גוטאַזשעוואַ און חתונה געהאַט.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנט און אַ פֿאַרוויקל־געטאָן דעם ראָל אַזוי ווי מען פֿאַרוויקלט אַ הייליקן ספֿר.

—אַ געפּגרט פערד אויף דעם וועג קיין גוטאַזשעוואָ. קיין וואָרנע וועט זיך שוין אויף מיר נישט שטעלן.

זיי זענען געגאַנגען איבער דעם פרי־האַרבסטיקן וועג. דער אַלטער האָט אונטערגעהוסט.

— ווייסטו ווער זי איז געווען? דו דערקענסט נישט? דאָס איז די מוטער פון דער פאַני מאַריאַ. נאָך דעם ווי איך בין אַנטלאָפן פון סיביר בין איך גע־וואָרן אַ לעשניאַק אין די וועלדער פון איר פאָטער. זי האָט געוווינט אין אַ פליגל פון איר פאָטערס הויף מיט איר מאַן. אַזוי האָב איך אָפּגעלעבט פינף און צוואַנציק יאָר אין די מקומות. די וועלט איז מיט פאַרבאָרגענישן. קיינער ווייס נישט וויפל מאָל איך בין געריטן אין די נעכט מיט דער גלאָדענער ביקס, אַרומגעדרייט אויף די פעלדער כדי צו זען דעם שאָטן אירן אין אַ פענצטער. קיינער וועט נישט אַנטפּלעקן דעם סוד פון אירע באַזוכן אין מיין שטיבל. אָנ־געהויבן האָט זיך אַלץ אין אַ נעפּלדיקן פעטערבורגער טאָג, ווען איך האָב דעם בילד געמאָלן און פאַרענדיקן וועט זיך דאָס אַלץ, ווען איך וועל אַ שיכורער אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ אויף דער פאַלעטע וואָס האָט מיר אַנטפּלעקט דעם אמתן פּרצוף פון אונדזער וועלט. עס איז נישט מער ווי אַ זומפּ. אַ שטינקנדיקער זומפּ. מיכאַל, דו ביסט היינט געווען געניאַל. דו וואַקסט אַ גרויסער מייסטער. כאַ־כאַ־כאַ. אַז וועסט קומען אין דער גרויסער וועלט אַריין, זאָג אַז דער נאַרי־שער סערגיי האָט געלעבט אויף דעם באָטשנעם וועג... פאַרגעס נישט... כאַ־כאַ־כאַ.

מיכאַל האָט לאַנג געהערט דעם אַלטנס געלעכטער ביז דער לאַנגער שאָטן איז פאַרשוווּנדן צווישן די האַרבסטיקע ווערבעס.

אויף דעם טייך ווקראַ האָט מען שוין מער נישט געזען קיין טראַטוועס.

די וועלדער אַרום דאָרף קוכאַר זענען אויסגעהאַקט געוואָרן. דער אַלטער וואַלד איז כמעט געווען פאַרברענט. אַ ווייסט פייער האָט דאָ געבושעוועט בעת דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה. עס זענען פאַרצערט געוואָרן די אונ־טערשטע טיילן פון די שטאַמען צוזאַמען מיט דעם מאָכיק־אָנגעהויפטן וואַלד־באָדן. עס איז געווען אַן אימה צו גיין איבער דעם שוואַרץ־ברוינעם וואַלד. די סמאָלע־טרייבער האָבן זעלטן אָנגעטראָפן אויף אַ געזונטן סאָסנע־שטאַם און נישט געהאַט קיין אין ריכטיקן בוים ווו זיי זאָלן קענען מיט די מעסערס אייננ־שניידן די קאָרע, דערגיין ביזן אייבערשטן האַלץ־סלאַי און אַראָפּפירן אַ טיף־איינגעקריצטע קאַנאַווע אַז דער בוים־זאַפט זאָל אָפּרינען אין דער בלעך־כלי.

די ערד און די שטאַמען זענען ווי איינגעטריקנט געווען, בלויז אין סאַמע

האַרץ פון בוים האָט זיך נאָך אויפגעהאַלטן אַ לעבעדיקער אָדער וואָס האָט געגערט די גרין־ברוינלעכע, טרויעריקע קרוינען.

פאַרוואַרלאָזט זיינען געווען די סמאָלאַרניעס.

צענדליקער משפחות פון די סמאָלע־ייִדן, מיט דעם ריח פון זשיוויצע און סקיפּידאַר, וואָס האָבן געלעבט אין די וועלדער, געהאַט דאָרט זייערע היל־צערנע שאַפּעס פולע מיט פעסער, זענען געקומען קיין סאָכאַטשין, קיין פלינצק מיט זייער האָב־און־גוטס און זיך באַזעצט ביי די ראַנדן פון די שטעט.

די טראַטווע־בינדער, די באַרקע־טרייבער, די וואַלד־שומרים, די זעגער פון קלעצער, זענען געוואָרן באַלעגאַלעס און טרעגער.

מען האָט שוין מער נישט געדאַרפט אין דאַנציק קיין סאָסנע־קלעצער. מען האָט אָנגעהויבן בויען שיפן און הייזער פון אייזן און שטאָל.

די סמאָלע־ייִדן האָט מען גלייך דערקענט: אַ ריח פון סאָסנעס, דער וואַלד־אָטעם, דער טערפּעטין־גערוך. זייערע בערד זענען געווען פעך־שוואַרצע, גע־קרייזלטע, די הענט — קרעמפּע, טונקעלע, מיט אָדערן אַזוי ווי דיביימער־סלאָיעס די בורשטינענע. ברעמען — געדיכטע, צוזאַמענגעוואַקסענע אַזוי ווי דער בייוואַרצל־אַרויסשפּראָץ פון אַלטע ביימער.

די באַרקע־טרייבער זענען געווען איבערגעוואַקסענע, מיט קופּערנע פּני־מער, געמאַרשטשעטע ביי די אויגן, פון ליכט וואָס זיי האָבן געהאַט בשפע, בערד צעקעמטע, וואָס האָבן געפלאַטערט אין ווינט. שטערנס — ליכטיקע, אָפענע ווי די פאַרמעטן צעראָלטע. עס האָט געשמעקט פון זיי מיט טייך, מיט וואַסער־געוויקסן און מיט ווינט. זיי האָבן זיך איצט אַרומגעפּלאָנטערט אויף יאַרידים פון מאַזאָוויע, געוואַנדערט איבער דערפער, אויפגעקויפט קעלבער, פערד און בהמות. טייל האָבן גענומען אין אַרענדע שטיקער ערד אויף גריב־צייג.

אין די בתי־מדרשים, צווישן מנחה און מעריב, האָבן זיי דערציילט מעשיות וועגן די נישט־גוטע וואָס מען האָט זיי גערופן די „שוויעטשניקעס" — ווייל זיי האָבן געלויכטן פון דער ווייטנס ווי ליכט אויף יאָרצייטן. און באַוויזן האָבן זיי זיך אין די פינצטערע נעכט, נעפּלדיקע, ווען מען האָט נישט געזען די ברעגן פון טייך און עס איז געווען אַ סכנה אַז די טראַטווע זאָל זיך נישט מיט אימפּעט אָנשלאָגן אָן אַ שטאָם און די טראַטווע־שטריק זאָל צעריסן ווערן פון שטויס — גראָד דעמאָלט האָבן די „שוויעטשניקעס" געמאַניעט דעם טראַטווע־פירער און געוואָלט אים פאַרנאַרן אין קעסל־גרוב אַריין.

אין דעם מקום קדוש האָט קיינער פון די טראַטווע־ייִנגען נישט געוואָלט רעדן וועגן די אויסגעלאָסענע שטיק פון די רוסאַלקעס. עס איז אַ בושה און אַ

זינד פאַר גאָט וועגן דעם אַפּילו צו טראַכטן, וואָרעם נאָך איצט צינדט זיך אין זיי אָן דאָס טריפהנע בלוט.

מיכאַלס קינדהייט איז פאַרגאַנגען צווישן די דאָזיקע ייִדן. אין די ווינטער־נעכט איז ער געזעסן מיטן רוקן צום וואַרעמען קאַכל־אויוון און אויסגעהערט אַלט־ייִדישע מעשיות וועגן נאַפּאָלעאָנס חילות אויף פּוילישער ערד, וועגן זייערע באַגעגענישן מיט ייִדן, וועגן די פּוילישע פּאָווסטאַניעס קעגן צאַר, וועגן דעם עלטער־זיידן און פּריצישן הויף פון די פּאָזנערס. אָבער מער פון אַלע מעשׂות האָט ער ליב געהאַט קיווע קאָפּס פריילעכע רייד וועגן אַ לוסטיקן ייִד, אפרים גריידיגער, וואָס האָט אָנגעטאָן אַלערליי שפּיצלעך די רייכע אַרענדאַרן, די וואַלד־סוחרים און די שיינע ייִדן. גריידיגער איז אומגעריכט געקומען אין אָרעמע הייזער, געבראַכט טאָרבעס ווייצן־מעל, אָנדערציילט פריילעכע זאַכן אַזש מען האָט דאָרט געקייכט אַ גאַנצע נאַכט און ווען עס האָט אָנגעהויבן ליכטיקן איז ער פאַרשוווּנדן. פון קיווע קאָפּס מעשׂות האָבן זיך די פּעטערס געקאַטשעט פון געלעכטער, צוגעהאַלטן זיך די בייכער ווי אין קראַמפּן. די מומעס האָבן געווישט די פרייד־טרערן און געשריִען צו קיווען:

— אוי, מען קען נישט אויסהאַלטן! די זייטן פּלאַצן!... הער שוין אויף, קיווע קאָפּ!...

די מומע וויכנע האָט פּלוצים אַ פּאַטש־געטאָן מיט די הענט.

— עס איז היינט אפרים גריידיגערס יאָרצייט!...

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— די באַבע, אַ ליכטיקן גן־עדן אויף איר, פלעגט זאָגן, אַז גריידיגערס יאָרצייט פאַלט־אויס גענוי דעמאָלט ווען עס פאַלט דער ערשטער שניי. און היינט איז געפאַלן דער ערשטער שניי...

אין שטוב איז געוואָרן ששון ושמחה.

— אויב אַזוי באַקן מיר היינט ראַצוכעס. קיווע, ברענג דעם מולטער און לאָמיר אָנהייבן רייבן קאַרטאָפל.

אַ ווייסע נאַכט שפּרייט זיך, אַ ליכטיקע.

מיכאַל קוקט צום גרויסן דעמבענעם טיש און זעט די קופּערנע פּנימער פון זיינע פּעטערס. די מאַמע זיצט ביים שפּינראָד. פון שטוב טראָגט זיך אַ געזאַנג און שפּרייט זיך העט־וויט אין דער נאַכט אַריין.

קאַפּיטל פיר

די לעצטע ייִדן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן די דערפער אַרום פּלינצק און סאָכאַטשין. עס זענען אַוועק די ייִדן פון קאָלאָזאָמב, פון דזשיקאָוויצע, פון ראַכעלקע. אין קוכאַר, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַכציק ייִדישע הייף, איז איצט געבליבן קוים אַ מנין. עס האָבן זיך פאַרמאַכט די ייִדישע קרעטשמעס, די ייִדישע שפּייז־קרעמלעך. געבליבן זענען נאָר די מילנער. די מילן זענען אָבער איבערגעגאַנגען פון האַנט־צו־האַנט.

די קרייצוועגן פון מאָזאָוויע זענען באַשטעלט געוואָרן מיט צלמים. דאָס האָט מען געוואָלט אַזוי אַרום אָפּענטפערן אין דער צאַרישער צייט די רוסישע אָקופּאַנטן, די פּראַוואָסלאַוון און וויזן אַז די ערד פון מאָזאָוויע איז קאַטויליש און נאָך דעם אָנפאַר פון די גאָטלאָזע באָלשעוויקעס האָט מען זיך געוואָלט אָפּשיידן פון זיי און אויך פון די אַנדערש־גלייביקע וואָס באַפעלקערן די שטעט.

אין די ווינטער־נעכט האָט מיכאַל זיך אָנגעהערט מעשׂות וועגן די אויפ־געהעצטע כלאָפּעס וואָס זענען באַפאַלן ייִדישע הייף, הלמאי זיי האָבן געהאָלפן דעם רוס. דער קוכאַרער הויף איז צוויי מאָל באַפאַלן געוואָרן און צעראַבירט האָט מען פאָזנערס הויז ווייל אַ צאַרישע ראָטע זאָל האָבן באַקומען פון פריץ אַליין היי פאַר זייערע פערד. זיי האָבן דעמאָלט צעשטערט די דאַמבעס פון טייך און די פאַבריק פון געוואַנט, וואָס איז געטריבן געוואָרן פון וואַסער־קראַפט איז פאַרוויסט געוואָרן. מיט יאָרן שפּעטער איז קוכאַר ווידער באַפאַלן געוואָרן פון די פאָליאַקן. דאָס איז געווען גלייך נאָכן אָפּטרעטן פון די באָל־שעוויקעס. דער אויסרייד איז געווען אַז עטלעכע ייִדישע ייִנגלייט האָבן גע־האָלפן די באָלשעוויקעס און איינער פון זיי, איז אַוועק מיט די באָלשעוויקעס און מיטגעפירט עטלעכע פויערים־זין.

אין די נעכט פלעגן אויסברעכן שׂריפות אין ייִדישע הייף. טיילמאָל זענען באַפאַלן געוואָרן ייִדישע דאָרף־גייער. אין די דאָרף־שולן האָט מען אויסגע־האַקט די שויבן.

דער פעטער עליע און דער מילנער וויגדער זענען אַוועק צום גלח זיך פאַרקלאָגן.

— די וועלט איז נישט הפקר, זאָג איך אייך. וואָס לויפט עץ ווי איבער־געשראָקענע האָזן? וווהין? קיין פּלינצק, קיין וואַרשע? צו די ענגע געסלעך, די פאַרפּינצטערטע? שנאָרער ווערן? אַרומשלעפּן זיך איבער די הייף ווי האַלבע בעטלער און כלומרשטע הענדלער? אַזאַ שיינע וועלט זיי איבערלאָזן? מען וועט אייך פון די פינצטערע ביידעמער און קעלערן אויך פאַרטרייבן! מען טאָר נישט רירן זיך פון אָרט! נישט ווייזן זיי אַז מען קען אונדז טרייבן!

ער האָט געפּייערט אויף זיינע ברידער, באַזונדערס אויף געצלען דעם אויפקויפער פון פעלן. ער האָט דאָך שוין פאָפּירן קיין אַמעריקע. אוי ווי איז מיר נישט. דער ערשטער עמיגראַנט אין דער יאָס־דינאַסטיע. — האָב אַ גוטן שליטוועגס. ביסט סיי ווי געווען אַ ווינט אין פעלד. האָסטו דען דאָ געזען אַ לעבן? פגירות האָסטו געזען. דו האָסט זיך אַרומגעפּאָרעט מיט שטינקנדיקע פעלן. וואָס ווייסטו וועגן אונדזערע פעלדער, וועגן די סעדער, וועגן די פּוילישע וועלדער און טייכן? האָסט כאָטש אַמאָל געדאַוונט אַ מנחה אויף אַ פריי פעלד און געהערט ווי גאָטס וועלט ענטפערט דיר אָמן?

דער פעטער געצל איז געזעסן אַ שווייגנדיקער, אַ שולדיקער. ער האָט געשטאָפּט טאַבעק אין דער פייקע פון אַ פענכער אַ טרוקענעם און געוויגט דעם בערדיקן קאָפּ.

פון פעטער וויגדער האָט געשמעקט מיט קלייען און מיט מעל. די קורצע קורטקע די פאַרמעליקטע און דאָס פּנים מיט די רויטע פלעקן וואָס האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך דער פאַרמעליקטער הויט און די וואָנצעס די שפּיציקע האָבן אים ענלעך געמאַכט צו אַ גוי.

דער פעטער זאַלקע איז געזעסן מיטן רוקן צום אויוון. גרויסע אָפענע דלאָניעס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון די ענגע און קורצע אַרבל. דאָס איז געווען דער בלעכער אין דער משפּחה. מען האָט מער נישט געדעקט די דעכער פון סטאַדאָלעס מיט שטרוי און שינדלען, נאָר מיט בלעך, ווייסן צינק־בלעך. דער פעטער זאַלקע האָט געהאַלטן מענטשן און מיט די געזעלן איז ער אַוועק אין די ווייטע דערפער אויף גאַנצע וואָכן. ער האָט אַפילו געדעקט דעם קאָשטשיאָל פון שעראָמין מיט קופּער־בלעך. דאָס איז געווען אַ קונציקע אַרבעט. מיט שטריק איז דער פעטער זאַלקע געווען צוגעבונדן צום קלויסטערס צלם־שפּיץ און הענגענדיק אויף די שטריק האָט ער געדעקט דעם שיפּן דאַך פון קלויסטער און באַפּוצט די ראַנדן מיט שפּיציקע בלעך־אָרנאַמענטן. אַז דער פעטער עליע איז געווען גוט אויפגעלייגט, האָט ער געשילדערט ווי אַזוי ער איז אַמאָל פאַרבייגעפאָרן דאָס דאָרף שעראָמין און געזען ווי זיין ברודער, זאַלקע, איז צוגעבונדן צום הויכן צלם פון קלויסטער און האַמערט אין די בלעכן.

דער פּעטער סענדער איז געווען דער זייטיקער און דער שווייגנדיקער פון אַלע ברידער. ער האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ פּאַראַבעק; אַ גרין האַלב־סאָלדאַטסקער, האַלב־ציווילער טיזליק, אַ קאָזאַקישע פּאַפּאַכע, שווערע יוכטאָווע שטיוול, אויסגעשמירטע מיט דזשעגעכץ. עס האָט געשמעקט פון אים מיט שטאַל, מיט אָבאָרע. ער איז געווען אַ שעמעוודיקער, אפשר דערפאַר וואָס זיין מסחר איז געווען אויפצוקויפן חזיר־האָר. ער האָט זיי געפּאַקט אין קוישן און געשיקט אַזש קיין לייפּציק. געשעפטן האָט ער גראָד געפירט גוטע. נאָר אים האָט זיך אויסגעדוכט אַז מען שפירט דעם חזיר־ריח דערפאַר איז ער שטענדיק געזעסן נאָענט צו דער טיר.

דער פּעטער עליע האָט נישט געשוינט דעם ברודער סענדער.

— עס איז אַ גאָלדענע צייט פאַר דיר, סענדער, די חזרים שיבערן זיך ווי נאָר אַ רינשטאָק און ווי נאָר אַן איינגעדאַרטער בוים — דאָרט רייבן זיך די חזירים און פאַרלירן די חזיר־האָר. דו ווילסט אויך אָוועקפאָרן? דיין יידענע פירט גאַנצע קאַליעס. שוטה, ווו וועסטו נאָך טרעפן אַזאַ לאַנד מיט אַזעלכע חזרים, אַז אַ רוח אין זייער — — —

אַ הילכיקער געלעכטער איז אויסגעבראָכן. עס איז איבערגעגאַנגען אין אַ הוסטעריי. פון דער קיך האָט זיך שוין געטראָגן דער ריח פון קאַרטאָפל־לאַטקעס.

אין אַ ווינקל פון צימער איז געזעסן יוטאַ ביים שפינראָד אַרומגערינגלט פון די שווערינס. זיי האָבן אויסגעטאָן די פּאַטשיילעס, אַוועקגעשאַרט די האָר פון די שטערנס, צעקנעפּלט די וואָלענע סוועטערס און געוואַרעמט זיך ביים קליינעם אייזערנעם אייוועלע. די מומע וויכנע איז געווען אומרויק. זי איז געזעסן מיטן פּנים צו די פּעטערס, די קני אָפּגעדעקט און עס האָבן זיך אַרויס־געזען אירע דיקע גרינלעכע זאָקן, די הויך־געשנאָרוולטע שיך. איין שיך האָט זי געדרייט אויף דעם אָפּצאַס און געברומט אַ ניגון. דער פּעטער בער, דאָס פריש־אויפגעקומענע וואַלד־סוחרל איז נישט געווען גלייכגילטיק צו איר. איין מאָל האָט וויכנעס מאַן, דער שלימזל, אָפּגעשטעלט בערן און אים געזאָגט: איך זע אַז דו קוקסט אויף מיין פלונתטע. אפשר וועסטו זיך אויך אומקוקן אויף מיר? און ער האָט זיך צעלאַכט און דאָס געלעכטער איז שוין נישט אַראָפּ פון זיין פּנים. געגנוג! — האָט געשריגן דער פּעטער עליע צו זיין ברודער: — גענוג!

מיכאַל האָט אומבאַמערקט פאַר די מומעס און פּעטערס דעם אָוונט גע־צייכנט. מיט פאַרזשמורעטע אויגן האָט ער אויפגעכאַפּט יעדן צוק פון זייערע מוסקלען, ער האָט געזען די צעאָקערטע שטערנס, די אָפּשטייענדיקע הענט, די האָריק־באַוואַקסענע אויערן און די קאַלטענעוואַטע בערד. ער האָט געקוקט

מיט ליבשאַפט אויף דער מאַמע. אַזאַ אָפן פּנים. אַ הויכער שטערן, אַ גלייכער ליכטיקער שרינט ווי אַ זיידפאָדעם, לאַנגע ווּיעס. די הענט אויפן שפּינראָד באַוועגן זיך ווי צום ריטעם פון אַ ניגון. ווי אַנדערש איז זי פון די מומעס. אירע פייכטלעך־רויטע ליפּן זענען האַלב־אָפן און עס פּערלען זיך די אויבערשטע ציין.

עס איז פאַרפאַרן אַ בריטשקע און איידער מען האָט זיך נאָך באַוויזן רעכט אומצוקוקן איז געבליבן שטיין אין דער אָפענער טיר דער פּריץ פון גוטאַזשעוואַ.

— יאַשני פּאַן, גוט וואָס באַוויליקסט אַמאָל צו פאַרפאַרן. עס איז מזלדיק, אויף דער פּולער וואָך. נאָר־וואָס פאַרענדיקט דעם שבת. — האָט געזאָגט דער פעטער עליע.

— קיווע קאָפּ, גיי אַרויס צום פערד. דערלאַנג האָבער — האָט זיך אָנ־גערופן זאַלקע.

— שטעלט דעם סאַמאָוואַר.

— אוי, שוועסטער, אַ סאַמאָוואַר גאָר? דערלאַנג דעם גאַנשער ווישניאַק.

דער פעטער עליע האָט זיך אויפגעשטעלט אויף אַ בענקל און אַראָפּגע־נומען פון דער שאַנק אַ פולן גאַנשער מיט קערשנווין.

די פעטערס האָבן אויסגעטאָן די היט און מען האָט געגאָסן פולע גלעזער רויטן שפּילנדיקן ווין. די מומעס האָבן געטונקען ברעקלעך קוכן אין די קע־לישעקלעך, געקוקט זייטיק אויף דעם רויטן פּרצוף פון דזשעדזשיץ. די מומע וויכנע האָט אַראָפּגעוואָרפן די פאַטשיילע פון קאָפּ, געווישט דעם שווייס פון גוידער און זיך געחנדלט.

דער פּאַן לעוואַנדאָווסקי איז געזעסן מיט צעשפּילעטע פּעטליעס פון זיין קאַקאָלן־סורטוק, אָנגעלייגט אַ ווייבערישע פולכנע האַנט אויף דער שויס און ווען די פערד אין דרויסן האָבן זיך צעהירזשעט איז ער אומגעדולדיק געוואָרן.

— די פּאַני מאַריאַ איז נישט געווען דאָ? — האָט ער גערעדט צו יוטאָן און נישט וואַרטנדיק אַפילו אויף קיין ענטפער צוגעגעבן: — איך וואָלט אָפּגע־קויפט אייערע פּאַשע־פעלדער וואָס גרענעצן זיך מיט מיין סאַד. אייערע פּאַכ־טער האָבן דאָרט אַרויפגעלאָזט אַ טאָבון פערד און זיי ברעכן די עפּלביימער, צעטרעטן די יונגע פלאַנצן. איך האָב שאָדנס. איך וואָלט די לאַנקעס צעאַקערט און דערנאָך געפלאַנצט אַ פלוימען־סאָד.

די מומע וויכנע האָט צוגעבאָמקעט אויף יאָ און דער פעטער בער האָט זיך געריבן די הענט פון פרייד. אַפילו וויגדער איז געווען צופרידן און אַ קעמ־געטאָן דאָס בערדל פון נחת.

יוטאַ האָט נישט אויפגעהערט צו דרייען דאָס שפּינראָד. בלויז דער פּע־טער עליע איז אויפגעשפּרונגען און זיין רעדן איז מער געווען געווענדט צו די ברידער ווי צום פּריץ.

— דאָס וועט קיינמאָל נישט געשען. די ערד אונדזערע איז נישט צום פאַרקויפן. נאָכן אויסגיין פון דער אַרענדע מיט סקאָווראָנסקין, קענען מיר אייך איבערגעבן די פעלדער אויף אַרענדע. די ערד איז אונדזערע. עס איז פאַרבאָטן זי צו פאַרקויפן. אין טעסטאַמענט איז געשריבן. מיר וועלן נישט ווערן קיין שלעפּער. דאָ ווו מיר האָבן אונדזערע קברים דאָ וועלן מיר האָבן אונדזער היים.

און דאָך איז אים קלאָר געווען, אַז מען וועט אַמאָל מוזן אָפּטרעטן, ווייל דאָס יונגוואַרג אַנטלויפט אין די גרויסע שטעט אַריין. דער איינציקער אויסוועג איז אַלץ אַוועקגעבן אויף דזשערזשאַווע און לעבן פון ווימיאַר. דאָס איז אַ שטענדיקע פּלאָג און מען איז אויסגעשטעלט יעדעס יאָר אויף קאַפּריזן פון דעם וואָס באַאַרבעט דאָס פעלד. זיי שיקן אין האַרבסט אַנגעפּוילטע וועגענער קאַרטאָפל, פאַרלעגענע קוישן עפּל און די זעק קאָרן זענען אויסגעמישט מיט פּאָלין און זאַמד. עס איז נישט מער ווי דער אָפּפאַל פון דרעש־פעלד. אַחוץ דעם, באַטראַכטן זיך די פּאַכטערער ווי דאָס וואָלט געווען זייער ערד. איינמאָל, ווען עליע איז געקומען אויפן דרעש־פעלד זען דאָס גערעטעניש, כדי צו וויסן אויב דאָס וואָס מען שיקט אים און צו יוטאַן איז טאַקע אַ צענטל פון דעם פּאַרזיי, האָבן סקאָווראָנסקיס זין אַנגערייצט אויף אים די הינט.

דער פּריץ איז אַוועק מיט גאַרנישט און בייזלעך אַ ברום־געטאָן אַנשטאָט צו זאָגן „דאָבראַנאָץ". ווי אַנדערש איז ער איצט געווען פון יענער נאַכט מיט יאָרן צוריק, ווען מיכאל האָט אים געזען קניִען ביי דער פאַרמאַכטער טיר.

— אוי ווי איז מיר נישט! דאָס איז אַ מאַנצפּערשוין! — האָט געזאָגט די מומע וויכנע און צוריק אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם שאַל.

— אַזאַ יאָר אויף אים, וואָס פּאַראַ זכר ער איז — האָט געזאָגט דער פּע־טער עליע און אַ ווונק־געטאָן צו יוטאַן.

עס איז אויסגעבראָכן אַ געלעכטער. בלויז יוטאַ איז געווען טרויעריק און פאַרטראַכט.

— זיין קומען איז נישט סתם. עס איז אַן אָנהייב. ער וועט נישט אָפּטרעטן.

— פאַרן ווייב וועט ער שוין יאָ אָפּטרעטן. ער וועט ווי אַ הונט ליגן ביי אירע פיס. אָט־אָ דער ווִיעלמאָזשנער פּאַן.

יוטאַס רייד האָבן אַלעמען אויפגעהייטערט. דאָס איז אָבער געווען נאָר אַ לפנימדיק שמייכלען אין דעם פּלוצימדיקן טרויער וואָס איז אַנגעשוומען.

די בליצלאָמפּ שפּרינגט־אויף און לעשט זיך.

— עס וועט נאָך פּלאַצן דאָס גלעזל — האָט עמעצער געזאָגט פון צווישן שאָטנס אַרויס.

ביים ברונעם איז פינצטער. אין דער קאָלוזשע און אין דער קאָרעטע ליכ־טיקט. אַ העלער וואָלקן־ראַנד שפּיגלט זיך דאָרט מיט עטלעכע שטערן. דער שאָטן־בוים איז נאַקעט. אַ צווייג ציטערט אין די שויבן. אומגעריכט האָט זיך עפּעס אַ בייג־געטאָן ביים ברונעם און אַ שאָטן איז צו געפאַלן צו דער וואַנט. מיכאַל איז אַרויס אין הויף, געשטאַנען אויף דער שוועל און איינגעהערט זיך. דער שאָטן ביי דער וואַנט איז געוואָרן פאַרגליווערט.

פון וואַנען פאַלט דער שאָטן? ער איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו דער וואַנט און דערזען עמעצן.

— ווער איז דאָס?

— דאָס בין איך, קיוועס טאָכטער.

— וואָס שאַרסטו זיך אַרום ווי אַ שד?

ברײַנע האָט זיך געהילט אין שאַל.

— כ'האָב אַרײַנגעקוקט דורכן פענצטער... דיך געוואָלט זען... געוואָלט אַז דו זאָלסט אַרויסקומען... דו האָסט אויפגעהערט מיך צו זען. פאַרוואָס? ווייל איך בין קיוועס טאָכטער?

זי האָט געסאָפּעט ווי אַ יונגער לאָשעק וואָס לויפט אין די פּוסטריט פון אַ גאַלאָפּירנדיקן וואָגן.

— אַ פייער ברענט אין מיר. איך קען נישט פאַרלעשן. איך לויף איבער פעלדער און קען נישט אַנטלויפן פון פייער.

אין אירע אויגן האָבן זיך געצינדן פייערלעך. מיכאַל איז געבליבן גע־פּלעפט און ער האָט זיך אָנגעהויבן צוריקציִען.

— האָסט מיך פאַרכישופט. איך וועל אַוועק פון דאַנען און ווערן אַ דינסט אין דער שטאָט. זאָג מיר נאָר איין וואָרט. בלויז איין וואָרט.

איר קול איז איבערגעבראָכן געוואָרן און ער האָט געוווּסט אַז זי שטיקט זיך אין טרערן.

— ריר מיך נישט אָן, ווייל איך בין פייער. בלויז די וואַסערן פון דער ברינע וועלן מיך אָפּקילן.

דאָס איז אַ רוסאַלקע! אַן אמתע רוסאַלקע וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר קיוועס טאָכטער.

— וואָס פאַראַ וואָרט זאָל איך דיר זאָגן?

— איך ווייס נישט.

ברײַנע האָט זיך אָפּגערוקט און אָנגעהויבן לויפן צו דעם ברונעם. מיכאַל האָט זי נאָכגעיאָגט און אָנגעכאַפּט. ברײַנע איז געפאַלן לעבן דעם ברונעם. די קייט האָט זיך אָפּגעריסן און דער הילצערנער עמער איז אַראָפּ מיט אַ טויבן קלאַפּ און עס האָט אָפּגעקלינגען די ברונעם־קייט.

— איך וועל רופן דײַן טאַטן.

זי איז צוגעפאַלן צו זײַנע פיס, אַרומגעכאַפּט מיכאַלס קני, געוויקלט זיך אויף דער נאַסער ערד און געכליפּעט.

אין שטאַל פאַרסקעט דאָס פערד, קלאַפּט מיט די קאַפּיטעס, עס קלינגט דער לויזער געשפּאַן. אויפן קלויסטער־שפּיץ זילבערט זיך דער צלם. דער זייגער פון טורעם קלינגט. מיכאַל עפנט די טיר. ברײַנע שאַרט זיך בײַ דער שטאַל־וואַנט. זי איז האַסטיק צוגעקומען צו אים און אַרײַנגעטעמט אין פּנים אַרײַן.

די טיר פון שטוב האָט זיך צעפּראַלט. קיווע איז אַרויס דורך דער הינטער־טיר און גייט צום ברונעם אַרויפּציִען אַן עמער וואַסער. ער האָט צעשפּרייט די פיס, אײַנגעבויגן זיך און געטרונקען דאָס שנײַדיק־קאַלטע וואַסער גלײַך פון עמער. וואַסער־ריטשקעס רינען אים אין דער באָרד אַרײַן. דערנאָך האָט ער געווישט די באָרד, געווישט די וואָנצעס, מיט די אַרבל און עפּעס געברומט.

מיכאַל איז צו אים צוגעגאַנגען און געפרעגט:

— קיווע, מען דאַרף פאַרקויפן די פעלדער?

ער האָט געשוויגן. דער פולער עמער אין זײַן האַנט האָט געליכטיקט. ער איז געגאַנגען צו דער שטאַל, געזוכט מיט דער צווייטער האַנט דעם פאַנאַר און אָנגעטאַפּט עפּעס וואָס האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זײַנע פינגער.

ווען קיווע האָט אַרויסגעשלעפּט די טאָכטער פון דער שטאַל בײַ די האָר איז מיכאַל געשטאַנען אויף די טרעפּ.

— דו וועסט זיך אַרומשלעפּן אין שטעלער, בײַנאַכט! ממזרים וועסטו מיר ברענגען אונטערן פאַרטעך? די גויִישע יוכע האָט זיך צעקאָכט אין דיר? די יוכע וואָס האָט יונגערהייט דײַן טאַטן שיִער נישט אומגעבערענגט? ניין, נישט בײַ קיוועס טאָכטער וועט אַזאַ זאַך געשען!

ברײַנע האָט אַפילו נישט קיין קרעכץ געטאָן. קיווע איז דערפון נאָך מער־דער צערייצט געוואָרן און געשריגן:

— אַ שיינע דינאַסטיע, די יאַסעס! היט זיך פאַר זיי ווײַל מיכאַלס פעטערס האָבן געגנוג בענקאַרטעס אָנגעפּלאָדיעט! אין אַלע דערפער וועסטו טרעפן שוואַרצהאָריקע וואָס גראַטן־אַרײַן אין עליען, אין געצלען, אין סענדערן אַפילו.

אַזוי איז עס געווען מיט זייערע טאַטעס. איך וועל דיר דאָס טריפהנע בלוט אַרויסיאָגן!

בריינעס געוויין איז געקומען אומגעריכט, ווען קיווע איז שוין געווען איינגעשטילט. דאָס איז געווען אַ געוויין ווי פון אַ יאַלוווקע ערגעץ אין אַ נאַכטיק פעלד, וואָס מען האָט עס געלאָזט אַליין.

יוטאַ איז אַרויס אין הויף מיטן לאַמטער און אַריינגעלויכטן קיווען אין פּנים אַריין.

— פערדיינג, לאָז אָפּ דיין טאַכטער!

איר קול איז געווען שטרענג. זי האָט הויך אויפגעהויבן דעם לאַמטער. אַ ליכטראָד האָט זיך געוויגט אין הויף און אַריינגענומען אין קרייז בריינען, קיווען און יוטאַס דראָענדיקע האַנט.

— שוין, באַלעבאָסטע קרוין, שוין. איך בין נישט מער ווי אַ טאַטע. גייטס שלאָפן, יוטאַ... גיטס אַכטונג אויף אייער מיכאַלן. בריינען וועל איך שוין אַן אַנדער מאָל אונטערהאַקן די זייטן.

— קיווע, פאַרגעס נישט מיט וועמען דו רעדסט.

דער פריצישער שטאָלץ אין איר איז אויפגעוואַכט געוואָרן. זי האָט אָבער געצוימט די רייד, אויסגעדרייט זיך האַסטיק און צוריק אַריין אין שטוב.

סערגיי קריזשאַנאָווסקי האָט אָנגעהויבן צו אַנטפלעקן פאַר מיכאַלן נישט נאָר דעם סוד פון מישן פאַרבן נאָר די פאַרבאָרגענישן פון דער וויטער וועלט, די וואָס שפּרייט זיך פון יענער זייט וואָלגע אַזש ביזן בייקאַל, ביז די טייגעס. דאָרט ווו דו האָסט אַפילו נישט דיין אויג ווו אָפּצורוען: שניי און איבער די שניי־פליינען, פּראָסטיק־אויסגעפרוירענע הימלען.

מיכאַל האָט זיך געלערנט קוקן אויף גאָטס וועלט. ער האָט דערזען די שניייען די פּיאַלעט־בלאָלעכע, די וועלדער די זילבערדיק־גרויע, די וויטן די נעפּלדיק־פאַרשלייערטע, די דערפלעך די דרימלענדיקע מיט די ביימער די איינזאַמע. ער האָט געבלעטערט אַלבאָמען אַלט־רוסישע און געקוקט אויף פּראַוואָסלאַוונע איקאָנעס געמאָלענע מיט הונדערטער יאָרן צוריק, אויף סאָבאָרן און צערקוועס. זיי האָבן געהאַט, די הייליקע, באַקן ראָז־אָפּגעבליאַקעוועטע און דערנער־קרוינען וואָס אָט־אָט האָט זיך פאַרלאָשן אויף זיי דאָס לעצטע פלעמל, ווייל עס איז שוין געוואָרן קויל. אַ טיף רחמנות האָט אים אַרומגענומען צו די פּראַוואָסלאַוונע הייליקע. דווקא די אומבאַהאָלפנקייט, די קינדיש־נישט געניטקייט פון די הענט וואָס האָבן זיי געמאָלן און די דעפּאַרמירטע גרויסע שטערנס ווי די לבנות פאַרגייענדיקע אויף פאַרטאָגיקע הימלען און דער אויס־

געלאָשענער זילבער פון הינטערגרונט, און די נאַיִווע פּיעטעט ביים אויסקריצן די אַלט־גריכישע אותיות — דאָס אַלץ האָט אים נאָענט געמאַכט די דאָזיקע הייליקע. אים האָט זיך געדוכט אַז אַזוי האָבן אויסגעזען די אבות פון פאָלק ישראל ווען זיי האָבן געוואַנדערט איבער די מדבריות. ווי אַנדערש זענען די פּראַוואָסלאַוונע איקאָנעס פון די קאַטוילישע געמעלן וואָס מיכאַל האָט געזען אין הויז פון די לעוואַנדאָווסקיס. ער האָט נישט געקענט באַגרייפן פאַר וואָס די הייליקע פון די קאַטוילישע בילדער האָבן אַזעלכע פולבלוטיקע קערפּערס, און די פּנימער האָבן אַ מיד־אויסגעלאָשענעם בליק. די ליידן זענען ביי זיי אַזוי שרייענדיק.

איינמאָל האָט דער אַלטער סערגיי געזאָגט:

— זעסט די בלוט־פלעקן די שרייענדיקע אויפן געל־וואַקסענעם לייב פון געקרייציקטן? זיי שטילן נישט אין די געבליטן פון די וואָס קניִען פאַר אים, נאָר זיי צינדן־אָן דאָס בלוט נישט וויסנדיק אַפילו דערפון. די בלוט־פלעקן מאַכן אומרויִק אַזוי ווי בלוט־פלעקן אויף שניי־פעלדער פאַרווילדעווען דעם וואָלף. די שטילקייט פון די איקאָנעס און די קאָלירן זייערע — האָבן מיט אַ תמימות פון פּרימיטיוויקייט איינגעשטילט דאָס וואָלפישע בלוט פון די דאָנער קאָזאַקן, פון כאָכאָלן און וויעליקאָ־רוסן. די פּאָליאַקן זענען אָנגעצונדן פון אַ פאַלש פייער. די קרענקלעך־בלייכע, די געל־טויטע שוויענטאַ מאַריאַ מיט די שעמעוודיקע־אַראָפּגעלאָזטע אויגן־וויִעס פון ליידן און דאָס בלוט פון די רויע קורציפיקסן, האָבן געמאַכט אומרויִק דאָס דאָזיקע פאָלק. אונדזערע הייליקע קוקן מיט גרויסע אָפענע אויגן. ניקאָליי טשודאָטוואָרעץ איז ענלעך צו אַן אַלטן בעטלער און די הייליקע פון די פּאָליאַקן — צו די כראַביעס וואָס גייען־אויס אויף מלחמה־פעלדער פון ווונדן. איר ייִדן האָט דאָס וואָרט אָנשטאָט דאָס בילד. אין קלאַנג פון אייער וואָרט שוועבן אַרום די געשטאַלטן פון אייערע אָבות. איך זע דאָס ייִדישע פאָלק בילדעריש ווען איך גיי פאַרביי אַ שול און דערהער דאָס קול פון דאַווענדיקע. איך האָב אויפגענומען דעם קלאַנג און איך שפיר אים אין זיך. איך הער אים ווי איצט פון מויל פון אַ פאַרשיקטן ייִד וואָס איז געווען צוזאַמען מיט מיר אין קאָנוואָי. ער איז געשטאַנען אין אָונטיקן שניי־פעלד אַ פאַרהילטער אין אַ טלית.

דאָס זענען די גוטע שעהען ווען סערגיי איז רויִק, אויפגעלייגט און ער רירט זיך נישט צו צום בראָנפן.

— דיין צייכענען אינטערעסירט מיך נישט און עס גייט מיר נישט אין דעם אַז דו זאָלסט קענען נאָכקאָפּירן אַ פּנים. דאָס איז גאָרנישט־מער ווי טעכנישע באַגאַבונג. איך וויל אָבער זען ווי אַזוי די וועלט שפּיגלט זיך אין דיר. איך וויל

זען דיין נשמה. נאָר דורך דיינע פאַרבן זע איך דיך און ווייס אויף אַן אמת ווער דו ביסט.

מיכאַלס ערשטע איילבילדער זענען געווען: ווייטע, אָפענע פעלדער ווו עס איז גאָרנישט פאַראַן נאָר דער אָפּשיין פון אַ זון וואָס איז ערגעץ־ווו דאָ נאָר מען זעט זי נישט; נעפּלען אויפן האָריזאָנט וואָס צערינען; אומענדלעך ווייטע און צעשפּרייטע וועגן מיט אַ געל־ברוינעם טאָן פון פעלדער האַרבסט־טיקע מיט סימנים פון פרישן פאַרשפּעטיקטן גרין וואָס שלאָגט דאָך אַרויס אין שפּעטן האַרבסט. זומער־געוועבן וואָס טראָגן זיך איבער די טונקעלע קוסטעס; פעלדער אָן גרענעצן, וועלדער וואָס זענען אַזוי לייכט ווי די נידעריקע וואָלקנס.

די אָפענע ווייטן האָבן געעפנט זיין האַרץ. ער האָט די מילדע, געדולדיקע, שטילע, גרוי־אָנגעצויגענע לייוונטן ליב באַקומען.

— עס איז דאָך גאָרנישט דאָ — האָט געזאָגט דער פעטער עליע. — עס איז דאָך ליידיק, אַזעלכע פּוסטע לאָנקעס אָן אַ בהמה, אָן אַ פּויערישן וואָגן, אָן אַ מענטש. מען קען דאָך אויסגיין פון אומעט.

די מאַמע האָט צופרידן געשאָקלט דעם קאָפּ.

דער אַלטער עליע האָט אָבער נישט נאָכגעגעבן.

— מיכאַל, זאָג מיר, נאָר מאָלן לערנט ער דיך? און אַ כוסה־מאַכן אויפן קאַצאַפּישן שטייגער לערנט ער דיך נישט?

ער האָט אים אַ קיצל־געטאָן מיט אַ פינגער און פאַרצויגן מיט קנייטשן דעם שטערן.

— ער איז דאָס אַמאָל געווען קאַצאַפּ, דער סערגיי! איך געדענק יינגלווייז ווי אין די נעכט איז צו אים געריטן די פּאַני מאַריאַס מוטער. וואָסערע מעשׂות מען האָט זיך אָנדערציילט! פּיוועש דער שומר קען דיר דערציילן. האָסטו כאָטש געזען די געמאָלענע נקבה וואָס זעט אויס ווי חוה אין גן־עדן? כאַ־כאַ־כאַ... ער ווייזט זי אַלעמען ווען דער בראָנפן־טשאַד שלאָגט אים אין די שלייפן...

יוטאַ איז געוואָרן אומצופרידן פון ברודערס רייד.

— גיי שוין עליע, פּלוידערסט.

ער האָט פריילעך געקייט די געקרייזלטע באָרד נאָר די האָר האָבן זיך אים אַרויסגעגליטשט פון צווישן די ציין.

— עס איז דאָך גאָרנישט דאָ אויף מיכאַלס בילד... אַ ליידיק פעלד אָן אַיין בהמה...

די פריינדשאַפט מיטן יינגן אַליש איז געקומען אומגעריכט.

אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט איז געשטאַנען ביי דער שוועל אָליש מיט דעם שיף־פֿאַררוקטן ליצעפּעטן־היטל.

— מיכאַל, ווייז מיר דיינע בילדער — האָט ער פֿאַרשעמט געזאָגט.

זיי זענען געזעסן אין פֿאָרנטיקן צימער. אָליש האָט זיך געגלעט די רייט־הויזן, געקוקט אויף די גרינע פּעלדער און געשוויגן. דערנאָך זענען זיי געגאַנגען לענגאויס דער דזשאַלדאָווקאַ ביזן נאַפּאָלעאָן־באַרג.

אָליש איז געווען דער ייִנגסטער זון פֿון מילנער. ער האָט געטראָגן אַ פּרעמדן פֿאַמיליע־נאָמען: לאַדינאָ. אַ זיידע זיינער איז געקומען קיין סאָכאַטשין פֿון אַ ווייט לאַנד. מען זאָגט, אַז פֿון פּאָרטוגאַל. דאָ אין סאָכאַטשין האָט ער חתונה־געהאַט און אָנגעהויבן בויען וואַסער־מילן און ווינט־מילן. בויען די ווינט־מילן האָט ער זיך אויסגעלערנט אין האָלאַנד. דער פּעטער עליע זאָגט אַז איינער פֿון די יאָסעס האָט דעם יונגן־מאַן געטראָפֿן אין דאַנציק, בעתן לי־פֿערן די קלעצער פֿון די טראַטוועס צו אַן אַמסטערדאַמער סוחר. ער האָט אים גערעדט אַ שידוך: אַ העלהאָריקע מויד וואָס איז פֿרי פֿאַריתומט געוואָרן. דאָס איז אָבער געווען אויסגעטראַכט, ווייל זי איז נישט געווען קיין יתומה, נאָר אַ ממזר וואָס איינער פֿון די יאָסעס האָט געהאַט מיט אַ שיקסע. די ייִנגע גויע האָט דאָס קינד, אין אַן ערב־פּסח־נאַכט אונטערגעוואָרפֿן ביי דער שול און עס האָט זיך אָפּגערופֿן דער אייגענער טאַטע. ער האָט דאָס קינד אַהיימגענומען און אויפֿגעהאָדעוועט ווי אַ ייִדישע טאָכטער. צו זעכצן יאָר האָט מען זי פֿאַרקנסט מיט דעם פּרעמדן פֿאַרשוין מיטן נאָמען לאַדינאָ. אַלע ווינט־מילן זענען דאָ געבויט געוואָרן פֿון דעם ייִד. נישט אַלע זענען געבליבן ביזן היינ־טיקן טאָג. טייל מילן זענען פֿאַרברענט געוואָרן בעת די פּאָוסטאַניעס, פּויערים־בונטן און אַ טייל אין דער מלחמה. עטלעכע מילן זענען אונטערגעצונדן גע־וואָרן פֿון שלעפּערס וואָס האָבן אין די ווינטער־נעכט געהאַט דאָרט זייערע געלעגערס. זיי האָבן דאָרט געהוליעט, געטרונקען, געחברט זיך מיט די נישט־גוטע, מיט די אויסגעלאַסענע נקבות. די לאַדינאָס האָבן זיך דערנאָך אויסגע־מישט מיט די סאָכאַטשינער און קוכאַרער ייִדן און עס איז געמישט געוואָרן בלוט מיט בלוט ביז עס איז געקומען אויף דער וועלט אָליש און דאָס פּרעמדע בלוט האָט דערוואַכט אין אים. עס האָט דעם ייִנגן בחור געצויגן צו פֿערד, צו די גויִישע דערפֿער, צו די מילן. ער האָט ליב געהאַט צו טראָגן רייטהויזן, אַרויסלאָזן די בלאָנדע טשופּרינע אַזוי ווי עס טוען עס די פּריצישע זינדלעך.

— געראָטן אין זיין באָבען, דער צדיקות... — האָט איינמאָל געזאָגט דער פּעטער עליע.

— ער האָט אויך אונדזער בלוט.

— יוטאַ, רעד נישט־אויס דאָס פּאָר מיכאַלן. צו וואָס אויפרודערן? קיינער געדענקט שוין דאָס נישט. ווייניק צרות האָבן מיר געהאַט אויסצושטיין בעתן דאַווענען. מען האָט אונדז געוואָלט פאַרטרייבן פון דער מזרח־וואַנט. עס געפעלט מיר נישט דאָס חברן זיך זייערס. איך זע ווי דאָס נישט־ייִדישע בלוט האָט מנצח געווען אין דעם אַלישן.

די פריינטשאַפט פון די צוויי ייִנגלעך איז מיט יעדן טאָג שטאַרקער געוואָרן. אַליש איז אַ געדולדיקער געזעסן בעת מיכאַל האָט געמאָלן. טיילמאָל זענען זיי געגאַנגען צו די לאַנקעס לעבן טייך.

מיכאַל האָט געמאָלן פון דער נאַטור. דאָס איז געווען אַ כאַאָטיש וואָרפן פלעקן קאָלירקע אויף דעם לייוונט.

די אומבאַקאַנטע בלוט־קרובישקייט האָט נאָך שטאַרקער פאַרבונדן דעם שוואַרץ־האָריקן מיכאַל מיט די געדיכטע ברעמען און טונקעלע ווײַעס, מיט די שאַרפע קינבאַקן און סעמיטיש־געשניצטע ליפן און דעם בלאָנדן, ליכטיקפּנימדיקן אַליש.

אויפן גוטאַזשעווער וועג איז זיי אַנטקעגן־געפאָרן די פּריצישע קאַטש. די פּאַני מאַריאַ און איר טאָכטער זענען געפאָרן קיין פּלינצק.

די פערד האָבן זיך פאַרהאַלטן. מיכאַל האָט שוין מער נישט געקושט די האַנט פון דער פּאַני מאַריאַ. ער האָט זיך פאַרנייגט און געזאָגט: — דאָס איז מיין חבר אַליש.

— ווייז מיר דיינע בילדער.

איר קול האָט אים ווידער דערמאָנט אָן דעם נאַכט־געשעפטש וואָס ער האָט געהאַט געהערט אַלס קינד ביי דער טיר פון זיין היים.

מאַריאַס הענט זענען געווען אָנגעשפּאַרט אויפן פלוש פון געזעס. זי האָט זיך איבערגעבויגן בעסער צו זען זיינע אַקוואַרעלן. ווידער דער וואַרעמער ריח ווי פון מיענטע־גראָזן וואָס וואַקסן אין די אַלשינע־טאָלן.

דאָס מלאכל סטעפאַ האָט צונויפגעלייגט די הענט ווי צום פּאַטשעזש.

— דאָס זענען דאָך אונדזערע פעלדער. דאָס ווייסע הויז. דער סטאַוו.

ציטערנדיקע פינגער לעבן זיין שלייף. עפּעס וועט געשען. ער דערקענט דאָס אין די רינגען וואָס שווינדלען אַרום אים. ער קוקט אויף איר און זעט זי נישט. איר פּנים איז נאָענט פון אים, גאָר נאָענט. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די פּאַני מאַריאַ איז צוריקגעפאַלן מיט איר פלאַמענדיק פּנים צום פלוש פון געזעס און בייז אויסגערופן:

— פּאַר!

אַליש האָט זיך טיף פאַרנייגט פאַר סטעפאַן, צונויפגעקלאַפּט די ברוינע שטיוועלעך און געקושט איר האַנט.

אַליש לאַדינאַ איז געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער צום פּריצס טאָכטער סטעפאַ. די מוטער איז געווען צופרידן וואָס דאָס בלוט־אָרעמע טעכטערל, דאָס קאַפּריזנע, תמיד קראַנק, בלייך, איז אומגעריכט אויפגעשאָסן אין איר וווקס און באַקומען לאַנגע הענט און לאַנגע פיס, האָט אַ פריינד. דאָס טעכטערל האָט זיך מער נישט געקלאָגט אויף קאַפּווייטיק. איר פּנים האָט געהאַט אַ שטיקל קאָליר. אַליש איז ווי אַ פּריצישער זון, גאַרנישט דעם געשטעל פון אַ ייִד, אַ בחור מיט גוטע מאַניערן. אַחוץ דעם האָט די פּאַני מאַריאַ אַ מעגלעכקייט צו זען מיכאַלן, ווייל אַליין וויל ער בשום אופן נישט קומען.

דער פּריץ איז צוערשט געווען גלייכגילטיק צו דער טאָכטער. ער האָט טאָלערירט איר עקזיסטענץ אין דעם הויז. עס איז אים קלאָר געווען אַז זי איז נישט זיין טאָכטער, אַז דער אמתער טאַטע אירער איז דער פּראָבאָשטש. די אויסטערלישע בלייכקייט און די קרענקלעכקייט אירע איז געווען פאַר אים אַ טרייסט און נקמה. דאָס האָט אויך צוגעבונדן זיין ווייב צו אים און צום הויף. דאָס אומגעזעצלעכע קינד האָט זיי צוזאַמענגעהאַלטן אַזוי ווי ס׳בינדט צוויי מענטשן אַ שותפותדיק באַגאַנגענער פאַרברעך. אין וואָס זיין זינד איז באַשטאַנען האָט ער נישט געקענט פאַרשטיין. און דאָך האָט ער זיך געפילט זינדיק וואָס זיין גוף איז צעיוירן, שלאַבערדיק, וואָס נאָך דער וועטשערע פאַלט ער אַוועק אין אַ מידן שלאָף און ערשט אין האַלב־נאַכט וועקט ער זיך, זוכט מאַריאַן, וויל הערן איר קול. אין איר ברענט די שנאה אַזוי פאַרבאָרגן און שטיל ווי דער זשאַר אין שפּעט־נאַכטיקן קאַמין. עס איז נאָר גענוג אָוועקצו־שאַרן דאָס אַש. ער גייט אויף די שפּיץ פינגער. מאַריאַ לויערט אויף אים אַזוי ווי אַ קאַץ כדי אויסצויאָמערן איר צער.

און עס איז געשען דאָס אויף וואָס מיכאַל האָט זיך נישט געריכט: אַליש האָט זיך פאַרליבט אין דעם מלאכל סטעפאַ.

דעם יונג האָט עס געצויגן קיין גוטאַזשעוואָ, געבראַדזשעט דורך פעלדער, אַריינגעגנבעט זיך אין הויף דורכן עפּל־סאַד, געלויערט ביים פּלויט, אַז זי זאָל זיך באַווייזן, געוואָרפן קליינע שטיינדלעך אין אירע שויבן. טיילמאָל איז ער געקומען אויף אַ פערד, געריטן אָן אַ זאָטל, געלאָפן צו די פאַרנטיקע טירן און באַפוילן די פאַראַבקעס אַז מען זאָל צובינדן דאָס פערד, אָנפויען עס און אָנשיטן האָבער. טיילמאָל האָט אים דער פּריץ באַגעגנט גוטמוטיק, געשמייכלט,

געקלאַפּט אים איבער דער פּלייצע און טיילמאָל איז גאָר זיין פּרצוף אָנגעגאָסן געוואָרן מיט אַ רוגזה און ער האָט זיך אָפּגעקערט פון אַלישן, נישט געענט־פערט אויף זיין באַגריסונג.

סטעפען האָט ער אָפּט געטראָפן אויף די קני. אין יעדן ווינקל פון איר צי־מערל זענען געשטאַנען צלמים און קורציפיקסן. זי האָט קיינמאָל נישט אויס־געטאָן דעם גרויסן טונקל־זילבערנעם צלם פון איר האַלדז.

דער פּאַן אַנטאָני האָט פאַרבאָטן אויפצונעמען אַלישן אין די צימערן. סטע־פאַ און אַליש האָבן זיך געטראָפן אין דער אַלטאַנע פון סאָד, אין היי־שייער. זי איז דערוואַכט געוואָרן און באַקומען ניי בלוט. די מאַמע האָט שטילערהייט אָנטיילגענומען אין דער טאָכטערס פאַרשווערונג. זי האָט זי באַגלייט צו די באַגעגענישן מיט אַלישן, צוגעפירט צום גאָרטן־טירל, איבערגעצלמט זי. — זאָלן דיך די הייליקע שיצן. גיי...

עס זענען אָפּט אויסגעבראָכן שאַרפע קריגערייען צווישן דעם פּריץ און זיין ווייב. אין אַ זונטיק האָט זיך דער אָנגעטרונקענער פּריץ צונויפגעשטויסן מיט דעם פּראָבאָשטש, נישט ווייט פון זיינע פעלדער. ער איז אַראָפּ פון פערד, צוגעקניפּט די לייצעס צו אַ שטאָם און געזאָגט:

— אַ לויב דעם אַלמעכטיקן.

— אַ לויב, זון מיינער.

— איך בין נישט קיין זון — איז אין כעס געוואָרן דער פּאַן לעוואַנדאָווסקי.

— אַלע זענען מיר גאָטס קינדער.

— הם אַלע... דו פוקס, וואָס בלאָנקעסטו זיך אַרום אין שאָטנס... ווילסט זיך אַריינגנבענען אין פרעמדע שטאַלן?... כאַ־כאַ־כאַ. אפשר ווילסטו זען דיין פּרי, דעם נאַרישן גאָנער וואָס איך האָדעווע? כאַ־כאַ־כאַ... מען האָט דיך געדאַרפט פאַרשטיינערן... אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים... דו ווילסט פאַרדעקן דיינע זינד מיט די שוואַרצע קליידער. העי, טרייבט דעם פוקס פון אַ פרעמדן גאָרטן. טרייבט אים פון שאָטן אַרויס.

ער האָט געלאַכט הילכיק אַזוי ווי עס וואָלט ערגעץ געקייקלט זיך אַ דונער און אַז ער האָט זיך געוואָלט אויפזעצן אויפן פערד איז ער אומגעפאַלן.

— פּאָגאַנעס גייען אַרום אויף דיין ערד דער געהייליקטער.

— איך בין אַ פּאָגאַן? — האָט אויפגעזאָטן דאָס בלוט אין לעוואַנדאָווסקין.

דער קשאָנדז איז געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט בעת די נאָהײַקע האָט אַ פאָכע־געטאָן לעבן זיין פּנים מיט אַ געסווישטש.

וויפל די פּאַני מאַריאַ האָט נישט געדראָט אַז זי וועט אים פאַרטרייבן פון גוט, ווייל גוטאַזשעוואָ געהערט צו איר, האָט עס נישט געהאָלפן; אַנטאָני וועט

דעם קשאַנדז נישט איבערבעטן. גראָד די עקשנות, די פאַרביסנקייט און דער ברענענדיקער צאָרן, דאָס הילכיקע שרייען צו די פאַראַבקעס, דאָס נייע אין איר מאַן, האָט זי אָפּגעהאַלטן פון אָננעמען וועלכן עס איז איז שריט. זי האָט נאָכגעגעבן און איז געוואָרן שטיל אויף אַ צייט. אָנשטאָט צו בייגן זיך פאַר איר און שטיין לעבן איר בעט אויף די קני איז ער אין די נעכט אַרומגעגאַנגען אין די שטעלער, געפּאַטשט די רייט־פערד איבער די קערק, געשטויסן זיי מיט די קני אין די בייכער, געררייצט די הינט אויףביימער־שאָטנס, אויף דער לבנה און טיילמאָל איז ער גאָר געריטן פּאָיען דעם אָגער צום טייך, לעבן דער מיל, אין מיטן פון שפּעטן האַרבסט. ער האָט זיך אויסגעטאָן נאַקעט אין די שטורעם־ווינטן, געלאָפן ביים ברעג, אַריינגעשליידערט זיך אין קאַלטן טייך, נאָכגע־שווומען דעם פלאַוונדיקן פערד, אָנגעכאַפּט אים ביי דער גזשיווע און אַרויס־געלאָזט דינע קוויטשיקע קולות.

מאַריאַ האָט אויפגעהערט רעדן צום מאַן. זיי האָבן געגעסן אין באַזונדערע צימערן. נאָר אין קאַשטשיאָל אַריין זענען זיי געפאָרן צוזאַמען. צווישן זיי איז געזעסן די טאָכטער.

וואָס מער סטעפאַ איז געוואָרן געזונטער, שענער, ברוינער, אַלץ שטאַר־קער איז אויפגעגאַנגען די שנאה פון אַנטאָנין צו איר. איצט האָט זיך זיין גאַנ־צער צאָרן אויסגעגאָסן אויף דעם שמאָל־אַקסלדיקן פלאַקסענעם מיידל. די פיינטשאַפט צום פּראַבאָשטש, דער פּיין פון זיין מענערישער אוממעכטיקייט, זיינעליידן, די באַליידיקונגען פון ווייב — אַלץ האָט ער איבערגעטראָגן אויף דעם טרויעריקן און איבערגעוואַקסענעם מיידל.

ביז איצט האָט ער געהאַט צו איר מיטלייד און אַ נקמה־געפיל אָן מאַריאַן. די ערשטע צייטן ווען זי איז נאָך געווען קליין, בלייך, קרענקלעך האָט ער ליב געהאַט צו גלעטן אירע צעפּלעך און איינהערן זיך אין געשעפּטש פון אירע פּאַטשעזשן. עס איז געווען אַזוי נישט־ערדיש איר זיין אויף דער ערד; און וואָס מער דאָס מלאכל האָט פאַרלוירן דעם הימלישן אויסזען, זענען איר די בלייכע פליגל מיט איין מאָל אָפּגענומען געוואָרן און זי איז געוואָרן אַ מענטשן־קינד. די בריסטלעך האָבן זיך אויסגעטיילט פון אונטער דעם זייד. אירע ליפּן זענען אָנגעגאָסן געוואָרן מיט אַ פייכטקייט און רויטקייט, אירע גלידער האָבן זיך פאַררונדיקט. און געשען איז דאָס ווי דורך איין נאַכט, גראָד נאָך דעם ווי עס האָט זיך באַוויזן דער מילנער־יונג אַליש.

אין לעוואַנדאָווסקין האָט זיך אָנגעהויבן וועקן דער אַלטער פּיין און די באַליידיקונג וואָס אין זיין הויז דרייט זיך אַרום נישט זיין קינד. ער האָט גע־

שיכורס, געטומלט אין הויף, פול געווען אין יעדן ווינקל פון גוטאַזשעוואָ ווי אַ נישט־גוטער שד וואָלט אים אַרומגעיאָגט. אַליש איז פאַרטריבן געוואָרן פון הויף. עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן די פּאַראַבקעס אָנצורייצן אויף אים די הינט. אויב ער וועט אַריינפירן זיין פערד אין הויף זאָל מען עס צונעמען.

אין די שיכורע נעכט האָט ער אויסגעחלומט אויסטערלישע נקמות פאַר זיין באַליידיקטן גוף. טיילמאָל האָט ער געטראַכט אַז ער וועט אַלץ אָוועקלאָזן מיט פייער און טיילמאָל — אַז ער וועט אַריין אין אַ מאָנאַסטיר. סטעפעס באַוויזן זיך אין הויף דערדריקט אים.

איינמאָל האָט ער זי פאַרהאַלטן. ער איז געווען שיכור.

— סטעפּאַ, כאַ־כאַ־כאַ, דו האָסט שוין ציצקעס. ביסטו נישט קיין מלאכל אַזוי ווי איך האָב געמיינט? דיין הינטן איז שוין פון אַ דאָרפס־מויד. כאַ־כאַ־כאַ.

די פאַלדן אויף זיין פּרצוף האָבן זיך געטונקלט.

— טאַטושו! — האָט אויסגעשריגן די טאָכטער — טאַטושו, שעמסט זיך נישט אַזוי צו רעדן?

זי האָט געוואָלט אַנטלויפן און זיך אָנגעשטויסן אויף דער שטאַל־וואַנט.

בריִענדיקע פאַרקראַמפטע הענט. זי איז אים פרעמד. פולשטענדיק פרעמד. ער האָלט אַ פרעמדן זשרעבאַק אין זיין האַנט.

די אַנטדעקטע פרעמדקייט אין מיידל האָט אים געררייצט. זיין לייב ווערט אָנגעגאָסן מיט אַן אומבאַקאַנטער קראַפט. עס וועקט זיך עפּעס אין אים. שנאה און באַליידיקונג לייזן אויס פון פיין. ער איז אַזוי ווי אַלע! אַזוי ווי אַלע! אַל־מעכטיקער, עס איז געקומען מיין באַניייונג! די מוסקלען גיסן זיך אָן! די אָדערן ציִען זיך צוזאַמען!

— סטעפּטשו, פאַרוואָס אַנטלויפסטו?

דאָס איז שוין נישט זיין קול. פאַרוואָס איז עס אַזוי הייזעריק, אַזוי מע־נעריש?

אין רעכטן מוילווינקל קאָכט אַ ווייסע שוים, אַ קלעפּיקע.

— טאַטושו! דו האָסט געטרונקען! דו ביסט שיכור!

זי לאַכט, שרייט און לאַכט, נאָר די שוים, די קלעפּיקע, שרעקט זי. עס שרעקט זי דאָס אויסגעקרומטע מויל. איצט קען זי שוין נישט שרייען און נישט לאַכן. זי שטאַמלט און דאָס שטאַמלעריי גיסט זיך צוזאַמען אין אַ געהעש און געיאָמער.

אַנטאַני איז געגאַנגען פאַרויס מיט אַ טעמפּער עקשנות, שווייגנדיק ווי אַ נאַכטיקער אָקס זי צוגעדריקט מיט זיין מעכטיקן גוף צו דער וואַנט.

אַ הונט בילט מיט אַ לאַנגן און אויסגעצויגענעם געוואָי.

— סטעפאַ, דו וועסט מער נישט אַרומשלעפּן זיך מיטן זשיד אַליש! דו וועסט מער נישט גיין אין קאַסטשיאַל קיין סאַכאַטשין! איך וויל נישט אַז דער פּראָבאָשטש זאָל קוקן אויף דיר פון דער אַמבאָנע אַראָפּ! איך וועל דיך אָוועקפירן קיין פּלאָצק. דו וועסט אַריינגיין אין אַ פּענסיאָן. איך וועל קומען צו דיר. איך וועל אַלץ איבערלאָזן און קומען צו דיר...

זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון פּאַטערס הענט און געלאָפן איבערן הויף, געלאָפן צום סאָד און זיך צוריקגעקערט צום הויפּט־טויער. דערנאָך האָט זי פאַרקערוועט צו דער גלעזערנער טעראַסע, געשטאַנען אַ רגע און מיט אַ געוויין אויפגעפּראַלט די טירן.

די מוטער האָט גאָרנישט געקענט דערגיין.

— ניין, נישט אַליש... ער איז אַ פּרינץ... אַן איידעלער פּרינץ... ער האָט מיר קיין שלעכטס נישט געטאָן. ניין. קיינער האָט מיר קיין שלעכטס נישט געטאָן...

זונטיק איז זי געזעסן אין דער קאַטש צווישן פּאַטער און דער מוטער. אַ גאַנצן וועג האָבן אַלע דריי געשוויגן.

אַליש וואַרט אויף דער ברייטער גאַס, נישט ווייט פון די קאַשטאַן־ביימער. דער פּריץ שפּרינגט אַראָפּ פון קאַטש. די פּאַני מאַריאַ איז געקליידט אין שוואַרצן ווי אין טרויער און סטעפאַ אין אַ ווייס קלייד.

ער ווייס, פון די פּאַראָבקעס, וואָס אַנטאָני האָט אַנגעזאָגט ווען ער וועט קומען אין הויף אַריין.

דעם פּריץ זענען באַפאַלן אַלערליי משוגעתן. אין הויף קומען פּאָר קריגערייען. סטעפאַ גייט נישט אַרויס אַ גאַנצע וואָך פון איר צימער.

ווען עס האָט זיך דערטראָגן פון די אָפענע קאַסטשיאַל־טויערן דאָס געזאַנג פון מיידל־כאָר און אין די שטילע איבעררייסן איז דערגאַנגען צו אַלישן די שטים פון גלח, איז ער צוגעגאַנגען צום אָפענעם טויער, אויסגעטאָן דאָס היטל און געבליבן שטיין אין דער טונקלקייט, ביי דער שוועל. די וויטראַזשן פון די פּראַנטיקע פענצטער האָבן געוואָרפן אַ רויט־גרינעם אָפּשיין אויף די קעפּ פון די קניִענדיקע. די פרעמדקייט פון פאַרטונקלטע געמעלן און פון די זיילן האָט איבּ געשראָקן און געלאָקט. מיט יעדער רגע איז די פרעמדקייט אָפּגעטראָטן צוזאַמען מיט דער טונקלניש. ער האָט אָנגעהויבן אונטערצושיידן די מענטשן. עס איז אים אויסגעקומען אַז מיט זיינע טריט פאַרשוועכט ער די פרעמדע געטער. ער האָט באַקומען מיטלייד מיט די צערפּולטע פּנימער פון די הייליקע. אַז

עס איז באַנייט געוואָרן דער געשעפּטש איז אים אויסגעקומען אַז עס שווימט נאָענט אַ טייך. ער איז אַ שפּענדל וואָס די שטראָמען טראָגן מיט זיך.

אָליש שאַרט זיך ביי די קלויסטער־ווענט נענטער און נענטער צו דער אַמבאָנע ווי אַן אומבאַקאַנטע באַפעלערישע האַנט וואָלט אים געפירט און ער טאָר זיך נישט אַנטקעגנשטעלן. ער באַרירט בלינד די קאַלטע שטיינערנע ווענט, פילט די פאַלדן פון שטיינערנע קליידער פון הייליקע. ער באַרירט די פיס פון געקרייציקטן און ציטערט־אויף ווי ער וואָלט עמעצן וויי־געטאָן. דער שטראָם פירט אים און ער גייט מיט אָפענע אויגן נישט זעענדיק גאָרנישט נאָר פילנ־דיק מיט די פינגער־שפּיצן פון די הענט. ער איז פּלוצעם געבליבן שטיין ביי אַ הילצערנער באַריער און אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די קני.

דער אָטעם איז פאַרהאַקט. די זינד ווי אַ צעגליט אייזן ברענט זיינע קני. ער וועט באַלד זיך אויפשטעלן און אַנטלויפן. ער זעט איצט אַלץ אַזוי בולט. סטעפאַ איז נישט ווייט. זי קניט לעבן דער מוטער.

אויף דער אַמבאָנע, אין אַ ווייסן קיטל, באַהאַנגען מיט אַ גרויסער זילבער־קייט און שוואַרצן צלם שטייט דער פּראָבאָשטש. דאָס געשעפּטש באַנייט זיך, עס ווערט אומרויִקער ווי די טייך־ברעגן וואָלטן זיך דערנענטערט און די כוואַ־ליעס שלאָגן מיט אימפּעט אָן די טונקעלע מיל־שליוזן.

אָליש שאַרט זיך אויף די קני ביז סטעפאַן. ער באַרירט איר קלייד. דאָס געדויערט נאָר איין אויגנבליק. זי קוקט אים אָן מיט אַ פאַרשטיינערט פּנים. מיטאַמאָל: סטעפאַס ליפּן באַוועגן זיך. ער הערט נישט איר קול. מיט וואַרעמע פינגער האָט זי איינגעקלאַמערט דאָס בריוועלע און אָליש איז אַרויס פון קאָ־שטשיאָל. ווען עס האָט אַ שלאָג געטאָן דאָס ליכט פון די אָפענע הימלען, איז אים אויסגעקומען אַז דער אומרויִקער טייך האָט זיך צעשפּרייט איבער די פעל־דער. ער ליגט ערגעץ ביים ראַנד פון אַ וואַלד איינער אַליין און געפינט שוין מער נישט דעם וועג צו זיין היים. ער איז אַ פאַרבלאָנקעטער, זינדיקער נע־ונדער וואַנדערער.

קאַפּיטל פינף

מיכאַלס פאָטער האָט געשיקט פון וואַרשע שיין־געשריבענע בריוו. ווי אַ זון פון אַ סופר האָט ער געירשנט די קונסט צו שרייבן בריוו מיט אַ געגנדזענער פען, ווירעדיק, געציקלט. עס האָט דערמאָנט ממש אין פּאַרמעט־כתב. דאָס זע־נען געווען בריוו וועגן דער שטאָט וואַרשע, וועגן די אַלערליי ייִדישע הייזער אַרום „אייזערנעם טויער", ווו ער פאַרברענגט אין די ווינטערדיקע אָוונטן. טייל־מאָל האָט ער געשיקט פאַר מיכאַלן אַ ייִדיש ספרל.

ביי זיינע פופציק יאָר איז שוין איסאַק געווען אַ מידער מענטש, אַנטוישט פון ביידע רעוואָלוציעס האָט ער געזוכט פריינטשאַפט מיט ייִדישע אינטעלי־גענטן. ער פלעגט פאַרברענגען אין אַ רעסטאָראַן אויף נאָוואָליפּקי גאַס אין וואַרשע, מיט פּראָווינצער יונגעלייט. זיי האָבן נאָך געטראָגן קאַפּאָטעס און חסידישע היטעלעך. זייער לשון איז געווען אַ זינגענדיקס און דערמאָנט אָן גמרא־ניגון. אין די פּרייטיקס האָט ער געלייענט די פעליעטאָנען פון אַ יונגנמאַן בראָמבערג — אַן איינגעקוואַרטן, באַרעדעוודיקן, וואָס האָט נאָר געזוכט די פריינטשאַפט פון הויכע, ברייטפּלייציקע און געזונטע פאַרשוינען. ביים רעס־טאָראַן־טישל איז זיין שאַרף קול, וואָס האָט געשניטן דעם רעש פון רעסטאָראַן, געווען אַזוי ווי אַ טעמפּ מעסער פידלט אַ הייס, פריש־געבאַקן ברויט און קען עס נישט איבערשניידן. ער האָט גערעדט מיט אַ געמיש פון ברייטן פוילישן ייִדיש, מיט אַ ליטווישן גמרא־ניגון, וואָס האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט פון עפּעס אַ ישיבה אין ליטע.

אין דעם רעסטאָראַן איז אויך געווען אַ שטאָם־גאַסט אַן איבערגעוואַקסע־נער, מאָגערער בחור פון ביאַליסטאָק וואָס האָט געשריבן יעדע וואָך אין בלאַט אַ מעשה וועגן די גרויסשטאָטישע ייִדישע ווייבלעך. תמיד אין זיין מעשה איז געווען אַ פאַרליבטער „יאָלד", וואָס איז גרייט געווען צו וואַרפן זיך פון דער פּאָניאַטאָווסקי בריק אין דער ווייסל אַריין צוליב עפּעס אַ שלאָק. עס איז גע־זעסן ביי אַ שכנותדיק טישל אַן אַקטיאָר פון דעם קאַמינסקי־טעאַטער. ער איז געווען איסאַקס בעסטער ידיד, אַ גוטער שאַך־שפּילער און אַ נאָך בעסערער טיי־טרינקער.

אין די בריוו צום ווייב האָט איסאַק געשריבן: „אַלץ איז גאָרנישט מיט גאָרנישט". זי האָט פאַרשטאַנען דעם מיין. אין די יונגע יאָרן איז ער געגאַנגען הערן דעם וואַרשעווער שיך־סוחרס מיידל, די סטודענטין ראַזאַ. זי האָט גערעדט אַ דייטשמערישן יידיש, געגוצט ווערטער וואָס מען הערט אין דער „וואַבער־שול". זעט אויס אַז זי האָט געוואָלט זיך „צופּאַסן" צו די וואַרשעווער שניידער־געזעלן, בעקער־יונגען און קאַמאַשן־מאַכער, צו וועלכע זי האָט גערעדט. אַ נידעריק מיאוס מיידל, מיט צעפּלעך און אַ גרויסן שטערן.

אין „פינפטן יאָר" איז איסאַק געווען אַ באַריקאַדן־קעמפער. שפּעטער איז ער אַוועק צום „פּאָלק" אין דאָרף אַריין צו די יפתעס, געוואָלט ברענגען ליכט אין דער פאַרחושכטער יידישער פּראָווינץ. זיי האָבן זיין ליכט נישט געדאַרפט, אָט־אָ דאָס „פּאָלק". פאַרוואָס זאָלן זיי דאַרפן דאָס „ליכט", אַז די הימלען איבער זייערע קעפּ זענען לויטערע, אָפענע? זיי האָבן אין די נעכט געחוזקט פון צאַר און פון פּאַניעס סאָלדאַטן און פון די וואָס ווילן איבערקערן די וועלט. מען וועט די וועלט נישט ענדערן. עס איז אַן איינריידעניש. די וועלט וועט זיך ענדערן ווען דער מענטש וועט ווערן בעסער — האָט תמיד געטענהט דער פעטער עליע.

די יאָסעס האָבן ליב געהאַט צו זיצן אין די פויערישע שענקען, אייננטענהן מיט די פויערים, מאַכן אַ כוסה. אין די יאַריד־טעג קלאַפּן זיי גוטמוטיק איבער די פּלייצעס, אויספרעגן זיך וועגן געזונט פון די זקנים וואָס אין די זומערן דרימלען זיי אויף די גאַנעקלעך און אין די ווינטערס קריכן זיי נישט אַראָפּ פון די אויוונס. זיי האָבן זיך אויסגעפרעגט וועגן די יאַלאָווע בהמות און ווען עס וועלן קעלבער זיין, געשמועסט וועגן גערעטעניש און וועגן רעגנס וואָס וועלן בקרוב אויספאַלן.

אַ פרעמדער איז איסאַק אַרומגעגאַנגען אין דאָרף, אַ שווייגנדיקער און נישט געוווסט ווי אַזוי מען שמועסט מיט די פויערים אַז זיי זאָלן אים פאַרשטיין. ער איז אַוועק קיין וואַרשע. די מלחמה האָט אים פאַרטראָגן קיין בערלין, דאָרט האָט ער זיך צונויפגעטראָפן מיט די „ספּאַרטאַקיסטן". ער איז געגאַנגען הערן ליבקנעכטס רעדעס און אַז ער האָט אויף איינעם פון די פּלעצער פון בערלין געזען ווי עס רעדט „ראַזאַ" פון אַן אָפענעם באַלקאָן, האָט ער זי אָפּגעוואַרט ביז זי איז אַרויס די לעצטע פון הויז נאָך דעם ווי דער ריזיקער המון איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען און געזאָגט צו איר אויפן וואַרשעווער יידיש: איך קען אייך, ראַזאַ, איך קען אייער טאַטן דעם שיך־סוחר און איך האָב געהערט צום געהיימען קרייז וווּ איר זענט אַמאָל געקומען ריידן אויף יידיש. מיין נאָמען איז איסאַק...

ווען די דייטשן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון פוילן איז ער אַוועק פון בערלין און ווידער געקומען קיין סאָכאַטשין.

„אַלץ איז גאָרנישט מיט גאָרנישט".

— „מיכאַל, ווערסט די וועלט נישט איבערראַשן. זיי בעסער גרייט אַז מען זאָל דיך איבערראַשן. מאָל. האָסט דערפון אַ הנאה? איז דיינו! עס איז בעסער צו גיין ביי דער זייט, אויף די פינגער־שפּיצן. גאָרנישט ווען און אין גאָרנישט גלויבן. אַפילו ווען דו האַלטסט דעם מלך אין דיינע הענט. הייב אויף דעם קאָפּ און זאָג נישט „מאַט". זאָג גאָרנישט. צו וואָס זאָלסטו זאָגן אַ ליגן? נישטאָ קיין „מאַט". נישט דו געווינסט און נישט דו פאַרשפּילסט, ווייל דו ביסט געבוירן געוואָרן באַלד אַ פאַרשפּילטער. עס איז גאָרנישט מיט גאָרנישט, יוטאַ. איך דריי זיך אַרום אין די קאַפּעען צווישן שרייבער וואָס פלעכטן גראַמען, וואָס שרייבן מעשות. איך האָב דאָס אויך פּרובירט טאָן און עס האָט מיך געווילט. עס האָט מיך גרויס־געמאַכט אין מיינע אייגענע אויגן. עס איז נישט מער געווען ווי אַ באַפרידיקן מיין אייגענע גאווה, וואָרעם, אויב דו ביסט ערלעך מיט זיך, ווייסטו דאָך אַז אַלץ וואָס דו ווילסט זאָגן איז שוין ערגעץ־ווו געזאָגט געוואָרן. אַנשטאָט ווי אַ בלינדע הון צו גריבלען אין מיסט — גיי און גראָב־אויף די אוצרות וואָס מענטשן פאַר דיר האָבן אַנטדעקט, זיי ליגן ערגעץ אין פינצטערניש און פאַרגעסונג. זיי, די שרייבערלעך, זענען ווי די ביליקע אויפקויפער אויף אַ יאַריד וואָס האַנדלען־איין עפּעס און פאַרקויפן עס גלייך פון דער האַנט מיט אַ נישטיקן ריווח. אַזוי זענען די רעדנער וואָס דרשענען דאָ וועגן פרייהייט און אַזוי זענען די פּאָעטן און צייטונגס־מענטשן.

אמתדיק איז נאָר געווען דער מגיד וואָס איך האָב אים געהערט אין אַ שול צווישן מנחה און מעריב. זיינע מעשות וועגן צדיקים וואָס וואַנדערן אַרום פאַרבאָרגענע איבער דער וועלט, שווייגנדיקע, ליידנדיקע און וואַרטן אויף זייער צייט — דאָס איז דאָס שענסטע וואָס איך האָב אַמאָל געהערט. איך זע איצט דעם אַלטן טאַטן מיינעם אַ געבויגענעם איבערן פאַרמעט. זיין טיפער שטערן איז באַלויכטן פון ליכט וואָס פאַלט פון פענצטער. עס איז תמיד פאַרמאַכט דאָס פענצטער בעת ער שרייבט, ווייל עס טאָר נישט אַהער דערגיין די דברי חול פון דער גאַס. הירש און וואָלף וואַקסן קיין עין־הרע. איך האָב ליב צו זיצן מיט זיי און שווייגן. מיינע דרכים זענען אין דער שטאָט זייטיקע, איך גיי לעבן די ווענט. איך אייל זיך נישט. כ'וועל אָבער אָנקומען מיט אַלע גלייך אויפן ריכטיקן אָרט וואָס אַהין מוזן אַלע דערגיין" — — —

אויף פּסח איז איסאַק געקומען פון וואַרשע מיט די צוויי זין. אין שטוב

איז געוואָרן יום־טובדיק. די פּעטערס זענען זיך צונויפגעקומען און מיכאַל האָט געזען אַז זיי קוקן אויפן טאַטן מיט דרך־ארץ. אין די חול־המועד־טעג וועט זיך צונויפקומען די גאַנצע משפּחה. עס איז שוין איצט פאַר אַלעמען קלאָר אַז מען וועט פאַרלאָזן די היים פון סאַכאַטשין. דער פּריץ פון גוטאַזשעוואָ האָט זיך אָנגעזעצט אויף דעם ערד־פּאַכטער סקאָווראָנסקי און געצוווּנגען אים אָפּצו־זאָגן זיך פון דער אַרענדע פאַר דער צייט. דער „ווימיאַר" איז געווען קליין. דער וואַלד ווערט פאַרוויסט. די פּויערים לאָזן נישט די ייִדישע דאָרפסגייער פאַר די שוועלן פון זייערע הייזער. די פּאַני מאַריאַ אַפילו מיידט אויס יוטאַס שטוב. דער פּראָבאָשטש האָט געלאָזט פאַלן עטלעכע שטעכווערטלעך אויף די ייִדן. דער אַלטער דעמב, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט און באַהאַנגען מיט געפּלאָכטענע קרענצלעך איז פאַרוואָרלאָזט געוואָרן, דער צוים — צעבראָכן. תמיד, ווען די פּויערים האָבן געפלאָכטן קרענץ פאַרן צלם, וואָס שטייט נישט ווייט פון דעמב, האָבן זיי אויך אָוועקגעלייגט קרענצלעך פון פעלד־בלומען ביים דעמב ווו עס איז אין דער פּאָוסטאַניע געפאַלן אַ זון פון די אַלטגלוביקע. דעם זומער איז אָבער דער דעמב פאַרשעמט געוואָרן.

מיכאַל איז אַוועק מיט אַלישן צום בוים כדי דאָס אַלץ צו זען. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם נאַפּאָלעאָן־באַרג, אויסגעמיטן דאָס אַלשינע־וועלדל און אַרויס צום שאָסיי־וועג, וואָס פירט קיין פּלינצק. דאָס איז געווען די צייט פון גאָלדענעם פּוילישן האַרבסט. אַן איינזאַמער פּויערישער וואָגן אויף באָטשנע וועגן. אַ פּאַסטוך אויף אַ גרין־ברוינלעכער לאָנקע. אַ פּויערטע אין אַ רויט קאָפּטיכל. סטאָגעס היי זילבערדיק־גרינע.

דער דעמב איז אויף עטלעכע ערטער איינגעשניטן פון אַ האַק און מען זעט אַן דאָס נאַקעטע האָלץ, דאָס גרוי־שימלדיקע. אויף די אויפגעריסענע צווייגן לויכטן טראָפּנס פינקלדיקע ווי די טרערן — דאָס איז די זשיוויצע. איין צווייג טריקנט. ער האָט שוין נישט קיין בלעטער. דאָס איז אַ מעכטיקער צווייג, אַן אויסגעבויגענער אויף מערב. דער איבעריקער טייל פון בוים איז באַדעקט מיט קופּער־ברוינע בלעטער.

שפּעט־האַרבסטיקע פעלדער, פייכטע פון טוי. זאַגראָדעס דרימלענדיקע, טרויעריקע, אומהיימלעכע. די פּויערים זענען שוין מער נישט גוטמוטיק־שי־כורלעכע, פאַרחלומטע און שאַרן זיך נישט שעמעוודיקע ביי די שייערן. זיי לויערן פון די גאַנעקלעך מיט בייזע, שטעכיק־שפּאָטישע אויגן און רייצן־אַן די הינט אויף פרעמדע פאַרבייגייער.

אַליש איז ווי געשלאָגן געוואָרן פון אַ פאַרבלענדעניש. ער האָט נאָר גע־זען דאָס פּנים פון סטעפאַן. נישט דעם פּאַטערס וואַסער־מיל, נישט די גרעב־

ליעס, נישט די דאַמבעס אויף וועלכע ער האָט געדאַרפט אַכטונג געבן, נישט די קאַנטאָר ביי דער מיל ווו ער האָט אַרויסגעגעבן די זעק געמאָלענע ווייץ, נאָר גוטאַזשעוואָ איז געוואָרן זיין היים. אַלע וועגן וואָס פירן צו דעם דאָרף האָט ער געקענט. ער איז דאָס גוט אַרומגעגאַנגען פון אַלע זייטן, ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין עפּל־סאָד ביז עס האָט אָנגעהויבן טאָגן. ער איז געגאַנגען צום סטאַוו און אין קליינעם פאַרלאָזענעם פישער־שטיבל טרעפן סטעפאַן באַטש אויף עטלעכע רגעס. ער האָט געזען אין די זאַגאָנעס דערשראָקענע האָזן. סטעפאַ פלעגט קומען אין באַגלייטונג פון דער אַלטער דינסט. די פאַני מאַריאַ, זי האָט עס אַרויסגעפירט די טאָכטער ביז איבער די שוועלן איבערגע־צלמט זי און געזאָגט: זאָלסט זיך אויפפירן ווי אַ קריסטלעכע טאָכטער.

ברײנע איז פאַרענדערט געוואָרן. דאָס פּנים פאַרשאָטנט, די הענט שלאַ־בערדיק. דער עמער איז איר נישט איין מאָל אַרויסגעפאַלן פון די הענט און געפאַלן מיט אַ טויבן געקלאַפּ אין דער ברונעם־טיפעניש. זי איז געשטאַנען אָן איבערגעבויגענע איבער דעם ברונעם, געשפיגלט איר אָנגעשוואָלן פּנים אין דעם שוואַרצן שפּיגל, געצויגן די ליידיקע קייט און זי אויפסניי אָפּגעלאָזן מיט אַ געקלינגערײ. עס האָט זי געצויגן צו דער טיפעניש. אירע ברוסטן האָבן זיך געוויגט איבער דעם גרין־פייכטן האַלץ־ראַנד און די קילקייט האָט געלאָשן די היץ פון איר גוף.

איינמאָל האָט דער פעטער סענדער אין אַ פאַרנאַכט דערזען ברײנען אָן איבערגעבויגענע ביי דעם ברונעם מיט דעם אַרויסשטאַרטשנדיקן הינטן, האָט ער גיך אויסגעשפּאַנט דאָס פערד, אַ רייב־געטאָן זיך די הענט און מיט אַ צע־סליניעט מויל צוגעגאַנגען צו ברײנען און איר אַ פּאַטש־געטאָן אין דעם געזעס. סענדער איז אויסגעבראָכן אין אַ הייזעריק געלעכטער.

— סענדער, זאָלסט איינגעזונקען ווערן אַזוי ווי דער קיבל.

איר פּנים איז געוואָרן אָנגעגאָסן. די ליפּן זענען אומהיימלעך אָפּגעשטאָ־נען און אַנטפּלעקט אַ פייכטע אומרויִקע צונג.

אין די נעכט איז זי געלעגן אויפן בעט און געיאָמערט, סתם אין דער וועלט אַריין, אַזוי יאָמערן אין די ווינטערס קי. מיכאַלן האָט זי מער נישט באַ־מערקט, אַזוי ווי ער וואָלט נישט עקסיסטירט.

פון קיוועס שטוב זענען אָפּט דערגאַנגען אירע געשרייען. דער פאָטער איז געלאָפן אין שטאַל אַריין נאָך די לייצעס איינצושטילן מיט די לעדערנע רימענס די צעווילדעוועטע מויד.

אין איינעם אַ טאָג האָט זי זיך אויפגעזעצט אויף דער באַלעגאָלישער בויד, מיט אַ קליין קלומיקל אין דער האַנט, און איז אַוועק קיין פלינצק אויף אַ שטעל צום רייכן קאָלאָניאַל־סוחר פערעל. קיווע האָט זי פאַרדונגען אויף אַ גאַנצן זמן, ביז איבער די יום־טובים.

איסאַק האָט ליב געהאַט צו קוקן ווי מיכאַל מאָלט. ער איז געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט אויפן רוקן, אָנגעשפאַרט אָן אויוון און געזען ווי אַזוי דער זון מישט די איילפאַרבן און די אָנגעצויגענע לייוונט ווערט טיפער, גרעסער. אָן אומענדלעכע ווייט וואָס ענדיקט זיך נישט ביים נאָקעטן האָריזאָנט. עס איז גענוג העכער אויפצוהייבן דעם קאָפ און נאָך דער ווייט וועלן זיך שפּרייטן נייע וועלטן.

דער פאָטער איז געווען שטאָלץ וואָס ער איז דער עדות פון זונס מעשׂה בראשית. צעריסענע פלעקן באַהעפטן זיך און עס אַנטשטייט אַ וועלט. אין מי־כאַלן האָט ער צום ערשטן מאָל דערשפּירט אַז די באַהעפטונג זיינע מיט די דאָרפס־יִידן איז נישט געווען קיין טעות.

אַלע וועגן אין מיכאַלס בילדער זענען אָפענע, ברייטע, מיט רעדער־אָפּ־דרוקן בלוי־זילבערנע פון טויען און רעגן־טראָפּנס. נישטאָ קיין צוימען נאָר אַ באַהויכטע גרינקייט וואָס כוואַליעט זיך ביז צו די האָריזאָנטן און דאָרט ווערט זי איינס מיט די פּוכיקע וואָלקנס און די הימלען די מילדע.

אין אַ פאַרנאַכט, ווען אַליש האָט געוואָלט פאַרמאַכן די קאַנטאָר ביי דער מיל און אויפהייבן אַ זאַסטאַווע, איז אומגעריכט געקומען סטעפאַ לעוואַנדאָווס־סקאַ. ער האָט זי נישט דערקענט: זי האָט געטראָגן אַ שווערן זשופּאַן, דער קאָפּ — פאַרהילט אין אַ גרוי טיכל, דאָס פּנים — מיד. אַ פאַס העלע האָר האָט פאַרדעקט אַ טייל פון איר באַק.

סטעפאַ האָט געהעשעט און לאַנג נישט געקענט אַרויסריידן קיין וואָרט ביז זי איז אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

— איך וועל מער נישט צוריקגיין קיין גוטאַזשעווע. איך וויל בלייבן מיט דיר. איך וויל מער נישט זען מיין טאַטן. דאָ, אין דער מיל, מיט דיר... איך וועל דיר העלפן... איך וועל פאַרריכטן די צעריסענע זעק. איך וועל די קאַנ־טאָר באַדינען.

זי איז געשטאַנען אויף די קני, פאַרלייגט די הענט ווי צו אַ געבעט און געשלוכצט.

— אַליש, שוויענטי מוי, ראַטעווע מיך. לאָמיר אַנטלויפן. ניין, בעסער דאָ בלייבן. ער וועט אָבער קומען מיך זוכן. איך האָב מורא פאַר אים...

איינער פון די מילנער־יונגען איז געבליבן שטיין אין דער אָפענער טיר און זיך גלייך צוריקגעצויגן.

אַליש האָט פאַרגעסן עפענען איינע פון די דאַמבעס ווייל די מיל איז אָפּ־געשטעלט און די וואַסערן זאַמלען זיך דורך דער נאַכט און עס איז אַ סכנה. ער האָט אַפילו נישט אָפּגעשטעלט דעם טראַנסמיסיע־ראָד און די שטיינער האָבן זיך געדרייט מיט רעש ווייל קיינער האָט נישט געשיט קיין תבואה. דער שטיין־שטויב פון די ליידיקע מילשטיינער וואָס האָבן אָפּגעהילכט ווי אַ ווייטער דונער, איז געפאַלן אויף די זעק, אויף די בעלקעס און אַריינגעדרונגען אין יעדן שפּאַלט ווי אַ שניי־קוזשאַווע.

ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין איז זי געזעסן אויף דעם בעט, אין אַ ווינקל פון דער קאַנטאָר און געכליפּעט. דאָס קלאַפּן פון דעם וואַסער־ראָד און דער גרויליק־פּאַרטייעטער געברום פון די וואַסערן וואָס האָבן זיך געזאַמלט — דאָס אַלץ איז נישט דערגאַנגען צו אַלישעס אויערן. ער האָט נאָר געהערט איר געוויין און דעם הייסן געשעפּטש.

— אַליש, איך מוז דיר זאָגן דעם אמת. וועסט מיך דערנאָך פאַרטרייבן, וועסט מיך פיינט האָבן... אָבער דיר מוז איך דאָס זאָגן...

אירע ליפּן ציטערן. די הענט זענען פאַרבראָכן. דאָס קול שטיקט זיך.

— דאָס איז אַ שאַנדע אויף מיין גאַנץ לעבן. איך וועל דאָס שטענדיק געדענקען. מיין לייב איז ווי צעריסן פון קראָפּעווע, פון דערנער. ער האָט מיך פאַרנאַרט אין שטאַל. „וועסט זען דאָס רייטפערד וואָס איך האָב פאַר דיר געקויפט״ — האָט ער מיר געזאָגט. איך בין געגאַנגען אין שטאַל אַריין. דאָרט איז געשטאַנען אַ רייטפערד וואָס ער האָט נישט לאַנג געקויפט. ער האָט אָפּגעבונדן איינעם פון די הירזשנדיקע אָגערס. דאָס פערד האָט זיך געשטעלט אויף די אונטערשטע פיס, געשפּרונגען איבער דער באַריער, אויפגעהויבן הויך דעם קאָפּ, אויסגעצויגן דעם האַלדז און אַ וואָרף־געטאָן זיך אויף דעם יונגן רייטפערד ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אויף אים אַרויפזעצן רייטן. די פערדישע אויגן האָבן געברענט און אין הירזשעריי פון די פערד האָב איך פּלוצים דער־הערט דאָס משונהדיקע געלעכטער פון אים... ער האָט זיך אויסגעקערעוועט צו מיר מיטן אָנגעשוואָלענעם הייסן פּרצוף, אַריינגעכאַפּט מיך אין זיינע הענט און אַ שליידער געטאָן אויפן היי. איך האָב געשריגן: טאַטושו! אַיטשע! גע־מיינט אַז ער איז משוגע געוואָרן. מיין געשריי איז פאַרהילכט געוואָרן פון פערד־הירזשערייען וואָס האָבן זיך געפּאָרט. איך האָב געזען דעם אָגערס רויטן גליד

וואָס האָט אין שטאָל־טונקלעניש אַ לייכט־געטאָן פֿאַר מיר ווי אַ בליץ און גע־הערט דאָס תאווה־געלעכטער פֿון מיין טאַטן. ער האָט געריסן אויף מיר דאָס קלייד. ניין, ניין! איך קען מער נישט. איך קען מער נישט. אַ יעזוז!

סטעפֿאַ איז שטיל געוואָרן.

זיי האָבן זיך ביידע איינגעהערט אין גערויש פֿון דער מיל. צוערשט האָט זיך דער שטיין־שטויב אויפֿגעהויבן פֿון די זעק און אָנגעהויבן דרייען זיך ווי אַ ווירבל־ווינט, דערנאָך האָט עפּעס אַ קרעכץ־געטאָן צווישן די מיל־רעדער און פּלוצים האָבן זיך די זיילן פֿון דער מיל אַ טרייסל־געטאָן.

דאָס איז געווען אַ וויסטער דונער, אַ קראַך וואָס האָט זיך דריי מאָל אי־בערגעחזרט.

די דאַמבעס זענען אויפֿגעבראָכן געוואָרן!

— אָה! אָה־האָ! — אָליש האָט זיך געריסן די האָר פֿון קאָפּ, געבראָכן די הענט און געלאָפֿן צו דער הילצערנער בריק, פֿאַרקערעוועט אויף צוריק, גע־שטאַנען ביי די גרעבליעס און געזען די בושעוועדיקע שוואַרצע וואַסערן וואָס לויפֿן ווי אַ נאַכטיקע אָקסן־סטאַדע אין אַ געוויטער.

נאָך האַלבער נאַכט האָט אָליש געקלאַפּט אין מיכאַלס פֿענצטער.

אין הויף איז געשטאַנען סטעפֿאַ פֿאַרהילט אין זשופּאַן. יוטאַ האָט אָנגע־צונדן די בליץ־לאָמפּ, געעפֿנט די הינטערטיר.

— באָזשע מוי, ווי דו זעסט אויס, סטעפּטשו... קום אַריין...

אָליש האָט זיך געשאַרט ביי דער וואַנט. ער איז געווען בלויז אין אַ פֿאַר־מעליקט העמד, אין רייטהויזן, צעכראַסטעט, אָן אַ הוט, די שטיוול פֿאַרבלאָ־טיקט. ער איז נישט איינגעשטאַנען אויף קיין אָרט און עפּעס געשעפּטשעט צו מיכאַלן.

יוטאַ איז אַוועק אין קיך אַריין, מיטגענומען די בליץ־לאָמפּ און געלאָזט אַלעמען אין פֿינצטער־געוואָרענעם צימער.

— מיר האָבן שוין נישט קיין היים, מיכאַל, ווי נאָר עס וועט טאָגן וועלן מיר אַוועק. סטעפֿאַ וועט שוין נישט צוריקגיין קיין גוטאַזשעווע. די וואַסערן האָבן אויפֿגעבראָכן די דאַמבעס. די שליוזן זענען אַוועקגעטראָגן געוואָרן מיטן שטראָם. איך בין שולדיק. דער פֿאָטער מיט די ברידער וועלן מיך דערהרגע־נען. די מיל וועט שטיין לאַנגע חדשים, אַ, גאָט...

יוטאַ האָט אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש דעם סאַמאָוואַר און דערלאַנגט גלע־זער הייסע טיי. זי האָט גאָרנישט געפֿרעגט נאָר געקוקט אויף סטעפֿאַן ווי זי

וואַלט אַראָפּגעלייענט פון מיידלשן פּנים אַלץ וואָס עס איז מיט איר געשען אין דער דאָזיקער נאַכט.

אפשר איז פאַר סטעפאַן קלאָר געוואָרן אַז איר אמתער טאַטע איז דער פּראַבאַשטש און אפשר איז זי געווען אַן עדות פון אַ העפטיק קריגערײַ צווישן אַנטאָני און מאַריאַן און געזען ווי דער פריץ קריכט אויף אַלע פיר, בילט ווי אַ הונט אַ נישטיקער און היימלאָזער לעבן דער מוטערס בעט? אַזוי האָט גע־טראַכט יוטאַ און נישט געקענט געפינען דעם באַשייד פאַר דעם מיידלס צערו־דערונג.

מיכאַלס פאָטער איז אַרײַנגעקומען אין די שטעקשיך, שטיל, מען האָט אים כמעט נישט געהערט. ער האָט אַ שמייכל־געטאָן און אַז ס'איז דערגאַנגען צו אים סטעפאַס העשען איז זיין שמייכל צערונען. ער איז געווען פול מיט צער און מיטלייד צו דעם איבערגעשראָקענעם אַליש און צום טרויעריקן מיידל.

— בלייבט דאָ, יוטאַ, מאַך פאַר איר אַ געלעגער.

— איך וויל אַוועק.

— וווּהין, טאָכטער?

— אין דער וועלט אַרײַן.

— אין דער וועלט אַרײַן? — האָט איסאַק איבערגעחזרט סטעפאַס רייד.

— עס דאַכט זיך בלויז אַז מען אַנטלויפט. יעדער וואָס אַנטלויפט מוז צוריק־קומען. אויב ער קומט נישט צוריק פיזיש איז זיין נשמה צעריסן. נאָר די וואָס גייען אַוועק, רויִק, שטיל, גלייכגילטיק — זיי וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט אומ־קערן. די וואָס אַנטלויפן קענען נישט אַנטלויפן פון גורל...

— לאָז זיי צורו, איסאַק — איז יוטאַ בייז געוואָרן.

זי האָט אַרויסגעפירט דאָס ציטערנדיקע מיידל. אין שלאָף־צימער איז שוין געווען גרייט פאַר איר אַ בעט. די טיר האָט זיך פּאַמעלעך פאַרמאַכט מיט אַ לאַנג אויסגעצויגן סקריפּערײַ.

— מיר וועלן אַנטלויפן קיין דאַנציג. דאָרט האָב איך אַ קרוב. ער פאָרט מיט שיפן קיין אַמסטערדאַם. פון אַמסטערדאַם וועלן מיר פאָרן קיין אַמעריקע. מיכאַל, באָרג מיר דיין קורטקע. עס ליכטיקט שוין. איך דערקען דאָס לויט די אויסשניטן אין די לאָדנס. באַלד וועט קומען עמיצער פון די מילנער־יונגען און דערזען דעם בראָך. אָ, גאָט, וואָס האָב איך אָפּגעטאָן? וואָס — — — —

אַליש איז געזעסן אויף מיכאַלס בעט, אַרײַנגעוויינט אין קישן אַרײַן ביז די מידקייט האָט אים גובר געווען.

פאַרטאָג איז פאַרפאָרן דער פריץ פון גוטאַזשעוואָ אויף זיין ברישקע צו

מיכאַלס הויז. ער איז געווען איבערגעשראָקן, ציטערדיק געקושט יוטאַס האַנט און גערעדט זייער העפּלעך.

— מיין סטעפאַ איז ביינאַכט אַנטלאָפן. איך בין געווען ביי דער מיל. די שליוזן זענען דאָרט אויפגעבראָכן געוואָרן. זי איז אפשר ביי אָלישן אָדער זי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין טייך? העלפט מיר, יוטאַ. איך וויל זיך דערוויסן דעם אמת. די פאַני מאַריאַ איז אין וואַרשע, שוין עטלעכע וואָכן. מאָרגן דאַרף זי צוריקקומען. העלפט מיר...

ער האָט זיך געבויגן נידעריק און געהאַלטן יוטאַס האַנט ביי די ליפּן. דער פּאַן אַנטאָני איז געווען ווי ערב אַ געוויין. שלאַבערדיקע פּנים־מוסקלען. נאָכהענגענדיקער גוידער אַ סאַפּענדיקער און פייכטע, הייסע ליפּן. די עוולות וואָס זי האָט געהאַט פון דעם שליאַכטשיץ זענען ווי אָפּגעווישט געוואָרן און זי האָט געוואָלט באַרויִקן דעם געבראָכענעם פּריץ.

— סטעפאַ שלאָפט אין אַנדערן צימער.

— זי האָט נישט געפלוידערט פאַר אייך נאַרישקייטן?

יוטאַ האָט נישט דערקענט זיין שטים. אַנטאָני איז פּלוצים דערוואַכט געוואָרן. די פּנים־קישעלעך זענען פול געוואָרן. די ציטערנדיקע ליפּן זענען איינגעצויגן געוואָרן און די פאָדערשטע צוויי ציין האָבן זיך איינגעביסן אין דער אונטערשטער ליפּ ביז בלוט.

— די שליאָנדרע איז דאָ ביי אייך? איך וועל איר וויזן אַרומשלעפּן זיך מיט אַן אַנטי־כריסט! זי האָט גערעדט ווילדקייטן פאַר אייך! איך דערקען דאָס אין אייערע פּנימער! איר וועט דערנאָך שפּאָטן פון מיר! נקמה־נעמען! דערצו זענט איר יִדן פּעיִק. אָלאַ באַגאַ, פאַני יוטאַ, סטעפאַ איז נישט נאָרמאַל! באַמערקט איר דען נישט אַז דער איבערגעוואַקסענער גלאָמב איז צעדרייט? וואָס האָט זי אייך דערציילט? וואָס? איז מוזט מיר דאָס זאָגן!

אַ מאָנענדיקע שטים, אַ שניידיקע ווי געשאַרפט פון די פלאַכע שפּיציקשטעכיקע וואָנצעס.

— זי האָט גאָרנישט דערציילט. סטעפאַ שווייגט די גאַנצע צייט.

— זי שווייגט? איז מעגלעך אַז די אויסגעלאַסענע מויד זאָל שווייגן? ניין. דו ווילסט מיר נישט זאָגן. מאָרגן וועט דער גאַנצער פּאָוויאַט קלינגען מיט מיר.

יוטאַ האָט איינגעהאַלטן איר כעס.

— פאַניע אַנטאָני, דו רייסט זיך אַריין אין מיין הויז פאַרטאָג, שטערסט די רו פון מענטשן און דו ביסט נאָך אַזוי פרעך מיך צו באַשולדיקן אין פאַרבאַהאַלטן אַן אמת פאַר דיר. דו ביסט אַ זון פון פּוילישע שליאַכטשיצן נאָר דו

פירסט זיך אויף ווי אַ פּאַראַבעק. איך בין אַ טאָכטער פון ערדבאַזיצער און וויל דאָס אין מיין שטוב נישט דולדן.

זי איז צוגעגאַנגען מיט האַסטיקע טריט צו דער טיר, אויפגעפּראַלט זי מיט רוגזה, אַזש די שויבן אין אַלע פענצטער האָבן זיך צעקלונגען.

— פּשעפּראַשאַם, פּאַני יוטאַ. איך בין אויפגערעגט. גוט. הייסט דאָס אַז זי האָט נישט געפּלאָפּלט קיין נאַרישקייטן. פּאַני יוטאַ, מיר זענען דאָך פריינד. לאָמיר דאָס פאַרגעסן...

אין דער טיר פון שלאָף־צימער איז געשטאַנען סטעפאַ מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, צעקעמטע האָר און בייז אויסגעשריגן:

— פּרעטש! איך וויל נישט גיין מיט דיר! פּרעטש!

אַנטאַני איז צוגעגאַנגען נאָענט צו דער טאָכטער, אָנגענומען זי פאַר אַ האַנט און מיט כוח געשלעפּט צו דער טיר.

צוערשט האָט זי זיך אַנטקעגנגעשטעלט, דערנאָך איז זי געגאַנגען מיט אייליקע טריט און אַז סטעפאַ איז שוין געזעסן אויף דער אָפענער ברישקע האָט זי גערופן אַלישן.

ער איז אַרויסגעלאָפן פון מיכאַלס צימער, צוגעגאַנגען צו דער בריטשקע און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

אַנטאַני האָט גענומען די בייטש און אָנגעטאָן אַ טרייב־צו־טאָן די פערד האָט ער מיט דער גאַנצער קראַפט אַ שמיץ־געטאָן אַלישן איבער פּנים.

די פערד האָבן זיך געטראָגן איבער דעם ליידיקן פּאַרטאָגיקן מאַרק צום זאַמדיקן וועג וואָס פירט קיין גוטאַזשעוואָ.

אַ רויטער בלוטיקער פּאַס פון דעם שטערן ביז צום האַלדז, איז מיט איין מאָל אָנגעדראָלן געוואָרן אויף אַלישס פאַרפינצטערט פּנים.

די דאָרפישע שולע האָט שוין מיכאַל לאַנג געהאַט פאַרענדיקט. די לעקציעס ביי סערגיי קריזשאַנאָווסקי, דריי מאָל אין דער וואָך, האָבן אים אַ סך געגעבן.

— מען מוז אָבער דעם זון שיקן אין אַ שולע. עס איז די העכסטע צייט. עס איז דורכגעלאָפן אַ גאַנץ יאָר — האָט געטענהט דער פעטער עליע.

די מומע וויכנע האָט געזאָגט: — אוי, מיכאַל, ביז דו וועסט אויסמאָלן אַ פייגעלע וועסטו דאַרפן אויפעסן אַ לייבעלע.

די פעטערס האָבן שטיל אונטערגעשמייכלט פון מיכאַלס „מאָלעכצער״. עס איז גאָרנישט קיין יידישע זאַך. ווייסעך־וואָס, יוטאָס פּריצישע גענג.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַוועקצושיקן מיכאַלן אויפן נייעם שול־יאָר קיין

פלינצק. און אַזוי ווי מען דאַרף אים צוגרייטן צו דער גימנאַזיע וועט אים די איביקע סטודענטין פּראַניאַ, וועלכע די אַפּנהיימערס האָבן ספּעציעל געבראַכט פון וואַרשע צו לערנען בעלאַן, אַרויסהעלפן.

בעלאַס מוטער איז נישט איינגעגאַנגען דערויף אַז מיכאַל זאָל לערנען מיט בעלאַן אין איר הויז. מיכאַל איז דעריבער יעדן טאָג געגאַנגען צו דער פּאַני פּראַניאַ אין איר קליינעם מיידלשן צימער וואָס האָט זיך געפונען לעבן עפּל־בוידעם פון די אַפּנהיימערס. די ערשטע לעקציע פון דער פּוילישער ליטעראַ־טור זענען פאָרגעקומען אין אַ חדרל וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט עפּל־ריחות און דער ריח איז שוין פאַרבליבן אין מיכאַלן ווי נאָר ער האָט געעפנט אַ פּויליש בוך.

דאָס נידעריקע, פולע מיידל פון וואַרשע, די טאָכטער פון אָפּגעקומענע גבירים, האָט אַנטדעקט די רייכקייט פון מיכאַלס פּוילישער שפּראַך. ער האָט געניצט אַלט־פּוילישע ווערטער, די וואָס עס פלעכטן אַריין אין זייערע רייד די גלויביקע דאָרפס־איינוווינער, די האַלב־געבילדעטע. זיי זענען געווען אויס־געמישט מיט לאַטיינישע ווערטלעך, מיט קאַשובישע און אויך פראַנצויזישע, וואָס שטאַמען אַוודאי פון די פריצישע הייף. אין זיין קלאַנג האָט מען געהערט דעם עכאָ פון גלאָקן און עס האָט געהאַט די פרישקייט פון וואַרעמען ראַזעווען ברויט.

פּראַניאַ איז געווען אין סאָכאַטשין ווי אויף פאַרשיקונג. עס האָט זי פאַרפאָלגט אַ פאַרליבטער אָפיציר, אַ קריסט און פאַרלאַנגט אַז זי זאָל ווערן זיין ווייב, אויב נישט וועט ער זי שיסן. וואָס דער פאַרליבטער האָט דערזען אין דעם קליינוווקסיקן מיידל מיט דעם קלייען־פּנים האָט קיינער פון די דאָרפס־ייִדן נישט געקענט באַנעמען. אפשר די פול־אָנגעגאָסענע גלידער, די רויטע באַקן די באַחנטע מיט די צוויי גריבלעך, די מוסקלען פון אירע פעסטע פיס, די פולכגע פינגער און דער ווילד־צעשורפּעטער קאָפּ מיט רויטע האָר וואָס זעט אויס ווי אַ פלאַקערנדיקער שייטער — ווער קען דאָס וויסן גאָטס סודות — האָבן געטראַכט מיכאַלס מומעס.

פּראַניאַ האָט אַרויפגעקוקט צום הויכן מיכאַל און פון איר בליק איז ער געליימט געוואָרן. ער האָט נישט דערקענט זיין קול און די הענט זענען אים ווי אָפּגענומען געוואָרן.

דעם ערשטן פאָרטרעט וואָס מיכאַל האָט געמאָלן איז געווען פון פּראַניאַן.

זי איז געזעסן מיטן פּנים צום פענצטער און געקוקט אויפן מאַכיקן שינדל־דאַך. האַלב־אָפענע ליפּן. אַן איראָנישער שמייכל אין די פאַרטונקלטע חן־גריבלעך. פולע פינגער, קורצע, מיט ווייסע פינגער־קנעכלעך, ראָזע נעגל. ער

האָט געקוקט אויף איר ווי עס קוקט אַן ערד־מענטש אויף אַ פּרי וואָס איז רייף, אָנגעגאָסן, מיט טוי. עס איז געווען אַ פיזישע הנאה צו קוקן אויף איר.

פראַניאַ האָט זיך נישט דערקענט אויף דעם בילד. אָנשטאָט אַ קוטשעראַ־ווע, געל־האָריק וואַרשעווער מיידל איז געווען אָנגעמאָלן אַ געזונטע פלאָם־פייערדיקע דאָרף־שיקסע.

די לאַטייניִשע שפּראַך האָט ער אויפגענומען מיט אַן אומגעווייִנטלעכער לייכטקייט. דער עפּאָס פון אַדאַם מיצקעוויטש „פּאַן טאַדעוּש" איז געווען פאַר אים אַזוי נאָענט אַז ער האָט זיך נישט געקענט שיידן טאָג־און־נאַכט מיט דעם בוך. גאַנצע קאַפּיטלען, פּערז נאָך פערז, האָט ער געשעפּטשעט פון אויסנווייניק. עס האָט אים פאַרכאַפּט דער כישוף פון דער פוילישער שפּראַך און די מוזיק פון די פערזן.

ער איז געלעגן אויף זיין געלעגער און שטיל געשעפּטשעט: „וויִעיאַן ווי־כרי זלאָוראָגע" — און ער האָט אויף אַן אמת אָנגעהויבן צו שפּירן דעם שטורעמווינט.

דער אָנהייב איז געשען בעת דער אַלטער סערגיי האָט אים געלערנט דרייסט וואַרפן פאַרבן־פלעקן אויף לייוונטן.

— זונעלע, לאָז צעשפּילן דיין סטיכיע. צוים זי נישט. מאָל מיט אינס־טינקט. נוץ נישט נאָר דעם פּענדזל נאָר אויך דעם שפּאַכל. דרייסט. עס איז דאָ אַ שׂכל אין דעם כאַאָס. אַלץ וואָס דיין נשמה האָט אויפגענומען, דאָס איינ־דרוקפולסטע, דאָס וויכטיקסטע, וועט איצט אַרויסקומען אויף דער אויבער־פלאַך. די רוסן זאָגן נישט „מאָלן אַ בילד" נאָר עס הייסט אויף רוסיש „שרייבן אַ בילד", ווייל אַזוי ווי שרייבן פּאָעזיע איז אַ סטיכיע אַזוי איז אויך מאָלן סטי־כיע. געדענק, דו ביסט נישט קיין חשבון־פירער פון פרעמדע קאָנטאָרן, דו ביסט נישט קיין בלינדער נאָכקאָפּירער, דו ביסט אַ באַשאַפער! אַזוי האָט אויך דער אַלמעכטיקער געפורעמט די וועלט. ער האָט נישט געוווּסט וואָס ער באַ־שאַפט, ערשט נאָכן באַשאַפן האָט ער דערזען אַז עס איז גוט. דערמאָן זיך וואָס אין דער תורה שטייט געשריבן: „און ער האָט געזען אַז עס איז גוט". ברעך־אויף אַלע גרענעצן! שרעק זיך נישט פאַר די דעפאָרמירטע לאַנדשאַפטן וואָס דו זעסט זיי אין די חלומות ווייל זיי זענען אמתדיקע. נאָר די נאַרישקייט אונדזע־רע צווינגט אונדז צו זען אַ שלימות אין דער וועלט וואָס רינגלט אַרום מיך און דיך. די פולקאָמקייט באַשאַפסטו דורך דעם וואָס דו גיסט איר אַ נשמה און נשמה הייסט שיינקייט.

מיכאַל האָט געוווּסט אַז אַ סך פון דעם וואָס סערגיי האָט אים געזאָגט איז

פאַרפּלאָנטערט צוליב דעם בראָנפן וואָס איז קיין מאָל נישט אַראָפּ פון זיין טיש.

די פּאָעמעס פון מיצקעוויטשן, פול מיט בונט, מיט אומרו און נביאישן פּאַטאָס, פאַרהילט אין מיסטישער אַטמאָספער וואָס איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק אַ הייליקייט און אַלמענטשלעכע, האָט געמאַכט מיכאַלן פרום. דאָס האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דער יִדישער סביבה אין וועלכער מיכאַל האָט געלעבט. דערצו איז נאָך צוגעקומען זיין רייף־געוואָרענער קערפּער און דאָס אומרו:קע בלוט איז דערוואַכט געוואָרן.

קאַפּיטל זעקס

זעכצן יאָר איז מיכאַל אַלט געווען בעת ער איז געקומען קיין פּלינצק. ער האָט געטראָגן געפּאַסטע רייט־הויזן פון אַ געשטרייפּלטן, ברוינעם סאַמעט, אַ ליכטיק ברוינע קורטקע, געמזענע שטיוול, אַ היימיש־געשטריקטן וואָל־סוועטער. פון אונטער זיין הוט האָט אַרויסגעקוקט אַ שוואַרצער פּאַס האָר וואָס איז אים תמיד געפאַלן אויפן לינקן אויג. אַ פריש פנים פון ווינט און אין בליק דער אומרו פון אַ הירש וואָס איז אויפגעוואַכט געוואָרן און הערט זיך איין אין אַ גערויש צווישן אומבאַקאַנטע קוסטעס.

דאָס ירושה־בלוט פון זיין טאַטן און זיידן איז געווען אין אים גאָר שטאַרק. עס איז ווי אַריינגעפלאָסן אין זיינע אָדערן.

דער זיידע איז טעג גאַנצע געווען איבערגעבויגן איבערן פּאַרמעט און מיט אַ גענדזענער פּען געשריבן די קליינע פּערלדיקע אותיות, געשריבן זיי מיט אומגעווייטלעכן געדולד, ביי אַ פאַרמאַכט פענצטער, פאַרהאַנגען מיט אַ דורכזעעוודיקן פאָרהאַנג און דאָס ליכט איז געפאַלן אויף דעם געלבלעכן פּאַרמעט, אויף די לאַנגע פינגער פון סופר, אויף זיין טיפן שטערן און קופּערנער באָרד, עס האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז דער פּאַרמעט און דער גרויסער שטערן און די הענט זענען פון מירמל און דאָס ליכט איז אַן אינעווייניקסט ליכט וואָס קומט פון די הייליקע אותיות. אַן אַריינדרינגען אין יעדן אות און דאָס אָפּהיטן זיינע מחשבות אַז זיי זאָלן קיינמאָל נישט אַרויס פון גדר אין וועלכן ער באַוועגט זיין האַנט. ווען עס איז אויסגעטריקנט געוואָרן דער טינט פון פּאַרמעט, האָט ער פאַרדעקט די יריעה מיט אַ טלית און אָנגעשפּאַרט זיך ביים פענצטער־ברעטל. אַזאַ געדענקט מיכאַל זיין זיידן פון די עטלעכע באַזוכן וואָס ער האָט געמאַכט יינגלווייז אין דעם הויז.

ערב מיכאַלס אַרויספאָרן פון סאָכאַטשין זענען פאָרגעקומען עטלעכע געשעענישן.

דער פעטער זאַלקע איז באַפאַלן געוואָרן אין קאַלאַזאַמב פון קריסטלעכע פויערים. דאָס איז געווען נאָך דעם ווי ער האָט פאַרענדיקט דעקן דעם דאַך פון קאַשטשיאַל.

— צי־אַראָפּ דעם הוט, באַשניטענער, ווען דו שטייסט לעבן הייליקן קשיזש — האָט צו אים געשריגן דער שענקער פון דאָרף.

— איך האָב געמאַכט אַ דאַנק פאַר דיין הייליקן... איך האָב אים אָנגעטאָן אַ הוט...

— ביז איצט האָסטו פאַראומרייניקט די פוילישע ערד, איצט פאַראומריי־ניקסטו אונדזער קאָשטשיאָל.

— ווי לאַנג איז דען ווי איר זענט געשטאַנען אויף די קני פאַרן צאַרישן זשאַנדאַרם? איך געדענק דיין זיידן, וואָס האָט פוילישע פּאָווסטאַנצעס גע־מסרט, — האָט געזאָגט זאַלקע.

עס איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג. די געזעלן האָבן זיך אָנגענומען פאַר זאַלקען. דער שענקער איז שיער נישט צעממיתט געוואָרן פון בלעכערס געזונ־טע פויסטן. ביינאַכט זענען געקומען פון דער גמינע צוויי פּאָליציאַנטן און אַוועקגעפירט זאַלקען קיין פּלינצק. ער זיצט אין טורמע. מען וועט אים משפטן פאַר באַליידיקן דעם קריסטלעכן גלויבן און דאָס פוילישע פאָלק. יוטאַ איז שוין געווען ביים אַדוואָקאַט לאַפּיצקי. עס וועט זיין אַ שווערע ספּראַווע.

דער צווייטער פּאַרפּאַל איז געשען אין דער זעלבער צייט: עס האָט זיך אָנגעצונדן דאָס וואַלדפּערטל מיט די גרייטע בוי־געהילצער. דער פּעטער בער, דער וואַלד־סוחר, איז דורך איין נאַכט פאַראָרעמט געוואָרן.

קיווע קאָפּ איז צעשלאָגן געוואָרן פון שיכורים אויפן וועג קיין קוכאַר. אויף די יאַרידים באַוויזן זיך אויסטערלישע פאַרשוינען און העצן קעגן די ייִדישע בהמה־סוחרים און פערד־הענדלער. אין שטעטל באַדזאַנוו האָבן יונג־וואַרג איבערגעקערט די שניידערישע געשטעלן, צעוואָרפן די געשטעלן פון די שוסטערס און געטריבן די ייִדן פון מאַרק.

אַפילו דער בלינדער בעטלער ביים סאָכאָטשינער קלויסטער האָט אָנגע־הויבן צו זינגען לידער וועגן אַנטי־כריסטן וואָס האָבן פאַרכאַפּט פוילישע שטעט און שטעטלעך. „שוין שטייט־אויף אַ ריצעזש וואָס וועט קומען פון «זאַכוד» און ער וועט גיין אויף «ווסכוד» און זיינע שטאָלענע פערד וועלן צעטרעטן דעם היישעריק וואָס איז אָנגעלאָפן אַהער אַזש פון דער הייליקער ערד“...

אין די פאַרנאַכטן זענען געקומען אַלטע גרוי־בערדיקע פּויערים צום פעטער עליע. זיי האָבן געזופּט די הייסע טעפּלעך טיי, געריבן זיך די הענט, גע־הוסט, געברומט, געשנייצט די נעז און ערשט ביים אַוועקגיין פאַרטרוילעך גע־שעפּטשעט ווינקנדיק דערביי שעלמיש: — עליאַש, ניע דאַבזשע. עס גייען בי־טערע צייטן. עפּעס אַ ווילדער פיאַלון האָט זיך באַוויזן אויף אונדזערע פעל־

דער... דער פּיאַלון איז שטעכיק, פול מיט גיפט, אַזש די בהמות ווערן פאַר־ווילדעוועט...

עליע האָט דעם נמשל גוט פאַרשטאַנען.

אַנטאָני לעוואַנדאָווסקי האָט אונטערגעשיקט אַלערליי דאָרפישע מעק־לערס אַז זיי זאָלן אויפצווינגען די יאָסעס אָפּצוטרעטן פון גרויסן פאַשעפעלד. ער האָט אַפילו אָנגעהויבן צו בויען אַן אייגענע מיל כדי די פויערים זאָלן נישט דאַרפן אָנקומען צו די יידישע מילנער.

די פויערים וואָס האָבן געבראַכט „ווימיאַר" פאַר די אַרענדירטע פעלדער זענען געקומען שיכורע, בייזע. די זאַטע פערד זייערע זענען פאַרפאָרן אין הויף אַריין, אויפגעבראָכן דעם טויער, מיטגעריסן אַ שטיק שטאַל אָדער אַ טייל פון פּלאָט. עס האָט זיך געדאַכט אַז זיי ווען דעם הויף פון די יאָסעס צעטראָגן.

די אָפּנהיימערס זענען ערב באַנקראָט.

די גרויסע געלטער וואָס זיי האָבן געהאַט ביי די ערד־באַזיצער זענען דורך אַ געזעץ פון דער רעגירונג פאַרפרוירן געוואָרן. דער קליינשטעטלדיקער באַנקיר ברעכט זיך. פון אַ ווייטער שטאָט זענען געקומען פרעמדע מענטשן. זיי האָבן געטראָגן מעשענע קייטן אויפן האַלדז און געשריבן, געחתמעט, גע־לייגט רויטע לאַק־סטעמפּלען און ווידער געשריבן.

יוטאַ האָט געלאָזט שפּאַנען די אַלטע קאַטש און אין איינעם אַ האַרבסט־טאָג איז זי פאַרפאָרן צוזאַמען מיט מיכאַלן קיין פּלינצק, צו דעם הויז פון די פּערעלס.

אַ פיר־קאַנטיקער מאַרק אויסברוקירט מיט פעלדשטיינער. אָרעמע יידי־שע הייזער, געוועלבער הויכע, קרומע שטיגן פון ווילדן שטיין און פון האָלץ. אַ וואַסער־פּלומפּ אין מיטן מאַרק. וואַסער־טרעגער מיט סאַנדעס. דריי קופּער־נע טעלער איבער אַ טיר — אַ סימן אַז דאָ איז דער פעלדשער און שערער. אַן אָקסענער קאָפּ מיט אויגן פון אַ טייבעלע, דורכגעשטאָכן פון קצבישע מעסערס. אַן אויסגעצויגענער פּראַנט מיט אַ פּנים פון זשאַווערדיקן בלעך און שטייפע הויזן ווי די רעלסן פון אַן אייזנבאַן — דאָס איז די שילד צו אַ שניידערל.

דרימלענדיקע טרעגער אויף טרעפּ. אַ יידענע געהילט אין אַ גרינער פּאַטשיילע מיט פראַנדזן. דעכער פון דאַכוועקעס און פון גרין־ברוינלעכע שינד־לען.

דאָס צימערל איז פול מיט אויסגענייטע קישעלעך פון סאַמעט, מיט גע־האַפטענע טישטעכלעך, מיט נידעריקע שטולן באַצויגענע מיט פּלוש. דאָס

איינציקע פענצטערל האָט פיר קליינע שייבעלעך. יעדעס שייבל האָט אַ באַזונדער ווייס־געפּאַלבט פּאַרהאַנגל.

די משפּחה פּערעל באַשטייט פון אַלטן ר׳ גאָץ, זיין ווייב גליקע, די טאָכטער שאַלמע מיט די דערוואַקסענע צווייט טעכטער. ר׳ גאָצס אײדעם האָט נישט אויסגעהאַלטן אין הויז פון דעם קאַלאַניאַל־סוחר און איז אַוועק קיין מלאוּוע איבערוואַרטן ביז גאָץ וועט אַרויסלאָזן די שליסלען פון זיינע הענט און אויפהערן צו זיין דער הערשער פון דעם הויז. דער אַלטער האָט נישט גערעדט צו מענטשן נאָר געבייזערט זיך. אַפילו בעת די תפילות. עס איז מער געווען אַ בייזעריי אויף דעם אייבערשטן ווי אַ געבעט. פלעגט אַריינקומען אַ פּויער אין זיין געשעפט און דערהערן דאָס בייזעריי איז אים באַפּאַלן אַ שולד־געפיל, באַזונדערס ווען ער האָט דערזען גאָצס פּאַכען מיט די שליסלען און דערהערט די יידיש־פּוילישע ברומערייען. עס האָט אָבער אַלעמען געצויגן צו דעם געוועלב. איז דאָס אפשר געווען מחמת דעם שאַרפן ריח פון צימרינג און פרישע לאָרבער־בלעטער? אָדער פון דעם וואַרעמען בליק פון דער שיינער גרושה שאַלמע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אָריענטאַלישע פּרינצעסין?

מיכאַל האָט ליב געהאַט שטיין אויף די טרעפּ און זען דעם אָנפּאַר פון די פורמאַנקעס פאַרן געשעפט, קוקן אויף די פערד וואָס צו זייערע מאָרדעס זענען צוגעבונדן זעק מיט האָבער און ווען זיי קענען שוין מער נישט דערגרייכן דעם האָבער פּאָכען זיי מיט די ליידיקע זעק.

די פּויערים קויפן דאָ איין זאַלץ, בוימל, הייוון, נאַפט. זיי טראָגן דאָס צום הייוואָגן, פאַרדעקן מיט זעק, טוען־אָן די ציימלעך, פאַרריכטן דאָס געשפּאַן.

די איילפאַרבן ליגן נישט־גערירטע אין הילצערן קעסטל. די דאָרפישע גרויע לייוונט, וואָס די מאַמע האָט אַליין געוועבט, איז פאַרוויקלט. דאָס קוקן פון פענצטער מאַכט אים מיד. ער וואָלט צוריקגעלאָפן קיין סאָכאַטשין נאָר עפּעס לאָקט אים אַזוי ווי עס לאָקט אַ הירשל יענע זייט פון אַ טייך נאָר עס שרעקט אים די פרעמדקייט.

איין מאָל אין דער וואָך, אין די פרייטיקס, ווען אין פּלינצק איז אַ מאַרקטאָג קומט קיווע מיט אַ קיישל און שטעלט עס ביי דער שוועל. די מאַמע שיקט אים אַ פריש שטיקל פוטער געוויקלט אין כריין־בלעטער, אַ קעזל, אויסגעלאָזן שמאַלץ, אַ פּוטערקוכן און אַביסל אויבסט.

קיווע האָט אים אָנגעהויבן צו „אירצן״. דאָס איז שוין געווען אַן אַנדער קיווע, אַ געבראָכענער נאָך דעם ווי ער איז באַפּאַלן געוואָרן פון די שקצים. ברייגע האָט אים שוין נישט פאַרשאַפט קיין צרות. די מויד איז מיט גאָטס

הילף אַ קעכין און זי גייט זיך איר דרך. נאָר עפּעס איז דאָך קיווען געלעגן אויפֿן האַרצן און יעדן פּרייטיק איז ער לאַנג געשטאַנען אין מיכאַלס צימערל ווי ער וואָלט אויף עפּעס געוואַרט, אַפילו נאָך דעם ווי מיכאַל האָט אָפּגעגעבן די ליידיקע טעפּלעך, דאָס קיישל און איליק אָנגעשריבן אַ קורץ בריוועלע צו דער מאַמען. איינמאָל האָט אים קיווע דערציילט וואָס עס דריקט אים:

— איך מוז זען מיין זון איידער איך שטאַרב. איך ווייס אַז ער קומט אויף די יאַרידים. מען דערציילט אַפילו אַז ער איז געווען אין פּלינצק מיט עטלעכע וואָכן צוריק. איך דריי זיך שוין פֿון פּאַרטאָג־אָן אַרום איבערן מאַרק, קוק אַלע־מען אַריין אין פּנים. די באַלעגאַלעס פֿון פּלינצק ווייסן ווער עס איז מיין זון נאָר זיי ווילן מיר אים נישט אָנווייזן. איך מוז אים זען און נאָך דעם וועל איך קענען רויִק איינליגן אין קבר. איך בין געווען ביים ראַדזימינער רבי. ער האָט מיר געזאָגט: קיווע, שטיי־אויף און זוך דיין פֿאַרוואָגלט קינד. זאָג אים, דיין פֿאָטער בין איך, אפשר וועסטו אים באַקערן צו ייִדישקייט.

מיכאַל האָט קיווען קיינמאָל נישט געזען אַזאַ דערשלאָגענעם. עס האָט אים אַרומגענומען אַ צער און ער האָט אים געוואָלט העלפֿן.

— איך וועל דיר העלפֿן, קיווע... איך וועל מיט אים ריידן... איך וועל דיין זון דערקענען...

— איך וואָלט אפשר אין אַלעם פֿאַרגעסן, נאָר אַנומלט, פֿאַרבייפֿאַרנדיק זאַקראָטשין בין איך אַריין אין אַ שענק. דאָרט האָב איך געטראָפֿן יאַנקלען „די רויטע יאַגעדע" און געהייסן זיך אָנגיסן אַ פּערטעלע. אַז איך האָב זיך דערוואַ־רעמט נאָכן „פֿינף־און־ניינציקער" האָט מיין צונג גענומען מאָלן. דערצייל איך דער רויטער יאַגעדע — אָט־אָ דעם ייִד מיט דער רויטער באָרד דעם שמדניק, וועגן יענע יאָרעלעך ווען איך האָב ביי די יאָסעס פּליטן געטריבן און נישט איין מאָל געגעבכטיקט אין די סטאַדאָלעס. איי, האָט דאָס בלוט געזאָטן. און אַזוי ווי איך רעד צו אים, לאָפּעט ער אויס אויף מיר די אויגענעס און שלעפּט מיך אַרונטער דעם בופֿעט, עפֿנט אַ פֿינצטערע טיר און מיר פֿאַלן בײדע אַריין אין אַן אַלקערל. ער רוימט מיר איין: קיווע קאָפּ, נעכטן האָט דאָ געטרונקען אַ גוי אַז ער איז שיכור געוואָרן האָט ער געשריגן: איך בין אַ זשידאָווסקער בענ־קאַרט. דאָס איז דער ריינער אמת. אַזוי האָט מיר געזאָגט די מאַמע איידער זי איז פֿון דער וועלט אַוועק. מיין טאַטע איז געווען אַ ייִד, אַ טראַטווע־טרייבער. איך בין אַ זשיד. אַז איך וועל טרעפֿן מיין זשידאָווסקען טאַטן וועל איך אים צו די פֿיס פֿאַלן. ער האָט קיין מענטשן נישט געררויבט! ער איז געווען אַן ערלע־כער טראַטווע־פֿירער, אַ פֿאַרמאַן! ער האָט נישט געשיכורט! ער געהערט צום הייליקן פֿאָלק!

די רויטע יאַגעדע האָט מיר געזאָגט אַז דאָס האַרץ האָט זיך אים אָפּגע־שטעלט ווען ער האָט די רייד געהערט אין דער שענק. קיווע, אַ בראָך אויף דיר, מעגסט שטאָלץ זיין מיט דיין ממזר. איך האָב אַ שטויס געטאָן די יאַגעדע פון זיך, אַרויס צו די פערד און זיי ווילד געטריבן אין דער נאַכט אַריין. פון דעמאָלט אָן ברענט אין מיר אַ פייער. מיכאַל, נאָר דיר דערצייל איך דאָס.

ער האָט קיווען באַגלייט ביז צו דער בריק און צוגעזאָגט אויפצוזוכן דעם אויסטערלישן יונג. אין דעם זעלביקן אָוונט איז ברײנע אַנטקעגן געגאַנגען מי־כאַלן אויף די שמאָלע אַלקער־טרעפּ. וואָס טוט זי דאָ? תמיד איז איר אָרט ער־געץ צווישן געוועלב און דער קיך. זי איז געבליבן אין מיט פון די שטיגן און פאַרלייגט די הענט הינטער די באַקעס:

— וואָס וויל דער טאַטע? עפּעס האָט ער מיט ענק אַזוי לאַנג געמוטלט?

— גאָרנישט. סתם אַזוי.

— סתם? — ברײנע האָט אָנגעהויבן הייזעריק צו לאַכן. — סתם אַזוי? כאַ־כאַ־כאַ... מיין טאַטן איז באַפאַלן דער שד... איין טאָכטער איז אים ווינציק, זוכט ער נאָך ממזרים... איך האָב אַלץ אונטערגעהערט... מענטשן, קיווע קאָפּ איז געררירט אויפן קאָפּ... כאַ־כאַ...

דאָס מאָל איז איר געלעכטער געווען אָן אויפגעבונדנס, אַ חוצפּהדיקס. עס איז נישט געווען הייזעריק, נאָר עס האָט אָפּגעקלונגען ווי מיט אַ קופּער־נאָכ־קלאַנג.

— פּריציש ייִנגל, גיי אַדורך. ׳עסט זיך נישט איינריסן... יאָסל יאַלעך דער טרעגער, אַז ער גייט פאַרביי קניפּט ער מיר אויס שטיקער לייב. ער מיינט אַז איך בין אַ היי־וואָגן וואָס הונגעריקע אָקסן האָבן ליב אַראָפּצוכאַפּן מיט די מאָרדעס היי... דו, מיכאַל, האָב נישט מורא, גיי דורך...

זי האָט זיך צוגעדריקט צו דער וואַנט. איר אָטעם איז אויף איין רגע אויס־געמישט געוואָרן מיט מיכאַלס אָטעם, נאָר דער רויער ריח פון איר לייב האָט אים אָפּגעשטויסן. ער איז פאַרבייגעגאַנגען שווייגנדיק און שנעל צוגעמאַכט די טיר פון אַלקערל. פון אונטערשטן שטאָק זענען דערגאַנגען ברײנעס הילכיקע רייד און אַ געלעכטער.

אין דער פּלינצקער גימנאַזיע האָבן זיך געלערנט קינדער פון רייכע ערד־באַזיצער. דער דירעקטאָר איז געווען אַ האַלב־דייטש און האַלב־פּאָליאַק פון פּויזן מיטן נאָמען גוסטאַוו הערבערט. אַ נידעריקער געפּאַקטער מענטש אין די פּופּציקער, אַ פּליכעוואַטער מיט קליינע באַגילדעטע מיניאַטור־ברילן וואָס זע־נען אים געלעגן אויף דער ברוסט, ווייל זיי זענען געווען צוגעבונדן צו אַ לאַנג

גאָלדן קייטעלע אַרום זיין פּעטן, געפּאַלבטן האַלדז. דאָס גאָלדענע קייטעלע האָט מען קיינמאָל נישט אָנגעזען ווען ער איז געשטאַנען מיטן רוקן צום קלאַס. עס האָט זיך תמיד אַריינגעקוועטשט אין איינע פון די האַלדז־פּאַלבן. דערציילט האָט עמעצער, אַז ווען דער גימנאַזיע־דירעקטאָר איז איינמאָל אַרויס נאָכן באָדן זיך אין דער פּלאַנקע, איז ער געבליבן שטיין אַן אומגעווייינלעך ערנסטער, גע־מאַכט אויסטערלישע זשעסטן, געטאַפּט זיינע ברילן אויף דער ברוסט. ערשט ווען ער האָט זיך אויסגעגלייכט און די פּאַלדן פון זיין בויך זענען לויז געוואָרן, איז פון אַ פּאַלב אַרויסגעשפּרונגען אַ גרין זשאַבעלע. דאָס גרינע זשאַבעלע איז געוואָרן דער עמבלעם פון דער גימנאַזיע. יעדער קלענסטער קער פון גוסטאַוו הערבערט, בעת זיינע לעקציעס פון דייטשישער גראַמאַטיק, איז אָפט באַגלייט געוואָרן דורך אַ שטיל קוואַקעריי. אויף אַלע שול־העפטן און אויף די טאָוולען האָט מען געטראָפן אָנגעצייכנטע זשאַבעס.

הערבערט איז געווען אַן ענטוזיאַסט פון דער גערמאַנישער קולטור און דאָס אויפוואַכנדיקע ברוינע פעבל האָט ער באַטראַכט ווי אַ צייכן פון איירא־פּעס באַנייונג. ער האָט ליב געהאַט צו שטיין אין דירעקטאָרישן צימער, אַרויס־קוקן דורכן פענצטער אויף די שילער וואָס מאַכן גימנאַסטיק און מיטוויגן זיך צום ריטם פון זייערע באַוועגונגען.

מיכאַל האָט געקענט אַ סך פון די שילער פון זיין קלאַס. ער איז דאָ באַ־פריינדעט געווען מיט טאַדעוש זשעלינסקי, דעם זון פון אַ גוטבאַזיצער וואָס אַרענדעט די פעלדער פון די יאַסעס. דאָס איז געווען אַ נידעריקער, פלינקער, ליכטיק־פּנימדיקער מיט אַ שאַרף־פּאַרריסן נעזל, אַ גרויסער ספּעציאַליסט פון שיסן מיט קאַרקעס. עס האָט זיך דאָ געלערנט די לאַנג־פּיסיקע סטעפאַ. זי האָט זיך די ערשטע צייט געהאַלטן פון מיכאַלן זייטיק. עטלעכע מאָל איז זי צו אים צוגעקומען און באַפעלעריש געזאָגט: באַגלייט מיך. מיכאַל האָט זי אָפּגעפירט אַהיים. דעם גאַנצן וועג איז זי געגאַנגען לעבן אים אַ שווייגנדיקע און ערשט ביי איר הויז האָט זי זיך איבערגעצלמט און געזאָגט: עס וועט בעסער זיין אַז איך וועל דיך מער נישט זען. פאַרוואָס באַגלייטסטו מיך?

— דו האָסט מיך געבעטן!

— איך? — איר פּנים איז צעשוווּמען געוואָרן. ער האָט געזען איר רוקן אין דער געעפנטער טיר. זי איז אַזוי געשטאַנען אַן אויסגעקערוועטע צו אים און אויף עפּעס געוואַרט.

צומאָרגנס האָט זי אים נישט באַמערקט, נישט געגריסט זיך און געהאַלפן חוזק־מאַכן פון דעם נידעריקן ייִדישן מיידל יענטאַ מיט דעם טונקעלן האָר־אַנוווקס אויף דער איבערשטער ליפּ. די טאָכטער פון אַ ייִדישער שניידערין.

זיגמונט פיעך, מיטן געשטעל פון אַ באָקסער איז געווען אַ גוטמוטיקער יונג, אַ שטיק שלימזל, וואָס האָט ליב געהאַט צו שפּאַטן פון זיך אַליין, אַ „זאַג־לאַבאַ" — ווי ער אַליין האָט זיך גערופן, און דערציילט האָט ער אויסטערלישע מעשות וועגן דער שפּאַציר־גאַס אין פּלינצק אין דער נאַכט. תמיד איז ער געווען דער העלד פון דער מעשה. אַמאָל איז עס געווען וועגן אַ דאָרפישער טאָכטער, אַמאָל וועגן עפּעס אַ „קוכטע" פון אַ ייִדיש הויז.

אין מיטן פון שוליאַר האָט זיך באַוויזן יעזשי מאַרכלעווסקי, אַ בלאָנדער בחור מיט בלאָע אויגן, הויך, גוט־געבויט — מיט איין וואָרט, אַן עכטער אַריער לויט דעם מוסטער פון די דייטשישע ספּאָרט־זשורנאַלן, כאָטש אין פוטבאָל און אין קוישבאָל איז ער געווען פון די לעצטע. ער האָט געוווּנען די סימפּאַטיע פון דירעקטאָר, געוואָרן דער האַר פון קלאַס און מיט אַ צייט שפּעטער, פון דער גאַנצער גימנאַזיע.

זיין פּנים איז געווען קאַלט, אָפּשטויסנדיק און שיין. עס האָט געווייעט מיט פראָסט פון זיינע בלאָ־וואַסערדיקע אויגן. אָן אַ שמייכל, אָפּגעהאַקטע רייד. בעת ער האָט גערעדט איז אויסגעקומען ווי עס שפּרינגען־אויף פונקען פון אַן עלעקטרישן שטראָם. אָט דער „קורצשלוס" איז טאַקע אויסגעבראָכן אומגעריכט פאַר אַלעמען גראַד מיט דעם זייטיקסטן און שטילסטן פון אַלע — מיט מיכאַלן.

עמעצער האָט געבראַכט אַ דייטשן זשורנאַל. אויף דער ערשטער זייט איז געווען אַ בילד פון דער אויפמאַרשירנדיקער ברוינער יוגנט אין בערלין, בעת אַ נאַכט־מאַניפעסטאַציע, וואָס איז באַלויכטן געווען מיט נעאָן־פּראָזשעקטאָרן.

— שוואַבישע פּרצופים! צלם־טרעגער נאָר אָן אַ גאָט אין האַרצן. זיי וועלן נאָר באַמיסטיקן מיט זייערע פּגרים אונדזער ערד, די פּוילישע!

דאָס האָט אויסגערופן זיגמונט פיעך. עס איז געוואָרן אויסטערליש שטיל. יעזשי מאַרכלעווסקי איז אויפגעשפּרונגען.

— פיעך, דו ביסט אַ זשידאָווסקער פּאַכאָלעק! וועסט ווערן אַ פּאַיאַץ אויף ייִדישע חתונות, דאָרט וווּ עס שטינקט מיט ציבל און קנאָבל און מיטן שמוץ פון די יענטעס!

טייל האָבן זיך צעלאַכט. זיגמונט האָט זיך אויסגעדרייט צו יעזשין מיטן רוקן, געקעמט מיט די פינגער די צעשויבערטע טשופּרינע און געוואָלט אָפּענטפערן, נאָר אין דער רגע איז מיכאַל צוגעגאַנגען נאָענט צו מאַרכלעווסקין. טאַדעק האָט אים געוואָלט פאַרהאַלטן, נאָר מיכאַל איז שוין געשטאַנען אַנטקעגן דעם גלייכגילטיקן העל־האָריקן „אַריער". דער גלאָקן־געקלאַנג איז קיינעם נישט אָנגעגאַנגען. אַלע האָבן אויף עפּעס געוואַרט.

— ווער ביסטו און פון וואַנען האָסטו זיך גענומען, דייטשישער בענקאַרט?

זיי זענען געשטאַנען ווי אויסגעגאָסן פון שטאָל. איינער שוואַרץ־האָריק, הויך, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, אַן אָדלער־נאָז, ליפּן — שיין גע־שניצטע, האַלב־אָפענע, פון רעגלמעסיקן אָטעמען האָט זיין פּנים געהאַט אַ פייכטלעך וואַרעמען אָפּשיין. ער איז געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט אויף די אָר'עמס, איין פוס אַרויסגעשטעלט. ער איז געווען אומגעוויינלעך רויק, קאָנ־צענטרירט. פון זיין גוף האָט זיך געטראָגן שטאָלצע פאַראַכטונג וואָס האָט פול געמאַכט דעם חלל.

דער צווייטער איז געווען עטוואָס נידעריקער. די בלאָנדע האָר אויף זיין קאָפּ האָבן געלויכטן מיט אַ צמענטאַר־פייער וואָס שפּרינגט־אויף צווישן קאַל־טע מירמלנע פּליטן. פון די טיפע אויגן־לעכער האָבן אַרויסגעקוקט ברעקלעך פאַרפרוירן אייז. דאָס פּנים פאַרטעמפּט פון אַ פּאַגאַנישן כּעס. עס האָט זיך מי־כאַלן אויסגעדוכט אַז יעזשי זעט איצט גאָרנישט, אַז ער איז בלינד, אַז דאָס איז אַ מענטש וואָס איז פאַרפרוירן געוואָרן, אַז ער איז באַדעקט מיט אַ דורכ־זיכטיקן אייז־פּאַנצער.

און מיטאַמאָל איז דער אייז־פּאַנצער אויפגעבראָכן געוואָרן. יעזשי האָט זיך אַ בייג־געטאָן און אין זיין האַנט האָט אַ בלאַנק־געטאָן דער שטאָל פון אַ מעסער.

עמעצער שרייט. איז דאָס סטעפּאַ?

מיכאַל וויל זיך אויסקערוועז נאָר די דראָענדיקע געפאַר מאַכט אים וואַך. ער לויערט אויף יעדן קער פון מאַרבלעווסקין.

— גיט מיכאַלן אויך אַ מעסער! זאָל ער זיך פאַרטיידיקן! — האָט אויס־געשריגן פּיעך.

פּיעך איז אָפּגעשטופּט געוואָרן. דער „אַריער" איז אַרומגערינגלט פון זיי־נע מענטשן.

דער געשטופּלטער רישעק האָט אַרומגעכאַפּט מיט זיינע געזונטע לאַפּעס פּיעכן. זיי ראַנגלען זיך שטיל און עקשנותדיק.

— גוט! איך וועל זיך שלאָגן מיט די פויסטן און דו, ברוינער העלד, מיטן מעסער!

— אָלאַ באָגאַ! רעטי!

דאָס איז סטעפּאַס רוף.

— איך וואַרט נאָר אויף דיין ערשטן טריט צו מיר! געדענק דו ביסט דער אָנפאַלער! ווערסט נישט אַרויס לעבעדיק פון מיינע הענט!

מיכאַלס פּנים ברענט. די הענט זענען אים אַראָפּגעלאָזט. ער שפּאַרט זיי

אַן אויף די קני. אויך די קני ברענען. דער אָטעם איז הייס. ער איז אויסגע־בויגן פּאָרויס און וויגט זיך לייכט ווי ער וואָלט געוואָלט אויספּרוּוון דעם באָדן אויף וועלכן ער שטייט.

דאָס איז געווען אַ דעצידירנדיקע רגע. ער וועט ציילן ביז דריי, אויב יע־זשי וועט נישט מאַכן דעם ערשטן טריט, איז עס אַ סימן פון זיין פּחדנות.

דער „אַריער" האָט דעם טריט נישט געמאַכט. זיין בלייך פּנים איז גע־וואָרן מיט איין מאָל גרוי. ווידער דאָס קלינגעריי פון שול־גלאָק.

מאַרכלעווסקי האָט אַריינגעלייגט דאָס מעסער אין דער הויזן־קעשענע.

מיכאַל איז פאַרבייגעגאַנגען יעזשין מיט אַ הויך־אויפגעהויבענעם קאָפּ און געקוקט אויף אים מיט פאַראַכטונג.

איינע פון די שמאָלע געסלעך וואָס פירט פון מאַרק באַרג־אַראָפּ איז דאָס שול־געסל. אין ראָג איז דאָ די אַפּטייק מיטן גרויסן זייגער איבער אַ שאָפע פון גלאָז, ווייסע סלאָיעס באַשריבענע מיט לאַטייניש נעמען פון רעצעפּטן. קעגנ־איבער דעם ראָג — אַנשלס שענק. דאָס איז דאָס געסל פון יידישע שניידערס, שוסטערס און פון עטלעכע בתי־מדרשים. אין אַ זייטיקן ליקל, וואָס מען רופט קאַזשעגעסל, וווינען טרעגער און באַלעגאָלעס.

אויף אַ דאַכשטיבל לעבט מיכאַלס חבר, כאַסקל. זיי האָבן זיך באַקענט אין דער טשעכניע, ווו דער שניידער־געזעלן האָט אין די נעכט געשפּילט פידל.

אָפט, אין די אָוונטן, איז מיכאַל געזעסן אין בוידעם־שטיבל, ביים שיין פון אַ נאַפט־לעמפּל און זיך איינגעהערט אין אויסגעצויגענעם געוויין פון כאַסקלס פידל. די מוטער גאָלדע איז געווען אַן אַלמנה. שיפּע ווענט, פייכטע, אָפּגעשיילטע פון טינק, מען זעט די נאַקעטע לייסטן. אַ זשומעריי פון געפּלאַצ־טע, צונויפגעשטוקעווטע שויבן אין נאַכט־ווינט. אַ גרויס ליכט־ראָד אויפן קרומען סופיט. דאָס גאָלד פון פידל־ניגון פאַלט אויף די לאַנגע פינגער פון שניידער־יינגל וואָס איז אַלט אפשר אַכצן יאָר.

דער טיש איז באַדעקט מיט אַ צעראַטע. הייסע טעפּלעך טיי. צוויי איינ־געקנוילטע יינגערע ברידערלעך אויף אַ שלאָף־באַנק. אַן אָרעמע פרוי וואָס מען קען נישט וויסן אויב זי איז יונג אָדער אַלט, צערעוועט אַ זאָק און שפּינט אַריין די פידל־ניגונים די גינגאָלדענע צוזאַמען מיט די פעדים.

אונטן, אין גאַס, שטייט אַ געשפּאַנטער וואָגן. דער שניידער פּאַקט אין אַ קאַסטן צייגענע אַנציגער און קאָרטענע בורקעס. אין האַלבנאַכט פאָרט ער אַוועק אויף אַ יאַריד. עס מישט זיך אויס פידל־געזאַנג מיטן געשריי פון באַ־

לעגאָלע, מיט אַ טרויעריק פערד־הירזשעריי. עס וועט באַלד טאָפּטשען איבער די באַטשנע וועגן די בלאָטיקע. דורך דעם דינעם ווענטל הערט מען אַ הוסטעריי און אַ שטעפּן פון אַ ניימאַשין.

כאַסקל לייגט אַריין דעם פידל אין אַן אויסגעריבענעם שוואַרצן פוטליאַר. מיכאַל שטעלט זיך אויף. ער פאַרנעמט די גאַנצע הייך פון שטיבל. דער שאָטן איז דריי מאָל צעבראָכן. די טרעפּ הוידן זיך. עס שמעקט דאָ מיט פוילעכץ, מיט אַ טשאַד פון פּרעסאייזנס.ביידע גייען שוויגנדיקע איבערן נאַכטיקן מאַרק, זיי גייען צו דער בריק. מיכאַל וויל נישט צוריקגיין אין זיין צימערל, ער איז געפאַנגען פון כאַסקלס פידל־געוויין.

ערגעץ אין דער שולגאַס, אין אַ גרויסן צימער, האָבן זיך פאַרזאַמלט שניי־דער און שוסטער־געזעלן. מיכאַל האָט אויסגעהערט אַ רעדע פון אַן איינגע־דאַרטן יונגנמאַן מיט אַ גרויסן האַלדז־קנאָפּ, וואָס איז נישט רויק געבליבן, אַפילו דעמאָלט ווען דער רעדנער האָט שוין נישט גערעדט. בלויז פון אָטעם איז דער האַלדז־קנאָפּ אַרומגעשפּרונגען אַזוי ווי דאָס „פּיסל" ביי אַ שניידע־רישער ניימאַשין. דער מענטש האָט גערעדט וועגן דער געפאַר וואָס קומט פון דער גערמאַנישער ערד.

אין ענגשאַפט, פאַרוויקלט אין אַ רויך־נעפּל, אַ הוסטעריי, און אַ סאָפּעריי האָט מיכאַל דאָס ערשטע מאָל געהערט אַ רעדע אין יידיש־לשון, אויסגעמישט מיט לשון־קודש ווערטער און פוילישע אויסדרוקן. ער איז געווען דאָ איינזאַם און טרויעריק. דער טרויער פון די זומפּיקע ברעגן פון דער פּלאַנקאַ, די שטיי־ענדיקע וואַסערן פאַרוואַקסענע מיט זשאַווערדיק־געפּלעקטע בלושטשן און די ענגשאַפט, די געל־וואַקסענע פּנימער פון די יידישע געזעלן, די אויסגעמאָ־גערטע, אויסגעבלייכטע פּנימער, די פינצטערע טרעפּ די הילצערנע, דאָס פאַר־הושכטע קאָזשע־געסל, די שולגאַס, די יידן אין מאַרק מיט די פאַראומערטע פּנימער אויף וועלכע מען דערקענט די שטומע אַנונג פון אַ שווערן גורל, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוווּסט אַז דער גזר איז שוין אַ געחתמעטער. מען ווייס נאָך נישט וואָסער גזר, נאָר אַ גזר אַ ביטערער וועט דאָס זיין.

אויך מיכאַל האָט אָנגעהויבן פילן דעם אומרו.

נאָך דעם ווי קיווע האָט געבראַכט נייעסן פון די דערפער אַרום סאָכאַ־טשין, דערציילט וועגן די צרות פון די פּעטערס, וועגן די ליידן פון יידן דאָרפס־גייער און סאַדאָווניקעס, וועגן פּעטער זאַלקעס פּראָצעס, וועגן די געננג פון גר־טאָזשעווער פריץ קעגן די יידישע מילנער, האָבן די פוילישע ווייטן באַצויגן זיך פאַר אים מיט נעפּלען און ער האָט זיך איינגעיאָזשעט ווי אַ שעפּס אין ערב־

שטורעם. ער האָט געזוכט די וואַרעמקייט פון די אָרעמע שטיבלעך פון שול־גאַס און דעם ניגון פון כאַסקלס פידל.

יעזשי מאַרכלעווסקי טרעט פאַר אים אָפּ ווען ער דאַרף פאַרבייגיין דעם שמאָלן דורכגאַנג צווישן די בענק. אַרום דעם „אַריער" איז איצט ווי ביי אַ גרעבליע ווו עס זאַמלען זיך די שוואַרצע וואַסערן. גוסטאַוו הערבערט איז כמעט אַן אָפענער פאַרהערלעכער פון דער נייער דייטשישער קולטור. „מיר האָבן זיך אַ סך צו לערנען פון זיי. די וועלט־געפאַר דערנענטערט זיך פון מזרח. דאָרט הערשן אַנטי־כריסטן". — אַזוי טענהט אָפן דער גימנאַזיע־דירעקטאָר. די גימנאַזיסטן פאַרשפּרייטן פלוגבלעטער קעגן „זשידאָ־קאָמונאַ". יעזשי האָט פּרייטיק, בעתן יאַריד, געטיילט אויפרופן אויפן שאָסיי־וועג, ווען די פּויערים זענען געפאָרן אין שטאָט אַריין. „פּוילן פאַר פּאָליאַקן". נעכטן איז געקומען דער פעטער זאַלקע. מען האָט אים אַרויסגעלאָזט פון טורמע. ער איז דורך די עט־לעכע וואָכן געוואָרן פאַרעלטערט. דער פעטער בער וועט זיך איבערציִען קיין וואַרשע.

דער אַלטער עליע וועט נישט אָפּטרעטן. „נישט ביי מיין לעבן. איך וויל באַגראָבן־ווערן אויף דער ערד ווו עס ליגן מיינע אָבות. עס איז אַזוי אָנגע־זאָגט געוואָרן פון די הימלען".

„זאַגלאָבאַ" און טאַדעק קומען אָפּטמאָל־צו, בעת די שול־פּאַוזעס. מיכאַל איז אַ זייטיקער, אַ שווייגער און אַז עס ענדיקן זיך די לעקציעס, גייט ער אַליין אַהיים, פאַרקערעוועט זיך צו דער גרויסער אָפּיצינע און זאָגט אַ „גוט־מאָרגן" די טרעגער וואָס דרימלען אויף די טרעפּ פון ר' גאָצס קאַלאָניאַל־געשעפט.

בריינע וועט באַלד אָנקלאַפּן און זאָגן: „ס'עסן איז גרייט".

זי איז די לעצטע וואָכן געוואָרן טרויעריק, פאַרשלאָסן. זי רעדט אַפילו נישט אַרויס קיין וואָרט צו דער באַלעבאָסטע. עס איז אַן עקשנותדיק שוויגן ווי פון עפּעס אַ שווערן צער. די געציילטע רייד וואָס זי זאָגט זענען אויסגע־לאָשן ווי זיי וואָלטן געקומען פון אַ טיפן קעלער אַרויס.

קאַפּיטל זיבן

זיגמונט פּיעכס זיידעס זענען געווען גוטבאַזיצער. זייערע פעלדער האָבן זיך געגרענעצט מיט די ערד פון די יאָסעס. מיעטשיסלאַוו פּיעך איז אין „פינפטן יאָר" פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. נאָך עטלעכע יאָר פאַרשיקונג איז ער אַנט־לאָפן און אויסבאַהאַלטן זיך אין הויף פון די יאָסעס, געקליידט ווי אַ ייִדישער יונגערמאַן: אַ געהאַקטע קאַפּאָטע, אַ בלאָנד בערדל מיט פּיאות. ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין אַ זייטיק צימערל, נישט ווייט פון בוידעם ווו מען פלעגט אויסשפּרייטן אויף שטרוי דאָס ווינטער־אויבסט. עס האָט דאָרט תמיד גע־שמעקט מיטן ריח פון עפּל. דער עפּל־ריח האָט זיך געטראָגן פון אַלע שאַפעס, וואָרעם די פרויען פון יאָסעס הייף, האָבן אין די שאַפעס מיט די פריש־געוואַ־שענע און געפּרעסטע וועש אַריינגעלייגט גרויסע רויטע ווינטער־עפּל כדי דער ריח זייערער זאָל איינגעזאַפּט ווערן אין דער וועש. אויך אין דעם בעטגעוואַנט האָט יוטאַ ליב געהאַט אַריינצולייגן עטלעכע עפּל, און אין אָוונט, בעתן אויפ־בעטן, האָט זיך געטראָגן דער עפּל־אַראָמאַט פון דער נאַכט־וועש.

מיעטשיסלאַוו פּיעך האָט פאַרבראַכט פינף יאָר אין הויף פון די ייִדישע גוטבאַזיצער. זיין כלה איז אים אָפט געקומען באַזוכן. זי איז געווען יוטאַס אַ נאָענטע פריינדין. אין סאָכאַטשין, צווישן די ייִדן, זענען צוליב דעם אַרומגע־גאַנגען פאַרשיידענע מעשׂות. מען האָט געזאָגט אַז אַ זון פון וואַרשעווער מאַג־נאַטן, די בערענזאָנס, האַלט זיך אויף אין הויף צוליב אַן אומגליקלעכער ליבע מיט אַ פּריצישער טאָכטער פון קאַטוילישן גלויבן. טייל האָבן געזאָגט אַז דער בלאָנדער יונגערמאַן איז פאַרמישט אין אַן אַטענטאַט קעגן אַ צאַרישן גובער־נאַטאָר.

זיגמונטס פאָטער, אַנדזשעי, האָט שוין איצט אַליין געפירט דעם הויף. זיינע רינדער האָבן געהאַט אַ שם איבער מאַזאָוויע. דער עפּל־סאָד האָט זיך געצויגן אויף אַכט וויאָרסט די לענג און אָנדערהאַלבן די ברייט. דער פעטער עליע מיט אַלע זיינע ברידער האָבן אים יאָר־איין יאָר־אויס געפּאַכטעט.

מיכאַל געדענקט זיגמונטן פון דעם עפּל־סאָד און ער געדענקט אויך דעם אַלטן זיידן זיינעם מיעטשיסלאַוון. ער איז שוין געווען האַלב־בלינד ווען מ'האָט

צו אים צוגעפירט מיכאַלן. דאָס איז געווען אויף דער זון־באַגאַסענער טעראַסע. מיכאַל איז דעמאָלט אַלט געווען צוועלף יאָר. ער איז געשטאַנען צוזאַמען מיט זיגמונטן לעבן דעם גרייז־האָריקן זקן מיט די גרויסע וואָנצעס און דעם בלאָלעך־שאַטנדיקן קנייטשן־געוועב אויפן פנים, ווי ער וואָלט אַרויסגעקוקט פון אַ פישער־נעץ.

זיגמונט האָט געליטן אין גימנאַזיע ווייל ער האָט געוואָלט אָננעמען זיך פאַר מיכאַלן און נישט געקענט. ער האָט פשוט נישט געהאַט קיין מוט. די פיינטשאַפט קעגן יידן איז געווען אַפילו אין שווייגן, אין שטילן שפּאָט־געשעפּטש, אין בייסיקן געלעכטער און אין נאָכקרימען דעם פּויליש פון די קליינשטעטלדיקע יידן.

נאָך דער מעשה מיט יעזשיס פּחדנות האָט מען פאַר מיכאַלן אַרויסגעוויזן כלומרשט אָפּשיי. מען האָט געוווסט אַז איינער פון מיכאַלס עלטער־זיידעס איז געפאַלן אין דער פּוילישער פאָוסטאַניע פון יאָר 1863, אַז אין זיין זיידעס הויף האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פּוילישע פּאַטריאָטן. מען האָט אים טאָלערירט. די לערער האָבן באַוווּנדערט זיינע לאַנדשאַפטן פון מאַזאָוויע. עטלעכע געמעלן זענען געהאַנגען אין דער שול־קאַנצעלאַריע.

אין די אָוונטן פלעגט זיגמונט קומען צו מיכאַלן, אַוועקשטעלן אויפן טיש אַ פלעשל וואָדקע. ער האָט זיין אָנמעכטיקייט קעגן דעם גימנאַזיע־דירעקטאָר גוסטאַוו הערבערט און האַס פון זיינע שול־קאָלעגן געוואָלט פאַרטרינקען.

תמיד ווען מען האָט גערעדט וועגן דער באַנייונג פון פּוילישן פאָלק, וואָס וועט זיך שפּרייטן פון באַלטישן ים צום שוואַרצן, און געזאָגט האָבן דאָס זינד־לעך פון פּוילישע קרעמער און רייך־געוואָרענע באַאַמטע, איז זיגמונט אַרויס מיט נבול־פּה, מיט הפקר־לידלעך.

— איך קען דאָס נישט הערן, זיגמונט. טו דאָס נישט מער. — האָט אים איינמאָל מיכאַל געזאָגט.

— דו פאַרשטייסט מיך נישט. עס דערנענטערט זיך אַ טראַגעדיע אויף פּוילן. מיין בלינדער זיידע איז דער זעעוודיקסטער מענטש פון דעם פּאָוויאַט. פּוילן גייט צום אונטערגאַנג. די דייטשן האָבן אונדז פאַרסמט מיט שנאה און די רוסן וועלן אונדז דערנאָך פאַרשלונגען. אַזוי זאָגט דער זיידע. עס וועט קומען צו אַ נייער „צעטיילונג". פאַרוואָס שפּירסטו נישט די געפאַר, מיכאַל? דו ביסט פאַרבלענדט געוואָרן פון דיינע פאַרבן און פון אַ טעמפּער יידישער עקשנות. אַנטלויפט פון דאַנען.

ער האָט טרויעריק געשמייכלט.

— איך האָב דיך איבערגעשראָקן, מיין גוטער מיכאַל? זי נישט ביי אויף מיר צוליב מיין פלאַפלעריי. דאָס רעדט טיילמאָל אַרויס פון מיר דער זיידע. איך בין אין דעם עלטער ווען מען נעמט איבער נישט נאָר יענעמס געדאַנקען נאָר ממש די רייד, מען קאָפּירט זיי, מען חזרט זיך זיי איין פון אויסנווייניק. עלטערע פון מיר ווייסן שוין די קונץ פון זאָגן יענעמס געדאַנקען מיט אַנדערע רייד. פאַרוואָס איז הערבערט אַ דירעקטאָר פון אַ פוילישער גימנאַזיע? ווער האָט זיי אָנגעפּלאַדיעט די גערמאַנישע בענקאַרטעס אויף אונדזער ערד? דאָס איז אַוודאי געשען אין די באָרדעלן פון דאַנציק מיט די פוילישע דינסטמוידן וואָס קומען אַהין זוכן גליק.

פּיעך האָט געלאַכט מיט די שיכור־פאַרגאָסענע אויגן. ער האָט נישט געקענט שטעלן קיין גלייכן שפּאַן. מיכאַל האָט אים געפירט ביים אָרעם, גע־האַלטן ביי די הענט.

אַ האַרבסטיקער רעגן פּראַשעט. פינצטערע נאַכט־געסלעך. דורך דעם מאַרק פירט אַ באַלעגאָלע אַ פערד. אַ פאַנאַר וויגט זיך. אַ וואַנדערנדיק ליכט אויף נאַסע שטיינער ווי אַ געל צעפליקט געוואַנט אין ווינט. טעמפּע קלעפּ פון פערדישע טריט אין ברוק און פונקען וואָס שפּריצן־אויף פון אונטער דעם באַ־קאָוועטן פערד. אַ געוויין פון אַ קינד. וואַקסן ליכט אין אַ נידעריק פענצטערל. אַ ווייסע קאַץ מיט שוואַרצע פלעקן קנוילט זיך ביי אַ פאַרהעמערטער טיר. מיט אַ רויטער שיין ברענען דער קאַצס אויגן.

מיכאַל עפנט דעם אייזערנעם פרענט פון פאַדערצימער. די טיר סקריפּעט. ער גייט פאַרביי די קיך. מען הערט אין געוועלב דאָס גריזשען פון מייז און אַ קאַצן־געיאָמער. מיטאַמאָל, הייזעריקע רייד. זי קומען פון ווינקל ביי דער קיך. דאָס רעדט אַוודאי פון שלאָף ברײַנע. מיכאַל בלייבט שטיין. ברײַנע בעט זיך, זי סקאַמליעט אַזוי ווי אַ געשלאָגענע סוקע. זי יאָמערט און דאָס יאָמערן פאַר־גייט צוזאַמען מיטן געסקריפּ פון דער פלומפּ.

יאָסל יאָלעך קלאַפּט מיטן שטעקן אין די לאָדנס — אַ סימן אַז ער באַ־וואַכט פערעלס גרויס הויז. ברײַנע וועקט זיך פון געקלאַפּ מיט אַ געשריי.

— אוי, וויי־מיר, ווו בין איך? ווו?

זי רייסט זיך די האָר די קוטשעראַווע מיט געשוואָלענע פינגער. דאָס ערשטע פאַרטאָגיקע ליכט פאַלט אויף איר דורך די לאָדן־שפּאַלטן.

— טפו, צו אַלדי וויסטע שלעק, אַזאַ חלום אויף מיר, אַזאַ אַנשיקעניש...

קיווע קאַפּ איז געשטאָרבן אין שפּעטן האַרבסט.

ער איז אויסגעגאַנגען אין דער געפלאָכטענער בריטשקע אויפן וועג פון

פּלינצק קיין סאָכאַטשין. עס איז געווען דעמאָלט אַ יאַריד־טאָג. קיווע איז געזעסן אין אַנשלס שענק, דעם קאָפּ אַריינגעגומען אין די באַוואַקסענע אָדערדיקע הענט, די בייטש צווישן די פיס און טעמפּ געקוקט אויף די פּויערים. ער האָט זיך עטלעכע מאָל געוואָלט אויפהייבן, צוגיין צו אַ פּויער, פּאַרפירן אַ געשפּרעך, נאָר יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט, איז ער געליימט געוואָרן און עס האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן. אַ טרעגער האָט אים אַריינגעשטעקט אין דער האַנט אַ קעלישעקל ספּירט.

— קיווע, האַלט זיך; דו דאַרפסט נאָך דיין מויד פאַרשלייערן. יאָסל יאַלעך איז גוט פאַר איר. איך האָב היינט געזען דיין ברײַנע, כּי־כּי־כּי...

דאָס האָט גערעדט יאַלעכס אַ גוטער ברודער, וואָס איז דורך דעם יונג אַליין אונטערגעשטעלט געוואָרן.

קיווע גלאָצט אויף אים מיט די וויסלען. די רייד זיינע בינדן זיך נישט. ער איז קוים דערגאַנגען צו דער בריטשקע, איינגעקנוילט זיך, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון דער בורקע און אַ צי־געטאָן די לייטשן.

ביי דער בריק האָט זיך קיווען געדאַכט אַז אַן אייז־קריע איז אַרויפגעשווומען אויף אים און צעררייסט די פּליטן. די העלצער גייען־אונטער, באַווייזן זיך ווידער. ער האַלט זיך אויף אַ סאָסנע־קלאָץ. די וואַסערן זענען צעשטערעמט. עס איז פּראָסטיק קאַלט. זיינע פינגער זענען געוואָרן ווי גלאָז. ער קען זיך שוין מער נישט אָנהאַלטן אָן דעם קלאָץ וואָס טיקט זיך און שווימט ווידער אַרויף. פאַרוואָס בין איך אַרויסגעשווומען מיט פּליטן אין שפּעטן האַרבסט? אָ, גאָט, אַ נייע קריע לויפט־אָן אויף אים. אָט איז זי! אוי! — האָט ער אויסגערופן און באַלד דערנאָך שטיל געבליבן.

דאָס פערד, דערהערנדיק קיוועס „אוי", האָט זיך אַ ריס־געטאָן און אָנגעהויבן לויפן ווי עס וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון אַ סכּנה. די לייצעס זענען אַרויסגעפאַלן פון קיוועס הענט. ער איז געלעגן איינגעקנוילט, די הענט אַראָפּגעלאָזט. איין האַנט האָט זיך געפּלאָנטערט ביים פאָדערשטן ראָד ווי עס וואָלט זיך געשפּילט מיט די ספּריכעס.

די בריטשקע איז שטיין געבליבן. דאָס פערד האָט אויסגעבויגן דעם קאָפּ און געקוקט אויפן פורמאַן מיט איין אויג. דאָס אויג איז פאַרלאָפן געוואָרן מיט אַ פייכטן גלאַנץ. די פעל ביים קאַרק האָט צוויי מאָל אַ צוק־געטאָן. אַ פאָדערשטער פוס פון פערד האָט געצוקט ביי דער קני. דאָס פערד האָט געקלאַפּט מיט דער קאָפּעטע אין ברוק, געקלאַפּט און אַ שטילן הירזשע־געטאָן דערנאָך האָט עס אַ טרייסל־געטאָן מיטן געשפּאַן.

אַ וואָגן מיט פּויערים פון אַ יאַריד איז פאַרבייגעפאָרן. עמעצער האָט חידושדיק אָנגעוויזן אויף קיווען. — איינגעדרימלט? אָדער אפשר שיכור?

אַ בייטש האָט אַ פּאַכע־געטאָן איבער קיוועס פערד און זיך איינגעשניטן מיט אַלע קנופּן אין פערדישן רוקן.

דאָס פערד האָט אָנגעהויבן לויפן אין אַ ווילדן און צאָרנדיקן גאַלאָפּ.

קיוועס קאָפּ איז פאַרוואָרפן געווען אויף צוריק. דאָס פערד האָט געריסן זיך פון געשפּאַן, אונטערגעטאַנצט אויף די אונטערשטע פיס און אָנגעשלאָגן זיך אָן די קלאָניצעס.

— טויטע זשידעס פאָרן איבער פוילישע וועגן! — האָט מען געשריגן.

די בריטשקע מיטן טויטן קיווע איז דורכגעלאָפן פוילישע דערפער, פוילישע לאָנקעס, פוילישע זאַגראָדעס. דאָס פערד איז געבליבן שטיין ביי אַ ברונעם. עס איז אַרויס אַ פּויער, געקוקט אויף דעם ברוין־געפלעקטן פערד, אויף דעם טויטן קיווע און צוגעטראָגן אַ הילצערנעם קיבל וואַסער צום פערדס מאָרדע, אָנגעפּאָיעט דאָס פערד און דערנאָך אַ שמיץ־געטאָן מיט דער בייטש: „וויאָ!".

די בריטשקע איז געלאָפן אויפן שמאָלן אויסגעטראָטענעם וועג וואָס דאָס פערד האָט אַזוי גוט געקענט.

אויף דער שוועל פון אַ כאַטע האָט זיך אַ פּויערטע געצלמט. פאַרחידושטע דאָרפישע קינדער. אַ באַבע מיט אַ בינט ריטלעך. אַ פּויער וואָס טרייבט אין שטאַל אַריין די קי. אַלע האָבן זיך געצלמט און זענען צופרידן געווען וואָס דאָס פערד שטעלט זיך נישט מיטן טויטן ביי זייער דאָרף. צו וואָס נאָך האָבן קלאָפּאָטן? פאַרבייפאָרנדיקע פּויערים פון די יאַרידים האָבן אונטערגעשמיסן דאָס פערד און פעסטער אָנגעצויגן די לייצעס פון אייגענעם געשפּאַן.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן איז שוין די בריטשקע געשטאַנען ביי יוטאָס טויער. דאָס פערד האָט שטיל אָנגעשפּאַרט די הייסע נאָזלעכער אָן דעם טויער־קלאָץ און געלאָזט קנוילן פּאַרע. עס האָט אָנגעהויבן רעגענען. קיווע איז געווען קליין, נישטיק, זיינע הענט זענען געווען גרויס און האָבן דערגרייכט ביז דער ערד. זיי זענען געווען שוואַרץ פון בלאָטע בלויז דאָס פּנים האָט געלויכטן.

בעת מען האָט אים אַראָפּגענומען פון דער בריטשקע האָט זיך דאָס פערד פּלוצעם אַ שטעל־געטאָן דיבאָם, צעבראָכן דעם דישעל, אָפּגעריסן זיך פון געשפּאַן און אָנגעהויבן לויפן אין דער נאַכט אַריין צו די באָטשנע וועגן.

דער פעטער מענדער איז אַוועק זוכן דאָס פערד און עס נישט געפונען. ערשט אויפן דריטן טאָג איז מען געקומען אָנזאָגן, אַז דאָס פערד איז דער־טראָנקען געוואָרן אין קעסל־גרוב.

דער טויט פון קיווען און דאָס דערטרינקען ווערן פון פערד אין קעסל־גרוב איז פאַר אַלעמען פאַרהילט געווען אין אַ וויסטן סוד.

מיכאַל האָט זיך אַרומגעדרייט אויף די יאַרידים און געוואָלט אויפזוכן קיווען זון. טיילמאָל איז ער אַריין אין אַנשלס שענק, געזעסן פאַררוקט אין אַ ווינקל, געהערט די שיכורע קולות פון די פויערים, די סוחרישע רייד פון פערד־הענדלער און תבואה־סוחרים. עס פלעגט דאָ אַנגיין אַ דינגעניש אין וועלכן עס האָבן זיך אַריינגעמישט די פויערטעס. זיי האָבן אויפגעבונדן די וואָלענע פאַטשיילעס, די סיצענע קאָפּ־טיכלעך, געקעמט די ווייצענע האָר, גע־שריגן צו די מענער וואָס האָבן געקלאַפּט זיך מיט איבערגעפּולטע גלעזער. טיילמאָל פלעגן זיי אַרויסכאַפּן דעם געלט־טייסטער פון מאַנס הענט, פאַרשטעקן אים צווישן דער פאַזוכע, געצויגן דעם כלאָפּ צום געשפּאַן. אַ געדיכטע פאַרע פון טיי־קעסל, אויסגעמישט מיטן רויך פון טיטון און טשאַד פון די האָלץ־שטשאָפּעס אין אויוון. איבער זייערע קעפּ האָט דער שענק־באַדינער געטראָגן קופּליעס ביר. מיכאַל האָט געזען דעם פאַרבן־געמיש פון אַלערליי קורטקעס, ברוין־האַריקע, בורקעס און שפּענצערס גרוי־זילבערנע, געשימער פון קאַ־פּאָטעס געהאַקטע, שאַלן געבלימלטע, קאָפּטיכלעך ווייסע, שוואַרצע, געל־ראָזע און פאַטשיילעס מיט קווייטן פון אַ האַרבסטיקן גאָרטן. טיילמאָל האָבן אַ פינקל־געטאָן קנעפּ, אַן אָדלער אַ קופּערנער פון אַ פּאָליציאַנט אין אַ גראַנאַט־שינעל, אָפּטמאָל — אַ פּירקאַנטיק סאָקאָלן־היטל פון אַ פעלד־גרין מיט אַ פּאַווע־פעדער ווי דער עק פון אַ בייזן האָן. עס זענען אויך געווען אין שענק קופּצעס אין קאַראַקולענע היטלען און סאָבלנע פעלצן — דאָס זענען געווען די הורטאָוונע אויפקויפער פון אויבסט.

באַזונדער האָבן מיכאַלן געלאָקט די פאַרשוינען מיט די גלאַנציק־שוואַרצע דאַשעקעס און די וואָס האָבן געטראָגן ליציפּעט־היטלען וואָס האָבן פאַרשטעלט אַ געמאַרשטשעטן פּרצוף פון אַ הפקרדיקן יאַריד־שלעפּער, אַוודאי איינער פון די פערד־גנבים, וואָס קענען די קונץ פון אַרויספירן פון שטאַל אַ פערד אַז מען זאָל אַפילו קיין שפּור דערנאָך נישט געפונען, גלייך ווי דאָס פערד וואָלט באַקומען פליגל אָדער עס וואָלט איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד.

מיכאַל האָט זיך דאָ אָנגעהערט מעשות וועגן פויערישן לעבן, וועגן פערד פאַרסמטע, וועגן אומגעטרייע ווייבער, וועגן די „רויטע הענער" — די שריפות — וואָס מען לאָזט אויפשפּרינגען אין די נעכט אויף דעם שכנס הויז ווי אַ נקמה פאַר אַ שפּאַן ערד וואָס איז צוגענומען געוואָרן, מחמת אַ שווינדל, אָדער דורך־איבעררוקן אין דער נאַכט די גרענעץ־צייכנס פון די פעלדער.

אַנגעוויזן האָט מען אים אויף עטלעכע יונגען, וואָס האָבן געזויפט בראָנפן אַזוי ווי וואַסער, אַז דאָס זענען שטאָל־גנבים. זיי טוען אָן די קי שטיוול אויף די פיס, פירן זי אַוועק אין דער נאַכט צו אַ שכנותדיקן דאָרף און אין דער פרי קען מען נישט אַנטדעקן די שפורן — נאָר טריט פון שטיוול.

אין דער שענק האָט מיכאל געזוכט קיוועס זון. דאָ האָט ער דאָס ערשטע מאָל דערהערט די אַנדייטונגען וועגן עפּעס אַ נאָענטן טאָג וואָס דאַרף קומען ווען מען וועט צערעכענען זיך פאַר אַלע ליידן פון די כלאַפּעס וואָס די סוחרים באַגזלען זיי, פאַר דעם וואַסערדיקן בראָנפן פון אַנטלען, פאַר די קי וואָס זיי מוזן אַוועקפירן צו פאַרקויפן דעם זשיד, פאַר די שטיוול וואָס ווערן צעוויקט ווי נאָר עס מאַכן זיך די בלאָטעס, פאַר די סאַדאָווניקעס און די דאָרפסגייער וואָס פּלאָנטערן זיך אַרום אין די פוילישע דערפער, פאַר די „אוזשענדניקעס״ וואָס דריקן דעם נאַרוד און די קרעמער וואָס ווערן פעט פון פויערישער פּראַצע. ערד וועט ווינציקער, עסערס ביים טיש ווערן מער און די פוילישע שטעט זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון אומגלויביקע.

רויט־צעפלאָמטע פּנימער מיט מיילער צעקרומטע פון ביטערער גאַזשאַלקע, פינגער ווי וואָרצל־קנופּן וואָס ווישן די טרערן, דעם שווייס פון די געמאָרשטשעטע שטערנס. זיי צעכראַסטען די ברוסטן, פאַרבעטן פרעמדע צו זייערע טישן, שטעלן פלעשער בראָנפן און אין די נעכט קענען זיי צוליב אַ נישטיקער לוסט פון כיטרעקייט אויסרייסן פון שכנס פעלד אַ קוסט קאַרטאָפל.

קיוועס זון האָט ער נישט באַגעגנט. סלוכן זענען צו מיכאַלן דערגאַנגען אַז ער איז געוועזן נאַווידוואָר. עמעצער האָט דערציילט אַז ער איז גאָר אַן אולאַנער אין טשעכאָנאָווער פּולק.

ער האָט געוואָלט אויפזוכן קיוועס זון צוליב ברײַנען. די מויד איז געוואָרן מרה־שחורהדיק, פאַרשלאָסן און געמומען זיך שאָרן ביי די ווענט. יאָסל יאָלעך האָט אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט אויף איר און אָנגעהויבן שדכענען זיך צו אַ דראָזשקאָזשס אַ פאַרזעסענער מויד. יעדן טאָג טוט ברײַנע אָפּ שאָדנס. שאַלמע האָט זי שוין עטלעכע מאָל אַרויסגעטריבן — נאָר עס איז נישטאָ וווּהין זי צו פאַרטרייבן. קיוועס ווייב איז גלייך נאָך קיוועס טויט נעלם געוואָרן. מען זאָגט אַז זי איז אויך דערטראָנקען געוואָרן אין קעסלגרוב. מיט אַ צייט צוריק האָט מען דערציילט אַז זי גייט אַרום מיט אַ מחנה שנאָרער איבער דער מדינה און מען האָט זי געזען אין אַ הקדש, זי איז נישט ביים זינען.

שעהן לאַנגע איז מיכאל געשטאַנען ביי די אָנגעצויגענע לייוונטן און נישט

געקענט פאַרגעסן די פריערישע פנימער וואָס ער האָט געזען אין דער פלינצקער שענק אין יאַריד־טאָג.

עפּעס וועט געשען! עס קומען־אָן טעג ווען די שטילקייט וועט אויפגע־בראָכן ווערן. אין די נעכט האָט ער געזען פייערדיקע הענער אַרומלויפן אויף די פינצטערע דעכער. זיי זענען מיט איין מאָל פאַרצערט געוואָרן פון חשכות. ער איז עטלעכע מאָל אין דער נאַכט אַראָפּ פון געלעגער, געשטאַנען ביי די אויס־געלאָשענע שויבן און געזען דעם ליידיקן מאַרק. קיין איין ליכטל ברענט נישט. אַלע שלאָפן. ווידער אַ גריזשען פון מייז אין דעם סקלאַד מעל פון ר׳ גאָץ. ברײנע שלאָפט נישט. זייט דעם טויט פון איר טאַטן איז זי וואַך. איז דאָס איר געיאָמער אָדער עס זשומען אַזוי די טעלעפאָן־דראָטן?

מיכאַל עפנט די טיר. ער גייט איבערן מאַרק צו דער שולגאַס.

אין כאַסקלס פּאַציאַטקע איז ליכטיק. הוידנדיקע שטיגן. זיינע פינגער שפּירן שפּינגעוועבס צווישן די געשפּאָלטענע פינצטערע ווענט. ער קלאַפּט אין אַ הילצערנער וואַנט. אַ טיר סקריפּעט און אַ פּאַס וואַקסן־ליכט ווערט צעשווימען אין דעם דאַך־קאָרידאָרל. כאַסקל זיצט ביים טיש און בלעטערט אַ בוך. דער פידל הענגט אויף דער וואַנט. מיכאַל קוקט אויפן פידל לאַנג און צודרינגלעך.

אַ סטרונע וויינט. דאָס געוויין איז ווי פון אַ קינד וואָס מאָנט עפּעס. דער ניגון לייטערט זיך, ער ווערט דינער און דינער, אויסגעצויגענער. מען מוז אָנ־שטרענגען דעם געהער אויסצוגעפינען דעם דינעם ניגון אין דער געלער קראַנ־קער שיין פון דער נאַפט־לאָמפּ און אין דעם ווינט־געוואָי, וואָס טראָגט זיך פון דאַך און אין געזשום פון צעשפּאָלטענע שויבן.

עס איז גוט וואָס נאָך דעם יאַריד־טאָג אין דער שענק, נאָך די הייזעריקע רייד פון שיכורים, נאָך דעם פרויען־געשריי איז פאַראַן אַזאַ דינער ניגון וואָס וועבט זיך אַריין אין דער רויער אַנטפּלעקונג פון זיבעצן־יאָריקן מיכאַל.

סטעפאַ לעוואַנדאָווסקאַ איז פאַרליבט געווען אין דעם האַלב־דייטש יעזשי מאַרכלעווסקי. זי האָט אים באַגלייט אין דער קאַוויאַרניע פון די זשעמיאַנינעס, אויף דער אַליי פון דריטן מאַי. זי איז נישט אָפּגעטראָטן פון אים אַפילו בעת די קורצע איבעררייסן אין גימנאַזיע. איר קליידונג איז געווען איצט ענלעך צום קליידן זיך פון דעם יונגוואַרג: גלאַנציק־געפּאַסטע שטיוועלעך אויף הויכע קנאַפּל, אַ העל־ברוינע בלוזע, האַלב־מיליטערישע געשניטן, אַ שמאָלער ראָק און יינגלעריש־פאַרקעמטע האָר. זי האָט געשטעלט ברייטע טריט, גערעדט אָפּגע־

האַקט און בעתן רעדן, מיט מיידלשן כעס צונויפגעצויגן די ברעמען, כדי צו מאַכן דעם איינדרוק פון מענערישער שטרענגקייט.

יעזשיס חברים זענען תמיד געגאַנגען איבער דער גאַנצער ברייט פון טראָטואַר, געברומט אַ מיליטערישן מאַרש, אַראָפּגעשטויסן די פאַרבייגייענ־דיקע יידן צום רינשטאָק. אין שולצס קאַוויאַרניע האָבן זיי געטרונקען שוימיקן האַבערבוש־ביר, געקלאַפּט מיט די קופליעס צום ריטעם פון אַ געזאַנג און זע־נען דערנאָך פאַרגאַנגען אין אַן אומהיימלעך הילכיק לאַכן.

יעזשי האָט נישט אַרויסגעוויזן צו סטעפאַ קיין שום אינטערעס. דאָס האָט זי זיך אָנגעוואָרפן דעם קאַלטן פאַרגליווערטן שול־חבר. אים האָט גע־צויגן צו קאַזאַרמע־לעבן, צום טעמפּן ווערבל־געפּויק און צו די הייסע אָטעמס פון האַלב־פאַרשיכורטן גימנאַזיע־יונגוואַרג, צו די גאַליפּעי־הויזן מיט די ריי־מענס אָנגעצויגענע אויף שמאַלע טאַליעס. סטעפאַ האָט באַמערקט אַז יעזשי האָט ליב צו סודען זיך מיט די יינגלעך, גוטברודעריש זיי אַרומנעמען אין די טונקעלע קאָרידאָר־ווינקלען און פאַרגליווערט אַריינקוקן אין צעהיצטע פּר־צופים. טיילמאָל פלעגט זיך יעזשי פירן מיט זיי געאָרעמט. זיינע ליפּן זענען דעמאָלט פאַרגאָסן געווען מיט סלינע און דער שטערן — מיט שוויס־טראָפּנס.

אין יענע טעג האָט סטעפאַ געטוישט אירע מיידלשע קליידער און אָנגע־הויבן אָנטאָן זיך אַזוי ווי יעזשיס קאָלעגן.

עס איז איר אָפּשטויסנדיק געווען זיין מיידלש פאַרקעמטער קאָפּ האָר און דער ריח פון אָדעקאָלאָן וואָס האָט זיך געפילט פון דעם בחורל. און דאָך האָט עס זי געצויגן צו יעזשין און זיין גלייכגילט האָט זי נאָך מער גערייצט. טיילמאָל האָט זי זיך אַרומגעדרייט נישט ווייט פון יעזשיס שטוב, געקוקט צו דעם פענצטער פון זיין צימער.

יעזשיס נאָענטסטער חבר איז געווען דער איבערגעוואַקסענער דאָבזשיניאַק מיטן רויטן פנים, מיט דער גרויסער גאַמבע. סטעפאַ האָט אים נישט פאַר־טראָגן. וואָס טוט ער גאַנצע אָוונטן אין יעזשיס שטוב ביי אויסגעלאָשענע ליכט?

זי איז דאָס געווען די איינציקע פון די מיידלעך אין גימנאַזיע וואָס האָבן זיך צונויפגעקאָמפּאַניעוועט מיט די יינגען פון דער קאַוויאַרניע. תמיד ווען זיי זענען געקומען צום דיקן פאָלקסדייטש שולץ, האָט יעזשי זי איבערגעגעבן אין אַנדערע הענט און אַליין געזעסן צונויפגעפּרעסט מיט דעם מיאוסן יונג דאָב־זשיניאַק. טיילמאָל איז אַ שוידער דורכגעלאָפן דורך איר גוף זעענדיק ווי איר געליבטער פאַרלייגט זיינע שיינע הענט אויף דעם רויטן קאַרק פון חבר. זי האָט געקוקט אויף יעזשיס לאַנגע מיידל־פינגער וואָס ציטערן־אויס דעם ריטעם פון פאַטעפאָן־ליד אויפן האַלדז פון חבר.

סטעפאַ האָט געטרונקען קופּליעס ביר, אויפגעצווונגען זיך צו דערטרינ־קען דאָס ביר ביזן דנאָ. אַן אומגעריכטע הירזשעריי פון אַ פערד האָט איר גע־מאַכט אויפציטערן. אין שיכרות האָט זי דערזען דעם פאָטער און דערפילט ווי זיינע הענט קלאַמערן זי איין אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. איצט קען זי זיך שוין באַפרייען פון אים. זי גייט אַ וואַקלדיקע צו יעזשיס טישל. עמעצער פאַרשטעלט איר דעם וועג. זי וויל שרייען דאָס זעלבע געשריי וואָס איז דע־מאָלט פאַרהילכט געוואָרן אין די שטאַל־ווענט. מיט איין שטויס האָט זי אָפּגע־שטופּט פון זיך דעם קליינעם טאַדעק און איז צוגעלאָפן צו יעזשין.

— נעם אַראָפּ דיינע הענט פון זיין האַלדז!

יעזשי איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ רויטקייט. ער האָט נישט געענטפערט אויף סטעפאַס אויסגעשריי מיט אַ געשריי, נאָר שטיל געזאָגט:

— איך קען נישט אויף דיר קוקן, דו קאַשטשיאַל־טאָכטער.

סטעפאַ האָט אים דערלאַנגט אַ הילכיקן פּאַטש. דאַבזשיניאַק איז אויפגע־שפּרונגען און געוואָרפן זיך אויף סטעפאַן, נאָר אין דער זעלבער רגע איז אויס־געוואַקסן אַן אומבאַקאַנטער יונג. זי האָט אַפילו נישט באַוויזן צו זען זיין פּנים. דער פרעמדער האָט זיך געוואָרפן אויף דאַבזשיניאַקן און עס איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג. יעזשי איז געשטאַנען אין אַ זייט, די הענט אין די קעשענעס פון די רייטהויזן און געקוקט ווי דער אויסגעפּאַשעטער שולץ מיט זיינע זין צעטרייבן די גימנאַזיסטן.

ערשט אויף דער גאַס האָט זיך סטעפאַ דערמאָנט, אַז דער פרעמדער וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַר איר איז עמעצער פון אירע באַקאַנטע. טאַדעק האָט זי באַגלייט. זי וואָלט קיינמאָל נישט געגאַנגען מיט טאַדעקן שפּאַצירן. ער איז נידעריק, מיאוס. נאָר היינט איז ער איר נאָענט. אויך ער האָט צוליב איר געשלאָגן זיך מיט דאַבזשיניאַקן. זיי זענען צוגעקומען צו סטעפאַס שטוב. טאַ־דעק האָט זיך געוואָשן זיין צעריסן פּנים.

— דעם פרעמדן רופט מען אַליש.

סטעפאַ האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט, פאַרקעמט די צעשויבערטע האָר, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם מאַנטל. עס מוז שוין זיין שפּעט. ווי לאַנג איז זי געלעגן אויף דעם בעט אין די קליידער? עטלעכע מאָל האָט געקלאַפּט די באַ־לעבאָסטע. צוערשט איז זי געקומען מיט טיי, דערנאָך האָט זי געגרייט דאָס אָוונט־עסן. זי האָט גאָרנישט געוואָלט טועם זיין. עס איז אַ ווינטיקע נאַכט. איינצלנע טראָפּנס רעגן פאַלן איר אויפן שטערן, אויף די ליפּן. זענען דאָס אפשר טראָפּנס וואָס דער ווינט טרייסלט אָפּ פון די קאַשטאַן־צווייגן, פון די טעלעפאָן־דראָטן, פון די רינעס?

ערשט ווען זי איז אַרויס אויף דער פּלאַצקער גאַס און צוגעקומען צום מאַרק איז איר קלאָר געוואָרן וווהין זי גייט אין דער נאַכט. איז דאָס טאַקע געווען אַליש? אַן אָפענע טיר פון אַ שענק. אַ רויט ליכט גליטשט זיך איבער די פינצטערע שטיינער פון מאַרק. דאָס ליכט איז אויסגעמישט מיט אַ בייז ברו־מעריי. אין אַ פינצטערן הויף קלינגען פערד מיטן לויזן געשפּאַן. אַ קייט קלימ־פערט ביי אַ ברונעם. מען רופט זי. דאָס איז אַ שיכור. אָט איז דאָס הויז פון די פערעלס. עס איז ליכטיק אין זייטיקן פענצטערל, לינקס, ביים סוף פון דער מויער. דאָרט איז איצט דאָ מיכאַל און דאָרט וועט זי זיכער טרעפן אַלישן.

יאָסל יאַלעך האָט געעפנט דעם שווערן אייזערנעם פרענט און אַריינגע־לויכטן איר אין פּנים אַריין.

— פאַניעקאַ, אַלאַ באַגאַ, אַזוי שפּעט?

— מיכאַל איז דאָ?

סטעפאַ האָט געזען ווי יאַלעכס פּנים האָט זיך לוסטיק פאַרקרומט.

— איך בין לעוואַנדאָווסקאַ...

יאַלעך האָט אַראָפּגעצויגן דעם הוט און זיך פאַרנייגט.

קיינער האָט נישט באַמערקט אין דעם שפּעט־האַרבסטיקן אָוונט ווען ברייַ־נע איז אַרויס דורך דער הינטערטיר צו דער שטשאַנקע וואָס האָט זיך געגרע־נעצט מיט פערעלס הויז. זי איז אַריין אין זדונסקע געסל און פון דאָרט צום פערד־פּלאַץ.

ברײַנע איז געווען אָנגעטאָן אין אַ סיצן קליידל, אַן ענגס מיט געפּלאַצטע נעט און קורצע אַרבל. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ שוואַרצע פאַטשיילע. עטלעכע מאָל איז זי געבליבן שטיין, אַרומגעקוקט זיך און ווידער אָנגעהויבן גיין. איר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז עמעצער רופט זי און וואָס שנעלער זי וועט גיין אַלץ דייטלעכער וועט ווערן די שטים.

פאַרוואָס דערוויטערט זיך דער מענטש וואָס רופט זי? זי זעט זיין שאָטן. באַלד וועט זי אים אָניאָגן. ער וועט איר זאָגן עפּעס וויכטיקס, עפּעס וואָס זי מוז וויסן, דערנאָך וועט זי צוריקגיין אַהיים. יאַלעך וואַרט אויף איר. ער וועט נישט חתונה האָבן מיט דער רויטהאָריקער גלאָמבּ. דאָס שפּילט ער נאָר אַזאַ להכעיס מיט ברײַנען. זי האָט היינט געוואָלט לאַכן צו אים נאָר דער שוטה האָט זיך פאַר איר דערשראָקן און אויסגעשריגן „אַ דיבוק איז אַריין אין דער מוידן!

וואָס איז אַ דיבוק? פאַרוואָס האָט זי אים נישט געזאָגט: יאָסל, איך בין פאַר דיר אַזוי ווי דאָס פעלד, אַזוי ווי דאָס ברויט, קום צום געלעגער, קום

ביינאַכט; מיין לייב איז ווי טייג וואָס יוירט־אויף און וועט באַלד אַרויסשפּאַרן פון דער דייזשע; איך וואַרט אויף דעם הייסן אויוון און אויף זיינע פלאַמען. כאַ־כאַ־כאַ. זי האָט אָנגעהויבן לאַכן. אָ, גאָט, איך לאַך דאָך צו אַ בוים! דאָס איז אַ פינצטערער ווינטערדיקער בוים אָן בלעטער. מאָרגן שרייבט יאָסל יאַ־לעך תנאים מיט דער רויטער מויד. מען האָט שוין געגרייט פעסער ביר.

דער מענטש וואָס זיין שאָטן ליגט ביי אירע פיס דערוויטערט זיך. זיין קול ווערט אָבער נענטער. העי! וואַרט אויף מיר! קום, איך קען נישט אָניאָגן דיינע טריט. קיווע קאָפּ! אַזויפיל פאַרשווינען האָסטו געפירט אויף יאַרידים און אַז דו האָסט געדאַרפט דערפירן צום אמתן יאַריד דיין טאָכטער האָסטו זי איבערגעלאָזן אין מיטן וועג! קיווע קאָפּ, קיווע באַלעגאָלע, שטעל־אָפּ די גאַ־לאָפּירנדיקע שוואַרצע פערד! שטעל זיי אָפּ, טאַטע! נאָכן פערד־מאַרק הייבן זיך אָן די דאָרפישע געסלעך מיט די קליינע הייזער, מיט די גערטנדלעך. די רעדער קייקלען זיך אַוועק. מאָרגן וועט ביי אַנשלען אין שענק זיין פריילעך. יאָסל יאַ־לעך שרייבט תנאים מיט קיילע גלאָמב! דער ברענענדיקער אויוון לעשט זיך. אויפגעיוירן טייג, גרייט פאַר די געזונטע הענט פון קנעטער. אַ האַרבסט־ווינט בושעוועט אַרום. פון דרויסן איז דער ווינט קאַלט, שניידיק און אינעווייניק אין איר לייב, איז דער ווינט פייערדיק. עטלעכע ייִנגען גייען איר אַנטקעגן. דאָס זענען פינף פאַרשוינען. זיי גייען געאָרעמטע איבער דער ברייט פון שאָסיי און זינגען. דאָס דאָרפס־געסל האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט. איצט שפּרייטן זיך פעלדער. נאָר דערגרייכן די ליידיקע פעלדער און דערנאָך וועט זי צוריקגיין. זי וועט זיך אויספּוצן און אַריינפאַלן אין דער שענק צו די תנאים פון יאָסל יאַלעך. באַלעגאָלע! שטעל־אָפּ די שוואַרצע פערד און נעם מיך אַרויף אויפן וואָגן!

די ייִנגען האָבן זי אַרומגערינגלט, מען האָט איר אַריינגעלויכטן אין פּנים אַריין.

— וואָס טוסטו דאָ ביינאַכט? — האָט מען זי געפרעגט אויף פּויליש.

ברײנע האָט זיך איינגעקאָרטשעט און פאַרהילט אין דער פאַטשיילע.

— איך בין אַנטלאָפן פון אַ שריפה... איך וויל דעריאָגן די שוואַרצע פערד... איין פערד טרינקט זיך אין קעסל־גרוב... עס איז מיט אַ פאַרפלאָנטערטן געשפּאַן...

עמעצער האָט אַראָפּגעריסן פון איר קאָפּ די פאַטשיילע.

צעשויבערטע האָר. ברענענדיקע אויגן. דאָס נאַקעטע לייב פון די אָרעמס, פון האַלדז האָט אַ לייכט־געטאָן.

הילכיקע געלעכטערס פון די נאַכט־פאַרשווינען.

— זשידוווקאַ!

ברײנע האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דער ערד און אויפגעהויבן די פּאַטשיילע. מיטאַמאָל האָט זי זיך אַ ריס־געטאָן און אָנגעהויבן לויפן, פאָכנדיק מיטן שוואַרצן טוך.

די ייִנגען זענען איר נאָכגעלאָפן. די שוואַרצע פערד זענען נעלם געוואָרן. זענען זיי פאַרזונקען געוואָרן אין די זומפּן פון דער פּלאַנקאַ? פאַרוואָס איז געוואָרן אַזוי שטיל?

ברײנע איז געפאַלן לעבן דער אויסגעהוילטער ווערבע און אַרײנגעקייקלט זיך אין ראָוו. זי איז געלעגן מיט די אויפגעהויבענע נאַקעטע קני און אירע הענט האָבן צוגעדריקט די גרויסע צעשפּאַרטע ברוסט. דעם ראַנד פון דער פּאַטשיילע האָט זי אײַנגעביסן מיט די ציין.

זיי זענען געשטאַנען איבער איר און געשוויגן. מען האָט נאָר געהערט דעם שיפּן רעגן אויף די לעצטע פאַרטריקנטע בלעטער. מיט אויפגעריסענע אויגן האָט זי געפאָרשט יעדן קער פון די ייִנגען.

אַ הויכער, איבערגעוואַקסענער מיט אַ ביינערדיקער גאָמבע האָט נאָענט צוגעבויגן זיין נאָס פּנים צו איר און אַ ריס־געטאָן די פּאַטשיילע. שטאַרקע הענט האָבן זי אָנגעכאַפּט פאַרן האַלדז. הענט האָבן זיך געגליטשט איבער איר גוף און זיך פאַרהאַלטן ביי די בריסט. אַזויפיל נאַסע פּרצופים, ברייטע אַקסל פאַרשטעלן איר דעם הימל. זי זעט שוין גאָרנישט, נאָר שאָטנס. דאָס לייב אירס ווערט געפּייטשט פון נאַסע, ברי̇ענדיקע דערנער. מען רייסט פון איר דאָס קלייד. מיט די ציין רייסט עמעצער אויף איר נאַכט־העמד. זי שפּירט אויף איר לייב אַ הייסע סלינע.

ברײנע האָט זיך אַ וואָרף־געטאָן און אויסגעשריגן דאָס גרויסע געשריי. עס איז אָבער אַרויסגעקומען אַן אויסגעצויגענער געברום וואָס איז דערשטיקט געוואָרן פון פוילנדיקע גראָזן און נאַסן־ביימער־אָפּפאַל. זי איז איצט האַלב־נאַקעט מיט צוגעשלאָסענע אויגן. יעדעס מאָל איז עפּעס קאַלטס און שווערס אַרויפגעפאַלן אויף איר און זי אײַנגעקלעמט.

די מויד האָט געוווסט אַז מיט איר קומט פאָר עפּעס שרעקלעכס, נאָר זי האָט דאָס שרעקלעכע נישט אָפּגעפילט. מען האָט איר צוגעהאַלטן די הענט, געריסן אירע פיס. אַ ווייסטער פיין און אַן אויפלייזונג ווי זי וואָלט אַרײַנגעשליידערט געוואָרן אין אַ גרעבליע און די גרעבליע־שטיינער קייקלען זיך אויף איר נאַקעטן לייב און קייקלען זיך אַריבער איר. זי וועט דערטראָנקען ווערן אַזוי ווי קיווע קאָפּס פערד אין אַ גרוב.

אַלע פייערן אין איר וועלן פאַרלאָשן ווערן. זי וועט אויסגעלייזט ווערן.
— כאַ־כאַ־כאַ...
אַ גרוילִיק לאַכן אין דער נאַכט אַריין פון דער צעיוירענער מויד.
— כאַ־כאַ־כאַ...
ברײנע האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם גראָז־אָפּפאַל, פאַרלייגט די הענט אויף די באַקעס, געשטאַנען אַ וואַקלדיקע מיט ברייט־צע־שטעלטע נאַקעטע פיס און געלאַכט צו די אויסגעלאָשענע הימלען. כאַ־כאַ־כאַ. זי האָט געזען ווי די יינגען שפרינגען אַריבער די נידעריקע גאָרטן־צוימען און ווערן נעלם אין די פאַרשאָטנטע גערטנער.

צומאָרגנס האָבן זי די טרעגער געפונען ליגן אין מיטן מאַרק, מיט צע־ריסענע רעשטן פון איר קלייד, פאַרהילט אין אַ צעפליקטער פאַטשיילע. איר פנים איז געווען פאַרבלוטיקט, די ליפּן — צעביסן, אָנגעשוואָלן, פאַרבאַקן מיט שוים. זי האָט געגלאָצט אויף די מענטשן מיט בלוט־פאַרלאָפענע ווייסלען. מען האָט ברײנען אַוועקגעפירט צו פערעלס הויז, אַוועקגעלייגט זי אויפן אייזער־נעם בעט אין קעמערל, ביי דער קיך.
נאָך מיטאָג איז געקומען אין מאַרק אַריין אַן עלטערע קריסטין און דער־ציילט אַז זי האָט ביינאַכט געזען פון איר פענצטערל ווי פינף גימנאַזיסטן זע־נען אַנטלאָפן דורך איר גאָרטן, צעבראָכן דעם צוים און דערנאָך דערהערט דאָס ווילדסטע געשריי פון דער פאַרגוואַלדיקטער ברײנע.

שטילע טריט אויף די טרעפּלעך. אַ לייכט קלאַפּן. מיכאַל עפנט די טיר. ער איז אַ פאַרחידושטער צוריקגעטראָטן. דאָס איז סטעפאַ. זי איז אין ברוינעם לעדער־מאַנטל. עס שמעקט פון איר מיט רעגן און מיט ווינט. שפּליטער־טראָפּנס אויף ליכטיקע ברעמען. זיי פינקלען איצט ווי ליכט־אַרעאָלן אויף די הייליקע בילדער. זי איז שיין. עס איז אַ טרויעריקע שיינקייט.
— איך בין געקומען זען אָלישן. דו ווייסט דאָך ווו ער איז; איך בין געווען זיכער אַז ער איז איצט ביי דיר, מיכאַל. וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי שרעקלעך? עס איז גאָרנישט געשען מיט מיר. גאָרנישט.
מיכאַל איז געשטאַנען אין מיטן צימער. ער האָט אַפילו נישט געענטפערט אויף איר באַגריסונג.
— דו ביסט בייז אויף מיר? פאַרוואָס פרעגסטו מיך נישט וואָס עס האָט מיך געצווונגען קומען אַזוי שפּעט צו דיר? פאַרוואָס רעדסטו נישט צו מיר? ווו איז אָלישן? ער האָט היינט פאַרנאַכט געוואָרפן זיך אויף דאָבזשיניאַקן ביי שולצן

אין קאַוויאַרניע. דו שוויגסט? דו ווייסט פון אַלעם! אַליש האָט דיר אַלץ דער־ציילט! יעזשי האָט מיך גערופן „קאַשטשיאַל־טאַכטער". איך ווייס וואָס ער איז אויסן־געווען. איך וועל אים דאָס נישט שענקען, דעם שוואַב, דעם דייטשישן ממזר!

זי האָט גערעדט שנעל, אָפּגעהאַקט די זאַצן, איידער זי האָט זיי נאָך פאַר־ענדיקט. וואָס מער זי האָט גערעדט, אַלץ קלאָרער האָט מיכאַל פאַרשטאַנען וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי שולצן.

— טו אויס דיין מאַנטל.

סטעפאַ איז געבליבן אין אַ ברוינלעכער בלוזע, מיליטעריש־געפּאַסט מיט אַ שוואַרצן אויסבינדער. זילבערנע קנעפּ מיט אַ בייזן אָדלער, אַ צעשפּרייטן און אָנגעשטעלטע שאַרפע שפּאָנעס.

דאָס צימערל איז פול געוואָרן מיט סטעפעס רייד. לאַנגע פייכטע פּאַסן האָר זענען געפאַלן אויפן האַלדז ווי פלאַקס. מיכאַל האָט געבראַכט קאַווע.

קאַלטע פינגער האָבן אַרומגענומען דאָס טעפל און געזוכט וואַרעמקייט. יעדעס מאָל איז אַ בינט האָר געפאַלן אויף איר קינבאַק. זי האָט אַ טרייסל גע־טאָן מיט אַן אַקסל, אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ און פאַרוואָרפן די האָר. עס האָט אויסגעזען ווי אַן אַרויסרוף און ווי אַ וואָרענונג.

— דו ביסט נישט בייז אויף מיר?

זי האָט געלאַכט און די וואַרעמקייט פון איר געלעכטער, די ווייץ־האָר די זוניקע אין דער נאַכט, די צונויפגעדריקטע לאַנגע מיידל־פּיס און דער שימער אויף אירע ווײַעס און דאָס איז פון די בייז־צונויפגעצויגענע ברעמען מיט די בעס־קנייטשן וואָס צעטייען — דאָס אַלץ האָט מיכאַלן גערייצט.

— וואָס איז געוואָרן פון מלאכל? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט. — ווו זענען אירע פליגל, אָט־אָ די הייליקע פליגל?

— איך געדענק דאָס בילד פון דער הייליקער מאַריאַ אין דיין מאַמעס צי־מער און אַרום דער הייליקער — דעם קראַנץ פון מלאכימלעך. בלוט־אָרעמע, בלייכע מיט דורכזעעוודיקע פליגל. מען האָט דעמאָלט געשפּירט פון דיר דעם ריח פון קאַדזשידלעס, פון וואַקסן ליכט. איצט האָט אַ פייער פאַרברענט דיינע פליגל און ביסט געוואָרן ערדיש.

— אומגלויביקער! — האָט זי אויסגערופן און זיך צעלאַכט. דאָס געלעכ־טער האָט זי אויסגעגעבן. מיכאַל האָט נישט געוווּסט וואָס פאַראַ סוד עס איז אַנטפּלעקט געוואָרן דורך איר לאַכן.

זי האָט געקוקט אויף זיינע בילדער, דערקענט די היימישע פעלדער, די באַטשנע וועגן, די אָרעמע זאַגראָדעס, די תבואה־פעלדער.

סטעפאַ האָט נישט פאַרשטאַנען דעם אומזיניקן פאַרבן־געפלעכט און דעם אַנוואָרף פון פלעקן.

— עס איז ווי אַ חלום. גאָטס וועלט געזען פון אַ דרייענדיקער קאַרוסעלע. מיכאַל האָט זי אַנגענומען פאַר די הענט.

— אַדאַנק, סטעפאַ, דו האָסט גוט געזאָגט. עס איז דאָס שענסטע וואָס מען קען נאָר זאָגן וועגן מיינע בילדער. אַדאַנק, סטעפאַ.

זי איז אומגעוויינלעך שטאָלץ געווען מיט מיכאַלס רייד.

ער האָט איצט אַנדערש געזען סטעפאַן. זי האָט באַקומען אַן אַנדער פּנים. זי איז נישט מער סטעפאַ. ער וועט זי רופן מיט אַן אַנדער נאָמען.

— איך וויל פאַזירן פאַר דיר. אַפילו נאַקעט. אַזוי ווי מיין — — — —

זי האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ און איבערגעגאַנגען צו עפּעס אַנדערש.

— געדענקסט דאָס בילד ביים פאַן סערגיי? כאַ־כאַ־כאַ. ער האָט עס מיר געוויזן ווען איך האָב אים באַזוכט. איך בין דעמאָלט געווען אַ מיידעלע מיט קליינע קוים־אַרויסזעעוודיקע בריסטלעך...

סטעפאַ האָט זיך אויסגעצויגן אויף דעם בעט, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן אַן אַלט־געהאָפטענעם בילד פון דער מאַמע רחלס קבר.

עס איז געוואָרן אומגעוויינלעך שטיל. זי האָט זיך פאַרטייעט אין ווינקל פון בעט. מיכאַל האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט.

פון דער גאַס איז דערגאַנגען אַ קלאַפּן מיט אַ שטעקן אָן ברוק־שטיינער. דאָס איז יאָסל יאַלעך.

— דו, פּאַגאַן, אומגלויביקער! דו ביסט אַליין אַ גאָט! איך וועל קני:ען פאַר דיר און דיך איבערצלמען! אַלע פּאַטשעזשן וועל איך זאָגן פאַר דיר. דו ביסט מיין ריצעזש, מיין שוואַרצער נאַכט־ריצעזש. יעזשי זאָגט אַז איר זענט די פאַר־דאָרבנסטע מענטשן אויף דער ערד. ער איז פאַרדאָרבן און אומריין. דו ביסט דער שענסטער. צו דיר וועל איך קומען אין די נעכט. מיכאַל, הייליקער מיכאַל! אומגלויביקער, אַלע מיינע תפילות וועלן זיין געווענדט צו דיר!

זי בייגט זיך נידעריקער און נידעריקער. זי קניט. עס ליכטיקט שוין. סטע־פאַ קניט פאַר אים און זאָגט איר פרימאָרגן־געבעט: — יעזו שוויענטי, פאָטער פון דער וועלט, בענטש מיך אין מיין געפאַלנקייט — — —

דער אייזערנער ריגל האָט אַ סקריפּע געטאָן. דער באַלעבאָס פון הויז, ר׳ גאָץ פּערעל, שטייט אין דער טיר פון קאַנטאָר אַ פאַרוויקלטער אין אַ טלית. ער קוקט־נאָך מיכאַלן ווי ער באַגלייט אַ ליכטיק־האָריקע שיקסע. אַ בייז ברומע־

דיי אויסגעמישט מיט פסוקים פון שחרית. דאָס איז אַ ברומעריי פון אַ פאַר־וווּנדעטן לייב.

זיי זענען געגאַנגען געאָרעמט דורך די זייטיקע פּאַרטאַגיקע געסלעך, אַריין אין די געגרטנער די האַרבסטיקע און אַרויסגעקומען ביי דער באַן, דאָרט ווו סטעפאַ האָט איר אויפהאַלט. ער וועט מער נישט צוריקגיין צו פערעלס הויז. ער פאַרטראָגט נישט דעם בייזן יִיד גאָץ, וואָס פּאָכעט מיטן לײדיקן אַרבל, ער ליידט נישט די טאָכטער שאַלמע, זי זעט אויס ווי אַ געפּאַשעטער אינדיק און נישט אירע טעכטער וואָס גאַנערן אַ גאַנצן טאָג אַרום מיט פּאַרריסנקייט אין גע־וועלב, ס׳שמעקט דאָ מיט נאָפט, צימרינג, העריגג און לאָרבער־בלעטער.

ווען מיכאַל איז צוגעקומען צום מאַרק האָט ער דערזען ביי דעם ברונעם אַ קרענצל מענטשן. עס זענען דאָרט געשטאַנען עטלעכע דראָזשקאַזשעס, טרע־גער, וויבער אין פאַטשיילעס מיט די עמערס און הויך גערעדט.

מען האָט געטראָגן ברײנגען צו פערעלס הויז. זי איז געווען פאַרהילט אין אַ ראָגאָזשע וואָס אַ דראָזשקאַזש האָט אַראָפּגענומען פון פערדס רוקן. מיכאַל האָט באַוויזן צו זען איר צעריסן פּנים, פול מיט שראַמען און בלוט־פלעקן.

— שקצים האָבן איר אָפּגעטאָן אַ מיאוסע זאַך. זיי האָבן זי געשענדט! — האָט אויסגעשריגן צו מיכאַלן יאָסל יאַלעך. — דאָס האָבן געטאָן דיינע גימנאַ־זיסטן, מ׳וויס שוין די נעמען! עס זענען סטעפאַ לעוואַנדאָווסקאָס חברים! אַ בראָך אויף זיי!

מיכאַל האָט אויסגענוצט דעם טומל און איז אומבאַמערקט אַריין אין זיין צימערל. ער האָט צונויפגענומען די בילדער, צונויפגעפּאַקט די זאַכן. ער גייט אַוועק פון דאַנען. וווהין? אפשר קיין סאָכאַטשין, צוריק צו דער מאַמען? ניין. ער וועט זיך אַריינקלייבן צו כאַסקלען, אין קליינעם בוידעם־שטיבל. דאָרט, אויף דער באַנק, צווישן די אָרעמע, הונגעריקע וועט ער האָבן זיין געלעגער. ער וועט קומען יעדן פאַרנאַכט אין פאַראיין, זיצן אין מאַנטל, ציטערן פאַר קעלט, שפּילן אין שאַך מיט די שניידער־געזעלן און שמועסן וועגן דער נייער וועלט וואָס וועט קומען. ער וועט אויסהערן רעדעס אויף יִידיש־לשון און אַליין פאַר זיי רעדן.

אפשר אַוועקגיין צו סטעפען?

ער איז אַרויס פון פערעלס הויז מיט דער געפלאָכטענער שטרוי־וואַליזע, מיט די לייוונטן און געלאָזט זיך גיין צו די דראָזשקעס.

— פיר מיך קיין סאָכאַטשין — האָט ער געזאָגט אַ היימישן באַלעגאָלע.

— זעץ דיך אַריין, מיכאַל יפת.

ערשט ווען זיי זענען אַרויס צו די פעלדער פון פּאָשוויענטנע האָט דער אָנטרייבער זיך צערעדט.

— האָ־האָ, ווער קען דען נישט דערקענען יאָסעס אַן אייניקל? דער געשטעל, די שוואַרצע קודלעס האָר און דאָס פּריצישע לשון.

אויף די פעלדער איז געלעגן אַ בלייכער גרויער שניי אַ צעטייעטער. פאַרטאָג איז אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי. אין שטאָט איז ער גלייך צעגאַנגען אײדער ער האָט נאָך באַרירט די ערד. די פּלאַנקאַ טונקלט זיך מיט די נאַקעטע ברעגן. פּוסטע פעלדער. אַ ליידיקער וועג און זייטיקע בלאָטע־שטעגלעך צעטאָפּטשעטע, אומהיימלעכע.

קאַפּיטל אַכט

שוין דעם דריטן טאָג ווי אויפן פלינצקער מאַרק דרייט זיך אַרום אַן אי־בערגעוואַקסענער יונג, אַ רויט־האָריקער, אין אַן אָפּגעטראָגענעם אולאַנער־שי־נעל, מיט אַ קיילעכיק טונקל היטל וואָס עס טראָגן אין די זונטיקס די פּויערים. דער שינעל איז צונויפגעצויגן מיט אַ ברייטן לעדערנעם פּאַסעק. ער טראָגט שווערע יוכטאָווע שטיוול, אָפּגעפּוצטע און שוואַרצע גאַליפּעי־הויזן.

מען זעט אים אָפּט אין אַנשלס שענק לעבן אַ פלעשל וואָדקע און אויך אין דער גויִישער שענק. אַנשלען אַליין איז אויפפאַלנדיק געוועזן דער פאַרשוין און ער האָט איין מאָל אַ זאָג געטאָן צו אַ באַלעגאָלע:

— עפּעס אַן ערל פּלאָנטערט זיך מיר דאָ אַרום. די צרה איז מיר פון ערגעץ באַקאַנט, נאָר איך קען זיך נישט דערמאָנען.

דער יונג האָט גראָד דערהערט אַנשלס רייד און אויפגעהויבן אַ פויסט.

— אַנשעל, פּשאַ־קרעוו, איך בין נישט קיין ערל.

דער שענקער האָט זיך אָפּגעווישט די וואָנצעס און געשוויגן.

— אַן אויסמישעניש. מען קען שוין היינט נישט דערקענען מיט וועמען מען רעדט. עס האָט זיך אַזוי פאַרפּלאָנטערט אויף דער מאַזאָווישער ערד, אַז דער שד אַליין וועט זיך נישט פונאַנדערקלייבן. דאַכט זיך אַ געלע מאָרדע מיט היימישע שליפּיעס — און דאָ גאָר, אַזאַ אָנשיקעניש...

איינמאָל איז דער יונג אין שינעל אַריין אין פּערעלס געוועלב, אַרומגעקוקט זיך און אָוועקגערופן יאָסל יאַלעך אין אַ זייט.

דעם זעלבן טאָג האָט שוין די גאַנצע שטאָט געוווּסט אַז עס האָט זיך באַוויזן קיווע קאָפּס ממזר און אַז דאָס איז טאַקע דער יונג אין סאָלדאַטסקן שינעל.

אין אָוונט האָט דער פרעמדער גערופן עטלעכע באַלעגאָלעס און געהייסן אַנשלען דערלאַנגען אַ גרויסע פלאַש בראָנפן און פאַרבייסעכץ. נאָכן אויסטרינקען צו גלעזער בראָנפן האָט ער אַרויסגענומען פון בוזעם אַ בייטל, אַ פאַרוויקלטן אין אַ טוך, און אָנגעהויבן ציילן געלט. ער האָט געציילט פּאַמעלעך, שטיל, אַזוי ווי עס ציילן געלט פּויערים.

— דריי הונדערט זלאָטעס. דאָס איז אויף היילן ברייגען, פּאַניע אַנשעל,

אייך גיב איך דאָס געלט און גיט אַכטונג אויף איר. זאָל מען זי היילן. איך וועל צוריקקומען אין אַ צייט אַרום.

די טרעגער האָבן אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע, אַרומגענומען גוט־ברודעריש. אַנשל אַליין האָט אויך געשטעלט בראַנפן.

— זי וועט אָפּגעהיטן ווערן פון די באַלעגאָלעס און טרעגער. די שטאָט איז נישט הפקר! מען וועט נאָך פראַווען איר חתונה. מיט גאָטס הילף...

דער יונג איז אַוועק. די טרעגער האָבן געזען ווי ער האָט אַריינגערוקט די גרויסע הענט אין ברייטן לעדערנעם רימען און איז אַ שטיק צייט געשטאַנען ביים ראָג, דערנאָך האָט ער שטיל אַ פייף־געטאָן און געלאָזט זיך גיין צו די גוייִשע גאַסן.

פאַרטאָג האָט מען געפונען דאָבזשיניאַקן אַ דערהרגעטן.

דער גימנאַזיסט איז געלעגן נישט ווייט פון שולצס קאַוואַרניע, דאָרט ווו עס ענדיקט זיך דאָס געסל און עס הייבט זיך אָן די קאַנאַווע.

יעזשי מאַרכלעווסקי ליגט אַ דערשטאָכענער אין שפּיטאָל. ער גוססט. דאָס האָט געטאָן אַן אומבאַקאַנטער פאַרשוין וואָס איז געזעסן שפּעט אין שולצס קאַוויאַרניע.

שפּעט אין אָוונט, ווען די גימנאַזיסטן האָבן פאַרלאָזט די קאַוויאַרניע, איז זיי נאָכגעגאַנגען אַ יונג אין אַן אולאַנער־שינעל.

מיטאָג־צייט איז געקומען אַ פּאָליציאַנט אין אַנשלס שענק און נאָכגעפרעגט זיך אויפן פרעמדן. אַ פויער האָט דערציילט אין דער פּאָליציי אַז ער האָט אַליין געזען ווי דער יונג האָט געשיכורט מיט ייִדן.

פרעמדע פאַרשוינען, וואָס האָבן זיט אייניקע וואָכן אַרומגעדרייט זיך אויף די מערק און געטיילט צעטלען אַז מען זאָל נאָר קויפן ביי פּאָליאַקן, זענען אַראָפּגעקומען אין מאַרק אַריין, אַפילו אין דער שול־גאַס מיט שטעקנס אין די הענט. אין אַ גרויסער קראָם האָט מען אויסגעהאַקט די שויבן. ביי דער באַן איז באַפאַלן געוואָרן אַ קאַנטאָר־אַנגעשטעלטער. דער אייגנטימער פון טאַרטאַק ר׳ אָשר איז געפּאַטשט געוואָרן פון אַ יונגן פויער. פרויען אין זונטיקדיקע פּאַטשיילעס מיט קיישעלעך און זעקלעך אונטערן אָרעם האָבן זיך אומגעריכט באַוויזן אין מאַרק. פון די קליינע געסלעך אַרום דער באַן האָבן אָנגעהויבן צו גיין מענטשן. די שווערע גלאָקן פון קאָשטשיאָל, וואָס האָבן זעלטן געקלונגען, האָבן וואָרענדיק געברומט און זייער ברומעריי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הילכיקן געיאָמער.

אַנשל איז אַרויס פון דער שענק און זיך אַרומגעקוקט. אַ שייגעצל, אפשר

פון אַ יאָר צוועלף האָט געוואָרפן אַ גרויסן שטיין אין זיין פענצטער. רויטע, צעהיצטע פּרצופים רינגלען אַרום דעם שענקער. ער ציט זיך צוריק און וויל פאַרהאַקן די אייזערנע טירן. דאָס קלינגערײַ פון די גלאָקן ווערט שטאַרקער און שטאַרקער. די געוועלבער אין מאַרק פאַרמאַכן זיך. מען הערט אַ הירזשעריי פון פערד, אַ ריטשעריי פון בלעכן זשאַווערדיקע און אַ געקלאַפּ פון פרענטן.

— ייִדן מאָרדן אונדזערע קינדער!

אַ וויסט פּייפעריי פון אַ כאַפּטע יונגען.

אויבן־אָן גייט ראַשאַק מיט אַלע זין פון היצעל, די דראָזשקאַזשעס טוען־אָן די פערד די ציימלעך און ציִען־זיך צוריק צום קאָזשע־געסל.

יאָסל יאַלעך שטייט אויף די טרעפּלעך פון פערעלס הויז און האַלט די הענט אין די הויזן־קעשענעס. זאָלן זיי נאָר קומען! דער מאַרק איז פול געוואָרן מיט פרעמדע פאַרשווינען. די טרעגער גייען שטילע, מיט שטריק אויף די לענדן דורך די קרענצלעך פאַליאַקן. מען טרעט זיי אָפּ דעם וועג. קענטיק פאַר פּחד. נאָר הינט לויפן זיי נאָך מיט אַ געבילעריי.

באַלד וועט עס זיך אָנהייבן.

— אויף וואָס וואַרט מען?

— באַלד וועלן קומען די אַרבעטער פון דעם טאָרף־פעלד!

— עס גייען שוין די שאָסיי־לייגער!

זיגמונט פּיעך איז געלאָפן דורך די הינטער־געסלעך, דורכגעקריצט דאָס שמאָלע געסל און איז אַריין אין פערעלס הויז.

— ווו איז מיכאַל? — האָט ער שווער געסאָפּעט. — ווו איז ער? שרעקט אייך נישט פאַר מיר — האָט ער גערעדט צו שאַלמען. — איך בין זיגמונט פּיעך. עס איז אַ שאַנדע פאַר פוילן, אַ וויסטע שאַנדע. לאָזט מיך צו מיכאַלן. איז ער אויך אַ פּחדן און וויל זיך ווי אַלע ייִדן פאַרשטעקן אין די לעכער? איך וועל אים באַשיצן.

פּיעך האָט אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער פון טאַש.

שאַלמע האָט פאַרבראָכן די הענט און געפאַלן אין חלשות.

דער אַלטער ר׳ גאָץ פערעל איז אָפּגעשפּרונגען.

— גייט שוין אַרויס פון מיין שטוב! גאָט וועט אונדז שיצן! גייט אייך יונגערמאַן, גייט געזונטערהייט. מיכאַל איז נישטאָ.

ער האָט פּיעכן ממש אַרויסגעשטויסן דורך דער הינטערטיר און זי גלייך פאַרריגלט.

פּיעך האָט אַרויפגעשריגן צו מיכאַלס פענצטער:

— מיכאַל! מיכאַל, רוף זיך אָפּ!

דער גלאָקן־געקלאַנג איז נישט פאַרשטילט געוואָרן. שוין צוויי שעה ווי זיי קלינגען. דער מאַרק איז שוין שוואַרץ פון פּאָליאַקן. זיי גייען צו דער שול־גאַס. באַלד וועלן זיי אָנקומען צום ראָג פון דער קאָזשע־געסל.

צוערשט לויפן די יינגלעך, דערנאָך די גאַסן־קערער פון די יידישע הייזער און נאָך זיי פּרויען מיט צלמים אויף די העלדזער. זיי טראָגן הייגט גרויסע צלמים אויף די קאָלירטע בלוזעס. אויסגעהאַקטע שויבן. גלאָז אויף די הויקערדיקע שטיינער. איצט איז שוין דאָס גלאָקן־קלינגערײַ אויסגעמישט מיט אַ ברומערײַ פון המון.

די הייזער פון קאָזשע־געסל זענען נידעריקע. די פענצטער ליגן ממש אויף דער ערדפלאַך.

דאָ וועט עס זיך אָנהייבן!

און מיט אַמאָל איז ווי אַ וואַנט אויסגעוואַקסן אַ גרופּע שניידער־ און שוסטער־געזעלן. זיי זענען געשטאַנען לענגאויס דער גאַס אין אָרעמע מאַנט־לען, אויפגעשטעלטע קעלנער, אין קורטקעס, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען פאַר־וואָרצלט אין דער דאָזיקער שטיינערדיקער געסל־ערד.

ביי די ווענט שאַרט זיך אָן איבערגעוואַקסענער יונגער מענטש. ער איז געקומען פון יענער זייט געסל. זעט אויס דורך דעם גלחס סאָד און אַוועקגע־שטעלט זיך נישט ווייט פון די יידישע געזעלן.

דער איינציקער וואָס האָט געקענט דעם פרעמדן איז געווען כאַסקל. ער האָט געוווּסט אַז דאָס איז אַ פּוילישער גימנאַזיסט מיטן נאָמען פּיעך.

— איך קען אים — האָט כאַסקל עמיצן אַריינגעשעפּטשעט אין אויער.

— ער איז מיכאַל יפּתס חבר.

קיינער האָט זיך מער נישט אומגעקוקט אויף דעם יונגן פּוילישן בחור וואָס איז אין אַזאַ צייט פאַרוואָגלט געוואָרן צווישן יידן.

— ווו איז מיכאַל? — האָט געפרעגט פּיעך.

קיינער האָט אים נישט געענטפערט.

צוערשט איז געפאַלן אַ שטיין און גלייך דערנאָך איז אויסגעבראָכן אַ ווי־סט הורא־געשריי און עס האָט אָנגעהויבן צו האָגלען. עמיצער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט ביים האַרץ. אַ פאַרגאָסן פּנים מיט בלוט.

די ערשטע ריי רירט זיך נישט פון אָרט. דער המון דערנענטערט זיך. זיי שפּאַרן־זיך ווי דורך אַ טויער, ענג־צונויפגעדריקט, כאָטש די גאַס איז פאַר זיי כמעט אָפן.

זיגמונט איז אַרויף אויף פינצטערע שטיגלעך. אַ טונקעלער קאָרידאָר פירט אים צו אַ פענצטערל. ער איז אויפן דאַך. אַ וואָרקעריי פון טויבן. אַ קליין יידיש יינגעלע האָט זיך צונויפגעדריקט און געוואָלט אַריינקריכן אין טויבנשלאַק. טויבן פּאַטשן אין יינגלס פּנימל, רייסן די דראָט־צוימען און פּע־דערן פליִען אַרום. די טויבן ווילן אַנטלויפן פון דעם וויסטן גלאָקן־געקלאַנג און פון מענטשן־געברום.

— כלאָפּטשע, האָב נישט מורא.

עטלעכע פון המון האָבן זיך דערנענטערט צום קאָזשע־געסל. נאָך פינף טריט. איצט זעט פיעך יעדן מענטש. ער זעט יעדן פּרצוף. נאָך איין מינוט.

ער האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און אָנגעהויבן שיסן.

ביים דריטן שאָס איז שטיל געוואָרן. אַפילו דאָס קלינגעריי פון די גלאָקן האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער המון לויפט צוריק צום מאַרק.

זעקס מאָל האָט פיעך אויסגעשאָסן. דאָס זענען געווען שאָסן אין הימל אַריין.

די יידישע געזעלן טרייבן די לעצטע אָנגרייפער. זיי יאָגן זיי ביז צו דער קאַשטאַן־אַלייע.

עס איז געוואָרן אויסטערליש שטיל.

דאָס קליינע יינגל אויפן דאַך־ווינקל איז אַרויסגעקראָכן פון טויבן־שלאַק און צי־געטאָן אַ דראָט. דאָס טירל האָט זיך געעפנט און אַ טשאַטע טויבן איז אַרויסגעפלויגן. די טשאַטע האָט געקרייזט איבער דעם קאָזשע־געסל און די קרייזן זענען געוואָרן אַלץ גרעסערע און גרעסערע ביז זיי האָבן אַרומגענומען דעם גרויסן מאַרק און די גאַנצע שטאָט.

— ווי אַזוי רופט מען דיך, יינגעלע?

— יאַנקל.

— נישט אַלע פּאָליאַקן ווילן אייך טאָן שלעכטס. זאָלסט דאָס געדענקען. איך בין אַ פּאָליאַק.

פיעך איז אַראָפּ פון די טרעפּ און דורך די הינטערגעסלעך, דורך הייף, איז ער אַריין אין גלחס סאָד און פון דאָרט צו די פרעמדע געסלעך אויף יע־נער זייט באַן־פּלאַנט.

צומאָרגנס האָט ער ווידער געזוכט מיכאַלן. ערשט סטעפאַ האָט אים גע־זאָגט אַז מיכאַל איז שוין זייט אַ וואָך אין סאָכאַטשין. נישט מען זעט אים און נישט מען הערט אים. ער האָט זיך איבערגעקליבן צו סערגיי קריזשאַנאָווסקין אין וואַלד־שטיבל און לאָזט קיינעם נישט־צו צו זיך, אַפילו נישט דער אייגע־

געבנער מוטער. סטעפּאַ איז שוין עטלעכע מאָל געווען ביי מיכאַלן נאָר ער וויל זיך נישט באַווייזן. ער וועט מער נישט צוריקקומען קיין פּלינצק אין גימנאַזיע. ער וויל אַוועק קיין וואַרשע און פון דאָרט אין דער וועלט אַריין. ער האָט פּיינט געקראָגן אונדזער גלייכגילטיקע פּוילישע ערד. זיינע מאָלערייען זענען אומ־פאַרשטענדלעכע. פלעקן רויטע, פייערדיקע, צעריסענע פון זיגזאַגישע בליצן.

נאָך די ווינטער־פעריען איז דאָך מיכאַל צוריקגעקומען קיין פּלינצק און באַנייט דאָס לערנען אין גימנאַזיע. יוטאַ האָט איינגעלייגט וועלטן אַז מיכאַל זאָל נישט איבעררייסן דאָס לערנען.

— די יאָסעס טרעטן נישט אַזוי לייכט אָפּ. אויך אונדזערע זיידעס האָבן געהאַט אויסצושטיין צרות. אַנטלויפן? איינגראָבן זיך אין אַ וואַלדשטיבל און אַרומגיין מיטן אַלטן רוס איבער די וואַלד־שטעגן? קינד מיינס, גיי צווישן מענטשן! הייב־אויף דיין שטאָלצן קאָפּ! רייד צו די פּאָליאַקן און זאָלן זיי זען אַז דו ביסט נישט קיין פרעמדער! ביסט איינער פון זיי! אַ בעסערער נאָך ווי זיי!

יוטאַ האָט אַליין געשפּאַנט די ברישקע, געפאָרן צו די ערדפּאַכטער, גע־פאָרן זען די פעלדער ביי גוטאַזשעווואַ. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער גרעב־ליע, באַוואונדערט די ווינטערדיק־פאַרגרייטע פעלדער. אָפט מאָל איז מיכאַל מיטגעפאָרן. זיי זענען געזעסן שווייגנדיקע. אַלץ איז זיי געווען נאָענט און באַ־קאַנט. יעדער וועג־אויסבויג, יעדע ווערבע, יעדעס בערגל. זיי האָבן געקענט די פּויערים פון די איינצלנע ווירטשאַפטן און געוווּסט אַז די זיידעס און על־טער־זיידעס זענען אויך געפאָרן דורך די וועגן און שטעגן און אַז נישט איין מאָל האָבן זיי געפּאָיעט די פערד ביי די זעלבע ברונעמער.

די פעטערס זענען געוואָרן שווייגנדיקע.

מען האָט זיך שוין מער נישט געהיצט אין די שבת־צו־נאַכטן ביי דעם גרויסן דעמבענעם טיש. עס האָט זיי געצויגן קיין וואַרשע. זיי האָבן דערציילט וועגן קרובים וואָס לעבן אויף מוראַנאָוו־גאַס, וועגן דעם אַזוי־גערופענעם „זאַ־יאַזד״ ווו עס קומען זיך צונויף לאַסטוועגענער פון די ווייטסטע מקומות.

דער פעטער עליע איז געווען גלייכגילטיק צו די וואַרשעווער גליקן.

פון מיכאַלס טאַטע זענען אָנגעקומען רעגולערע בריוו. יעדע וואָך האָט יוטאַ געשיקט קיישלעך עסנוואַרג פאַר די צוויי זין און פאַרן מאַן. זי האָט די קיישלעך אויסגעבעט מיט טראָטשינעס און אַריינגעשטעלט סלאָיעס מיט איינ־געמאַכטס און געגנדזן־שמאַלץ. זי האָט געשיקט ווינטער־אויבסט, פוטער גע־וויקלט אין ווייסער לייוונט און היימיש־געמאַכטע קעזלעך. דאָס האָבן מיטגע־

נומען די פורמאַנעס וואָס האָבן געפירט פון סאָכאַטשין קיין וואַרשע זעק מיט מעל.

מאַריאַ לעוואַנדאָווסקאַ איז עטלעכע מאָל אין דער וואָך אַריינגעפאַלן צו יוטאַן און אָפּגערעדט זיך דאָס ביטערע האַרץ. וועגן איר מאַן אַנטאָני זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע מעשות, מען האָט זיי דערציילט אויפן אויער; ער האָט משונהדיקע גענג, דער צעיוירענער פּריץ. די פּויערטעס פון גוטאַזשעוואָ בעת זיי ריידן פון אים, צלמען זיך איבער. געשמועסט האָט מען אַז ער טרייבט־צונויף זיינע אַרבעטאָרינס זיי זאָלן זען ווי אַזוי עס פּאָרן זיך די פערד, די בהמות. איינמאָל איז ער באַפאַלן אַ פּויערטע וואָס איר ביקל איז פאַרבלאָנ־דזשעט געוואָרן אין זיין קאָרן־פעלד און זי געצוווּנגען אַז זי זאָל זיך אויס־טאָן נאַקעט און פראָווען ליבע־שטיק מיטן ביקל. די פּויערטע האָט אים גע־פאָלגט. דאָס האָט דערציילט אַן אַלטער בעטלער וואָס איז געלעגן ביי די קזשאַקעס. תמיד טראָגט דער פּריץ מיט זיך דעם ראַפּניק און שלאָגט די פערד צווישן די פיס, אויף די פילבאַרסטע ערטער און גאַוער־פעדעם רינען פון זיין מויל.

מאַריאַ האַלט איצט סטעפּאַן ווייט פון הויף. די טאָכטער קומט כמעט נישט אַהיים. בלויז פאַר מאַריאַן האָט ער מורא. איר באַווייזן זיך אין הויף נעמט אָוועק זיין לשון. זי באַצווינגט אים מיטן בליק. דאָס לויזע פלייש פון זיין פּנים הייבט אָן ציטערן, דער גוידער פאַלבט זיך ווי ער וואָלט געווען אַ ליידיק־גע־וואָרענער פּענכער. אַנטאָני ציט־איין די אַקסל און גייט אַ פאַרשעמטער לעבן די ווענט פון דער סטאָדאָלע און ווערט נעלם.

יוטאַ האָט נישט פאַרקויפט די פּאַשע־פעלדער כאָטש לעוואַנדאָווסקי האָט אָנגעטאָן אַלערליי צרות דעם פּאַליאַק וואָס האָט געהאַט די פעלדער אין אַרענ־דע. זיין ניי־אויסגעבויטע וואַסערמיל איז כמעט געשטאַנען ליידיק. די פּויערים האָבן נישט געטרויט לעוואַנדאָווסקיס מיל־אויפזעער. דאָס קאָרן ווערט ווי פאַרפאַלן צווישן די מילשטיינער. זייערע זיידעס און פּאָטערס האָבן געפירט די גערעטעניש צו די לאַדינאָס און אויך זיי ווילן אַזוי טאָן.

די פּאַני מאַריאַ האָט געבעטן יוטאַן אויפצוזוכן אַ קונה פאַר דער מיל, און עס האָט זיך געפונען אַ מענטש וואָס האָט געוואָלט אָפּקויפן די מיל — דאָס איז געווען דער יידישער מילנער לאַדינאָ אַליין. ער האָט טאַקע איבער־גענומען די נייע מיל אין גוטאַזשעוואָ און דאָרט אַריינגעזעצט זיין זון אַליש פאַר אַ זעלבשטענדיקן מילנער.

אין פּלינצק איז שטיל געוואָרן. אין דער שענק האָבן שוין מער נישט גע־

טומלט די סאַדאָווניקעס, די טרעגער און באַלעגאַלעס. זיי זענען געזעסן שטילע ביי די לאַנגע הילצערנע טישן אָדער געשטאַנען אָנגעשפּאַרטע אָן בופעט. די קריסטלעכע איינוווינער פון די הינטערשטאָטישע געסלעך זענען געקומען אין מאַרק אַריין אין די זונטיקס און נישט געטרויט זיך דורכצוגיין דאָס קאַזשע־געסל.

אין די יאַריד־טעג האָבן די טאַנדייט־שניידער און שוסטער צעשטעלט די געשטעלן מיט סחורות נאָענט איינע פון די אַנדערע. זיי האָבן נישט אַרויסגע־פירט קיין סך סחורות אויפן מאַרק. אויף די יאַרידים זענען זיי געפאָרן צוזאַ־מען, וואָגן לעבן וואָגן און אין אַ טייל שטעטלעך און דערפער, וואָס האָבן גע־שמט פאַר זייער אומפריינטלעכקייט צו ייִדן, האָבן זיי בכלל אויפגעהערט צו פאָרן.

פאַר מיכאַלן האָבן זיך אָנגעהויבן שטילע ווינטערטעג.

זיין נאָענטסטער חבר איז געווען זיגמונט פּיעך. דער גימנאַזיע־דירעקטאָר האָט געהאַלטן אַ שטרענג אויג אויף מיכאַלן. ער האָט אים פאַרדעכטיקט. דער טויט פון דאָבזשיניאַקן און די שווערע מעסער־ווונדן פון יעזשי מאַרכלעווסקי זענען זיכער אַ ייִדיש שטיקל אַרבעט. און דאָס איז געשען גראָד אין דער צייט ווען פון דייטשישן ראַדיאָ האָט זיך געטראָגן דאָס „האָרסט וועסעל ליד" און דאָ איז געשען ממש אַ פּוילישע אויפלאַגע פון דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען מיטן יונגן האָרסט. גוסטאַוו הערבערט האָט זיך געחידושט פאַרוואָס די באַ־פעלקערונג איז אַזוי שטיל געוואָרן. פאַרוואָס האָט מען דאָס אַלץ פאַרפלאָנ־טערט מיט דער פאַרגוואַלטיקונג פון אַ נישט־נאָרמאַלער זשידוווקע? מען האָט נאָך געשענדט דעם געפאַלענעם דאָבזשיניאַק און באַשמוצט דעם ריינעם נאָ־מען פון מאַרכלעווסקין. אויף דער לאַטיינישער שעה פלעגט זיך דער דירעק־טאָר איינקוקן אין מיכאַלן. ער האָט אין געהיים גוט אויסגעפאָרשט מיכאַלס אויפפירן זיך ערב דער געשעעניש. ער האָט געוווּסט וועגן דעם נישט־דער־גאַנגענעם געשלעג מיט יעזשין און אויך וועגן סטעפּעס באַזוכן אין מיכאַלס צימער אין די נעכט. אַ שוואַרצהאָריקער מיט טיף־אַריינגעזעצטע גרויסע ברוי־נע אויגן. געדיכטע ברעמען צונויפגעצויגענע. הויך, שלאַנק. אַ ווינטיק־ברוין פּנים מיט עטוואָס אַרויסשטאַרטשנדיקע קינבאַקן און שאַרף־געפורעמטע ליפּן. ער האָט געוווּסט וועגן מיכאַלס זיידעס, וועגן דער פאַרוואָרצלטער ייִדישער דאָרפס־משפחה און געקענט יוטאַן. ער איז איינמאָל פאַרחידושט געוואָרן פון איר פּויליש־לשון, דעם אויסגעמישטן מיטן קאַשובישן דיאַלעקט. דער גימנאַ־זיע־דירעקטאָר האָט זיך פאַרלוירן בעת ער איז געשטאַנען לעבן מיכאַלס מו־טער און דערגרייכט מיט זיין וווּקס ביז איר אַקסל. עס האָט אים באַליידיקט

זיין אַלטע געוווינשאַפט פון בייגן זיך פאַר אַ פּריצישער טאָכטער וואָס ער האָט איבערגענומען פון זיין פאָטערס שטוב. און כדי צו דערשטיקן דעם אייגענעם כעס אויף זיך איז אים איינגעפאַלן צו באַשולדיקן מיכאַלן אין דאַבזשיניאַקס טויט. אויב די מיינונג פון דער פּאָליציי איז טאַקע אַ ריכטיקע, אַז דער מאָרד איז אויסגעפירט געוואָרן פון אַן אונטערוועלט־יונג, איז דאָס אַ באַשולדיקונג קעגן דער גימנאַזיע, קעגן זיין דערציִונגס־סיסטעם. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט אַז פון מיכאַלן ציִען זיך פעדעם צו דער געשעעניש. דער אומבאַקאַנטער פאַרשוין אין אולאַנער־שינעל איז געדונגען געוואָרן פון ייִדן. מיכאַלס נעלם־ווערן פון פלינצק, פונקט ערב דעם מאָרד איז געווען אויסגערעכנט.

דער גימנאַזיע־דירעקטאָר האָט דורכגעפירט שטילע אויספאָרשונגען אויף דער אייגענער האַנט. ער האָט אַרויסגערופן דעם קליינעם טאַדעק זשעלינסקי אין דער קאַנצעלאַריע פון דער גימנאַזיע, דערנאָך פּיעכן און סטעפאַ לעוואַנ־דאָווסקאַ. אים האָט זיך געדאַכט אַז אָט־אָט וועט ער עפּעס אַנטדעקן וואָס וועט אויפרודערן גאַנץ פּוילן. עס וועט פאַר אַלעמען קלאָר ווערן ווי ווייט עס גרייכן די ייִדישע פאַרשווערונגען.

ערשט פון סטעפאַן איז אים קלאָר געוואָרן אַ ביטערער אמת וועגן דאַב־זשיניאַקס ליבע צו יעזשין, וועגן די נעכט ביי שולצן אין דער קאַוויאַרניע און די מעשים אין טונקעלן ווינקל לעבן דער גאַרדעראָב. דעמאָלט האָט ער אָפּ־געשטעלט זיינע פאָרשונגען, צורו־געלאָזט זיגמונט פּיעכן, כאָטש עס זענען אַרומגעגאַנגען ידיעות אַז מען האָט אים געזען אין טאָג פון די אומרוען אין ייִדישן געסל. ער האָט שוין נישט אַרויסגערופן מיכאַלן אויף אַ געשפּרעך. דער גימנאַזיע־דירעקטאָר וועט וואַרטן אויף אַ מער פּאַסיקער צייט.

מיכאַל האָט זיך אַריינגעקליבן אין הויז פון אַן אויבסט־הענדלער, אשר זעלעווער. דאָס איז געווען אַ ווייטער קרוב פון די יאַסעס און ער האָט זיך דאָ געפילט ווי אין דער היים.

פון דער קיך האָט זיך געטראָגן אַ גאַנצן טאָג דער ריח פון געקעכטס. פון באָרשטשן, פון גריוון אויסגעלאָזענע, פון געפּרעגלטע פליישן, פון איינגע־מאַכטס. די קינדער זענען אַרומגעלאָפן איבער די גרויסע צימערן מיט שטי־קער ראַזעווע ברויט באַשמירט מיט פּאָווידלע און פּוטער. די באַלעבאָסטע איז תמיד געווען פאַרהאָרעוועט, פאַרקאָכט. ייִדענעס האָבן אַ גאַנצן פרימאָרגן אָנ־געשלאָגן אַן עוף, אַ גוט קעזל, אַ פריש שטיקל פּוטער. אין אַ ווייסן שירץ, מיט אַ ציכטיק קאָפּטיכל, אַ פול גלאַנציק פנים, פלעגט זי עטלעכע מאָל אין טאָג אַנקלאַפּן אין מיכאַלס צימער און ברענגען אים צו „פאַרזוכן" פרישע נאַר־וואָס

געבאַקענע קיכעלעך, געבראָטענע עפּל, איינגעמאַכטס אין אַ טייטעצל, אַ וואַרעם ציבעלע־פּלעצל.

אָשר זעלעווער איז געווען צופרידן וואָס אין זיין הויז שטייט איין יוטאָס זון. ער האָט הנאה געהאַט צו זען ווי אַנדזשעי פּיעכס זון און זשעלינסקיס זון און אַפילו לעוואַנדאָווסקאָס טאָכטער קומען אין די אָוונטן צו מיכאַלן. עס האָבן אים נישט געאַרט סטעפאַס נאַכט־באַזוכן. פאַרקערט, עס איז געווען פאַר אים ווי אַ להכעיס וואָס די קינדער פון די גדלותדיקע פּוילישע פּריצים קומען צו אים אין שטוב אַריין. ער האָט תמיד באַפוילן די דינסט צו דעקן דעם טיש מיט אַלערליי פאַרבייסעכצער. טיילמאָל איז ער אַליין געבליבן אויף דער שוועל מיט אַ פלעשל „שליוואָוויץ״ אין דער האַנט און געזאָגט:

— פּאַנאָוויע שליאַכטאַ, מאַרגנדיקע באַלעבאַטים פון מאַזאָוויע, לאָמיר זען אויב איר זענט ענלעך צו אייערע „פּרעדקעס״ און קענט טרינקען?...

ר׳ אָשר איז שנעל היימיש געוואָרן מיט די יונגע בחורים. די ייִדישע גאַסטפריינטלעכקייט האָט זיי געריירט. זיי האָבן דאָס ערשטע מאָל דערזען ייִדן נישט אויף די פּוילישע וועגן, נישט אין פּריצישע הייף, אין בודעס פון די סעדער — נאָר אין די אייגענע שטובן.

תמיד ווען סטעפאַ איז געבליבן אין די אָוונטן אין מיכאַלס צימער איז דאָס קליינוואַרג אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיצן פינגער. די באַלעבאָסטע האָט געטריבן די קינדער פון דער סאַליע אין שלאָפצימער אַריין. „זיי לערנען לאַטיין״ — האָט זי געזאָגט און גוטמוטיק געשמייכלט. „עס איז נישט קיין קלייניקייט צו לערנען אַזאַ שפּראַך ווי לאַטיין, מען דאַרף האָבן אַ קאָפּ פון אייזן!״

איינמאָל האָט זי געפרעגט דעם מאַן ר׳ אָשרן:

— מען זאָגט, אַז לעוואַנדאָווסקאָס טאָכטער איז פון די גלחים און אַז נאָך אין דער מאַמעס בויך האָט זי שוין איינגעזאַפּט דאָס לאַטייניש!

אַז אָשר הערט אַזאַ שאלה פון זיין ווייב קאַטשעט ער זיך פון געלעכטער, רייבט איין האַנט אָן דער אַנדערער ביז ער דערשפּירט אַז די האַנט־פלאַכן בריִען אים, דעמאָלט גיט ער אַ קלאַפּ מיט די הענט און זאָגט: — עס איז אַ משוגענע וועלט. אויבנאויפיק איז אַלץ מיט אַ סדר נאָר אַז מען קוקט זיך גוט צו, זעט מען ווי ס׳איז אויסגעמישט. די וועלט איז פול מיט סודות און אין אַלעם איז דאָך דאָ גאָטס האַנט. וואָס ווילן מיר זיך אַנטקעגנשטעלן זיין רצון?

— מיכאַל, דו האָסט מיך ליב? פאַרוואָס שוויגסטו? פאַרוואָס זענען דיינע ווִיעס אַראָפּגעלאָזן? גלייך־אויס די אַקסל. לאָז מיך אויפפלאָנטערן מיט מיינע פינגער דיינע שוואַרצע האָר־קרויזן. עטעם שטאַרקער! מען שפּירט שוין מער

נישט פון מיר דעם וואַקס־ריח פון קאַשטשיאַל־ליכט. באַריר מיך און דו וועסט מער נישט געפינען די פאַרשלאָסענע פליגל. עטעם־איין מיין אָטעם! שוואַרץ־האָריקער זשיד, וועסט דערשפּירן דעם ריח פון ווייץ און דעם ביטערלעכן טעם פון שטויב־בלי׳עכץ וואָס דער ווינט טראָגט אין פרילינג!

ער האָט שווייגנדיק אויפגענומען אירע רייד און גלייכגילטיק אירע צערט־לעכקייטן. סטעפאַ איז געוואָרן וואָס אַמאָל אומרויִקער.

אין די שפּעטע נאַכט־שעהען, האָט זי תמיד, ערב דעם אַוועקגיין, אַראָפּ־געלאָזט זיך פאַר אים אויף די קני און געצלמט זיך.

זי איז געווען אין די רגעס פאַרשלאָסן. זיי זענען געגאַנגען דורך די פינצ־טערע גאַסן. אַן אייליקער קוש און נישט־אויסבייגנדיק צו אים דעם קאָפּ איז זי אַוועק אויף די טרעפּ, אַזוי ווי זי וואָלט אַנטלאָפן פון עפּעס וואָס שרעקט זי. מיכאַל איז געשטאַנען אַ צעטומלטער. ער האָט גערופן איר נאָמען. די פאַרהאַנגלעך פון איר פענצטער זענען פאַררוקט געוואָרן. צומאָרגנס, אין שו־לע, האָט זי אים אויסגעמיטן. זי האָט געהאַלטן שעהען די הענט ווי בעתן פאַ־טשעזש, די לעדלעך אַראָפּגעלאָזן און געשוויגן. אין אָוונט איז זי ווידער געקו־מען. זי האָט געקלאַפּט שטיל און אַז ער האָט געעפנט די טיר איז זי אַריין ווי אַ שטורעם, געבעטן אַנטשולדיקונג פאַר איר אויסטערליש אויפפירן זיך, גע־קושט זיינע הענט און אַרומגעפלאַטערט איבערן צימערל ווי אַ פעלדפויגל וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן שויבן.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן ווינטער. איינמאָל האָט זי מער נישט געוואָלט צוריקגיין צו איר הויז. זי וועט בלייבן אין מיכאַלס צימער. ערשט ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן איז זי אויפגעשטאַנען, אָנגעטאָן דאָס גאָלדענע צלמל און לאַנג געקושט עס. סטעפאַ איז היסטעריש געוואָרן. — איך וועל אַוועק צו די מאָנאַכינס. כ׳בין זינדיק. פאַרגיב מיר הייליקער! גאָטלאָזער, וואָס איך האָב דיך געמאַכט פאַר מיין גאָט, ייִדישער טייוול! ניין, דו ביסט דער ריינסטער, ביסט נישט קיין טייוול. איך מאַך דיך זינדיקן. מער וועל איך נישט קומען צו דיר...

— די פינצטערע טרעפּ, די ענגשאַפט, די טרויעריקע און אויסגעלאָשענע געזעלן וואָס הערן־אויס רעדעס פון נאַיִווע „וועלט־איבערקערער" — דאָס דערדריקט מיך. אייער רעאַלע וועלט איז אַזוי גרויס ווי די קאָזשע־גאַס. איר באַוועגט זיך אין אַ פאַרמאַכטן קרייז, אַ פאַרזיגלטן. אייערע רייד בלייבן דער־שטיקט אין די ווענט פון די אָרעמע צימערלעך אויפן בוידעם־שטיבל פון איי־ער „פאַראיין". איר האָט זיך אָפּגעריסן פון אייגענעם פאָלק, נישט איר האָט

אַ שייכות צו די גלויביקע ייִדן. נישט איר שטאַרקט אייער שטאַם, נאָר איר שוואַכט אים אָפּ. איר שפּרייט אילוזיעס וועגן אַ „מאָרגן”, וועגן אַ פרייער וועלט פאַר די פאַרחושכטע און טרויעריקע ייִדישע שניידער־ייִנגלעך. איר האָט געהאַט פּוילישע רחבותן און געלאָזט אַריינשטופּן זיך אין די ענגע געסלעך אַרום דער שול און בית־מדרש. מיט דורות צוריק האָבן אונדזערע זיידעס צע־שפּרייט זיך איבער דערפער און כוטאָרן פון דעם לאַנד. זיי האָבן געפּאַכטעט פעלדער, זיי האָבן געהאַקט וועלדער און צעפירט געהילצער אויף יענער זייט גרענעץ דורך די טייך־וועגן. זיי האָבן געקענט אַלע ווינקלען פון מאַזאָוויע. איר האָט זיך צוריקגעצויגן צו די שטעט און אין די שטעט גופא פאַרקליבן זיך אין די ענגע געסלעך, צוריק אין מיטלאַלטער אַריין, פרייוויליק, פאַרוואָס? אפשר דערפאַר ווייל איר ווילט אויפהאַלטן דאָס אייגענע פּנים פון אַ ייִד? ניין. דאָס איז געשען צוליב אַן אומווילן צו ראַנגלען זיך פאַר רעכט. איר פּרעדיקט אויף ייִדיש־לשון עקסטרעמע, אינטערנאַציאָנאַלע אידייען, איר דערווייטערט זיך פון אייגענע טראַדיציעס. פאַקטיש געהערט איר נישט צו קיין שום וועלט. איר העלפט צעברעכן דאָס ייִדישע לעבן.

די רייד האָט מיכאַל געזאָגט צו כאַסקלס חברים.

די שניידער־געזעלן האָבן געהערט דאָס מיט אומצוטרוי. איינער פון די אָנפירער פון פאַראיין איז אויפגעשפּרונגען אַ דערצאָרנטער. דאָס איז געווען אַ נידעריקער מענטש מיט אַן אויסגעצויגן פּנים, אָפּשטייענדיקע אויערן און אַ הויכן שטערן אַ געקנייטשטן ווי אַלטער פּאַרמעט. ער איז געווען באַקאַנט אַלס דער חבר נחמן.

מיכאַל איז אַליין אַוועק פון דעם פאַרטונקלטן פאַראיין, געגאַנגען איבער די וואַקלדיקע שטיגן ביז ער איז אַרויס צו דער קאָזשע־גאַס. ער איז געווען בייז אויף זיך אַליין. עס האָט אים פאַרדראָסן וואָס ער איז אַרויס מיט דעם לשון צו די שניידער־יונגען. זיין משפּט איז אַן איבערגעאיילטער און אַ נישט־ריכטיקער. ערשט איצט האָט ער דאָס באַנומען. וואָס וויל ער פון די געזעלן? זיי זענען דאָך שוין געבוירן געוואָרן אין שניידערישע שטובן, אָנשטאָט ווייסע ציגעלעך אונטער זייערע וויגן, האָבן אַרומגעטאַנצט אויסגעהונגערטע שוואַרצע קעץ. מלחמות, שווערע געזעצן קעגן ייִדן, אָרעמקייט — דאָס אַלץ האָט אויס־געקרימט זייערע רוקנס, צעשטערט די פרייד און פאַרטריבן אין פינצטערע חדרימלעך, ווו עס רוישן טעג גאַנצע די ניי־מאַשינען.

ערשט ווען מיכאַל איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג האָט אים אָנגעיאָגט כאַסקל. זיי האָבן לאַנג געשוויגן. דער איידעלער פידלשפּילער האָט געשטעלט

טריט אַזוי לייכט און שטיל ווי ער וואָלט נישט געטראָטן אויף דער ערד נאָר געשוועבט.

אַ בלאַטיק־צעטייעטער שניי אין ליכט פון וויגנדיקע גאַסן־לאָמפּן. פאַר־מאַכטע לאָדנס מיט פּרעגנטן און שטאָבעס וואָס פינקלען פון נאַסקייט. אַ זשאַ־ווערדיק סקריפּען פון דער פּלומפּ אין מיטן מאַרק. אַ דראָזשקע פאָרט צוריק פון אַ „יאַזדע״. אַ שיכור ביי אַ וואַנט. אין ראָג שטייט דער פּאָליציאַנט איבער־געדעקט מיט אַ גראַנאַטענעם רעגן־מאַנטל. עס בלישטשען די ניקל־קנעפּ ווען די לאָמפּ טוט זיך אַ וויג.

— וואָס זאָל מען טאָן, מיכאל? — האָט זיך געפרעגט כאַסקל. — וואָס איז דער אויסוועג? פאַרוואָס האָסטו אַזוי גערעדט סתם אין דער וועלט אַריין? וואָס דאַרפן מיר טאָן?

— שפּיל פידל! דאָס שענסטע וואָס איר פאַרמאָגט פאַרבאָרגט איר. דו שפּילסט פאַר די קרומע ווענט פון דאַך־שטיבל. דיינער אַ חבר, אַריה, שרייבט לידער — טאָ זאָל ער זיי פאַרלייענען פאַר די גזעלן. ווינציקער האַס און מער ליבשאַפט זאָלט איר פּרעדיקן. עס עקזיסטירט אַ גרויסע און שיינע וועלט — אַנטפּלעקט זי פאַר די שניידער־יינגלעך. דאָס וואָס וועט געשען אויף דער ערד וועט געשען קעגן אונדזער ווילן. מיר זענען דאָ אַנמעכטיק. זעסט דעם בוים? ער קען נישט דעצידירן אַז דער דונער זאָל אים אויסמיידן. עס איז אַ גורל־זאַך.

אַנדזשעי פיעך, זיגמונטס פאָטער, איז אַ טוער אין דער פּוילישער פּויע־רים־פּאַרטיי. אַ האַרציקער, גוטמוטיקער ערד־באַזיצער. תמיד געקליידט פּויע־ריש; פראָסטע יוכטאָווע שטיוול. אַ גרויער סורטוק פאַרקנעפּלט ביז צום האַלדז. אַ קיילעכדיק פּויערים־היטל מיט אַ קורצן לאַקירטן דאַשעק. גרויסע וואָנצעס מיט די שפּיצן אַראָפּגעלאָזטע.

כאָטש ער האָט געהאַט אייגענע פעלדער און אַקערלאַנד איז ער געווען אַן אָנהענגער פון אַ גרינטלעכער ערד־רעפאָרעם. צו די ייִדן האָט ער זיך באַצויגן מיט דרך־ארץ. ער האָט געהאַט געטנוג דערפאַרונגען מיט די פּאַליאַקן, תבואה־אויפקויפער, וואָס זענען געקומען אין די דערפער אַריין אויפקויפן דאָס גע־רעטעניש און אַזוי אַרום אַרויסשטויסן דעם ייִדישן תבואה־סוחר. זיי האָבן אַפילו פאַרלייגט ספּעציעלע טרעסטן וואָס דער ציל איז געווען צו פאַרפּוי־לישן דאָס דאָרף. די פּויערים האָבן אָבער דערפילט אַז מען רייסט פון זיי פּאַסן, אַז מען נוצט זיי אויס. זיי האָבן געבענקט נאָך די וואַנדערנדיקע ייִדישע סוח־רים, נאָך די אָפענע מערק. זיי זענען געווען נישט צופרידן דאָס אויפצווינגען

צוצושטעלן די תבואה אין אַ פּוילישער קאַנטאָר. די מערק האָבן שוין נישט געהאַט דעם אַמאָליקן רייץ.

אַנשטאָט אַן אַגראַר־רעפאָרעם האָט מען זיי צוגעזאָגט יידישע קראָמען.

איינמאָל, ווען מיכאל איז געקומען מיט זיגמונטן אין אַ דאָרף נישט ווייט פון קוכאַר, איז דאָרט גראָד פאָרגעקומען אַ פויערים־פאַרזאַמלונג. לעבן דעם דאָרפישן קאָשטשיאָל זענען געווען פאַרזאַמלט טויזנטער פויערים. זיי זענען געשטאַנען אונטערן פרייען הימל און אויסגעהערט אַנדזשעי פּיעכס אַ רעדע.

דאָס איז געווען גראָד נאָך די געשעענישן אין פּלינצק. דער גאַנצער פּאָוויאַט איז געווען אויפגעבראַכט. מען האָט נישט געגוי געוווסט קעגן וועמען. טייל קעגן די יידן און אַ טייל קעגן די אָנפאַלער.

זיגמונט איז באַלד צוגעקומען צום פּאַטער, געשטאַנען ביי דער בריטשקע, געקוקט אויפן המון.

אַנדזשעי איז געזעסן אויפן פערד, דער קאָפּ אַנטבלויזט, די האָר צעשויבערט און הייזעריק אויסגעשריגן איינצלנע ווערטער מיט אַ רעגלמעסיקן אָפּשטאַנד. מיכאל האָט געקוקט אויף די גלייכגילטיקע פויערים פאַרזונקענע אין אַ קלויסטער־שטילקייט.

פּלוצים איז עפּעס געשען אויף וואָס מיכאל האָט זיך לגמרי נישט גערעכנט. ער האָט דערהערט ווי אַנדזשעי פּיעך רופט־אָן דעם נאָמען פון די יאַסעס און ער האָט באַמערקט ווי די פויערים פון די ערשטע רייען קוקן זיך איבער.

— אַנשטאָט ערד וויל מען אייך געבן די אָרעמע, די נישטיקע יידישע קרעמלעך פון די שטעט. מען וויל אַז איר זאָלט איבערלאָזן די ערד וואָס גאָט אַליין האָט באַשטימט אַז זי זאָל געהערן צו דעם וואָס באַאַרבעט זי און איר זאָלט פאַרטרייבן די יידן פון זייערע אָרעמע געווועלבלעך. אָט שטייט דאָ לעבן מיין זון זיגמונט. דער זון פון יוטאַ יפת, וואָס אַ סך פון אייך קענען זי. ווייסט איר אַז מיכאַלס עלטער־זיידע איז געווען אַ גרויסער פּוילישער פּאַטריאָט וואָס איז געפאַלן אין דער פּוילישער פּאָוסטאַניע קעגן צאַר? ווייסט איר אַז מיכאַלס עלטער־זיידע איז געווען אַן אָנפירער פון אַ ראָטע פּאָליאַקן? אויפן וועג קיין פּלינצק, לעבן דעמב, האָט ער אָפּגעהאַלטן אַ נצחון קעגן צאַרישע קאָזאַקן. ער האָט אויך געהייסן מיכאל, אַזוי ווי דער מיכאל. איצט קומען גערמאַנישע פּאַכאָלקעס און זאָגן צו די יאַסעס: איר זענט דאָ פרעמדע! דאָס איז אַ שאַנדע פאַר פּוילן אַזוי צו זאָגן!

אַנדזשעי איז שטיל געוואָרן. דער המון האָט זיך צעוויגט. עטלעכע האָבן געוואָלט דערשלאָגן זיך פאַרויס כדי צו זען דעם יונגן ייד מיכאל.

— מיר ווילן זען דעם מיכאל יפת! שטעל זיך אויף מלאַדי טשלאָוויעק אויף דער בריטשקע! — האָט עמיצער אויסגערופן.

אַנדזשעי האָט זיך אויסגעבויגן צו מיכאַלן און געזאָגט:

— דער נאַרוד וויל דיך אָנקוקן, פּאַניע מיכאַל!

זיגמונט האָט אונטערגעהאַלטן מיכאַלן ביים אָרעם. ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער בריטשקע, אויפגעשטעלט זיך, אַראָפּגענומען דעם הוט און פאַרנייגט פאַרן המון.

קעגנאיבער איז דער קלויסטער. ער זעט דעם טויער מיט די שטאַכעטן. איבערן טויער — אַ שווערער קופּערנער גלאָק און נידעריקער פון טויער — אַ ים מיט אַנטבלויזטע קעפּ. ליכטיק־האַריקע ווי קאַנאַפּליעס געוואַשענע, ווי ליען, ווי ווייץ. קעפּ, גרוי ווי היי לאַנג־געשניטענס, ברוינלעכע ווי רייפע קאַניטשינע־פעלדער.

זיי זענען געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט, טייל ווי בעת אַ תפילה און טייל ווי זיי וואָלטן געהאַלטן די לייצעס פון אומרויִקע פערד.

— זאָג אונדז אַ פּאָר ווערטער! זאָג, זאָל אַ ייִד ריידן צו אייך! — האָט אַנדזשעי אויסגעדונערט. גלייך נאָך דעם איז געקומען דער ענטפער פון המון. מיכאַל האָט נישט געקענט אויפנעמען אין דעם המון־געשריי וואָס זיי ווילן. ערשט ווען דער פּויערים־פירער האָט צו אים גוטמוטיק געשאָקלט דעם קאָפּ, האָט זיך מיכאַל אויסגעגלייכט.

ער האָט גערעדט הויך, דרייסט.

— עס איז אפשר נישט פאַרשטענדלעך וואָס פון מיין אָפּשטאַם און גלויבן אַ ייִד, בין איך אַ פּוילישער פּאַטריאָט און זייענדיק אַ זון פון ערדבאַזיצער בין איך אַן אָנהענגער פון אַן ערד־רעפאָרעם. מיינע עלטער־זיידעס זענען געקומען אויף דער ערד כדי זי צו באַאַרבעטן, כדי סעדער צו פלאַנצן און אַז פּוילן איז געווען אין אַ געפאַר — האָבן זיי זיך געשלאָגן פאַר פּוילן. איך, דאָס אייניקל פון די יאָסעס וויל אַז עס זאָל אויף דער ערד נישט נאָר בלײַען ווייץ נאָר אויך די ליבע פון פאָלק צו פאָלק. אַזוי ווי מיינע זיידעס, אַזוי וויל איך צוזאַמען מיט אייך שלאָגן זיך פאַר פּויערים־רעכט ווייל דאָס איז דער המשך פון דער גרויסער מלחמה פאַר אַ גליקלעך פּוילן פאַר אַלע אירע קינדער.

— וויוואַט! וויוואַט!

די פּויערים האָבן געפאָכעט מיט די היט. אַנדזשעי האָט אים געדריקט די הענט, אַרומגעאָרעמט. מיכאַל האָט זיך אויסגעמישט מיטן המון. ער איז געגאַנגען איבער דער ברייטער גאַס, געטראָגן־געוואָרן פון מענטשן־שטראָם ביז צו אַ שענק. ער איז געווען אַרומגערינגלט פון ערד־מענטשן וועלכע ער האָט

קיינמאָל נישט געזען. קופּליעס ביר. קוואַס־פּלעשער שומיקע. בראָנפן. ער האָט געטרונקען, גערדיקט פויערישע דלאָניעס און ווידער געלאָזט זיך איבער די גאַסן פון דאָרף און אויף ס'ניי פאַרטראָגן געוואָרן אין אַ פויערישן הויף. אין ענגע כאַטעס, מיט היימיש־געוועבטע קילימעס, מיט הייליקע בילדער, ער האָט געגעסן הייסן קרויט־באָרשטש, פאַרביסן מיט שטיקער ראַזעווען ברויט. דערנאָך איז ער אַריין אין אַ גרויסער שאָפע פון פייערלעשער, אַרומגערינגלט פון שיקסעס האָט ער צוזאַמען מיט זיגמונטן געזונגען פריילעכע לידער. ער איז שוין געווען שיכור ווען די בריטשקע האָט זיך געטראָגן אַהיים.

נאָך האַלבער נאַכט איז ער אָנגעקומען קיין סאָכאַטשין. יוטאָ איז אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט דער נאַפט־לאָמפּ אין די הענט. דער ריח פון בראָנפן האָט זי געמאַכט שווייגנדיק. זי האָט פאַרבאָרגן פאַר אים די טרערן און גע־גרייט דאָס בעט. ער האָט זיך אָוועקגעשליידערט אויפן געלעגער אין אָנטאָן. מיכאַל האָט נישט געפילט ווי די מאַמע האָט אַראָפּגעצויגן פון אים די שטיוול, אויסגעטאָן די מאַרינאַרקע, צעקנעפּלט דאָס העמד. ער האָט עפּעס געברומט, געוואָלט איר זאָגן אַז זי זאָל זיך לייגן שלאָפן, נאָר עס איז אַרויסגעקומען אַן אומבאַהאָלפן שיכורער געשעפּטש.

אין מיטן נאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. לעבן בעט שטייט די מאַמע. איר שאָטן אויף דער געקאַלכטער וואַנט וויגט זיך. זי וויינט.

ער האָט איר דערציילט וועגן דער גרויסער פויערים־פאַרזאַמלונג, וועגן דער באַגעגעניש מיט אַנדזשעי פּיעך און וועגן די רייד וואָס ער האָט געזאָגט די פויערים.

— שלאָף, זון מיינער. עס איז נישטאָ קיין הילף. פון מזרח און מערב וועלן זיי קומען און אַן אויסמישעניש וועט ווערן אויף דער ערד. טייכן וועלן אַרויס פון די ברעגן און דער מענטש וועט פאַרלירן זיין צורה. עס איז שוין שפּעט...

און מיכאַל האָט נישט געוווּסט וואָס דער „שפּעט" פון דער מאַמען באַ־טייט. איז דאָס די שפּעטע שעה פון דער נאַכט, אָדער עפּעס שרעקלעכס קומט־אָן אויף פּוילן און עס איז שוין שפּעט דאָס לאַנד צו ראַטעווען?

קאַפּיטל נײַן

דער ווינטער האָט זיך געשטעלט אַן אָנשנייאיקער. שאַרפע ווינטן. פאַרטאָגיקע פראָסט־טויען זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מיניענדיקע אייז־שטערנדלעך זילבערנע. די ערד איז געלעגן אַ נאַקעטע מיט גרודעס פאַרהאַרטעוועטע. די פּויערים האָבן זיך געקלאָגט אַז דער ווינטער־פּאַרזיי וועט אויסגעפרוירן ווערן, ווייל די פעלדער ליגן אָפענע פאַר די פראָסטיקע הימלען און אַ בייזער ווינט קאָסיעט־אָפּ דעם קאָרן־אַרויסשפּראָץ. דער שראָן ליגט ביז אין שפּעטן טאָג אַריין אויף די פעלדער. די וועגן זענען שלעכטע ווייל די בלאָטעס זענען מיט איין מאָל פאַרפרוירן געוואָרן און זיי סטאַרטשען מיט די האָרבאַטע רעדער־אָפּדרוקן. די רעסאָרן ברעכן זיך, די רייפן פּלאַצן און די רעדער צעשיטן זיך.

פּויערים קומען צו־פוס אין שטאָט אַריין, אָנגעטאָענע אין לאַנגע ברוינהאָריקע זשופּאַנעס מיט די אַראָפּגעלאָזטע קאַפּוצן און זאַמלען זיך אין מאַרק, קוקן אויף די קרעמלעך, גענעצן פון לאַנגווייל און אָפּזוכנדיק די שכנים און די גוטע־ברידער, גייען זיי אין די שענקען דערוואַרעמען זיך מיט אַ גלעזל וואָדקע.

די טרעגער אין מאַרק זענען דעם ווינטער געווען אָן אַרבעט. די אייזנהענדלער האָבן מער נישט געבראַכט קיין פּלינצק קיין אייזערנע שינעס און נישט קיין בלעכן. צוויי מאָל אין דער וואָך האָט מען אָפּגעלאָדנט קאַסטנס וווּדקאַ אין מאָנאָפּאָל. עס זענען אָנגעקומען עטלעכע גרויסע פּלאַטפאָרמעס מיט זאַלץ פון נאָוועדוואָר און ציסטערנעס נאַפט. די תבואה־סוחרים האָבן נישט געשיקט קיין זעק קאָרן קיין דאַנציג ווייל די סקלאַדעס זייערע זענען אויסגעליידיקט געוואָרן. די פּויערים האָבן כמעט גאָרנישט אַרויסגעפירט אויפן מאַרק. בלויז דאָרפס־ווייבער און הינטערשטאָט־איינוווינער האָבן געבראַכט אין קיישעלעך עטלעכע אייער, אַ שטיקל פּוטער און אַן עוף.

די טאַנדייטניקעס זענען אַרומגעפאָרן מיט קאַסטנס שטיוול, מיט קורטקעס און צוריקגעקומען פאַרפרוירענע, פאַרביטערטע, אָפט מאָל נישט מאַכנדיק אַפילו קיין „פּאָטשאָנטעק“.

— עפּעס גרייט זיך אויף דעם פרילינג — האָבן די פּויערים זיך געשושקעט.

אין קאָזשע־געסל איז שטיל.

בייטאָג פלאַטערן טשאַטעס טויבן איבערן הימל. אַרום מיטאָג־צייט זעצן זיי זיך אויפן שינדל־דאַך פון אַלטן בית־מדרש און וואָרקען. אין בין־השמשות באַווייזט זיך אַ יונג און טרייבט די טויבן אין שטייג אַריין. ער פייפט שטיל, מאַניעט זיי מיט גערשטן־קערנער.

אין געסל גייען שוין די ערשטע דאַוונער צום מנין. זיי טראָגן צייגענע כאַלאַטלעך מיט אויפגעשטעלטע קעלנער און איידער זיי טרעטן נאָך איבער די שוועל פון בית־המדרש מורמלען זיי שוין דעם ניגון פון פאַרנאַכטיקן געבעט.

אַזוי הייבט זיך אָן דער פאַרנאַכט: דעם יונגס געפייף צו דעם הימל. דאָס פאַטשן פון טויבן־פליגל. דער מנחה־ניגון פון בית־מדרשל. דאָס פידל־געזאַנג פון כאַסקלען וואָס קומט פון איינגעפאַלענעם בלעך־דאַך. באַלד וועט יאָסל יאַ־לעך פאַרמאַכן פּערעלס געשעפט. ער וועט אַ רגע שטיין מיט דער שטאַבע אויף די טרעפּ און דערנאָך וועט אַ קלונג־טאָן דאָס אייזן. אַ וואַסערטרעגער וועט אַוועקשטעלן די סאָנדעס ביי דער פּלומפּ און אָנהענגען אַ ליידיקן קיבל אויפן פּלומפּ־שנאָבל. אַ סקריפּעריי פון פּלומפּ. וואַסער־גערויש אין עמער. שווערע טריט פון טרעגער מיט באַקאָוועטע שטיוול אויף פּראָסטיקע שטיינער. ווידער האָט זיך פאַרהאַמערט אַ קראָם. דאָס איז ס׳שוך־געשעפט. ר׳ זעליג שניצער גייט צוריק פון מאַגיסטראַט. ער טראָגט אַ שוואַרצן מאַנטל מיט אַ קאַראַקול־קאָלנער, אַ שטייפן טונקעלן הוט. אַ גרוי־געשניטן בערדל. דאָס איז דער מש־כיל. דער לאַנגער גמינע־שרייבער לודוויק לעווי וויגט זיך, נישט ער גייט. די טעקע איז אָנגעשטאָפּט מיט פּאַפּירן. ער וויגט זיך איצט צו אַנשלס שענק. דאָרט, אין אַ באַזונדער חדרל, לעבן שלאָפצימער פון אַנשלס ווייב, פירט ער די „ביכער" פון דער שענק. ער וועט צעקנעפּלען די וועסט, קלימפּערן מיט דער קופּערנער קייט און רייניקן די זשאַווערדיקע „סטאַלקע". אין די פאַרלאָ־פענע שויבן שפּיגלט זיך די הויך־בוזעמדיקע שענקערין, פאַרריכט אַ לאָק, מאַכט פייכט די פאַרשנורעוועטע ליפּן מיט אַ שפּיץ פון דער צונג און גרייט זיך אויף דעם פאַרנאַכטיקן שמועס מיטן פּאַן לודוויק לעווי.

מיכאַל האָט דעם ווינטער אַ סך געמאָלן.

יוטאַ האָט אַליין געוועבט פאַר דעם זון לייוונט. תמיד ווען מיכאַל איז גע־שטאַנען פאַר די אָנגעצויגענע רעמען, האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז ער הערט

דער מאַמעס שטילן ניגון. ער האָט דערקענט יעדן ציטער פון אירע פינגער ביים שפּינראַד, לויט די פעדעם די געוועבטע און שטילערהייט, בלויז פאַר זיך, האָט ער נאָכגעזונגען דער מאַמעס לידער.

סטעזשקעס האַלב־פאַרגעסענע, פאַרוואַקסענע אויף בלינדיקע לאָנקעס, איבער די שטעגלעך שוועבט אַ פּאַווע, אַ גילדענע פּאַווע. אַ וויג אין אַ ווייס־געקאַלכט שטיבל. אַ דרימלענדיק ציגעלע. צוויי הירשן לויפן אַנטקעגן דעם זון־פאַרגאַנג מיט ברענענדיקע הערנער ווי מנורות אַנגעצונדענע. אומעטיקע פאַרנאַכטיקע פעלדער מיט אַן אויסגעצויגענעם בלויען שאָטן פון אַ וואַנדע־רער. ווער איז דער מענטש? וווהין גייט ער? ווו וועט ער האָבן זיין נאַכט־לעגער?

אַלע לידער פון דער מאַמען פירן אים צו די פעלדער פון מאַזאָוויע, צום פלאַכלאַנד מיט די שטילע טייכן, די כמעט שטייענדיקע, צו די יעזשאָרעס באַ־צויגענע מיט אַ ליכטיק־גרינעם שליים, צו די פייכטע פעלדער מיט די קאַלו־זשעס ווי צעשאָטענער הימל און צו די רייפע קאָרן־פעלדער מיטן בלוי פון די כאַבער־בלימלעך.

ער איז געוואָרן דער באַזינגער פון דער לאַנדשאַפט וואָס ער האָט אַריינ־גענומען אין די שוואַרצאַפּלען אַלס קינד; דעם טאָפּאָל ביים גרינעם שימל־פּלויט, די גרינוואַרג־גערטנער און ווייטער פון די גערטנער — דעם ברעג פון טייך ווקראַ און דערנאָך אַ שמאָלן פּאַס אַ ליכטיק־גרינעם און ווייטער פון דעם פּאַס — בלויע נעפּלען — אָט־אָ די וועלדער וואָס נעמען אַרום גאָטס וועלט.

אין דעם ווינטער האָט ער דאָס ערשטע מאָל דערפילט די מאָנאָטאָנקייט פון די פלאַכן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיינע לייוונטן זענען אַזוי ווי די טעג וואָס קומען און פאַרגייען, זיי זענען ענלעך צו די אַנדערע. אַן אומעט האָט אים אַרומגענומען. ער איז אַליין אויף די טרויעריקע פעלדער ווי דער וואַנדערער.

מיכאַל האָט אויף אַ שטיק צייט אויפגעהערט מאָלן. עס לאָקן אים מער נישט די שטיל־לעבנס. ער האָט ליב רחבות. יעדעס בילד מוז האָבן הימל. ער האָט אַוועקגעשאָנקען דעם הימל די העלפט פון לייוונט. עס מוז זיין אַ גלייכ־וואָג צווישן ערד און הימל. זיינע געמעלן האָבן נישט אַראָפּגעריסן דעם שלייער פון זיבעטן הימל, אויפגעגראָבן די ערד און אַנטפּלעקט די רויע וואָרצלען מיט דעם אומהיימלעכן ערד־אינגעווייד. ער האָט געקוקט אויף דער וועלט דורך אַ באַהויכטער שויב פון אַ הייסן קינדערישן אָטעם.

אין דעם ווינטער איז מיכאַל געוואָרן מיט איין מאָל אַ דערוואַקסענער. די בילדער זענען אים פרעמד געוואָרן. ער האָט זיי זאָרגפעליק צונויפגעלייגט, פאַרמאַכט דאָס פאַרבן־קעסטל און צוריקגעשיקט די ניי־געוועבטע לייוונטן צו

דער מאַמען. ער האָט באַמערקט, אַז דאָס געוועב ווערט וואָס אַמאָל אומרוּיִקער. ער דערקענט דאָס אין די קנופּן און אין די נישט־גלייכע פעדעם. טרויעריק זענען אוודאי די אונטן פון דער מאַמען ביים שפּינראַד.

אין דער טשייניע זיצט תמיד דער אויסגעדאַרטער שפּילפויגל ביי אַ טישל און שרייבט אויף גרוי פּאַקפּאַפּיר נאָטן. צוערשט גלעט ער דאָס צע־קנייטשטע פּאַפּיר מיט די ביינערנע פינגער, דערנאָך מאַכט ער ווירעס און שרייבט אַריין מיט אַ טוש־בלייער קליינע נאָטן ווי פאַרפרוירענע פייגל וואָס טוליען זיך איינע צו דער אַנדערער. די געשטופּלטע גרויע נאָז, די הויקער־דיקע שאָטנט זיך בלאָ. די וואַנצעס האָבן אַ געלן טאַבאַק־קאָליר, זענען צע־שורפּעט ווי פון אַ שטורעם.

ביי טאָג איז אין דעם קעלער טונקל. עס פאַלט אַ ראָז און גרין ליכט פון אייבערשטן פענצטערל מיט די קאָליריקע שייבלעך. אין די אונטן וויגט זיך די בליצלאָמפּ מיטן קופּערנעם טעלער. ער זעט־אויס ווי דער אייבערשטער טאָך צו אַ פּויק פון אַ גאָסן־פּויקער. באַלד וועט ער זיך אַראָפּלאָזן מיט אַ קופּערנעם געבראַזג.

דער פידלשפּילער כאַסקל קומט אַרום צען אַזייגער אין אונטן. דער קלאַר־נעט־שפּילער זיצט אין אַ ווינקל. ער איז האַלב־בלינד. די אַרבל פון ראָק זענען צו לאַנג און פאַלן אים אַראָפּ ביז איבער די פינגער. ער טראָגט שוואַרצע וויקלערס ביז די קני און אַז ער בלאָזט אין קלאַרנעט ווערן אים אין די באַקן צוויי גריבער און די גאַמבע שפּאַלט זיך אויף צוויי גלייכע חלקים. מען רופט אים דערפאַר דער געשפּאָלטענער וואַיטשעך. ער שטאַמט פון די גויִשע געס־לעך לעבן דער באַן. דאָס האָט אים דער שפּילפויגל ערגעץ אַנטדעקט אויף אַן „אַטפּוסט״.

וואַיטשעך האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער יאַרידים מיט אַ צעגאָסענער שיקסע. אויף דעם גרויסן יאַריד וואָס מען רופט „אַטפּוסט״ זענען זיך צונויפ־געפאָרן די פּויערים פון די ווייטסטע דערפער. עס איז גראָד אויסגעפאַלן אַרום „גרינעם דאָנערשטיק״. מאַכט זיך אַז אַ פּויער האָט דערקענט אין דער צעגאָ־סענער שיקסע, אַז דאָס איז זיין ווייב וואָס איז פון אים אַנטלאָפן. ער איז אַ ווילע געשטאַנען, שטיל, צוגעהערט זיך צום טרויעריקן קלאַרנעט און דער־נאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער פּויערטע און זי אָנגעכאַפּט פאַר די האָר.

— כלאַפּי, דאָס איז מיין ווייב! זי איז אַנטלאָפן פון מיין זאַגראָדע און אי־בערגעלאָזט די קינדער אויף גאָטס באַראָט! איך זוך זי שוין אַרום אַ גאַנצן זומער! אָט איז זי, די שטשערוואַ!

דער פויער האָט איר דערלאַנגט מיט דער פויסט אין פּנים אַריין.

— ער האָט רעכט. מישט זיך נישט אַריין.

דער קלאַרנעט איז שטיל געוואָרן. דער געשטופּלטער וואַיטשעך האָט אויסגעשטרעקט פאַרויס ביידע הענט. מען האָט אים געמאַכט אַ וואַרע. ער האָט געשטעלט קליינע טריט און איז אַוועק איינער אַליין. דער המון האָט באַגלייט דעם פויער מיט זיין אָפּגעפונען וויב ביז צו דעם וואָגן. אַלעמען איז לייכטער געוואָרן ווען דער וואָגן האָט זיך אַ ריר־געטאָן.

אויף יענעם אַטפּוסט איז שפּילפויגל נאָכגעגאַנגען וואַיטשעכן. דער בליג־דער קלאַרנעט־שפּילער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן דער קלויסטער־מויער, אַרויסגענומען פון טאַש אַ שנירל קרעלן און עס צעריסן. ער האָט געוואָרפן גרויסע שוואַרצע קרעלן, איינלצוויין אויף דעם ליכטיקן זאַמד.

אין דער זעלבער נאַכט איז וואַיטשעך שוין געזעסן אין דער טשייניע. יאָסל אַלטקאָפּ איז געווען דער באַס און עפּעס אַ יונג וואָס האָט זיך פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג מיט כאַפּן פרעמדע טויבן, איז געווען דער טאַצן־פויקער.

שפּילפויגל אַליין האָט דיריגירט און איז אויך געווען אין דער זעלבער צייט דער ערשטער פידלער. צען אין אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָנצערט. די טישלעך זענען געווען באַזעצט. די מויד סורטשע האָט דערלאַנגט הייסע גלעזער טיי, כוסות בראָנפן און ביר מיט געקאָכטע אַרבעס. די יונגען האָבן צווישן איין זופּ און דעם אַנדערן געקנאַקט באַניעקערן, געריבן זיך די דלאָ־ניעס, געווישט די שטערנס, יעדעס מאָל אָנגעצויגן די שטיוול־כאַליאַוועס אַז זיי זאָלן זיך נישט צופּיל פאַלבן און פון צייט צו צייט צוגעקלאַפּט מיט די פיס צום ריטעם פון דער קאַפּעליעס שפּילן.

מיכאַל איז אָפּט געקומען אין דער טשייניע זען די טעכטער פון די סאַ־דאָווניקעס, פון די בהמה־אויפקויפער. זיי האָבן געהאַט פרישע פּנימער, פאַר־רויטלטע פון ווינט און פראָסט. שוואַרצהאָריקע, מיט טונקעלע ברעמען, ברייט־אַקסלדיקע. דאָס הילכיקע לאַכן זייערס איז איבערגעגאַנגען אין אַ קוויטשעריי וואָס איז תמיד פאַרטויבט געוואָרן פון יונגס טאַצן־פויקעריי.

אין דעם קעלער זענען אויך געקומען די דראָזשקאָזשעס. זיי האָבן דאָ אָפּגעוואַרט די צייט ביז מען דאַרף פאָרן צו דעם לעצטן צוג. עס האָבן אויך פאַרבלאָנקעט שניידער־געזעלן. זיי זענען מיד געוואָרן פון חבר נחמנס רעדעס און פון די „באַוווסטזיניקע" חברטעס. זייער חלום איז געווען אַרומצונעמען אַ מויד פון די סוחרישע היימען. נאָר ווער האָט זיך דען פון די מיידן געוואָלט אומקוקן אויף אַ שניידער־געזעלן וואָס איז אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט?

שפּילפויגל האָט דיריגירט מאָרשן פון רייטער ווו די פויק האָט געאַרבעט

מעשים אַז מען זאָל הערן דאָס רייטן כאַטש פון אַ גאַנצן שוואַדראָן. טיילמאָל איז דעם דיריגענט איינגעפאַלן צו געבן סאַלאָן־מוזיק. דעמאָלט האָט ער פאַר גרויס תענוג אַליין צוגעשלאָסן די אויגן און זיך געוויגט אַזוי ווי אין זיינע אָרעמס וואָלט געווען איינע פון די שענסטע „פּרויענצימערס". זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט ווי ער וואָלט געשעפּטשעט די איידלסטע ווערטער.

די יונגען האָבן ליב־געהאַט די שלאַגער־לידער וואָס וואַנדערנדיקע אַק־טיאָרן האָבן געזונגען אין טעאַטער פון די פייערלעשער. בייטאָג איז שפּיל־פויגל געזעסן ביי אַ לײדיק גלאָז און פאַרפאַסט נייע ניגונים. ער האָט די גרויסע בויגנס פאַרשריבענעם פּאַקפּאַפּיר איינגעקנייטשט פאַמעלעך, ראַנד צו ראַנד, און אַריינגעלייגט אין בוזעם. און אַז ער איז געשטאַנען פאַרן „געערטן פּובלי־קום", וואָס האָט יעדעס מאָל אויפגעשטורעמט און געשריגן וואָס צו שפּילן, האָט ער זיך עלעגאַנט געבויגן, אַ ווונק־געטאָן צו כאַסקלען און געשפּילט וואָס דאָס „שאַנאָונע" פּובליקום וויל. אויף דעם געשפּאָלטענעם וואַיטשעך האָט ער זיך אַפילו נישט אומגעקוקט — ווייל וואָס וועט דען דערזען דער האַלב־בלינ־דער? ער האָט אויך קיין אַכט נישט געלייגט אויף יאָסל אַלטקאָפּ, נישט אויפן טויבן־יונג.

אין זיין בוזעם האָבן זיך די שטילע דרימלענדיקע פייגל געוועקט צום פלי. ער האָט אַ כאַפּ־געטאָן די נאָטן פון טאַש, צעוויקלט זיי און אָנגעהויבן שפּילן.

איין אָוונט האָבן זיך באַוויזן אויף די טרעפּ אַ פּאָר גלאַנציקע באַשפּאָרנטע שטיוול. זיי האָבן פאַמעלעך גענידערט אין קעלער אַריין, ביז עס האָט זיך אויסגעטיילט פון דער טונקלניש דער פּאָליציאַנט שובערט. ער האָט זיך ברייט צעזעצט ביי אַ טיש און געגלאָצט מיט די שליפּיעס אויף דער רויט־באַקיקער סורטשע. זי האָט זיך געחנדלט, געשפּיגלט־זיך הינטערן בופעט, געשריגן צום פּויקער אַז ער זאָל שטילער פּויקן און געבראַכט אַ פלעשל „פינף און ניינ־ציקער".

שפּילפויגל האָט אָוועקגעלייגט דעם פידל און אויסגעקערעוועט זיך צום פּאָליציאַנט מיטן רוקן. שפּעט אין דער נאַכט, פאַרן שליסן דעם קעלער זענען געקומען דריי סאָלדאַטן פון די קאַשאַרן. פאַרוואָס זיצט דער שובערט אַזויפיל שעהן? מיכאָל האָט געוואָלט אָוועקגיין נאָר ער איז פון נייגער געבליבן. עס איז גוט צו הערן כאַסקלס פידל און צו זען ווי אַזוי עס בייגט זיך דער לאַנגער שפּילפויגל. זיינע אָרעמס שפּרייטן זיך, די נאָז ווערט שאַטנדיק גרויס און די נאָזלעכער שמעקן דעם ריח פון יעדן פידל־טאָן, די פינגער אויף די סטרונעס

ווערן לייכט און צעשפּילט אַזש עס הייבן־אָן אויך צו שפּילן די שאָטנס אויף די ווענט.

אין איינעם אָן אָוונט האָט זיך די קאַפּעליע אויפגעלייזט. דאָס איז געשען צוליב אַ וויסט געשלעג. עס זענען געקומען עטלעכע קריסטן, צווישן זיי דער פּאָליציאַנט שוברט אין ציווילע קליידער. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ באַזונדער טיש, חוזק געמאַכט פון די יונגען און יעדעס מאָל באַפוילן עפּעס אַנדערש צו שפּילן. שפּילפויגל האָט הכנעהדיק געפאָלגט. ער האָט נאָר גע־וואָרפן פאַרשנדיקע בליקן צום טיש וואָס איז געווען באַשטעלט מיט בראָנפן־פלעשער, מיט קאָלבאַס, מיט זויערע אוגערקעס.

— דאַרער פויגל! נעם, פרעס!

ער האָט מיט פאַראַכטונג אָפּגעקערט זיך.

— שפּיל עפּעס פון דער אָפּערע „זשידוווקאַ״! — האָט געשריגן איינער אין אַ באַראַשקענעם קאָלנער.

— קאָלנידרי... — האָט געזאָגט דער אָנגעטרונקענער שוברט.

שפּילפויגל האָט פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט, פאַרנייגט זיך און אַריינגעלייגט דעם פידל אין פוטליאַר. ער איז פּאַמעלעך געגאַנגען צו די טרעפּ.

דער מיטן באַראַשקענעם קאָלנער אין דער קורטקע, האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג און אַ שטויס־געטאָן. דער דאַרער שפּילפויגל האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן און אַרויפגעפאַלן אויף די טרעפּ־באַריער.

אַ שפּאָטיש געלעכטער האָט אים געבריט ווי פּאָקזשיווע. דער פידל איז אַרויסגעפאַלן פון זיינע הענט. דעם פידלערס פּנים איז געוואָרן גרוי. אויפן ביינערדיקן האַלדז זענען אָנגעדראָלן געוואָרן רויטע און שוואַרצע אָדערן. עס איז געוואָרן אויסטערליש שטיל. אָנשטאָט איינבייגן זיך צום פידל האָט זיך שפּילפויגל אויסגעגלייכט ווי אַ גרויסער בושל ערב זיין פּלי איבער אַקעאַנען און ווילד אָנגעהויבן טרעטן מיט די פיס זיין אייגענעם פידל. די סטרונעס האָבן אַ יאָמער־געטאָן און עס האָט זיך דערהערט אַ ברעכן פון פידל־האַלץ ווי טרעשטשען פון אַ פייער.

מיט אַ מאָל האָט וואַיטשעך אָנגעהויבן שפּילן אויפן קלאַרנעט אַזוי יאָ־מערלעך, אַזוי שאַרף ווי ער וואָלט געוואָלט פון זיך אַרויסבלאָזן די נשמה.

— הער אויף! — האָט מען צו אים געשריגן.

דער שיכורער פּאָליציאַנט שוברט, האָט אָנגעכאַפּט שפּילפויגלען פאַרן האַלדז. עמעצער האָט זיך געוואָרפן אויף וואַיטשעכן. די פּויק האָט אין דער אותו רגע אַ דונער געטאָן אַזש די פלעשער אויפן בופעט האָבן אָנגעהויבן צו

קלימפּערן. דאָס האָט דער טויבן־יונג געזעצט מיט די פויסטן אין דער פּויק אַריין און פאַרהילכט סורטשעס געשריי.

אַ פלאַש איז צעזעצט געוואָרן אויפן שאַרבן פון פויקער און ער איז באַגאָסן געוואָרן מיט בלוט. דער טראָמפּייט איז פאַרשטומט געוואָרן. פון אַ זייטיקער קעשענע האָט וואָיטשעך אַרויסגענומען אַ מעסער און אַרויפגעפאַלן אַזוי ווי אַ פינצטערע אייז־קריע אויף שובערטן.

אַ גאַנצן ווינטער איז די טשייניע געשטאַנען אַ געשלאָסענע. די קאָליריקע שייבלעך זענען אויסגעהאַקט געוואָרן. די טירן — פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. וואָיטשעך און שפּילפויגל זענען געזעסן אין דער פלינצקער טורמע און געוואַרט אויף דעם משפּט. יעדן זונטיק האָט דער טויבן־יונג געטראָגן אין דער תפיסה אַריין געבראָטענע טויבן און צוריקגעברענגט פון דער טורמע האָט ער פאַרשריבענע פאַפּירן מיט נאָטן. די טויבן האָט ער געכאַפּט פון אַלע שטאָטישע טויבן־שלאַקן. געבראָטן האָט זיי די מויד סורטשע. די נאָטן האָט ער אַוועקגעגעבן כאַסקלען. די אַלמנה איז געזעסן שפּעט אין דער נאַכט אַריין און געהערט ווי דער זון שפּילט־אויס ניגונים וואָס זענען געבוירן געוואָרן הינטער די קראַטעס. אויך מיכאַל איז געקומען הערן שפּילפויגלס ניגונים. דער טויבן־יונג האָט יעדן טאָג געטריבן זיין טשאַטע הויך אין הימל אַריין, ביז צום בית־עולם, דאָרט ווו עס שטייט די טורמע. טייל מאָל פלעגט ער גיין נאָענט צו דער תפיסה און פון בוזעם, אומגעריכט, אַרויסלאָזן אַ פּאָרל פּאַטשטשאָווע טויבן און פייפן.

יעדן פאַרנאַכט איז געקומען פייעך. זיי זענען געגאַנגען איבער די פעלדער די פאַרשנייטע, געהילט זיך אין די מאַנטלען קעגן די ווינטן. אָפט זענען ביידע אַריינגעפאַלן אין אַ דאָרפישער שענק, פאַרקליבן זיך אין אַ ווינקל און דאָרט אָפּגעזעסן ביז די נאַכט איז צוגעפאַלן.

סטעפאַ לעוואַנדאָווסקאַ האָט געוואָרפן אַן אויג אויף זיגמונטן. זי האָט אָבער זיך פאַרהילט פאַר אים ווי מיט ווײַרויך. איר קול איז געוואָרן אומנאַטירלעך שטיל. סטעפאַ האָט געלויערט אויף אים בעת די לעקציעס און אַז זיגמונט איז נאָענט פאַרבייגעגאַנגען האָט זי אים כמעט ווי נישט באַמערקט און דאָך האָט זי זיך געפלאָנטערט אַרום אים און אַרויסגעשטעלט איר ווייגנדיקן גוף מיט אַ רחמים־געבעט און אַז ער האָט פאַרהאַלטן דעם בליק אויף איר איז זי פאַרזונקען געוואָרן אין פרומקייט.

ביים פאַרשאָטנטן ווינקל אין דער דאָרפישער שענק איז מיכאַלן קלאָר געוואָרן אַז זיגמונט באַמערקט זי יאָ.

— איך ווייס וועגן פּראָבאָשטש און וועגן סטעפּעס אויסגעלאָסענער מוטער, וועגן סטעפּעס ליבע מיט מאַרכלעווסקין און וועגן אירע באַזוכן ביינאַכט אין דיין צימערל. איך ווייס אַז דאָס אַלץ איז אמת, נאָר איך זאָג דיר אַז עס איז ליגן. דו ביסט מיין בעסטער חבר, זאָג אויך אַז עס איז אַ ליגן. דערווידער נישט מיינע רייד, זאָג אַז אַלץ וועגן סטעפאַן איז אַ ליגן. פאַרוואָס שווייגסטו? דו ווילסט נישט רעדן? דו ווילסט אַז איך זאָל גלייבן אין אַלעס וואָס דו ווייסט? צוליב וואָס? עס איז אַ ליגן! אויב דו וועסט דאָס נישט באַשטעטיקן וועל איך זיך וואַרפן אויף דיר מיט די פויסטן.

מיכאַל האָט אָוועקגעשטעלט דאָס גלאָז בראָנפן און שטאַר געקוקט אויף פּיעכן. אין דער שענק איז שטיל. נישט ווייט זיצט די שענקערין און שטריקט רויטן וואָל. די שפּיזלען פינקלען ווען זיי באַרירן זיך מיט די שפּיצן.

— דו שווייגסט, מיכאַל, ווילסט נישט זאָגן אַז אַלץ איז אויסגעטראַכט? איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס; דו ווילסט מיך צווינגען גלייבן אַז זי איז געקו־מען צו דיר ביינאַכט, אַז זי קומט נאָך אויך איצט צו דיר. דו מיינסט אַז איך וועל זי פאַריאָגן און דו וועסט האָבן ווער עס זאָל קלאַפּן ביינאַכט אין דיין טיר!

זיגמונט האָט מיט איין שלונג אויסגעטרונקען דאָס גלאָז און געהייסן עפע־נען נאָך אַ פלאַש.

— זאָג אַז אַלץ איז ליגנט — האָט ער זיך געבעטן מיט טרערן — זאָג...

זיי זענען צוריקגעגאַנגען שיכורע דורך די זייטיקע וועגלעך און אַרויס צום פערד־מאַרק.

— איך וועל זיך לערנען אַסטראָנאָמיע — האָט געזאָגט זיגמונט.

גרויסע שטערן, ליכטיקע און אַ מילכוועג וואָס האָט געמיניעט זיך ווי אַ ווייט שנייפעלד.

— מיינער אַן עלטער־זיידע איז געווען אַן אַסטראָנאָם. אין די נעכט האָט ער געזוכט דורך דעם אַליין־געבויטן טעלעסקאָפּ דעם סוד פון די הימלען. מיין פאָטער זוכט צווישן די פויערים דעם סוד פון דער ערד.ביידע זענען צו גאָר־נישט דערגאַנגען. אויפן בוידעם פון מיין טאַטנס שטוב ליגט דער טעלעסקאָפּ. איינמאָל ווען איך האָב געוואָלט קוקן אין די הימלען אַריין איז פון צווישן די גלעזער אַרויסגעקראָכן אַ שוואַרצע שפּין. דאָס איז דער שטערן וואָס מיין עלטער־זיידע האָט אויסגעפונען — אַ שוואַרצע פילפיסיקע שפּין מיט אַ רויטן בלוט־דימענט אויפן בויך. כאַ־כאַ־כאַ. מיין טאַטע וויל דערלייזן פוילן. אַז איך האָב זיך איינגעקוקט אין די פנימער פון יובלדיקן המון און דערזען זייערע בשמות, האָב איך אַנטדעקט נישט קיין מענטשן נאָר שפּינען, וואָס וועבן דאָס

בישטיק־אומריינע לעבן, וואָס זענען גרייט צו פּאַרטיליקן איינער דעם אַנדערן. דו ווייסט נישט וואָס דער המון קען אַלץ אָפּטאָן. איך וועל ווערן אַן אַסטראָ־נאָם, אַרומרינגלען זיך מיט גלעזערנע ווענט ערגעץ אין אַ וויסט דאָרף, קוקן פון זיידנס לופּע צו די נאַכטיקע שטערן און שרייבן ציפערן, צייכנס אויף פּאַר־געלטע אַלטע בלעטער וואָס זענען נישט דערשריבן געוואָרן ביזן סוף און אונטן, אין די צימערלעך, וועט ביים קאַמין זיצן סטעפאַ, די שטילע און געריייניקטע סטעפאַ. אַלע ליכטער פון די אַנטדעקטע שטערן וועלן זיך שפּיגלען אין איר...

פּיעך האָט זיך אַראָפּגעזעצט אין שניי אַריין און נישט געוואָלט אַהיימגיין. מיכאַל האָט אים געבעטן אויפשטיין, נאָר ער איז געווען איינגעשפּאַרט. גראָד איז אָנגעפאָרן אַ ברישקע. דאָס איז געווען אַליש מיטן ברודער. זיי האָבן פּאַר־פירט זיגמונטן ביז צו דער שטוב און אים איבערגעגעבן אין די הענט פון זיין באַלעבאָסטע ווו ער איז איינגעשטאַנען. דערנאָך איז מיכאַל אַוועק מיט אַלישן אין אַנשלס שענק אויף צו דערוואַרעמען זיך.

אין דער נאַכט האָט זיך מיכאַל דערוווּסט וועגן די פינצטערע נביאות וואָס עס פאַרשפּרייטן די דייטשישע קאָלאָניסטן אַרום סאָכאַטשין. עפּעס גרייט זיך. בייבילייך, דאָס דייטשישע דאָרף, איז בייַנאַכט באַלויכטן ווי אין די טעג. פרעמדע פאַרשווינען קומען און פאָרן אַוועק. פרעך זענען געוואָרן די דייטשישע קאָלאָ־ניסטן. די פּאָליאַקן ציִען פאַר זיי די היטלען. די פרעמדע רעדן אַ גוטן פויליש. זיי זאָגן אַז דער איינציקער פיינט איז דער ייִד און כדי אַ סוף מאַכן צום ייִד וואָלט מען דאָ געדאַרפט האָבן די נאַציס. איך האָב אַליין געהערט ווי די פּאָ־ליאַקן זאָגן דאָס נאָך. מען וואַרט אויפן דייטש ווי אויף אַ דערלייזער. אויך אַנטאָני לעוואַנדאָווסקי וואַרט אויף עפּעס. איינצלנע ייִדן באַווייזן זיך איצט אין די דערפער. דאָס זענען די וואָס דער הונגער טרייבט זיי פון די שטיבער. בייַנאַכט הערט מען דאָס געביל פון סטאַדעס הינט, שיכורע קולות, אַ פערד־הירזשעריי. אַלישעס פאָטער זאָגט אַז אַזוי ווי אַ געניטער מילנער דערקענט אין געפּלייך פון די אומרויִקע וואַסערן אויב עס דראָט אַ געפאַר די מיל־דאַמבעס, מען מוז וויסן ווען צו עפענען די שליוזן אַז די גרעבליעס זאָלן נישט אויפגע־בראָכן ווערן, אַזוי קען מען אויך דערקענען לויטן פויערים־המון ווען עס וועט קומען דער שטורעם.

איינמאָל איז דער אַלטער מילנער אַריין אין דער מיל מיט אַ געשריי:

— קינדער, עפנט די שליוזן! ציט די קייטן מיט אַלע כוחות!

— טאַטע, די דאַמבעס זענען דאָך אָפן! — האָט אַליש אויסגערופן און דאָך געלאָפן נאָך אַ מאָל קאָנטראָלירן די גרעבליעס.

אַז מען איז צוריקגעקומען פון דער מיל־בריק איז געזעסן דער אַלטער ביי די מילשטיינער און געיאָמערט.

— עס איז שוין שפּעט. דער שטורעם האָט זיך שוין אָנגעהויבן. אַלץ וועט פאַרוויסט ווערן.

אריה פראַנקין האָט געלייענט זיינע לידער שטיל און פאַרשעמט.

דאָס שמאָלע אָליוו־פּנים מיט די אויסגעצויגענע אויערן און דאָס כמעט מיידלשע מויל, דער נידעריקער וווקס — דאָס אַלץ איז געווען אַזוי ווייט פון היובן ליכטיק־פּנימדיקן מיכאל. דאָך זענען זיי געוואָרן נאָענטע חברים. אריהס מוטער האָט אַמאָל געשפּילט טעאַטער. אין שטעטל געדענקט מען נאָך איר אין דער ראָל פון מירעלע אפרת. זי איז געווען קליין, שלאַנק, באַוועגלעך מיט אַ לענגלעך אָליוו־פּנים און גרויסע שוואַרצע לאָקן. מיט אַ צייט צוריק איז אריה נאָכגעגאַנגען נאָך איר אָרון. זיינע אויגן זענען פון דער לוויה געוואָרן פייכט, גרויס און טרויעריק.

אין זיינע לידער טרויערן די בלעטער פון די ביימער ווייל זיי וועלן קיינמאָל נישט ווערן קיין פייגל. זיי וועלן נישט שוועבן טשאַטעווויז איבער די פאַרנאַכטיקע הימלען. די וואָלקנס ווילן אַראָפּנידערן צו די טייכן און צוזאַמען מיט די כוואַליעס אַוועקשווימען, נאָר זיי ווערן צעריסן פון די נאַקעטע דערנער, פון די טעלעפאָן־דראָטן, זיי ווערן געטראָטן פון געפּענטעטע פערד וואָס היפּען־אַרום אויף די אָוונטיקע לאָנקעס ביים טייך. דאָס ריינע זון־ליכט איז אין פראַנקינס לידער פאַרדאַרבן געוואָרן פון די שימלדיקע טאָרף־פעלדער ביי דער פלאָנקע. די ערד יאָמערט פון אונטערן שטיינערנעם ברוק אַרויס און גאַטס־געשטאַלט איז געשענדט פון די פּרצופים די פאַראומערטע פון מענטשן ביי די רינשטאָקן פון די גאַסן.

אַ מנין ייִדן איז אַרויס אין דער נאַכט מחדש זיין די לבנה. זיי עפענען הייליקע ספרים און אין לבנה־ליכט, אין געאייל שעפּטשען זיי תפילות. אין דער זעלטענער רגע באַהעפטן זיך די הימלען מיט דער ערד, וואָרעם הייליק ווערט דעמאָלט די וועלט און דער מענטש. דאָס געדויערט אַזוי לאַנג ווי לאַנג עס ליכטיקן זייערע פּנימער און ווי נאָר דער ערשטער שאָטן שפּרייט זיך אויס אויף זיי ווערט אַלץ בטל. צוליב דער הייליקייט וואָס געדויערט אַזוי לאַנג ווי לאַנג זיי ווערן באַלויכטן בעת דער תפילה, האָט די וועלט אַ קיום.

אין זיינע לידער האָט אריה פראַנקין געזונגען אַז מען דאַרף מער נישט ווי איין און איינציקע אידעאַלע רגע פון פולשטענדיקער הייליקייט. זי באַשאַפט וועלטן. דאָס איז געגליכן צו די עראָטישע באַהעפטונג וואָס מאַכן געבערן.

דער אַלטער דיין ר׳ הערש־משה האָט אַמאָל געזאָגט אין בית־מדרש צווישן טאָג און נאַכט:

— ערגעץ אין מדבריות איז פאַראַן אַ פויגל וואָס ברײט־אויס זיינע אייער נישט מיטן גוף, נייערט מיט זיין בליק. ער קוקט אַזוי לאַנג אויף די אייער ביז עס פיקן זיך אויס די עופהלעך. דאָס שטייט געשריבן אין קב הישר. די באַ־העפטונג פון מענטש מיטן הימל באַשאַפט נייע וועלטן. דעריבער זאָל ריין זיין דיין בליק און ריין זיין וועט דיין בליק ווען דיין האַרץ וועט ריין זיין...

אריהס לידער זענען געווען פול מיט רמזים. גאָט און הימל, תפילה און באַהעפטונג האָבן אויך געהאַט ביי אים אַן אַנדער באַטייט. עס איז געווען אין זיי פאַרבאָרגן די מיסטעריע פון מאַן און ווייב, פון ליבשאַפט און פיזישער נאָענטקייט צווישן זכר און נקבה.

צוערשט האָט מיכאַל דאָס נישט באַנומען, נאָר נאָכדעם, בעת ער האָט דערזען ווי עס ציטערן אריהס מיידלשע ליפּן, ווי אַזוי זיין אַליוו־הויט ווערט פאַרגאָסן מיט פייכטקייט און זיינע וויִעס שליסן זיך פון אַ תאווה בעתן לייענען די לידער און די שמאָלע פינגער צערטלען זיין אייגענע ברוסט, איז אים קלאָר געוואָרן אַז דער קוים אַכצן־יאָריקער פּאָעט האָט דערוואַכט פיזיש. די איינגע־בוירענע יידישע איידלקייט האָט נישט געקענט צוימען דאָס הייסע בלוט פון יינגן אריה. אַז ער האָט געטראָפן אין מיכאַלס צימער סטעפאַן איז ער געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַ טרויעריקער און זיינע לידער האָט ער געלייענט פאַרשעמט. ער איז געגליכן געווען אין די רגעס צו אַן אָרעמען פויגל וואָס טרויט זיך נישט צו עפענען די פליגל.

די איינציקע טאָכטער פון ר׳ זעליג שניצער, אסתר, איז איינמאָל צוגע־גאַנגען צו מיכאַלן און געזאָגט:

— קום צו אונדז היינט.

אירע ליפּן האָבן געציטערט. די גלאַט־פאַרקעמטע שוואַרצע האָר האָבן אומהיימלעך געמאַכט איר בלאַס און אויסגעלאָשן פנים. מיכאַל האָט זי כמעט נישט דערזען אין שול. ערשט איצט האָט ער דאָס ערשטע מאָל באַמערקט דאָס דאָזיקע שמאָלע אומרוּיִקע מיידל.

טיילמאָל פלעגט זי אויסברעכן אין אַ געלעכטער וואָס איז גלייך איינגע־שטילט געוואָרן און עס האָבן זיך אויסגעטיילט די אַנגעשוואָלענע ווייסלען און פייכטע, עטוואָס ראָזלעך־בלאָלעכע טרערן־ווינקלען פון אירע אויגן.

אַ קופּערן שילדל. שווערע דעמבענע טירן. אַ מעשענע קלאַמקע מיט אַ

גלעקל אָנצודרייען אַזוי ווי מען דרייט־אָן דעם שליסל פון אַן אַלטמאָדישן זייגער.

איילִיקע טריט. אַ פאַרדעמפּט לאַכן און באַלד דערנאָך אַן אויסגעציגע־נער געסקריפּ פון דער טיר.

אסתר פירט אים איבער אַ פינצטערן קאָרידאָר. ער הערט נישט די איי־גענע טריט. זיי טרעטן אויף אַ טעפּיך. עטלעכע מאָל איז זי געבליבן שטיין. דער ריח פון אירע האָר און דער מיידלשער אָטעם זענען פאַרגאַנגען אַזוי ווי איר לאַכן. עס איז מיכאַלן אויסגעקומען אַז ס׳איז דערשטיקט געוואָרן דורך דער פינצטערניש.

אַ ברייטע טיר וואָס פירט אין אַ גרויסן צימער, אַ פאַרפּלייצטער פון אַ באַכמיטאָגדיק שניי־ליכט וואָס קומט פון נידעריקע דעכער.

אַן אַלטע דינסט אין אַ רויטן וואָלענעם שאַל דערלאַנגט טיי.

ר׳ זעליג שניצער זיצט אַ שווייגנדיקער איבער אַן אָפענעם ספר. דאָס איז אַ גרויער מענטש איבער די זעכציק. די שטוב איז פאַרלאָזן. די דערוואַקסענע קינדער זענען זיך צעפאָרן איבער דער וועלט. אסתר איז די יִינגסטע. די מו־טער אירע איז געשטאָרבן מיט יאָרן צוריק. מען האָט זי געהאָדעוועט אונ־טער דער אויפזיכט פון פאָטער. זי האָט דאָ קיינמאָל אין הויז נישט געהערט לאַכן. וויפל די ווענט זענען נישט געווען באַשטעלט מיט שאַפעס זעקס־טיריקע אויף לייבן־פיס און מעכטיקע געשניצטע אָרנאַמענט־קרוינען; קאָמאָדעס ביי־כיקע באַשלאָגענע מיט מעשענע באַפוצונגען, מיט אומצאָליקע שופלאָדן פון דעם באָדן ביז צום געשליפענעם שפיגל; פאָטעלן געבעטע מיט ברוינעם און שוואַרצן לעדער אָפּגעבליאַקעוועטן, שטולן געטאָקטע, געשניצטע מיט אָנלענען וואָס זענען אויס ווי די ווייַנטרויב־שטענגלעך און טויבן־פלאַטערנדיקע, האָט זיך אַלץ אויסגעדוכט, אַז די שטובן זענען פוסט, אַז עס יאָגט פון זיי ממש אַרויס. דאָס האָט זיך אפשר גענומען דערפון וואָס זיי זענען געווען כמעט אומבאַוווינט.

דאָס גרויסע ירושה־הויז פון די שניצערס איז געבויט געוואָרן פון זיינע עלטער־זיידעס נאָך אין דער צייט פון נאַפּאָלעאָנס דורכמאַרש דורך פלינצק. דאָס געהילץ צו דעם מויער האָט מען געבראַכט פון די היימישע וועלדער. דאָס מעבל איז עקסטרע באַשטעלט געוואָרן ביי אַ מייסטער פון האַלץ־שניצעריי פון פויזן, אַ ייִד, וואָס האָט געשניצט מעבל נאָר פאַר ייִדישע סאַלאָנען. אַזעלכע שאַפעס און טישן זענען געמאַכט געוואָרן פאַר די וואַרשעווער אַדירים די בע־רענסאָנס — פלעגט זיך רימען ר׳ זעליגס זיידע.

— דו טראָגסט דיין נאָמען נאָך אַן עלטער־זיידע?

ר׳ זעליג האָט אַוועקגעלייגט ביידע הענט אויפֿן טיש ווי אַ בעל־תּפֿילה ערבֿ דאַווענען. ער האָט הנאה געהאַט פֿון קוקן אויף די אייגענע פֿינגער מיט דעם זילבערנעם האָר־אַנוווּקס אויף די פֿינגער־קישעלעך. די גאָלדענע ברילן האָבן געלויכטן. ער האָט זיי שנעל אויסגעטאָן, אַרומגענומען פֿון אויבערשטן ראָק אַ זײַדן טיכעלע און געווישט די גלעזער.

מיכאַל האָט געשאָקלט דעם קאָפּ אויף יאָ.

— עס איז אַ נאָמען נאָכן עלטער־זיידן.

די מזרח־וואַנט איז געווען באַשטעלט מיט אַלמערס ביכער. געליישטע רוקנס. ספֿרים אין אַן אומאָרדענונג; געעפֿנטע, אָנגעהויפּטע איין ספֿר אויפֿן אַנדערן. אויף די ווענט — אויסגעלאָשענע גראַוויורן.

— איך האָב דיך געלאָזט רופֿן דורך אסתּרן ווײַל איך האָב געפֿונען אַ באַשרייבונג פֿון מײַן זיידן... עס איז אין אַן אַלטן ספֿר וואָס מײַן זיידע האָט פֿאַרפֿאַסט אויף לשון־קודש... האַ־האַ, אַזויפֿיל יאָרן און ערשט איצט האָב איך געפֿונען צײַט אַרײַנצוקוקן. דאָרט איז דאָ אַ פּרק וועגן דער הריגה ביים דאָרף קאָזשימין, וואָס די צאַרישע סאָלדאַטן האָבן דורכגעפֿירט קעגן אויפֿשטענדער־פּאָליאַקן. דאָרט איז געפֿאַלן דײַן עלטער־זיידע מיכאַל. דו דאַרפֿסט דאָס לייענען, עס איז וויכטיק גראָד אין אונדזערע טעג.

און נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן האָט ער צוגעגעבן:

— דער נאָמען וואָס דו טראָגסט איז דיך מחייב.

דער אַלטער האָט געזוכט צווישן די ספֿרים, געעפֿנט אַלמערס, פֿאַרמאַכט, אַרויסגענומען איין ספֿר, געבלעטערט, פֿייכט געמאַכט דעם ווייזפֿינגער אויף דער אונטערשטער ליפּ, אויסגעטאָן די ברילן און זיי שנעל אַרויפֿגעכאַפּט ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז עפּעס וועט פֿאַרשווינדן איידער ער וועט עס נאָך באַוויזן צו זען.

— דאָ איז עס, מיכאַל. דער איינציקער ספֿר וואָס מײַן זיידע האָט פֿאַרפֿאַסט. ער איז געדרוקט אין פּויזן און געחתמעט אויפֿן שער פֿון די גדולי־הדור פֿון פּויזן, פֿון פּלאָצק און פֿון וואַרשע. די חתימה פֿון וואַרשע איז אַ גאַר וואַזשנע: הרבֿ מייזעלעס. מײַן זיידע האָט געהיים געהאָלפֿן די פּוילישע פֿאַוסטאַנצעס, ווערסט דאָס זען אין חיבור. דאָס ספֿרל געהערט דיר. איך בין זיכער אַז דו האָסט עפּעס געירשנט. איך האָב געהערט אַז דו האַלסט רעדעס פֿאַר די פּועלים. דאָס האָט מיר געזאָגט דער פֿאַן אַנדזשעי פּיעך. איך זע אַז דו גייסט אויף אויסטערלישע דרכים... עס איז דער דרך פֿון די יאָסעס...

אסתּר איז געשטאַנען מיטן רוקן צום גרויסן באַלקאָן־פֿענצטער. דאָס פֿאַרנאַכטיקע ליכט איז געלעגן אויף אירע אַקסל, אויף די האָר און זי אַליין איז

געוועו פאַרטונקלט און דאָך איז מיכאַלן קלאָר געוואָרן אַז דער גאַנצער געשפּרעך מיטן פּאַטער האָט אַ שייכות צו איר און זי פאַרשט נאָך יעדן קער זיינעם.

— זיבעציק קוימענס האָבן געציילט די יידישע געסלעך אַרום דער הילצערנער שול ווען די שוועדן זענען אַנגעפאַרן אויף פוילן. עס איז דעמאָלט אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם. די שטאָט איז חרוב געוואָרן, די יידן זענען זיך צעלאָפן, אַ גרויסער טייל איז פאַרטיליקט געוואָרן. פון אַלטע כראָניקעס איז באַוווסט אַז נישט אַזוי די שוועדן ווי די היימישע, אונדזערע שכנים, האָבן שוין דעמאָלט באַוויזן זייער גבורה קעגן יידן. די שול איז פאַרברענט געוואָרן. דער כתר פון זילבער און אַ ספר־תורה וואָס איז געבראַכט געוואָרן אין אונדזער קהילה דורך אַמסטערדאַם פון פּאָרטוגאַל, האָט מען מיט 150 יאָר שפּעטער געזען אין שוועדישן קעניגלעכן פּאַלאַץ. עס איז געוועז אויסגעקריצט אויפן כתר מיט לאַטיינישע אותיות אַז דאָס שטאַמט פון פלינצק. דאָס איז באַשריבן אין אַ רייזע־בוך אויף פויליש פון אַ פוילישן פירשט פון קראָקע. ער איז געוועזן פון דער פירשטלעכער פאַמיליע וואָס איינע פון די פירשטינס האָט גענומען אַ שוועדישן קעניג פאַר אַ מאַן... וואַרט אַ רגע... אָט איז דער ספר. איך האָב אים ערשט מיט אַ דריי ווינטערס צוריק געהאַלטן אין די הענט. אסתר, עס ווערט טונקל! זאָל מען צינדן די ליכט! נייך. בעסער דאָס ליכט פון שניי. עס איז סיי ווי הימל־ליכט ווייל פון וואַנען די ווייסקייט? עס איז דאָך אַ הימלישע ווייסקייט. דו וועסט קומען אַן אַנדערש מאָל, בייטאָג, וועל איך דיר אויפזוכן דעם ספר...

דער אָוונט פאַלט־צו. מיכאַל שטייט ביי די אַלמערס.

ר' זעליג איז אַוועק. עס איז אים אומהיימלעך. אסתר קוקט אויף די בלאָע שויבן. ביי די ראַנדן זענען זיי פאַרצויגן מיט אַ פראָסט־אָטעם. דאָס גאָלד פון די ביכער־רוקנס פאַרגייט. מיכאַל וויל וואָס פריער אַוועקגיין פון דעם הויז. פאַרוואָס? איז דאָס די אומהיימלעכקייט פון די צימערן?

— אַ גוטן טאָג אסתר.

איר האַנט איז קאַלט. זי רייסט זי אַרויס און פאַרשטעלט דאָס פנים. ער ווייסט אַז זי וויינט, כאָטש ער זעט נישט די טרערן. און מיטאַמאָל האָט דאָס מיידל אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער.

ער איז געגאַנגען איבערן פינצטערן קאָרידאָר מיט אויסגעשטרעקטע הענט. יעדעס מאָל האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף ווענט.

דאָס שגעונדיקע לאַכן איז מיט איין מאָל אָפּגעהאַקט געוואָרן און ער האָט

אומגעריכט דערפֿילט אויף ס'ניי יענעם הייסן אָטעם בעת ער איז געקומען אין דעם הויז אַריין.

אסתר איז געשטאַנען לעבן אים, געהאָלפֿן אויפֿריגלען די טיר און מיט ברי׳ענדיקע פֿינגער איינגעקלעמט זיין האַנט. זי האָט פֿאַרשטעלט די טיר מיט אַ טעמפּער עקשנות. ער האָט זי געוואָלט אָפּשטויסן, נאָר זי איז געבליבן פֿאַרשטייפֿט און טיף געאָטעמט. אַ שרעק איז אים באַפֿאַלן נישט צוליב איר אָפּגעהאַקטן געלעכטער, נאָר פֿון דער טעמפּער עקשנות.

מיכאַל איז געלאָפֿן איבער די טרעפּ, עס האָט אים נאָכגעיאָגט איר אויס־טערלישער געלעכטער, און ס'איז אים אויסגעקומען אַז צוויי אסתרס לאַכן אין איין צייט, איינע וואָס האָט אים פֿאַרשטעלט דעם אַרויסגאַנג און די צווייטע וואָס איז פֿאַרבאָרגן אין אַ שווערן אַלמער. אויף דער גאַס האָט ער זיך געחי־דושט: האָט אים טאַקע באַגלייט אסתר, אָדער דאָס איז געווען עפּעס אַ אומ־באַקאַנטע, וואָס האַלט זיך אויף אין די צימערן?

צומאָרגנס אין גימנאַזיע.

אסתר איז צוגעקומען צו אים און געזאָגט:

— מיכאַל, שרעק זיך נישט פֿאַר מיין לאַכן. עס איז פֿון טרויער.

פֿאַרנאַכט איז געקומען די אַלטע דינסט, געקניפּט די רויטע וואָלענע פֿאַ־טשיילע און פֿון דאָרט אַרויסגענומען אַ בריוועלע. עס איז געווען געשריבן מיט דראָבנע אותיות, צונויפֿגעדריקטע אין אַן אומאָרדענונג.

„איך בעט פֿאַרגעבונג פֿאַר מיין אויפֿפֿירן זיך, פֿאַר דעם משונהדיקן אויס־בראָך פֿון געלעכטער. מיין מוטער האָט מיך אויפֿגעוועקט איינמאָל אין מיטן דער נאַכט. זי איז געזעסן אין בעט, און אַז זי האָט דערזען ווי איך קוק אויף איר אַן איבערגעשראָקענע, איז זי אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. זי האָט לאַנג געלאַכט. איך האָב אויך אָנגעהויבן לאַכן. דערנאָך איז זי שטיל געוואָרן. זי איז שטיל געוואָרן אויף אייביק. דער פֿאָטער איז אַריין מיט אַ ליכט אין דער האַנט און געשריגן אויף מיר. אסתר, הער אויף צו לאַכן! די מאַמע איז געשטאָרבן! איך בין דעמאָלט אַלט געווען זעקס יאָר. דאָס געלעכטער באַגלייט מיך! איך האָב דאָס איבערגענומען פֿון מיין מאַמען.״

מיכאַל האָט געשפּירט אין זיך דאָס בלוט פֿון זיינע זיידעס. אַ פֿויערישע געדולדיקייט און אַ גלייכגילט פֿון אַן ערד־מענטש, אַן אויסערלעכע, צו אַלץ וואָס רינגלט אים אַרום. ער איז געגאַנגען געלאַסן אַזוי ווי עס גייט אַן אַקערער נאָך דעם אַקער, שפּאַן נאָך שפּאַן. עס שרעקן אים נישט די אויפֿגעריסענע ערד־גרודעס מיט דער שוואַרצקייט און נישט דער ריח פֿון רויקייט, נישט די־

שאָטנס אַרום אסתרן, נישט אירע אַרויסגעזעצטע וויסלען מיט די דינע בלאָ־לעך־רויטלעכע אָדערן, נישט די תמיד־געעפנטע פייכטע ליפּן ווי זי וואָלט דעם אָטעם נישט געקענט כאַפּן. גראָד איר אומרו האָט אים געלאָקט. און אַז ער איז געקומען דאָס צווייטע מאָל אין הויז פון זעליג שניצער, האָט ער מיט וואַרעמע פינגער געגלעט די שוואַרצע האָר אירע. איינמאָל האָט ער צוגעלייגט זיינע ליפּן צו איר קאַלטער באַק. זי האָט זיך איינגעקאָרטשעט, געציטערט און מיט די ביינערדיקע פינגער געדריקט זיין אָרעם ווי זי וואָלט געוואָלט אָנ־האַלטן זיך אָן אים ערב דעם פאַלן אין אַ תהום. מיכאל האָט באַלד חרטה גע־האַט, געוואָלט אָפּרוקן זיך פון איר, נאָר דער איבערפלוס פון כוח און דאָס פּויערים־בלוט האָט אים געמאַכט שטיל און נאַכגעביק. אים איז אויסגעקומען אַז ער באַפרייט אַן איבערגעשראָקענע טויב פון אַ פינצטערן שטייג.

אסתרס פרייד האָט זיך אים איבערגעגעבן און עס איז געוואָרן זיין פרייד און ער האָט מער נישט געפילט דעם פּחד אין אירע האַסטיקע באַוועגונגען און דעם שגעון פון אירע אומגעריכטע געלעכטער־אויסבראַכן און נישט געזען די בלייכקייט פון אירע ליפּן און דעם בלאָען אָדערן־געוועב ביי די שלייפן.

אין די נאָכמיטאָגן האָט ער אין הויז פון די שניצערס באַקוקט אַלטע מאָ־לעררייען, געבלעטערט רוסישע זשורנאַלן, געפּרוּווט לייענען די פרעמדע בוכ־שטאַבן. ער האָט שוין געקענט לייענען פּושקינס אַ ליד אין אָריגינאַל און מיט דער הילף פון ר׳ זעליג מאַכן די ערשטע איבערזעצונגען פון רוסיש אויף יידיש.

די דינסט כאַסיע האָט געשטעלט דעם סאַמאָוואַר און מכבד געווען דעם גאַסט מיט מאַלינע־איינגעמאַכטס.

אסתרס פּלוצימדיקע געלעכטער־אַטאַקעס האָבן אויפגעהערט. זי האָט זיך איינגעהערט אין פאָטערס רייד און אָפט אָנטייל גענומען אין די שמועסן. דאָס איז געשען ווען מען האָט גערעדט וועגן דער דייטשישער דיכטונג. אַן איבערגע־טריבענער קולט איז געווען אין דעם הויז פאַר היינריך היינע. זיינע געזאַמלטע ווערק זענען געשטאַנען אויבן־אָן, אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ יידישע יצירה. גאָלדענע רוקנס פון אַכט בענדער און לעבן זיי די ווערק פון גרעצן.

— דאָס איז מיין וועג. קענסט זען לויט דער פּאָליצע אין אַלמער. גאָר נידעריק זענען די גמרות פון מיין עלטער־זיידן, דערנעבן — דער תלמוד ירו־שלמי, חיבורים. זיי געהערן שוין צום זיידן. דערנאָך האָסטו הלכה־ספרים — דאָס איז פון מיין טאַטן. תנכן אויף פרעמדע לשונות. טאָלסטאָי אין רוסיש — דאָס איז שוין מיינס. די פאַך איז נאָר פון ספרים חיצונים: שירה פון געטע, פון שילער און אויך דאָס וואָס פוילן האָט געשאַפן, אַדאַם מיצקעוויטשעס אַלע ווערק. יוליוש סלאָוואַצקי איז אונדז פרעמד. ער איז אַ געצנדינער כאָטש ער פאַרשטעלט

זיך פאַר אַ פרומען קריסט. איך ווייס וואָס כ׳רעד, מיכאַל, חידוש זיך נישט אויף מיר... שענקעוויטש איז אַ גרויסער שרייבער. ער האָט אָבער אויסגעמיטן צו רעדן וועגן ייִדישעליידן. ווען עס האָט אים אָבער פאַרכאַפּט דער מייסטער, האָט ער עפּעס יאָ געשריבן גוטס אין זיין טרילאָגיע. איי־איי, ווי נעמט מען אַ ייִדישן מחבר וואָס זאָל באַשרייבן די קאָזאַקישע שחיטות? נישט קיין תחינה אַ נייע — דאָס האָבן מיר שוין, נאָר אַ ווערק וואָס די וועלט זאָל לייענען אַזוי ווי מען לייענט שענקעוויטשעס יצירה. דער קוטנער יונגערמאַן האָט עפּעס גע־פּרוּווט שרייבן, ווייסעך־וואָס? עס איז נישט שלעכט. נאָר וווּ איז דער גרויסער פאַרנעם, נישט עפּעס אַן עפּיזאָד מיט אַ קאָזאַק און אַ ייִדיש מיידל? אַזאַ ייִדיש לעבן אין אוקראַיִנע און אין פּוילן בעת יענע אומרויִקע יאָרן און עס האָט נישט באַקומען קיין תיקון. די משכילים האָבן אונדז געבייטשט. דער ייִד פון קיִעוו, שלום־עליכם, האָט געלאַכט, געמאַכט וויינענדיקע לאַכן, דער זיידע האָט גע־שטראָפט, אָט־אָ דער גוטמוטיקער מלמד פון אַ מאָדערנעם חדר איז געווען אַ כעסן. דער זאַמאָשטשער ייִד אין דער פעלעריגע איז געוואָרן גרויס ביי די שניידער־געזעלן ווייל ער האָט פאַר זיי איבערדערציילט פאָלקסטימלעכע מעשות. ער האָט דאָס געמאַכט איילנדיק, פאַרטאַכלעוועט אַזאַ שטאָף און עס זענען גע־וואָרן פעליעטאָנען. נאַ זע, מיכאַל, לייען דאָס אויף ייִדיש.

ר׳ זעליג האָט אַרויסגענומען אַ ספרל פון דער שאַפע.

— האָסט דאָך זיכער אין שטוב דעם זאַמאָשטשערס כתבים? זאָג מיר אָבער, צו וואָס דאַרפסטו אָנקומען צו איבערדערציילער. אָט איז אַ ספר גע־זאַמלטע מעשות פון בעל־שם, פון נחמן בראַצלאַווער. דאָס וואָס עס דערציילן זייערע חסידים און תלמידים. וועסט זען, עס וועלן קומען די גרעסטע מייס־טערס פון דער וועלט צו דעם ייִד וואָס איז אַרומגעגאַנגען איבער די וועגן פון פּאָדאָליע און אַראָפּגענידערט די הימלען צו די פעלדער. עס איז נעלם געוואָרן די מחיצה פון ערד און הימל, פון ייִד און נישט־ייִד און אַ הייליקייט וואָס איז אַלמענטשלעך האָט אַלעמען פאַרברידערט, וואָרעם מיט ליבשאַפט צום באַ־שאַף זענען פול נישט נאָר די מענטשן, נאָר די בליִענדיקע פעלדער, די שטילע טייכן און אַפילו דאָס צעטראָטענע גראָז ביי די ראַנדן פון די שליאַכן. ר׳ לוי־יצחק האָט געזאָגט: מען קען תפילה־טאָן אַפילו ווען מען שמירט די רעדער. און בעת ער האָט דאָס געזאָגט, איז דער אַלמעכטיקער אַראָפּגעקומען אויף אונדזער ערד און ער באַגלייט די באַלעגאָלעס אין די פינצטערע נעכט.

נאָך אַ לענגערן שטילשווייגן האָט ר׳ זעליג צוגעגעבן:

— דו שמירסט נישט קיין רעדער נאָר דיינע לייוונטן. אויך צו דיר קען ער אַראָפּנידערן. טוסטו דיין עבודה מיט אַ ריין האַרץ? האָסטו כאָטש אַ ברעקל פון

דער פּאַרכטיקייט וואָס עס פאַרמאָגט אַ פורמאַן ווען ער לאָזט זיך אויף אומ־באַקאַנטע וועגן?

ער האָט געשמייכלט.

זיין שמייכלען איז פּאַמעלעך פאַרגאַנגען און דער הויכער שטערן האָט זיך געקנייטשט. ער מאָנט רייד פון מיכאַלן און קוקט אים דערביי גוטמוטיק אַריין אין די שוואַרצאַפּלען.

מיכאַלן איז אין דער רגע אויסגעקומען אַז אַלץ וואָס ער מאָלט איז אַן נשמה. עס איז אַ שפּיל פון לייכטן געמיט מיט פאַרבן. עס האָט אים אויך טרויעריק געמאַכט וואָס די אַלע ספרים זענען פאַר אים פאַרשלאָסן. ער שטייט פאַר גמרות, פאַר חיבורים און תלמידי־חכמים ווי פאַר אַ פאַרשלאָסענעם טויער אויף זיבן ריגלען.

דער דרך־ארץ צו ר׳ זעליגן איז געשטיגן מיט יעדן געשפּרעך. נישט נאָר וואָס אסתרס פאָטער איז באַהאַוונט אין יידישקייט נאָר אויך אין וועלטלעכע לימודים. אין זיין שאַפע האָבן זיך אויך געפונען מעשה־ביכלעך אין יידיש וואָס עס האָבן פאַרפאַסט וואַנדערנדיקע מגידים.

— ווער נאָך ווי אַ ייד קען אַזוי פאַרשטיין די מיסטעריע פון מיצקעוויטשעס ווערק „דזשאַדי״? — האָט איינמאָל געזאָגט אסתרס פאָטער. — דער פאַרבאַרגענער שטראָם פון יידישן בלוט וואָס איז געראונען אין מיצקעוויטשן האָט אַוודאי הייס געשלאָגן ווען ער האָט געשריבן דאָס דאָזיקע ווערק. ער איז טיף אין זיין גלויבן אַז אַ דערלייזער דערנענטערט זיך צו אונדזערע שוועלן. ער האָט נישט קיין נאָמען, אָבער אַלע קענען אים. זיין קול הערט מען נישט נאָר עס שלאָגט זיך אָפּ פון אַלעמענס הערצער. זיינע טריט הערט מען נישט נאָר זיי מאַכן אויפציטערן די וועלטן. ער וועט זיך באַווייזן דער דאָזיקער מאַן וואָס האָט קיין נאָמען נישט. ניין, די פּאָליאַקן קענען נישט די גרויסקייט פון מיצקעוויטשן און זיי פאַרשטייען אים נישט אַזוי ווי מיר יידן.

מיכאַל האָט זיך געשראָקן פאַר אסתרס ליבשאַפט וואָס איז אַלץ מער און מער אַרויס פון פאַרבאַרגעניש. ער האָט געפילט איר צער בעת סטעפאַ האָט אים געגנומען אונטערן אָרעם. זי האָט נאָכגעקוקט זיין בריטשקע וואָס איז איילן געלאָפן דורך דעם מאַרק צו זיגמונט פּיעכס הויז און אַז אסתר האָט אים פאַרנאַכט געעפנט די טיר, איז זי געווען פאַרוויינט און אָפט מאָל מיט בייזן פאַרוואָרף. אירע רייד זענען אָבער געווען ווי זיי וואָלטן ציטערנדיקע אויסגעגאַנגען איידער נאָך זיי זענען געקומען אויף די ליפּן. די מיסטעריע פון איר געלעכטער האָט אים געשטעלט אויף די קני. ער האָט זי געקושט. ער האָט

ליב באַקומען איר ביליך קרענקלעך פּנים און געוואָלט אַרויסבאַקומען דעם סוד פון איר אומרו און פון די שטילע געהיימע שטובן.

אין דעם הויז איז אים גוט געווען. ער האָט זיך שוין מער נישט געשראָקן פאַר די שאָטנס און פאַר די סקריפּנדיקע טירן און נישט פאַר דער אויסטערליי־שער כאַסיע מיט די ציטערנדיקע הענט און נישט פאַרן דערשטיקטן געלעכטער וואָס איז אָפּט דערגאַנגען צו אים דורך אַ פאַרמאַכטער טיר.

מיין טאַטע האָט געמאַכט אַ טעות וואָס ער איז אַוועק אין „פּאָלק אַריין". ער איז אַ פרעמדער צווישן זיינע דאָרפישע שוואָגערס. איצט קען איך פאַר־ריכטן מיין טאַטנס פעלער: צוריקגיין. דאָס קען געשען דורך אסתרס הויז. אירע קילע פינגער וועלן וואַרעם ווערן, די בלייכקייט וועט פאַרשווינדן, איר טרויער וועט פאַרגיין, איר שרעק וועט אויפגעלייזט ווערן.

דעם גאַנצן ווינטער, ביז אין פרילינג אַריין, האָט מיכאל טאָג־נאָך־טאָג באַזוכט דאָס הויז פון די שניצערס. דער טיש איז געווען שוין געגרייט צום טיי־טרינקען. ר׳ זעליג איז געקומען פון מאַגיסטראַט ווו ער איז געווען דער פאַרטרעטער פון בירגערמייסטער און גלייך נאָכן טיי־טרינקען געלערנט מיט מיכאלן לשון־קודש, אַמאָל האָט ער פאַרגעלייענט אַ מעשה פון מדרש.

און אַז מיכאל האָט זיך ווידער געזעגנט צו דעם מאָלברעט איז ער גאָר שוין געווען אַן אַנדער מענטש, די גרינגקייט פון זיינע פאַרבן איז פאַרשווונדן. די פאַרבן־פלעקן זענען מער נישט געוואָרפן געוואָרן אַזוי דרייסט. דאָס איז שוין מער נישט געווען קיין שפּיל פון ליכט און שאָטן און נישט קיין זוכן עפּעקטן און שיינקייטן — עס איז געווען אַ פאַרטיפן זיך אין אַ נייער און אומ־באַקאַנטער וועלט, אַן אַנטפּלעקטע דורך אַ דערלייזער וואָס קלאַפּט אין טוי־ערן, אַלע וואַרטן אויף אים און דאָך ווערט ער נישט אויפגענומען און קיינער ענטפערט נישט אויף זיין רוף.

אַ גרויקייט וואָס איז אַריינגעפאַלן אין ברוינע טענער, געזעטיקטע, וואָס דערמאָנען אָן די שטאַמען פון סאַסנע־ביימער מיט זשיוויצע־טראָפּנס. אַ מאָכיקע געלקייט, אַ פאַרוויאַנעטע מיטן איידעלן געשימער פון אַלטן זילבער און דאָס פאַרבאָרגענע ליכט וואָס ווערט געבוירן אויף דער ערד, אין דער טונקלניש — דאָס זענען געווען די נייע פאַרבן פון מיכאלן.

ער האָט געמאָלן שטיללעבנס; פאַרמעטן צעוויקלטע, ספרים געעפנטע אויף סאַמעטענע טישן. שבת־לייכטער, אַלמערס. די שטיללעבנס זענען גע־האַלטן געוואָרן אין אַ ברוין־סאַמעטענער טונקלקייט וואָס איז צעשווומען גע־וואָרן. די אַלע חפצים האָבן פאַרלוירן זייערע פאָרמען און זענען געוואָרן איינס מיט דעם גרוי־זילבערנעם נעפּל־הינטערגרונט.

טייל מאָל האָבן פון זיינע בילדער אויסגעטיילט זיך פּנימער פון ייִדן בעת אַ תּפילה. זיי האָבן געקוקט ווי פון יענער זייט פּראָסטיקע שויבן אין דער נאַכט.

עס איז געווען קלאָר פאַר אסתּרס פאָטער אַז מיכאל דריקט אויס אין די בילדער דאָס וואָס ער אַליין פאַרשווייגט פאַרן יונגן דאָרפס־בחור: אַ פאַרויס־פילונג פון אַ חורבן. ער האָט דערזען וואָס עס קומט פאַר אין דער נשמה פון פאַרפרעמדטן יונגן־מאַן. טרויער פון נישט דערבאַרענטע שבת־לייכטער ווי אַ שטורעם וואָלט זיי פלוצים פאַרלאָשן אין סאַמע מיטן יום־טוב. מען שפּירט דעם ווינט אויפן בילד. מען זעט די שאָטנס אויפן ווייסן טישטוך וואָס וואַל־גערט זיך אויף דער פאַדלאָגע ביי די צעקרימטע פיס פון טיש.

— פאַרוואָס רופסטו דאָס בילד „שבת"? פאַרוואָס זענען די דאָווענדיקע ייִדן אויף דיין צווייט בילד אַזוי ווייט און פאַרהוילן אַז מען זעט אפילו נישט זייערע פּנימער, נאָר סילועטן וואָס לעשן זיך?

— כ'ווייס נישט — האָט מיכאל געענטפערט.

דאָס איז געווען ס'ערשטע מאָל ווי ער איז געווען אַזוי קורץ און שאַרף מיט ר' זעליגן.

— איך ווייס נישט — האָט ער כמעט ווי אויסגעשריגן.

— דו ווייסט נישט? איך ווייס יאָ פאַרוואָס.

דער אַלטער האָט געעפנט אַ משניות וואָס האָט פאַרנומען כמעט אַ האַלבן טיש. דער לעדער־איינבאַנד איז ביי די ראַנדן געווען אָפּגעריבן, אויף טייל ער־טער זענען פאַרלאָשן געווען די גאָלד־געלייגטע אותיות. אויפן שער־בלאַט איז געווען אויפגעצייכנט אַ פאַרצווייגטער בוים מיט וואָרצלען. די צייכענונג איז גע־מאַכט געוואָרן מיט אַ שוואַרצן טינט, פון אַלטקייט אַזש ברוין. אַזוי פלעגן וואַנדערנדיקע ייִדן צייכענען אין די בתּי־מדרשים גן־עדן־ביימער מיט פּסוּ־קים. נאָך די דרשות האָבן ייִדן געקויפט די צייכענונגען און אויפגעהאַנגען דאָס אין שטוב אויף דער מזרח־וואַנט.

— זעסט די קליינע אויפשריפטן? דאָס זענען נעמען. אַנשטאָט פּירות האָט דער בוים נעמען. דאָס איז די געשיכטע פון מיין פאַרצווייגטן שטאַם. קוק זיך־צו צו די בייוואָרצלדיקע אָפּצווייגן: ר' דוד משה פון פּאָלאָצק. רב אליהו פון קורלאַנד, שרה בת זכריה פון ק"ק פּלינצק, אלקנה פון פויזן. ר' מנחם פון פּאָ־דאָליע. איין טייל וואָרצל איז פון פוילן און דער צווייטער פון ראַסיי און ליטע. דער שטאַם איז געקרעפּטיקט געוואָרן אין מאַזאָוויע. איין עלטער־זיידע איז געקומען פון ראַסיי, איינער פון דייטשישן טייל פוילן. זיי האָבן זיך משדך־געווען אין פּלינצק. דער עלטער־באָבעס אָפּשטאַם ציט זיך פון פּאָדאָליע. ער דערגייט ביזן בעל־שם. שפּעטער האָט זיך אַריינגעריסן אַ נייער שטראָם — פון

די עלזאַסער ייִדן. אַ יונגערמאַן וואָס האָט אָנגענומען אַ שטעלע אַלס רב אין דער שטאָט דאַנציג, פון דער עלזאַסער שטאָט קאָלמאַר איז ער געקומען. זיין זון איז געקומען קיין פּלאָצק, געוואָרן אַן אַדוואָקאַט, אויפגעהאַלטן ייִדישקייט מיט דער עקשנות פון די עלזאַסער. זיינע קינדער האָבן זיך צעשפּרייט איבער די שטעטלעך פון מאַזאָוויע. איינער, דער ייִנגסטער, איז געקומען קיין פּלינצק — דאָס בין איך. איך האָב זיך משדך־געווען מיט די פּאָזנערס. אויפן איי־בערשטן צווייג וואָס איז אַזוי דין אַז ער איז אויסגעבויגן ווי ערב צעברעכן זיך, איז אָנגעשריבן אסתר בת זעליג. דערמיט וועט עס זיך ענדיקן? מיינע זין זענען אַוועק. זיי האָבן זיך אָפּגעשיידט פון מיר. דאָס איז ס'איינציקע צי־טערנדיקע צווייגל פון אַזאַ בוים.

ער האָט פאַרמאַכט דעם לעדער־טאָוול פון משניות און איז אַוועק אין אַנדערן צימער צום אָרון־קודש.

דורך דער האַלב־געעפנטער טיר איז דערגאַנגען צו מיכאַלן דאָס מנחה־דאַווענען.

דאָס מאָל איז אסתרס געלעכטער געווען הילכיק. מיכאַל האָט זיך איינגע־הערט אין תפילה־געשעפּטש, אויפגעכאַפּט איינצלנע ווערטער און זיי נאָכגע־זאָגט.

סקריפּנדיקע טירן. די אָנגעדראָלענע וויסלען לויכטן. דער שניי טייעט און פון די אייזצאַפּנס, וואָס הענגען נאָך פון דאַך, טריפט־אָפּ דאָס לעצטע ביסל ליכט פון טאָג. אירע הענט מאַכן אים אויפשוידערן. ער רייסט אַרויס זיינע פינגער פון אירע און אַן אַ גוטן־טאָג גייט ער גיך דורך דעם פינצטערן פאָ־דערצימער. די ווענט האָבן זיך צונויפגערוקט און דריקן אים. ענדלעך איז ער אויף דער גאַס. ער האָט געוווסט אַז דאָס איז זיין לעצטער גאַנג אויף די דאָ־זיקע טונקעלע טרעפּ.

קאַפּיטל צען

אין די ערשטע טעג דעצעמבער איז די פּלאַנקאַ שוין געווען באַדעקט מיט אײַז, די פלאַכע ברעגן — פאַרשנייט אַזוי ווי די לאַנקעס און טאָרפּאָוויסקעס, נאָר דורך די אויסגעקרימטע ווערבעס האָט מען דערקענט אַז דאָס איז דער ברעג פון טייך.

די דזשאַלדאָווקאַ האָט נאָך געהאַט אין מיט פון אײַזדעק אַ טונקעלן בלאָן־און־בלויען פּאַס וואָס האָט זיך געשלענגלט אַזוי ווי אַן אַנגעדראָלענער אָדער.

די שנייען האָבן זיך לאַנג נישט געהאַלטן אויף דעם אַנגעשוואָלענעם אָדער פון טייך, זיי זענען צעגאַנגען ווי נאָר זיי האָבן באַרירט דעם טייך. ערשט צו ניי־יאָר, ווען עס זענען געקומען די גרויסע פרעסט, איז די דזשאַלדאָווקאַ אין גאַנצן פאַרפרוירן געוואָרן. דעמאָלט האָבן זיך אויך פאַרשלאָסן מיט אַ דיקן אײַזפּאַנצער די וואַסערן פון דער ווקראַ.

די דאָרפס־ייִדן האָט עס געצויגן אין שטאָט אַריין. די טאַנדייטניקעס זענען שוין וואָכן־לאַנג נישט געפאָרן אויף קיין יאַרידים. די מילנער זענען אָפּגעזעסן גאַנצע טעג אין אַנשלס רעסטאָראַן אין פאַרמעליקטע פעלצן מיט די תבואה־סוחרים. די סאַדאָווניקעס האָבן אויספאַרקויפט דאָס ביסל ווינטער־אויבסט וואָס איז נאָך געבליבן ערגעץ אויף די בוידעמער פאַרדעקט אין שטרוי. צו מנחה האָבן זיך די בעל־מלאכות געזאַמלט אין בית־מדרש.

ר׳ הערש־משה, דער אַלטער דיין, איז געווען ביי די ייִדן פאַרהייליקט. זיין באַווייזן זיך אין בית־מדרש האָט איבערגעריסן די דברי חול, די פיר ווענט פון אָרעמען שולעכל זענען פול געוואָרן מיט קדושה.

דער דיין איז געווען נידעריק, ברייט־פּלייציק אין פּראָסטע קליידער פון אַ פורמאַן, מיט גרויסע יוכטאָווע שטיוול. אַנשטאָט מיט שטריק, ווי די טרעגער, איז ער געווען אַרומגעגאַרטלט מיט עפּעס אַ גרין־שימלדיקן טוך, אַ צעצויטלטן. דאָס פּנים — גרויס, ליכטיק מיט געדיכטע ברעמען, גרוי־זילבערנע, אַרויסשטאַרטשנדיקע מיט לאַנגע האָר. דער שטערן — ברייט ווי אַן אויפגעוויקלטער פּאַרמעט. די באָרד האָט אים אַרומגעקראַנצט און איר זילבערן ליכט האָט צעטריבן די שאָטנס פון פּנים.

ר׳ הערש־משה האָט קיינמאָל נישט געזאָגט קיין מוסר־רייד, נישט גע־האַלטן קיין דרשות. זיין כוח איז געלעגן אין זיין בליק.

כאָטש זעלטן ווער עס האָט געהאַט די העזה אַריינצוקוקן אין זיינע אויגן, ווייל זיי זענען געווען ווי פאַרבאָרגן אונטער דער נעץ פון די אָפּשטייענדיקע ברעמען, איז אָבער ס׳הייליקע ליכט זייערס דורכגעדרינגען אין די מענטש־לעכע הערצער.

ער איז נישט געווען קיין למדן. אויף זיין טיש איז תמיד געלעגן אַ גרוי־סער תהילים און אין דער שאַפע עטלעכע אַלטע משניותן. דער דיין איז שוין געווען אין די אַכציקער, דאָך איז זיין גאַנג געווען אַ זיכערער און דאָס קול בעת דער תפילה האָט אָפּגעקלונגען אין בית־מדרש.

דערציילט האָט מען אַ סך מעשות וועגן דיין. זיין פאָטער איז געווען אַ באַלעגאָלע. עס זענען נאָך דאָ אַלטע לייט וואָס געדענקען אים. ער האָט גע־פירט פּאַסאַזשירן קיין וואַרשע אין אַ בויד. אַ גאַנצן וועג, אַפילו אין די נעכט, וואָרעם מען איז געפאָרן פון פלינצק קיין וואַרשע אַ טאָג און אַ נאַכט, האָט ער גערעדט מיט גאָט. ער האָט געהאַט טענות צום אַלמעכטיקן פאַרוואָס ער לייזט נישט אויס זיין פאָלק פון גלות. איינמאָל, בעת ער איז פאַרבייגעפאָרן דעם יאַבלאָנגער וואַלד איז אים אַנטקעגנגעלאָפן אַ פאַרשוין און אויסגערופן: פאָרט צוריק, וואָרעם אין וואַרשע שעכט מען יידן! און אַזוי ווי דער פרעמדער האָט דאָס געזאָגט איז ער נעלם געוואָרן. דער באַלעגאָלע האָט אויסגעדרייט דעם דישל און בעתן פאַרקערעווען דאָס פערד האָט ר׳ הערש־משהס פאָטער גערעדט זיינע האַרבע דיבורים צו די הימלען. ער האָט געשריגן: אַ חשבון ווע̇סטו אָפּגעבן פאַרן בלוט וואָס ווערט פאַרגאָסן! עס איז נישט הפקר די וועלט! דו ביסט טאַקע גרויס, אַלמעכטיק, נאָר אין דיין גערעכטיקייט אומגערעכט, אין דיין אַלמעכטיקייט אוממעכטיק און אין דיין גרויסקייט... און איידער נאָך ער האָט באַוויזן אַרויסצוזאָגן דאָס לעצטערנדיקע וואָרט וואָס איז אים שוין געלעגן אויף די ליפּן, האָט אַ בליץ־געטאָן און אַ דונער איז אַריין אין בוים ביי וועלכן ער איז געשטאַנען. די פערד זענען אין ווילדן גאַלאָפּ אַראָפּ פון וועג און מיטגעשלעפּט מיט זיך דעם באַלעגאָלע און אים צעטראָטן מיט די געקאָוועטע פיס. די פּאַסאַזשירן זענען אַפילו נישט אַראָפּ פון דער בויד. עס האָט זיי גאָרנישט געשאַדט.

זיין זון האָט דעמאָלט געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי. ער האָט דורכ־געמאַכט די מלחמות אין קאַווקאַז און אין וויטן אַזיע. צוואַנציק יאָר איז דער זון געווען אין דער ניקאָלייעווסקער אַרמיי און אַז ער איז צוריקגעקומען איז ער שוין געווען איבער די פערציק. ער האָט זיך געלאָזט אָנוואַקסן אַ באָרד,

אָפּגעזעסן אין קליינעם בית־מדרשל פינף יאָר, טאָג־נאָך־טאָג, ביז נאָך מעריב און געזאָגט תהילים. די באַלעגאָלעס האָבן אים אָנגעהויבן רופן רבי. די דאָרפסגייער זענען געקומען צו אים האָלטן עצות. ער איז געוואָרן דער פּוסק צווישן צעקריגטע שותפים. דינסטמיידן אָפּגענאַרטע און פאַרפירטע זענען גע־קומען צו די שוועלן פון בית־מדרשל, מיט געיאָמער אויסגעגאָסן זייערע בי־טערע הערצער פאַרן הייליקן מאַן.

מיט אַ האַרטן ייִדיש, אַ קאַצאַפּישן, האָט ער גערעדט צו זיי. מיט גרויסע אויסגעשטרעקטע הענט, מיטן פּנים וואָס איז געווען גרויס, ליכטיק, צעפּאַטשט פון סיבירישע בוריאַנעס, האָט ער ממש פאַרהיפּנאָטיזירט די בהמה־הענדלער, די פערד־אויפקויפער, די טרעגער.

זיי האָבן נישט געהאַט פאַר זיך קיין איינגעשרומפּן רבילע, עפּעס אַן איי־דעלן יונגנמאַנטשיק פון אַטלאַס און זייד — זיי האָבן געהאַט אַ גלייכן צו זיך, אַ הייליקן וואָס איז ערדיש, וואָס פאַרשטייט זיי.

ווען עס איז פאָרגעקומען די באַרימט־געוואָרענע דין־תורה צווישן די באַלעגאָלעס וועגן פערד וואָס איינער האָט פאַרסמט ביים אַנדערן, האָט דער דיין אַרויסגעוויזן זיין בקיאות אין פערד. נישט איינמאָל האָט מען אים אַרויס־גערופן אין אַ שטאַל אַז ער זאָל העלפן ראַטעווען אַ באַלעגאָליש פערד. ר׳ הערש־משה איז געגאַנגען. ער האָט פאַרמאַכט דעם תהילים, אויסגעפרעגט זיך אויפן וועג וועגן דעם פערדס שלאַפקייט, און עס אַליין באַטראַכט. ער האָט אַפילו אַליין צונויפגעשטעלט שמירעכצער פאַר קראַנקע פערד און עס האָט געהאָלפן. עס האָבן אויך אָנגעהויבן קומען צו אים גוייִשע באַלעגאָלעס. ער האָט דערנאָך אויפגעהויבן דעם דעק פון טינדל, אָנגענומען אַ שעפ וואַסער, געוואַשן זיך לאַנג די הענט, געמאַכט אַ ברכה, עפּעס פאַרביסן און ווידער גע־זעצט זיך זאָגן תהילים.

אַפילו אין הלכות פון צוזאַמענלעבן פון מאַן־און־ווייב איז ער געווען אָפן מיט די צעקריגטע פאַרפעלקער. צום מאַן האָט ער גערעדט שטרענג, האַרב, קורץ. טייל מאָל איז געווען דער דיין מילד צו מענטשן און טייל מאָל צאַרנדיק, דעמאָלט האָט ער אַראָפּגעלאָזט זיין מעכטיקע האַנט אויפן טיש מיט אַזאַ כוח אַז די שויבן האָבן אָפּגעקלונגען. דאָס בלוט פון צאַרישן זעלנער האָט דער־וואַכט און די אויגן האָבן געפייערט, נאָר מענטשן האָבן דאָס זעלטן באַמערקט צוליב די געדיכטע פאַרוואַקסענע ברעמען. צו די פרויען האָט ער גערעדט דורך אַ פאַרהאַנג, אַ ברוין־אָפּגעבליאַקעוועטער מיט טיפע פאַלבן. טייל זענען געשטאַנען מיט פאַרבראָכענע הענט, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און גערעדט שטיל און פאַרשעמט. טייל האָבן געשריגן, געדראָט מיט די פויסטן דעם פאַר־

האַנג און טייל זענען גאָר אויסגעבראָכן אין אַ שפּאָטיש געלעכטער, אַ פּאָר־שייטס. זיי האָבן געחוזקט פון די מענער די שלימזלס, וואָס טויגן צו גאָרנישט, וואָס פאַרשעמען דעם מין זכר, פאַרשעמען דאָס לייב פון דער כשרער אישה.

דאָס שפּאָט־געלעכטער פון יענער זייט פאַרהאַנג פון פרויען פלעגט אויפ־קאָכן דעם אַלטן דיין. ער איז געשטאַנען מיט פאַרביילטע הענט אין די באַלע־גאָלישע קליידער און פאַר כעס געטופּעט מיט די שווערע שטיוול.

— שטיל, לעסטער נישט, חצופה!

אָפּט מאָל פלעגט זיך אַרויסרייסן פון אים אַ סיביריש זידלוואָרט, אַ שאַרפס. דערנאָך איז ער געזעסן ביים תהילים און תשובה־געטאָן, געבעטן דעם איבערשטן אַז ער זאָל אים פאַרגעבן. ווען אויף די שטיגן זענען שטיל געוואָרן די טריט פון דעם צעקריגטן פּאָרפאָלק איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער, גע־הויכט די פאַרפרוירענע שויבן, געווישט מיט די וואַרעמע פינגער דעם פראָסט און דערביי געזאָגט פסוקים פון תהילים.

אין דעם ווינטער, ווען דאָס בית־מדרש איז געווען איבערגעפולט פון מתפּללים, צווישן מנחה און מעריב, איז צוגעגאַנגען דער דיין צום באַלעמער און איידער נאָך דער גבאי האָט אַ קלאַפּ־געטאָן אין טיש אַריין, איז מיט איין מאָל שטיל געוואָרן. עס איז געוואָרן ממש אַ כל־נדרי־שטילקייט.

וואָס וויל דער דיין? וואָס וועט ער זאָגן? עס איז עפּעס אויסערגעוויינטלעך.

פערציק יאָר ווי ער האָט אין בית־מדרש נישט גערעדט, בלויז מתפּלל געווען.

— שאַ! שאַ! — האָט דער גבאי אויסגערופן.

— רבותי, — האָט געזאָגט דער זקן — איך פיל אַז מען רופט מיך שוין. איך וויל נישט אַוועקגיין אַ שווייגנדיקער. איך האָב געוואָלט אָפּלעבן מיינע יאָרן און מיט שווייגן דינען דעם בורא. מיין פאָטער ע״ה האָט געדינט דעם איבערשטן מיט געבייזער, מיט טענות, מיט רייד וואָס ער האָט גערעדט צו די הימלען, און דער וואָס איז איבער אונדז, האָט זיי נישט געוואָלט הערן און אים געשטראָפט. דערפאַר האָב איך געשוויגן. איך האָב גערעדט נאָר דעמאָלט ווען מען איז געקומען צו מיר און געמאָנט מיין וואָרט. איצט, ערב מיין אַוועק־גיין, וויל איך נישט נאָר ריידן, נאָר שרייען! שרייען אַזוי הויך אַז די הימלען זאָלן אויפציטערן! ייִדן, עס קומט־אָן אַ חשכותדיקע נאַכט. מיר זענען פאַרזונ־קען געוואָרן איבער די העלדזער. באַלד וועט זיך באַווייזן דער אַשמדאי. ער קומט מיט שווערד און מיט פאַרסמטע פיילן. די וואָס וועלן געראַטעוועט ווערן — איינער פון אַ ישוב, אַ מנין פון אַ שטאָט און אַן עדה פון אַ לאַנד — די־

אַלע וועלן דערנאָך געשענדט ווערן פון שטן. ייִדן, וואָס זאָל מען טאָן? ווי אַזוי רייסט מען זיך אַרויס פון די זומפּן וואָס פירן אײַן? אַ גלייכגילטיקע וועלט רינגלט אונדז אַרום. רבונו־של־עולם, זאָג, זענען אונדזערע זינד אַזוי גרויס אַז דו זאָלסט שטראָפן דײַן פאָלק מיט פאַרלענדונג? מײַן טאַטע האָט געשריגן אין נאַכטיקן וואַלד פון יאַבלאָננע זײַן געשריי צו די הימלען און איך שריי מײַן געשריי צו דיר פון דעם מקום־קודש. עס איז נישט הפקר די וועלט! באַרעכן זיך איידער דו טראָגסט אַרויס דײַן גזר! אויך דו וועסט דאַרפן אָפּגעבן אַ חשבון! דאָס זאָגט צו דיר אַ זון פון אַ באַלעגאָלע, אַ פּראָסטער ייִד, וואָס באַלעגאָלעס האָבן אים גערופן דײַן.

ר׳ הערש־משה איז אַרויס פון בית־מדרש מיט וואַקלדיקע טריט. ער איז געבליבן שטיין ביי דעם טויער, געזוכט די מזוזה. ער האָט שוין אָבער געהאַט אַריבערגעשפּאַנט די שוועל און געוואָלט זיך אומקערן, איז אים אַ שוואַכקייט באַפאַלן אין די געלענקען און ער איז פּאַמעלעך געזונקען צו דער ערד. טרעגער האָבן אים אויפגעהויבן און אַהיימגעפירט.

פאַרטאָג האָט דער שמש פון דער גרויסער שול געקלאַפּט מיטן האַמער אין די לאָדנס; דאָס האָט מען גערופן צו אַ לוויה. דער דײַן איז נפטר געוואָרן אין חצות.

באַלעגאָלעס, וואָס האָבן זיך גראָד אין האַלבנאַכט צוריקגעקערט פון נאָוועדוואָר און זענען פאַרבייגעפאָרן דער שול־גאַס, האָבן דערהערט אַ דונערן און דערזען אַ פייערבליץ וואָס האָט צעשפּאַלטן דעם הימל. די פערד האָבן זיך אַזש געשטעלט דיבאָם. פּלאַי־פּלאַים, ווינטער, ווען די טײַכן ליגן פאַרקאָוועטע אין אייז זאָל בליצן און דונערן?

דערציילט האָט מען אַז די לעצטע צייטן איז דער דײַן אַרײַנגעפאַלן אין עצבות. ער האָט געזען צייכנס פון די הימלען אַז עס דערנענטערט זיך דער גזר־דין און ער האָט אים געוואָלט אָפּשרײַען. די חסידים פון גער האָבן זיך נישט באַטייליקט אין דער לוויה, דאַקעגן זענען געקומען אַלע באַלעגאָלעס, די טרעגער און די באַלמעלאָכעס וואָס פּלינצק האָט נאָר פאַרמאָגט. זיי זענען געקומען מיט די ווייבער געהילטע אין טונקעלע וואָלענע פאַטשיילעס. די מענטשן האָבן זיך געריסן קריעה, געווישט מיט די אַרבל, מיט די פּאָלעס, מיט גרויסע פאַטשיילעס די טרערן.

דאָס איז נישט נאָר געווען אַ טיפער טרויער וואָס דער דײַן איז אַוועק, נאָר אַן אומגעאַנטע שרעק אַז עפּעס שרעקלעכס רוקט זיך אָן. ווי נאָר די טײַכן וועלן

באַפרייט ווערן פון אייזדעק, ווי נאָר עס וועט צעגיין דער שניי און עס וועלן
אַ שפּראָץ־טאָן די גראָזן — דעמאָלט וועט עס געשען!

אַ ישיבה־בחור, דער זון פון אַ בעקערין, אַן אַלמנה, האָט צו די שלושים
מגלה געווען אין בית־מדרש אַ סוד:

— רבותי, דער דיין איז געווען אַ שליח פון די הימלען. דאָס איז איינער
פון די פאַרבאָרגענע וואָס דער אייבערשטער שיקט אַראָפּ אויף דער ערד. ער
האָט זיך אויסגעגעבן פאַרן זון פון אַ באַלעגאָלע. קיינער געדענקט נישט אַז
יענער באַלעגאָלע זאָל האָבן געהאַט אַ זון. יענער באַלעגאָלע, וואָס איז אומגע־
קומען אין יאַבלאָנער וואַלד דורך אַ בליץ, איז נאָך אַמאָל געקומען צו
אונדז. ער איז דעמאָלט אומגעקומען נאָר לפנים, פאַר אונדז פּשוטע בשר ודמס.
דאָס איז דער דיין, דער באַלעגאָלע אין זיין צווייטן געשטאַלט... היות ער איז
געווען גאָטס שליח און ער האָט געזען אַזוי באַשיימפּערלעך אונדזער פּיין, האָט
ער זיך דערלויבט צו ריידן האַרבע רייד. דאָס זענען נישט געווען קיין רייד פון
שטערבלעכע. ייִדן, דאָס איז געווען אַ קריגערײַ פון די הימלען, פון די הייליקע
וואָס באַפעלקערן יענע וועלטן און מיר זענען געווען די עדות. מיינט נישט אַז
גאָטס וואָרט אין די הימלען קומט אַזוי לייכט אַרויס. עס ווערט געוויגן און
געמאָסטן. איצט וועט דער דיין שטיין קעגן כסא הכבוד און מאָנען. עס קען
זיין אַז ער וועט צוריקקומען אין זיין דריטן גילגול אויף דער ערד. ער וועט
קומען אין אונדזער שטאָט אַריין. איך האָב דאָס אויסגעלייענט בגמטריא. זאָל
נאָר נישט זיין צו שפּעט. זאָלן אים נישט פאַרהאַלטן די שדים. אין זיין דריטן
גילגול וועט ער ווידער זאַמען אויף דער ערד פערציק יאָר. דאָס זענען די
זעלביקע יאָרן וואָס עס האָט געדויערט דאָס וואַנדערן אין מדבר דריי מאָל
צו פערציק און עס וועט קומען די דערלייזונג.

דאָס האָט גערעדט אַן אַכצן־יאָריק איינגעשרומפּן ייִנגל אין בית־מדרש
און די טרעגער האָבן אים געהערט מיט ציטערניש, ערפורכט און געקוקט אויף
אים ווי אויף אַ הייליקן.

אין פּלינצק האָט מען דעם ווינטער געליטן נויט. די שטיבער פון קאַזשע־
גאַס זענען נישט געהייצט געווען, די שויבן — פאַרצויגן מיט אייז־בעלמעס.
הונגעריקע פערד האָבן אויפגעפרעסן די שטרוי וואָס מען האָט זיי אונטערגע־
בעט. די טרעגער זענען געשטאַנען טעג גאַנצע אויף די שטיגלעך פון די פּוס־
טע קראָמען.

אין אַנשלס שענק האָבן געשיכורט די פּויערים פון די שכנישע דערפלעך. אַרום מאַגיסטראַט איז פול געווען פון אַרבעטסלאָזע פּאַליאַקן.

באַלד וועט דאָס אייז אויפגעבראָכן ווערן. נאָך אַ וואָך און נאָך צוויי. עס וועלן זיך טראָגן מיט אימפּעט שטראָמען, מיטרייסן בריקן, גרעבליעס און פאַרפליצן טאָלן און פלאַכלאַנד־פעלדער, וואָרעם עס איז נישטאָ קיין שוץ פאַר די וואַסערן.

די טייך־ברעגעס פון מאַזאָוויע זענען פלאַכע. די פעלדער ליגן נידעריק. די לאָנקעס ווערן יעדן פרילינג פאַרגאָסן און אין די זומערן בלייבן קאַלוזשעס פאַרצויגענע מיט שליים.

אַזוי וועט עס אויך זיין מיט די פּאַליאַקן, אָט־אָ די מאַזורער, וואָס באַפעל־קערן דעם טייל פוילן; זיי וועלן ווי איין מאַן אויפשטיין, אויפרודערן די גאַסן פון די שטעט, זיי וועלן טומלען אויף די מערק, מאָנען ערד, פירן מלחמה פאַר דער „איטשיזנע” ביז זיי וועלן אומגעריכט מיד ווערן אַזוי ווי דאָס מידע פלאַכ־לאַנד און עס וועט אַלץ איינגעשטילט ווערן אויף לאַנגע דורות.

יעדן טאָג, צווישן מנחה און מעריב, האָט גערעדט אין בית־מדרש דער זון פון יאָשפע דער בעקערין.

צו זיינע רייד האָט מען זיך צוגעהערט מיט חידוש, מיט הייליקן ציטער, וואָרעם מען האָט געוווּסט אַז ער איז עמיצנס אַ שליח. בעת די דרשות אין ענגן בית־מדרש, פול מיט באַלעגאָלעס, טרעגער און סאַדאָווניקעס, אַפילו אַזעלכע וואָס זענען שוין יאָרן נישט געווען ביי אַ מנין, זענען אַלע זיכער גע־ווען אַז פון די הימלען איז דעם יונגן מאַן געגעבן געוואָרן אַ צייכן און זיין אַנטפלעקן זיך באַלד נאָך דער פּטירה פון דיין איז ממש אַ נס.

— אין צוויי גילגולים האָט דער אַלטער דיין געוואָלט מורד זיין און דער אייבערשטער האָט אים גערופן צו זיך. אין זיין דריטן גילגול וועט ער קומען און זאָגן: ייִדן, זייט אַזוי ווי די ביימער אין אַ געוויטער. זאָלן זיך בייגן די צווייגן און דער שטאַם זאָל זיך וויגן, דער שורש גראָבט זיך טיפער אין דער גוטער, קילער און געבענטשטער ערד. ווען אַ נעפּל פאַלט אויף דער זינדיקער ערד און דער וועג פירט צווישן תהומען, צווישן אומרויִקע טייכן, איז בעסער אָפּצושטעלן דאָס פערד, איינהילן זיך אין אַ טלית און תפילה־טאָן, און אויב דו האָסט נישט מיטגענומען דעם טלית און קענסט נישט פון אויסנווייניק קיין תפילות, רייד צו אים פּראָסטע רייד אויף ייִדישן לשון. מה דאָך, אַז נישט נאָר אַ נעפּל לאָזט זיך אַראָפּ אויף אונדז נאָר אַ מעכטיקער שטורעם וואָס האָט שוין אַרומגעכאַפּט אַ האַלבע וועלט — טאָ וווהין וועט איר טרייבן אייערע פערד,

ווהין וועט איר לויפן? פערציק יאָר האָט דער דיין געשוויגן. איצט איז געקו־מען די צייט פון שופר־געשאַל. יריחו איז שוין אַרומגערינגלט. מיר האָבן דאָס געטאָן בשתיקה. אַרומגעקרייזט איז די שטאָט, באַשטעלט מיט אונדזערע היי־לות. איצט דאַרף קומען דאָס געשאַל וואָס וועט צעטרייסלען די מויערן. יריחו, דאָס מיינט רישעות פון פעלקער, דאָס בייזע און דאָס שלעכטע וואָס איז אויך דאָ אין אונדז, וואָרעם ווען דו גייסט קעגן שלעכטס פון אַנדערע מוזסטו זיך אויך אַליין רייניקן פון שלעכטס. דער דיין האָט געטאָן זיינס. איצט הייבט זיך אָן דער שופר־שאַל. די מויערן וועלן איינפאַלן און עס וועט קומען משיח!

מען האָט געמאַכט פאַר אים אַ וואָרע. טרעגער־יונגען זענען אים נאָכגע־גאַנגען, אָפּגערוקט עטלעכע שפאַן, ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן צו זיין נאָענט פון דער הייליקייט וואָס שטראַלט־אַרויס פון דער בעקערינס זון, וואָרעם די יונגען האָבן זיך געהאַלטן פאַר זינדיקע. איינער פון די וואָס זענען נישט אָפּ־געטראָטן פון תנחום יאָשפּעס איז געווען דער טרעגער יאָסל יאַלעך.

שעהען האָט זיך דער טרעגער־יונג יאָסל יאַלעך אַרומגעדרייט ביים קע־לער אין מאַרק ווו עס איז געווען יאָשפּעס בעקעריי. אין קעלער־ווינקל, נישט ווייט פון אויוון, איז געזעסן דער יונגער תנחום און געלערנט תורה.

דורך דעם ווינטער איז ער געוואָרן העכער, בלייכער און די שוואַרץ־גע־קרייזלטע באָרד געדיכטער. ער האָט געטראָגן אַ ציינגן כאַלאַטל, מיט אַ טונקל־וואָלענעם שאַל אַרום האַלדז. בעתן ריידן זענען זיינע דורכזעעוודיקע פינגער לאַנג געוואָרן און מען האָט געקענט זען ווי זיי שטראַלן.

סוף ווינטער זענען געקומען די טרעגער פון בית־מדרש צום אַלטן פלינצ־קער רב און געבעטן זיין הסכמה צו באַשטימען תנחומען, דעם זון פון דער אַלמנה יאָשפּע, פאַר אַ דיין.

דער רב האָט די הסכמה נישט געוואָלט געבן מחמת צוויי טעמים: ערשטנס ווייל תנחום איז צו יונג און צווייטנס, לויטן יידישן דין מוז אַ דיין זיין אַ באַ־ווייבטער.

נאָך אין זעלבן טאָג האָבן זיך די חשובסטע טרעגער באַוויזן אין יאָשפּעס קעלער און גערעדט תנחומען אַ שידוך. מען האָט אויסגערעכנט פאַר דער אַלמנה יאָשפּע פאַרשיידענע בתולות פון שטעטל. איינער פון די רייכסטע סאַ־דאָווניקעס האָט זיך געוואָלט משדך־זיין נאָר תנחום האָט געשוויגן. עס האָבן זיך געצויגן לאַנגע ווינטער־נעכט. מען האָט בשום אופן נישט געוואָלט אָפּשלעפּן דאָס באַשטימען תנחומען פאַר אַ דיין. עס האָבן זיך אַנגעזאַמלט געגוג דין־תורהס. גיין צום אַלטן רב האָט מען נישט געוואָלט, וואָרעם ער געהערט צו

די גערער, די יחסנים. ער לאָזט דעם פּראָסטן עולם שטיין ביי דער טיר, רעדט מיט כעס, טייטלט מיט אַ דראָענדיקן פינגער גלייך אין פּרצוף אַריין און ביי יעדעס וואָרט צינדט ער זיך אָן און שריים: דרך־ארץ! ער איז ארומגערינגלט פון שיינע ייִדן וואָס ווילן נישט איבערטרעטן די שוועל פון בית־מדרש, עס פּאַסט זיי נישט. זיי האָבן זיך אָפּגעזונדערט אין אַ שטיבל צום דאַווענען.

אין איינעם אַ טאָג איז געקומען יאָסל יאַלעך צו לויפן אַ פּאַריאַכמעטער אין אַנשלס שענק. ער האָט אַרויסגערופן עטלעכע טרעגער, דערנאָך איז אַנשל אַרויס פון אונטערן בופעט און מען איז אַוועק צו די פּני פון די באַלעגאָלעס און סאַדאָווניקעס, צו די ברידער הערשל און יאַנקל חיש, דעם אַלטן נחום דאָמב, זרח דעם געוועזענעם וואַלד־סוחר און יורד וואָס איז געוואָרן אַ גוטער־ברודער מיט די טרעגער און אויבסט־הענדלער.

יאַלעך האָט צו זיי גערעדט בזה הלשון:

— נעכטן נאָך מעריב, ווען איך האָב באַגלייט ר׳ תנחומען, האָט ער מיך צוגערופן און געזאָגט: איך הער אַז מען וויל מיך באַשטימען פאַר אַ דיין. מען זוכט פאַר מיר אַ ווייב. גיי זאָג צו דער יתומה ברײנע בת קיווע, אַז איך וויל זי פאַר אַ ווייב.

יאַלעך האָט אָנגענומען אָטעם.

— איך בין געבליבן צעחושט ווי מען וואָלט מיר געגעבן מיט אַ קלאָניצע איבערן קאָפּ. איך זאָל אַזוי אויסלעבן דעם היינטיקן טאָג. ברײנע בת קיווע? — האָב איך איבערגעפרעגט. — וועלכע ברײנע? מיר האָבן געציטערט די לעפצן. — דו מיינסט, ר׳ תנחום, קיווע קאַפּס טאָכטער? — האָב איך אים אי־בערגעפרעגט. דאָ האָט ער מיך שטרענג אָנגעקוקט און אויסגעשריגן: — ווי אַזוי רעדסטו וועגן אַ קדוש? פאַרוואָס רופסטו אים אויפן צונאָמען? ער איז אַ קדוש און די טאָכטער אַ בת פון אַ הייליקן. אין די הימלען איז דער זיווג שוין לאַנג אויסגערופן געוואָרן. איך ווייס וועגן איר מחלה און איך ווייס וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איר אין יענער נאַכט. איך וועל אָננעמען דאָס דיינות אויב זי וועט ווערן מיין ווייב.

נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט מען געשפּאַנט אַ וואָגן און מען איז גע־פאָרן אייליק קיין ראַדזימין צום רבין. אָנגעטריבן האָט יאָסל יאַלעך. מען האָט געשפּאַנט דאָס בעסטע פערד. פאַרטאָג, צו שחרית, האָט זיי אויפגענומען דער רבי.

— איך ווייס נאָך וואָס עך׳ זענט געקומען. איך בענטש זיי. און וויסן

זאָלט עץ׳ אַז ר׳ תנחום איז אַ הייליקער. צו שבע־ברכות קרוינט אים פאַר אַ דיין, וואָרעם אין אַלעם איז פאַראַן דעם אייבערשטנס האַנט.

די חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן מיט פאַרנעם, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ שטאָט פון בעלי־בתים. כאָטש די חופּה איז געשטעלט געוואָרן ביים רייכן קאָלאָניאַל־סוחר גאָץ פּערעל אין אַ סאַליע, האָט זיך די שמחה אַריבערגעטראָגן אין די געראַמיקע הייזער פון די סאַדאָווניקעס און דאָרפס־גייער און אַפילו אין אַנשלס שענק.

קצבים האָבן ספּעציעל געשאָכטן קעלבער, אויבסט־הענדלער האָבן גע־בראַכט קוישן ווינטער־אויבסט. אַנשל האָט געעפנט עטלעכע פעסער ביר און אין יאַשפּעס בעקערייַ האָבן באַלעגאָלישע ווייבער דריי טעג און נעכט געבאַקן חתונה־געבעקס.

צום מזל האָט מען גראָד דעם טאָג אַרויסגעלאָזט פון טורמע דעם טרוי־עריקן שפּילפויגל צוזאַמען מיטן געשפּאָלטענעם וואָיטשעך.

יאָסל יאַלעך האָט זיי געבראַכט ממש פון דער תפיסה צום באַדעקנס. שפּילפויגל האָט נאָך לאַנגע חדשים ווידער געגומען אַ פידל אין דער האַנט אַרייַן. זיין שפּילן האָט אַרויסגערופן טרערן ביי דער נגידתטע שאַלמע. און אַז די טרעגער־ווייבער האָבן דערזען די טרערן ביי דער שטאָלצער שאַלמע זע־נען זיי זיך צעגאַנגען אין אַן אמתן געיאָמער. זיי האָבן געכליפּעט קוקנדיק אויף דעם אויסגעבלאָסטן תנחום מיטן שטריימל.

ברײַנע האָט געשײַנט. דאָס איז געווען אַ צעוואָקסענע מויד מיט אַ רויט פּנים, מיט פליישיקע באַקן און גרויסע הענט.

די סטרונעס פון שפּילפויגלס פידל האָבן אויפגעציטערט ווי מען וואָלט דערהערט אַ כליפּערייַ פון מלאכים, בייזע שטראָף־טענער פון די גראָבע סטרו־נעס און גלייך נאָך דעם איז געקומען אַ שטיל פייגל־געזאַנג.

בעת מען האָט געפירט ברײַנען דורך דעם געסל צו דער דירה ווו עס האָט פריִער געוווינט דער דיין ר׳ הערש־משה איז פון אַ הויף זיי אַנטקעגן־געגאַנגען אַ הויכער יונג אין אַן אולאַנער־שינעל. ער האָט אַלעמען אָפּגעטראָטן דעם וועג, פאַרנייגט זיך און געוואַרט ביז די מענטשן זענען נעלם געוואָרן.

יאָסל יאַלעך האָט געוווּסט ווער דאָס איז.

נאָך חצות, ווען דאָס קאָזשע־געסל איז שוין געווען איינגעשטילט און די בגלופנדיקע טרעגער זענען געלעגן אין די בעטן, איז אַנשל אַרויס פאַרמאַכן דעם אייזערנעם טויער. פאַר אים איז געשטאַנען קיווע קאַפּס יונג.

— איך וויל אַ כוסה.

אַנשל איז מיט אים אַריין אין דער שענק דורך דער הינטערטיר און אָנגעגאָסן צוויי גרויסע גלעזער בראָנפן.

— מזל־טוב!

דער יונג האָט אָנגעקוקט אַנשלען און צוויי טרערן זענען אים געבליבן הענגען אויף די וויִעס.

— דזשענקויען... איך האָב געזען ווי מען האָט זי געפירט צו דער חופּה... איך האָב זיך ווי אַ הונט אַרומגעדרייט ביי די פענצטער...

ער האָט מיט איין שלונג אויסגעטרונקען דאָס גלאָז בראָנפן. דער יונג האָט געוויינט אויפן קול. אין דעם געיאָמער האָט אַנשל דערקענט דעם טאָטן — קיווע קאָפּ — ממש מיט די ביינער.

— איך האָב אַלץ געוווּסט פון יאָסל יאַלעך און כ׳האָב באַשוווירן נישט צו פאַרשעמען ברייִנען פאַרן רבי. פאַרטאָג גיי איך אַוועק. דאָס איז מיין דרשה־געשאַנק, נעם דאָס געלט, אַנשל!

בעתן צוגרייטן פאַרן יונג דאָס געלעגער, ערגעץ צווישן די טישן, לעבן אויוון, האָט קיווע ממזר גערעדט:

— עס גרייט זיך עפּעס. עס וועט ערגער זיין ווי אַ פאַרפּלייצונג און געפערלעכער ווי אַ שריפה. איך בין געווען יענע וואָך אין דאַנציק. אוי, וואָס דאָרט טוט זיך מיט די דייטשן! נישט נאָר די מענטשן זענען אין מאַזאָוויע אויפגערודערט, נאָר אַפילו די שטיינער פון די גאַסן האָבן אייך פיינט. יעי באָגו, אַנשל! מיין האַרץ ווערט צעריסן הערנדיק די רייד קעגן דעם שוויענטי נאַרוד.

פאַרטאָג האָט געקלאַפּט אין דער שענק יאָסל יאַלעך. ער איז געקומען מיט אַ דראָזשקע אָפּצופירן קיוועס זון קיין באַדזאַנאָווע אַזוי ווי זיי האָבן מיט אַ נאַכט פריִער געהאַט אָפּגערעדט. ווען די דראָזשקע איז דורכגעפאָרן די שול־גאַס האָט זיך דאָס פערד פאַרהאַלטן. אַ ווינטערדיקער פאַרטאָגיקער נעפּל, אַ פראָסטיקער, איז געלעגן נידעריק און פאַרהילט די אָרעמע ייִדישע הייזער.

דער יונג האָט געזוכט דאָס פענצטער פון דיינס שטוב.

— יאָסקו, טרייב דאָס פערד!

ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאַלנער פון אולאַנער־שינעל און בייז געשריגן צו זיך אַליין.

— אין אַ מזלדיקער שעה! — האָט אויסגערופן דעם שמשס ווייב בעת תנחום איז אַריבער די שוועל פון קליינעם צימערל. זי איז געשטאַנען אין דער טיר, לעבן אַלקער און אויפגערודערט דאָס פייער אין אייזערנעם אייוועלע.

ברייִנע האָט אויסגעטאָן דעם וואָלענעם שאַל און אַריין אין קיכל.

יאָשפע די בעקערין האָט בדעה געהאַט צו וויינען, נאָר די טרערן זענען איר ווי אויסגעטריקנט געוואָרן. די היץ פון אייוועלע האָט צעפלאַמט דאָס פנים, אויפגעטייעט זי און זי איז געוואָרן ווי אַ שטיק טייג וואָס יוירט־אויף.

אפשר זאָל זי אַריין אין קיכל און אַוועקרופן די מוידז זי מוז דאָך רעדן מיט איר! רבונו־של־עולם, וואָס זאָל איך איר זאָגן, אָט־אָ דעם צעוואַקסענעם גלאָמבז דערציילן איר וואָס מען האָט מיר געזאָגט גלייך נאָך דער חופה, אָט־אָ די סודותדיקע רייד פון די ווייבער מיט די הייסע אָטעמס וואָס האָבן מיך גע־בריט און אַ פייער איז זיך דערפון צעגאַנגען אין גאַנצן גוף? די רייד זענען דעמאָלט געוואָרן וואָס אַמאָל שטילער, זייערע ליפּן האָבן געגלאַנצט פון פעט־קייט און די פינגער האָבן געצירט מיינע הענט, די אָרעמס, די בריסט און אין צווייטן אַלקערל איז געזעסן דער מאַן, אָט־אָ דער ישיבה־בחור. יאָשפע איז געווען דעמאָלט הויך, אויסגעגלייכט ווי אַ סאָסנע און ער איינגעשרומפּן. אַ בעקערס אַ טאָכטער וואָס נישט איין מאָל האָבן זי בעקער־יונגען פאַרמע־ליקטע געדריקט צו דער דייזשע און לערניונגען האָבן אויסגעקניפּט שטיקער פון איר לייב. און אַז דאָס בלוט האָט זיך צעזאָטן אין איר, און אין אַ פרילינג־נאַכט האָט דער פאָטער זי געטראָפן אין שטאַל מיט אַ יונג, האָט מען גענו־מען זוכן אַ חתן.

נישט אַנדערש — האָט געטראַכט יאָשפע — עס איז אָפּגעגעבן פון די הימלען, אָט־אָ די ברײנע. גאָט צאָלט איר צוריק מיטן זעלביקן...

זי איז אַריין אין קיכל, באָענט צוגעגאַנגען צו דער שנור, און זי דאָס ערשטע מאָל מביניש באַטראַכט.

די בעקערין האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף ברײנעס רוקן, אַרומגע־נומען זי, און מיט דער אַנדערער האַנט, געגלעט אירע אָנגעדראָלענע שווערע בריסטן.

— זיץ.

די בעקערין האָט געוואָלט רעדן צו איר שטיל, איידל, ממש אויפן אויער איינרוימען איר די ווערטער, נאָר עס איז אַרויסגעקומען אַ ברומעריי.

פון יענער זייט פאַרהאַנג וואָס האָט אָפּגעטיילט דאָס קיכל פון אַלקער, איז פּלוצים דערגאַנגען תנחומס ניגון.

ער קוקט איצט אַריין אין אַ ספר, האָט ברײנע געוווסט.

זאָל זי זי רופן שנור? ניין. זי קען דאָס נישט. אפשר טאָכטער? אַ שיינע טאָכטער איז זי מיר; הויך, צעוואַקסן, געזונטע ידים, פעסטע פיס. אַ באַלעגאָ־לישע טאָכטער מיטן קנאַק.

אין פאַרבאָרגעניש איז די בעקערין געווען צופרידן פון שידוך. ווייסעך־

וואָס מען רעדט וועגן ברײַנען! בלוט שפּריצט דאָך איר פון די באַקן! עס איז דאָ אויף וואָס צו קוקן. וועגן וועמען פון די מיידן דערציילט מען נישט קיין מעשות?

— הער טאָכטערשי.

די בעקערין איז זיך צעגאַנגען פון אַן אומבאַקאַנטן תענוג פון פירן די הענט איבערן מיידלס גוף. — זאָלסט למען־השם זיין גוט צו מיין תנחומל. זאָלסט אים נישט איבערגיין. — אירע הענט האָבן איינגעקלעמט די מויד און זי האָט דערפילט די הייסקייט פון ברײַנעס לייב דורך די וואָלענע קליידער.

יאָשפּע איז אומגעריכט אויסגעבראָכן אין אַ כליפּעריי. זי האָט געוויינט אויף די אייגענע יאָרן, די אַלמנישע וואָס פאַרגייען. טרויער און תאווה האָבן זיך צונויפגעמישט. אירע רייד זענען וואָס אַמאָל געוואָרן אָפענערע, נאַקעטע. זי האָט שוין נישט גערעדט מיט ווײַבערישע רמזים, נאָר געזאָגט קליפּ און קלאָר. וואָס וועט זי זיך שפּילן מיט דער „צדיקות"?

— אוי ווײ איז מיר נישט געשען! ווי דו ביסט געזונט! קיווע קאָפּ זאָל זיך מיען פאַר דיר. האָסט דאָך אַ פּאָר לידקעס. זע, ווי דו פייערסט, ווי דו ברענסט! וואָס פאַראַ געשטעל דו האָסט? און מיין זון איז נעבעך אַן איידל קינד, פאַרשעמט פון גאָט מיטן גוף, ממש אַ מלאך פון הימל. ער איז שוואַך פון לערנען תורה יום ולילה. ער ווייס נאָך גאַרנישט. זאָלסט אים שוינען, זאָלסט אים נישט פאַרברענען, אַזוי ווי דער זשאַר פון אויוון פאַרקוילט חס־וחלילה אַ חלה.

דער אַלמנהס געוויין האָט זיך אויסגעמישט מיט אַ לוסטיק לאַכן. זי האָט זי געקיצלט, געקלאַפּט מיט דער האַנט איבער דער מיידלשער שויס און דער־ביי אַנגעלענט איר גוף אַן דעם הייסן און שמעוודיקן גוף פון ברײַנען.

— מאַך די בעטן. איך וויל זען ווי אַזוי דו בעטסט־אויס.

ברײַנע האָט זיך אויפגעשטעלט.

זי איז געשטאַנען מיט צעשפּרייטע פיס. אין איר האָט נאָך אַרומגעהער־דזשעט די פויק, שפּילפויגלס סטרונעס האָבן זיך נאָך אַלץ געריסן מיט אַ שאַרף געוויין. אַ וואַקלדיקע איז ברײַנע צוגעגאַנגען צום הילצערנעם בעט, אַראָפּגעריסן די קאָלדרע מיט כעס, אויפגעדעקט דאָס איבערבעט און אויפגע־קלאַפּט די קישנס. דערנאָך האָט זי אויפגעבעט דאָס אַנדערע בעט וואָס איז געשטאַנען אין צווייטן ווינקל פון צימער.

די בעקערין האָט די גאַנצע צייט איר נאָכגעקוקט.

— טו זיך אויס.

יאָשפּעס קול איז געווען אַ שטילס, אַ סודותדיקס.

ברײַנע האָט זיך אַװעקגעזעצט אױפֿן ראַנד פֿון בעט און פּאַמעלעך אָנגעהױבן אױפֿשנאַרװלען די הױכע שיך, אױסגעטאָן דאָס חופּה־קלײד און געבליבן שטײן אין נאַכט־העמד. די האַרנאַדלען זענען איר אַרױסגעפֿאַלן און לאַנגע האָר האָבן פֿאַרדעקט דעם האַלדז און אַ האַלב פּנים. עס האָט אַ שלאָג־געטאָן אין אַלקערל מיטן ריח פֿון מײדל־לײַב, אַ זיסלעכער ריח, אַן אױסמיש פֿון הײסן אָטעם, פֿון שװײס, פֿון עפּעס אַ זאַלב װאָס די באַלעבאָסטע שאַלמע, די נגידותטע, האָט איר געשענקט.

די בעקערין איז אַלץ געשטאַנען מיט פֿאַרלײגטע הענט אױף די בריסטן און אױף עפּעס געװאַרט.

מיטאַמאָל איז ברײַנע דערװאַכט געװאָרן.

— װאָס קוקט עץ אַזױ אױף מיר? איר מײנט אַז איך בין מיט אַ מום? נאָט, זעט! איך שעם זיך נישט פֿאַר אײַך! קוקט!

זי האָט אַראָפּגעריסן פֿון זיך דאָס העמד און געבליבן שטײן נאַקעט.

דאָס פֿײערל אין אײװעלע האָט זיך דערכאַפּט און דער פֿײער־אָפּשײַן איז געפֿאַלן אױף ברײַנעס קני, אױף דער שױס. די אײװון־װאַרעמקײט און די היץ האָט זי געררײצט. זי האָט געװאָלט שרײַען, אױפֿרײַסן דעם פֿאַרהאַנג און פֿאַרטרײַבן די בעקערין, אָט־אָ די װאָס מען דערצײלט אַז אין די מײדל־יאָרן האָט זי זיך אַרומגעטליקעט אין די שטעלער מיט אַלע באַלעגאַלעס און אַז מען האָט זי חתונה־געמאַכט מיטן ישיבה־בחור האָט זי אים מיטן געזונטן לײַב פֿאַרמוטשעט. גלײַך צום יאָר פֿון דער חתונה איז ער געגאַנגען פֿון דער װעלט, װאָרעם זי איז געװען אַ װײַב אַ ברען. זי האָט געקענט פֿאַרקנעטן אַ גאַנצע דײַזשע ברױט און עס אױסבאַקן אין אײן נאַכט. איצט מײנט זי אַז איך װעל פֿאַרפֿײַניקן איר אײַנגעדאַרטן זון. איך װעל אים געבן פֿױגלמילך! איך װעל אים טראָגן אױף די הענט! ער װעט זײַן מײַן מלאך, מײַן דערלײזער! ער האָט פֿון מיר אַראָפּגענומען די שאַנד און דעם שפּאָט! איך װעל אױף די שפּיץ־פֿינגער שטײן לעבן זײַן געלעגער! איך װעל אים פֿאַרװיגן אױף מײַנע אָרעמס!

אָנשטאָט צו שרײַען האָט זי אַנידערגעװאָרפֿן זיך אַ נאַקעטע אױף דער פּאָדלאָגע און געררעדט גוטע און שטילע רײד צו דער בעקערין:

— איך שװער אײַנען אַז ער װעט זײַן הײליק בײַ מיר... איך װעל אים אָפּהיטן װי דאָס שװאַרצאַפּל.

תנחומס ניגון איז אָפּגעהאַקט געװאָרן. אין חדרל האָבן זיך דערהערט טריט.

יאָשפּע איז אַרײַן אין זונס אַלקערל, געהוסט און לאַנג דערנאָך אײַנגעטענהט מיטן בן־יחיד.

ברײַנע איז געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע, צוגעשאַרט זיך צום פּאָרהאַנג, אונטערגעהויבן דעם ראַנד אַז זי זאָל קענען זען וואָס עס טוט זיך דאָרט און אײַנגעהערט זיך אין געשפּרעך פון דער מוטער מיטן זון. בלויז אָפּגעריסענע רייד זענען דערגאַנגען צו איר. דאָס זענען געווען רייד וועגן תנחומס פּאָטער וואָס איז אַזוי פרי אַוועק פון דער וועלט. שאָטנס פון יאָשפּעס הענט אויף די ווענט. אַ מאַנאָטאָן געשעפּטש. די וואָרעמקייט פון אָנגעגליטן אײַזערנעם אײַוועלע. די פּויק וואָס פּויקט און דאָס פידעלע וואָס פּאָרוויגט די וואַלד־פייגל. דער חתונה־געטומל. די שפּאָטישע ווינטשעוואַניעס פון די טרעגער־ווײַבער. דער אויסטערלישער יונג אין שינעל וואָס איז איר אַנטקעגן־געגאַנגען אין געסל — דאָס אַלץ איז ווידער צוריקגעקומען.

די בעקערין איז אַלץ נישט אַרויס פון זונס אַלקערל. אויף די טרעפּ גייט עמיצער. דאָס זענען שווערע טריט. אַ טיר עפנט זיך. די מידקייט האָט גובר געווען און זי האָט אָנגעהויבן צו דרימלען אויף דעם אויסגעריבענעם זאַק ביים אײַוועלע.

שפּעט בײַנאַכט איז אַוועק די בעקערין. תנחום האָט אַ קוש־געטאָן די מזוזה און אויפגעהויבן דעם פּאָרהאַנג.

ברײַנע איז געלעגן אַ נאַקעטע אויף דער פּאָדלאָגע.

ער האָט אַרויסגעלאָזט אַן אָפּגעהאַקטן געשריי און פּאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים. די מויד איז אויפגעשפּרונגען, אָנגענומען אים ביי אַ האַנט און געפירט צום געגרייטן בעט. ער האָט געוועדט זיך, אויסגערופן אויסטערלישע ווערטער וואָס זענען ברײַנען געווען אומבאַקאַנט. דאָס איז געווען אַ פּאַרשטיקט גערייד. ברײַנע האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דאָס נאַכט־העמד, אויסגעטאָן זײַנע שיך, געוואָלט אויסטאָן זײַנע קליידער. ער האָט זיך אָבער אײַנגעקאָרטשעט. כאָטש זײַנע ליפּן האָבן זיך באַוועגט האָט זי מער נישט געהערט קיין קול. דאָס ציטערן פון זײַנע געלענקען האָט זי צוערשט איבערגעשראָקן אָבער נאָכדעם ווי זי האָט דערפילט ווי זײַנע גלידער גלײַכן זיך אויס און גיסן זיך־אָן מיט קראַפט איז זי אויסגעבראָכן אין אַ פרייד־געלעכטער. עס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין דער נאַכט ווי אַ הירזשערײַ.

ברײַנע האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט און דערזען דורכן פענצטער אַן אויסגעשטערנטע ליכטיק־פּאַרשנייטע ווינטער־נאַכט.

קאַפּיטל עלף

אין די דערפֿער אַרום פּלינצק האָבן זיך אָנגעהויבן אומרוען פֿון די פּויע־רים.

זיי זענען געקומען אין די זונטיקס צו די קאָשטשיאָלן, געזאַמלט זיך ביי די קלויסטער־אַריינגענג און אויסגעהערט רעדעס. זיי זענען געשטאַנען געדול־דיקע מיט אַנטבלויזטע קעפּ און געזונגען אַן אַלט פּויערים־ליד. דאָס געזאַנג האָט דערמאָנט אָן דעם געקייקל פֿון אַ דונער וואָס מען קען קיינמאָל נישט וויסן אויב דאָס איז דער עכאָ פֿון אַ דונער וואָס האָט שוין ערגעץ אָפּגעדונערט אָדער דאָס איז דער אָנהייב פֿון אַ דונער, וואָס וועט באַלד צעטרייסלען די וועלט.

נאָך די זונטיקדיקע רעדעס האָבן די פּויערים אָנגעהויבן קומען אין המונים אויף די יאַרידים, נישט צום קויפֿן און פֿאַרקויפֿן, נאָר אויסגעפּוצטע, פֿייערלעך שווייגנדיקע. זיי זענען פֿאַרפֿאָרן אויף שליטענער אויסגעבעט מיט היי, מיט שטרוי ביז די מאַגיסטראַטן, זיי זענען אַוועק איבער די גאַסן. פּוטער־פּעלצן פֿון רויען שעפּסן־פֿעל, אָפּגעטראָגענע קורטקעס פֿון פֿאַראַבקעס מיט קעלנער פֿון האָזן־פֿעל. שווערע שטיוול בוקאַטענע מיט געמאַרשטשעטע כאַ־ליאַוועס. וואָנצעס שטעכיקע, אָנגעשטייפֿטע ביי די ראַנדן ווי פֿון פֿלאַקס, ווי פֿון דראָט. זיי זענען געגאַנגען איבער די גאַסן מיט שווערע פּויערישע טריט, געקלאַפּט זיך אונטער די פּאַכוועס מיט די פּוטערנע הענטשקעס, די אָנפֿינגער־דיקע, וואָס האָבן אויסגעזען ווי די לאַפּעטעס מיט וועלכע מען שאַרט קאַרטאָפֿל.

איינער אין שטאָטישע קליידער, אַ געל־האָריקער, מיט ברילן־גלעזער גע־שפּאָלטענע, האָט געטיילט קליינע בלעטלעך. דאָס זענען געווען אויפֿרופֿן צו די פּויערים אַז זיי זאָלן העלפֿן באַפֿרייען פּוילן פֿון דער ייִדישער אינוואַזיע. דער האַנדל ליגט אין ייִדישע הענט. די ייִדישע פֿאַרמיטלער נעמען אַוועק אייער פּראַצע פֿאַר גראָשנס. אַזוי איז געווען געשריבן אין די בלעטלעך.

ביים ראָג פֿון דער פּלאַצקער גאַס האָט זיגמונט פֿיעך דערזען אַז די אויפֿ־רופֿן טיילן יעזשי מאַרכלעווסקיס געדונגענע פֿאַרשוינען. עס איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן זיגמונטן און איינעם פֿון די אויפֿרוף־טיילער.

די פויערים זענען געווען גלייכגילטיק. פון טראַטואַר האָט עמעצער צאַרנדיק גערופן: אַ טויט די זשידעס!

ווידער אַ הייזעריקער געברום פון פויערים־המון.

מיכאַל איז געשטאַנען ביים האַלב־פאַרפראָרענעם פענצטער. די געשרייען זענען דערגאַנגען צו אים און אויסגעמישט געוואָרן מיטן גערויש פון דער מאַסע.

ביים ראָג איז דער וועג פאַר דער דעמאָנסטראַציע פון די פויערים געווען פאַרצוימט. עטלעכע פאָליציאַנטן מיטן קאָמענדאַנט קוכאַרסקי זענען געשטאַנען מיט געלאָדענע ביקסן. אין פראָסט האָבן געבלאַנקט די שאַרפע באַגנעטן.

אַ שאָס האָט אַ קלאַפּ־געטאָן ווי עס וואָלט זיך איבערגעבראָכן אַן אַלטער שטאָם.

און אַז מיכאַל האָט דערזען זיגמונטן אַן ארומגערינגלטן פון יעזשיס חברים, אַ צעבלוטיקטן, איז ער אַראָפּ פון די טרעפּ און אַריינגעריסן זיך אין פויערים־המון, כדי אַריבערצוגיין אויף דער צווייטער זייט גאַס.

— זיגמונט! זיגמונט! — האָט מיכאַל געשריגן. — פאַרוואָס העלפט איר אים נישט? עס איז דאָך אַנדזשעי פּיעכס זון! זיי וועלן אים דערהרגענען!

קיינער האָט זיך אָבער נישט איינגעהערט אין זיין געשריי. די מאַסע האָט זיך ענגער צונויפגעדריקט, ווייל די ערשטע רייען ביים ראָג זענען געבליבן שטיין.

עטלעכע מענטשן פון טראָטואַר האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער רייע. עס זענען געפאַלן אויסגעשרייען וואָס קיינער האָט זיי נישט געקענט פאַרשטיין. די רייען זענען צעשוומען־געוואָרן. די מענטשן פון גאַס האָבן זיך אויסגעמישט מיט די פאַרבייגייער. עמעצער שרייט קעגן די יידן, קעגן די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן וואָס העצן־אויף דעם נאַרוד. זיי שרייען קעגן די פּריצישע בלוט־זויגער. אַ געקלאַנג פון שויבן. אַ ווּיסטע אויסמישעניש. דאָס גלאָז קרישלט זיך אונטער די טריט.

מיכאַל איז אַריין אין מיטן פון געשלעג און באַשיצט דעם צעבלוטיקטן זיגמונט.

מיטאַמאָל איז אויסגעבראָכן אַ צאַרנדיקער הוראַ־געשריי. די מאַסע האָט זיך אַ וויג־געטאָן אויף צוריק און דערנאָך מיט פאַרצוויפלטן אימפּעט אַ שפּאַרגעטאָן פאַרויס. דאָס איז נישט קיין המון, דאָס איז אַ צעבושעוועטע סטאַיע אָקסן וואָס זענען אַרויס פון ווינטערדיקע שטאַלן. זיי טראָגן זיך איצט איבער

פאַרשניטע גאַסן מיט קעפּ אַראָפּגעזונקענע, מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, געווענדטע צו דער ערד.

די פּאָליציי האָט עטלעכע מאָל געשאָסן. אַ פויער איז געפאַלן. ער האָט זיך גלייך אויפגעהויבן און געלאָפן ווי אַ שיכור און צוקומענדיק נאָענט צום פּאָליציי־קאָמענדאַנט איז ער ווידער געפאַלן. פון מויל האָט אַרויסגעזעצט אַ רויטע שוים.

דאָס בלוט האָט אונטערגעצונדן די פויערים. רויט־פאַרלאָפענע פּנימער, צעשויבערטע טשופּרינעס, צעקנעפּלטע קורטקעס, הענט אויפגעהויבענע און אַן אָקסן־רעוועריי.

דערנאָך איז געוואָרן אויסטערליש שטיל. ממש אַ קלויסטער־שטילקייט.

מען האָט אַוועקגעפירט דעם פאַרווונדעטן פויער אויף אַ שליטן. עטלעכע פּאָליציאַנטן זענען אַריין אין אַנשלס שענק, געלאָפן צום הינטערשטן אַרויס־גאַנג און נעלם געוואָרן אין קאָזשע־געסל. דער המון איז דערגאַנגען ביז דער געביידע פון סטאַראָסטע. דאָרט האָט גערעדט אַ פויערים־פירער און דערנאָך האָט זיך באַוויזן וואָיטשעך פּיעך. עס איז אויסגעבראָכן אַ הילכיקער וויוואַט.

די פויערים האָבן אויסגעטאָן די הענטשקעס און געפּאַטשט מיט די הענט. זיגמונט האָט זיך אַרומגעוואָשן דאָס פאַרבלוטיקטע פּנים מיט שניי.

— פוילן וועט דערפירט ווערן צום אונטערגאַנג אויב מען וועט גלייך נישט דורכפירן די ערד־רעפאָרם. דאָס לאַנד איז פאַראָרעמט, ווייל עס זענען דאָ מיליאָנען פויערים אָן ערד. זיי גייען אַרום אויף דער ערד פון זייער היים־לאַנד וואָס איז נישט זייערע. אין שלום צייט גיבן מיר אַוועק דער ערד אונ־דזער שוויים און אין מלחמה־צייטן אונדזער בלוט, און דאָך געהערט זי צום גרויסן גוט־באַזיצער. היינט האָבן מיר אַוועקגעגעבן אומשולדיק פויערים־בלוט דעם טייוול. זיי ווילן אונדז טעראָריזירן! זיי ווילן אונדז אומריין־מאַכן מיט דער שנאה צום אומשולדיקן ייִד! זיי ווילן אייך אַוועקגעבן די ייִדישע קרעמלעך אין די ייִדישע סטראַגאַנעס פון די יאַריד־פּאָרער, נאָר די ערד ווילן זיי פאַר זיך! זיי ווילן אייך אויפהעצן קעגן דער קאָזשע־גאַס, קעגן די אומגליקלעכע ייִדישע שניידער און שוסטער!

אַנדזשעיס רייד זענען איבערגעריסן געוואָרן פון הוראַ־געשרייען.

מיכאַל האָט אומבאַמערקטערהייט געוואָלט דורכגיין דעם פּלאַץ און פאַר־קערעווען צו דער פּלאַצקער גאַס. איינער פון די פויערים־טוער האָט אים אָפּגעשטעלט.

— פאַרוואָס גייסט אַוועק? שרעקסט זיך? דו דאַרפסט רעדן צו די פויע־רים! דיין וואָרט איז וויכטיק. עס איז שווער נישט געקומען צו קיין פּאָגראָם

קעגן אייך. מען האָט געוואָלט אויפהעצן דעם המון. ווילסטו שווייגן? מיר גיבן דיר אַ געלעגנהייט, רייד צום פּוילישן פאָלק! רייד ווי אַ ייִד און ווי איינער וואָס איז געבוירן געוואָרן אויף דער ערד.

מיכאַלן האָט אַרומגענומען אַ קעלט.

ערשט איצט האָט ער דערשפּירט אַז עס איז אים פּראָסטיק־קאַלט. ער איז געווען אָן מאַנטל, אָן אַ הוט, בלויז אין אַ שוואַרצן וואָל־סוועטער. מען האָט אים געפירט אויבן־אָן.

שניי־געסקריפּ אונטער שטיוול. דער פאַרע־געקנויל אין דער ריינער ווינטער־לופט פון הייסן אָטעם.

די פּלוצימדיקע שטילקייט האָט אים באַרויִקט. די אויסגעשטרעקטע הענט, די וואַרעמע, פון אַלטן גרויען פויערים־פירער האָט מיכאַלן פאַרהיימישט מיטן המון.

— איך רעד צו אייך ווי אַ ייִד וואָס זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס זענען אויף דער דאָזיקער ערד געבוירן געוואָרן, די וואָס האָבן געהאָלפן אויפבויען פּוילן נאָך דעם אָנפאַר פון די שוועדן. די זיידעס מיינע האָבן אין פאַרבאַרגעניש תפילה־געטאָן צו גאָט אַז ער זאָל באַפרייען פּוילן פון די אָקופּאַנטן. זיי האָבן געיומטובט ווען פּוילן האָט באַקומען די ערשטע קאָנסטיטוציע. זיי זענען אַרויסגעגאַנגען מיט ברויט און זאַלץ באַגעגענען נאַפּאָלעאָנס חיילות, ווייל זיי האָבן געגלויבט אַז זיי ברענגען פּוילנס פרייהייט. ייִדן האָבן זיך באַטייליקט אין די אויפשטאַנדן קעגן צאַר. מיר האָבן די ערשטע דאָ אויסגעטראָטן די באַטשנע וועגן וואָס פירן פון דאָרף קוכאַר ביז ראַכעלקאַ, פון ראַכעלקאַ ביז קאָלאָזאַמבע, ביז דזשיקאָוויצע, וואָרעם מיר האָבן די דערפער אויפגעבויט. מיר האָבן זיך געשלעפּט איבער יאַרידים כדי אייך צו באַקליידן און באַשיכן. מיר האָבן דעם האַנדל אין אייער לאַנד איינגעפירט מיט דער גרויסער וועלט. אין געוויין פון די ווערבעס קען מען הערן ייִדישע תפילות וואָס עס האָבן דאָ אויסגעזונגען די וואַנדערנדיקע דאָרפס־ייִדן. איך זע דאָס ריינע פייער וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין אייך און ביי דעם פייער וועט איבערגעשמידט ווערן דאָס לאַנד פּוילן. די פּריצישע הערבן און די אַלט־שליאַכטישע זשאַוועד־פּאַנצערס וועלן איבערגעשמאָלצן ווערן אויף אָדלערס וואָס זייערע פליגל וועלן נישט צעשפּרייט זיין און די נעגל נישט אָנגעשפּיצט ווי צום רויבפּלי, נאָר מילדע אָדלערס מיט קעפּ געווענדטע צו די הייכן.

מיכאַל האָט זיך אָפּגערוט, געקוקט אויף די מענטשן פון דער פאָדערשטער רייע און געזען גלייכגילטיקע, קאַלטע פּנימער.

— איך ווייס נישט וווהין עס וועלן זיך פאַרקערעווען די פלאַמען פון אייער

פייער. עס קען זיין אַז אָנשטאָט דעם אמתן שונא וועלן די פייערן אַרומנעמען די אָרעמע יידישע גאַסן און אין די פלאַמען וועט אויך פלאַקערן פוילן...

ער איז געגאַנגען אַליין איבער די פוסטע גאַסן.

אַ ייִד אין אַ גרויסן מאַנטל מיט אַ צעשורפּעטער באָרד האָט צו אים מיט באַדויערן געשאָקלט דעם קאָפּ. אַ בייזע קעלט. דער שוויס איז פאַרפראָרן גע־וואָרן. כדי זיך צו דערוואַרעמען האָט מיכאל אָנגעהויבן לויפן. די האָר זענען אים געפאַלן אויפן שטערנווינקל און פאַרשטעלט אַן אויג. זיי זילבערן זיך פון פראָסט־אָטעם.

שעהן־לאַנג האָט ער זיך נישט געקענט דערוואַרעמען. ער איז געלעגן אין סוועטער אויפן בעט, פאַרהילט אין אַ פלעד, געציטערט, אַ צאָן האָט גע־קלאַפּט אָן אַ צאָן.

דער אָוונט פאַלט־צו. די פלומפּ אין מיטן מאַרק סקריפּעט אומהיימלעך. דעם סאַדאָווניקס ווייב האָט אַריינגעבראַכט הייסע טיי. מיכאל איז אַראָפּגע־שפּרונגען פון בעט. די ווענט זענען ענג געוואָרן. אין די קעל שטיקט אים.

מיכאל איז איינגעשלאָפן. שפּעט ביינאַכט איז ער אויפגעוועקט געוואָרן פון הילכיקע טריט, פון אַ קלאַפּעריי אין דער טיר.

אַ שאַרף ליכט האָט צעשניטן די פינצטערניש און געבליבן פאַרגליווערט אויף אַ נישט־פאַרענדיקט איילבילד. דאָס איז געוועזן דער אַקט פון סטעפען.

אַ וויסט געלעכטער אויסגעמישט מיט אַ גראָב־זידלעריי און קללות. איבער מיכאלס בעט זענען געשטאַנען עטלעכע פּאָליציאַנטן. ער האָט זיי דערקענט אין געפינקל פון די מעשענע קנעפּ. מיטאַמאָל איז ליכטיק געוואָרן. דער דער־שראָקענער באַלעבאָס האָט געשטאַמלט.

מיט אויפגעהויבענע הענט, ביי דער וואַנט, איז געשטאַנען מיכאל און צו־געקוקט זיך ווי מען שליידערט זיינע בילדער, מען וואַרפט דאָס בעטגעוואַנט.

— גיב דעם רעוואָלווער! ווו איז דער רעוואָלווער מיט וועלכן דו האָסט געשאָסן?

— איר זוכט דאָס געווער מיט וועלכן מען האָט היינט געשאָסן? אָט איז עס! — האָט מיכאל אָנגעוויזן אויפן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער. — איר האָט געשאָסן!

— זשיד!

אַ שווערע פויסט האָט אים צוגענאָגלט צו דער וואַנט.

— האָסט באַליידיקט דעם פּוילישן אָדלער און איצט באַליידיקסטו די פּאָליציי!

ווידער אַ שטויס מיט דער קאָלבע פון אַ ביקס. מיכאַל איז געפאַלן, אָנגעשלאָגן זיך אין דער טיר און שנעל אויפגעשטעלט זיך.

אַ קאַלטע יאַנואַר־נאַכט מיט אַן אויסגעפרוירענעם הימל, אַן אומהיימלעכער. דריי פּאָליציאַנטן פירן אים. פאָרנט גייט אַ ציוויל־געקליידטער פאַרשוין. אונטער זיין רוקן הערט ער אָפּגעהאַקטע רייד.

אַ גרויסער פוסטער צימער מיט אַ הילצערנער באַנג לענגאויס אַ וואַנט. אַ פאַרקראַטעוועט פענצטערל. די טיר איז באַקלאַפּט מיט זשאַווער־בלעך. צו דער טיר פירן צוויי נידעריקע באַריערעס ווי נידעריקע שטייגן.

מיכאַל זיצט שוין עטלעכע שעה אויף דער באַנק, אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן צו דער קאַלך־וואַנט. די בלעך־באַשלאָגענע טיר האָט זיך געעפנט מיט אַ זשאַווער־געסקריפּ. עס איז געקומען דער ציווילער מענטש און נאָך אים זיגמונט פּיעך, דערנאָך איינער פון די פויערים־טוער וואָס האָט גערעדט אין דער פרי צו מיכאַלן.

— נישט רעדן! — האָט אויסגעשריגן דער וועכטער און געטופּעט מיט די שטיוול.

די נאַכט־שעהן ציִען זיך לאַנג. גרויט עס שוין? ערשט ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן פּאָליציי־לייט, האָט מיכאַל דערקענט לויט זייערע פּנימער אַז עס איז שוין טאָג.

אַנדזשעי פּיעך איז געקומען. דער וועכטער האָט אים נישט געוואָלט אַריינלאָזן. עס האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל דער פּאָליציי־פּשאָדאָווניק. אַנדזשעי פּיעך האָט געפּאָכעט מיט זיין דעפּוטאַטן־קאַרטע און דערביי געשריגן, געמאָנט רעכט פון אַ סיים־דעפּוטאַט, געדראָט אַז פּוילן וועט אויפגערודערט ווערן פון דעם וואַנדאַליזם פון דער פּאָליציי און מען זאָל אים שוין, אין דער רגע, צולאָזן צום פּאָליציי־קאָמענדאַנט.

— וואַרפט מיך אַרויס! נאָר ווען איר ווען וועט אָנווענדן כוח, אַזוי ווי נעכטן, וועט איר מיך קענען באַזייטיקן פון דאַנען.

דער קאָמענדאַנט איז געקומען ערשט אין האַלבן טאָג.

— באַפרייט די אַרעסטירטע! אויב איר וועט דאָס נישט טאָן גלייך וועל איך אַריינטראָגן אַן אינטערפּעלאַציע אין סיים! איך עצה אייך אָפּצושטעלן די פּראָוואָקאַציע אין סאַמע אָנפאַנג! איר ווילט טרויעריק־באַרימט ווערן? עס זענען דאָ טויזנטער עדות — — —

דער גרויער פויערים־פירער האָט נישט פאַרענדיקט און איז האַסטיק

אַרויס פון דער פּאָליציי־געביידע, נישט אומקוקנדיק זיך אַפילו אויף די אַרעסטירטע.

דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט מיעטש־קוכאַרסקי, דער הויכער ביינערדיקער פּלוטאָנאָווער פון דער לעגיאָנערן־אַרמיי מיט דער פּאַרריסענער נאָז און אָפּגעדעקטע נאָזלעכער, מיט די צוואָרפּענע שטופּלען אויפן גרויען פּנים, האָט געמאַכט אַ קאַריערע אין נייעם פוילן. אַ זון פון אַן אָרעמען פויער, נישט ווייט פון סאָכאַטשין, איז ער דערגאַנגען צו דער ראַנגע פון אַ פּאָליציי־קאָמענדאַנט פון גאַנצן פּאָוויאַט.

אָנגעהויבן האָט ער אַלס סאָלדאַט אין דער פּוילישער אַרמיי. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער שלאַכט מיט די באָלשעוויקעס ביי דער ווייסל און געווען עדות פון „צוד נאַד וויסלאָן". דערנאָך איז ער זיגרייך אַריין אין אוקראַינע, אַזש ביז קיעוו. דאָ האָבן די פּוילישע פּאָלקן געליטן אַ מפּלה און מיעטש־קוכאַרסקי איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו דער רויטער אַרמיי. ערשט אין פלען האָט אים אַ געפאַנגענער לעגיאָנער געלערנט לייענען און שרייבן פּויליש. נאָך ליידן און אַ סך צרות איז ער צוריקגעקומען אין זיין דאָרף. היות קיין ערד האָט דער פּאָטער נישט געהאַט פאַר אים און ווערן אַ פּאַראָבעק האָט דער „אויפגעקלערטער" מיעטש אויך נישט געוואָלט איז ער געוואָרן אַ פּאָליציאַנט. זיין פּאָטער און דער זיידע האָבן באַאַרבעט די פעלדער פון די יאָסעס. ער האָט זיך דאָס דערמאָנט ווען מיכאל יפת איז געבליבן שטיין פאַר אים אין פּאָליציי־צימער. דער קאָמענדאַנט האָט געווישט די ברילן־גלעזער. נישט ביי אַלע אויספאָרשונגען האָט ער אָנגעטאָן ברילן. עפּעס אַ שיכור אָדער אַ פאַרדעכטיקן אין גנבה — זיי האָט ער באַטראַכט שטייענדיק און אַפילו נישט אַרויסגענומען די ברילן פון טאַש.

נאָך אַ לאַנג און אומהיימלעך שווייגן, ווען ער האָט שוין דאָס דריטע מאָל געהאַט אָנגעהויכט מיט אַן אויסגעקרומט מויל די ברילן־גלעזער און זיי אויסגעווישט, איז ער אויפגעשטאַנען.

— פּאַניע יפת, זיצט. איר דאַרפט נישט שטיין...

מיעטש האָט געהאַט דערפאַרונגען. ג. פּ. אָר־קעלערן אין קיעוו. אויספאָרשונגען. ער איז געשטאַנען אין מאָל פאַר פעליקס דזשערזשינסקין אַליין! דערנאָך פאַרריגלטע וואַגאָנען. אַכציק פאַרשיקטע אין איין וואַגאָן. 5 וואָכן אין וועג. לייז האָבן צעפרעסן דאָס לייב. פראָסט־נעכט אין אָפענעם פעלד, ווייל מען האָט צוגענומען דעם לאָקאָמאָטיוו. דערנאָך איז געקומען דער אויסטויש פון געפאַנגענע מיט פוילן.

— וווהין ווילסטו דערפירן פוילן, צום באָלשעוויזם?

דאָס איז נישט געווען קיין פראַגע געווענדט צו מיכאַלן, נאָר צו דעם פויערים־פירער, ווייל ער האָט אויסגעשטרעקט אַ דראָענדיקע האַנט צו דער טיר דורך וועלכער עס איז אַוועק דער סיים־דעפּוטאַט.

— פאַרוואָס האָט מען איך פאַרהאַלטן?

— איך ווייס נישט.

— דו ווייסט נישט? כאַ־כאַ־כאַ.

ער איז צוגעקומען נאָענט צו מיכאַלן און אים גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ־געטאָן איבער דער פּלייצע.

— מאַלאַדיעץ, זעסט אויס ווי אַן אמתער יעוורעיסקי קאָמיסאַר פון גע־פּעאו... — מיעטש האָט הנאה געהאַט פון אַריינמישן רוסישע ווערטער. זיין פּנים האָט געלויכטן מיט עפּעס אַ משונהדיקער גרויער קאַליר. — ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועסטו זיכער ווערן אַ קאָמיסאַר... דאָס איז דאָרט אַ זשידאָווסקי פּאַך... כאַ־כאַ... איצט, אַז דו וועסט האָבן אַ סך צייט, גאָר אַ סך צייט... וועל איך דיר מיטגעבן אַ געשענק אין טורמע אַריין, דאָס בוך פון פּוי־לישן גראַף ראַניקער „פעליקס דזשערזשינסקי". וועסט זען אַז מיר זענען אַנט־קעגן יענע „טאָוואַרישטשעס" דיינע הימלישע מלאכים.

אַזוי האָט מיעטש אָנגעהויבן זיינע געשפּרעכן מיט אַלע פּאָליטישע אַרעס־טירטע און אויך ביי אַנשלען אין שענק, נאָכן טרינקען, האָט ער תמיד דאָס איבערגעחזרט.

— הער קאָמענדאַנט, אַ דאַנק פאַר די עצות... ביכער וועל איך זיך שוין אַליין אויסקלייבן. אין וואָס באַשולדיקט מען מיך?

מיעטש האָט אָנגעטאָן די ברילן, אויסגעגלייכט דעם רימען, אַרויפגע־לייגט די האַנט אויפן לעדער־טאַש פון רעוואָלווער און געזאָגט:

— באַלד וועט קומען דיין מוטער, די פּאַני יוטאַ. איך שעץ זי, דערפאַר רעד איך צו דיר ווי אַ מענטש. דו האָסט דאָס אַפילו נישט פאַרדינט. איך זע שוין פאָרויס דיין קאַריערע. דו וועסט ווערן אַן עכטער רעוואָלוציאָנער. וועסט ביי זיי שטייגן און נאָך דעם ווי דו וועסט פאַרשעמען די געדעכעניש פון דיין אָפּשטאַם, דעם גרויסן נאָמען פון מיכאל יפת, וואָס האָט אָנטיילגענומען אין דער פּוילישער פּאָווסטאַניע און אַרויפגעצויגן אויף דיינע גלויבנס־גענאָסן די שנאה פון פּוילישן פאָלק, וועסטו אין איינע פון די נעכט אַנטלויפן קיין מאָס־קווע. איך האָב גאָרנישט קעגן די פּאַליאַקן־פּויערים וואָס פאָדערן ערד. עס איז זייער רעכט. אָבער מיט דער רגע ווען אַ ייִד שטעלט זיך אַוועק זיי העלפן איז דאָס קאָמוניזם. אַנדזשעי פּיעך איז אונדזערס אַ צרה. פאַרוואָס זאָלן מיר,

פאַליאַקן, ליידן פון אַ פאָלק וואָס איז ביי אונדז צוגאַסט... איך וועל זאָגן דיין מוטער אַז זי זאָל דיך אַוועקשיקן פון פוילן... וועסט אָבער פריִער שטיין פאַר אַ משפט... ביסט באַגאַנגען דריי פאַרברעכנס... געהעצט די פויערים צו אַן אויפשטאַנד. באַליידיקט דעם פוילישן אָדלער בעת דיין רעדע. אויסגעטראַכט אַ בלבול אויף דער פוילישער פאָליציי אַז זי האָט געשאָסן אויפן המון...

מיכאַל האָט געוואָלט ענטפערן, נאָר די אומגעוויינטלעכקייט פון קאָמענ־דאַנטס ליגנס האָבן אים געליימט.

— דו שווייגסט?

די שפּאָרן האָבן אַ קלימפּער־געטאָן. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט די ברילן, פאַרשטעקט זיי. די שטופּלען זענען געוואָרן שאַרפער. מיכאַלן איז אויסגעקומען אַז זיי שפּרינגען אַרום אויף די קינבאַקן, אויף דעם קאָמענדאַנטס נאָז, אַזוי ווי קליינע איינגעקאָרטשעטע שפּינען אויף אַ גרוי שפּינען־געוועב.

אויפן דריטן טאָג איז מיכאַל באַפרייט געוואָרן. זיגמונטן מיט דעם פויע־רים־טוער האָט מען אַרויסגעלאָזט מיט אַ טאָג פריִער.

די בריטשקע איז געפאָרן דורך היימישע וועגן.

עס איז שוין אָנהייב פעברואַר. צעטייעטער שניי. נאַקעטע פעלדער. סטערטשנדיקע גראָזן, פאַריאָריקע קוקן אַרויס פון ווייס־געלבלעכע שנייען ביי די וועג־קאַנאַוועס. אַ פאַרלאָזטער באָטשאַנען־נעסט אויף אַ קליאָן־בוים.

— וויאָ, וויאָ.

דער מאַמעס שטים איז טרערנדיק. די לייצעס זענען לויז. די פערד פאָלגן נישט איר רוף. זי איז איבערגעפּולט מיט רייד און ווייס נישט ווי אָנצוהייבן. זעט אויס אַז דער זון איז שוין אויף אַן אמת אַ דערוואַקסענער. מען קען שוין נישט געפונען די ווערטער.

אַן אויפגעשטעלטער קאָלנער. צוגעשלאָסענע אויגן, איינגעקורטשעט, אין אַ ווינקל פון געזעס מיט פּיס פאַרהילטע אין אַ שווערן פּלעד. די מאַמע וויינט. ער וויל נישט הערן איר שטום געוויין. ער קורטשעט זיך נאָך מער איין, פאַר־דעקט זיך און וויל אַנטלויפן אין שלאָף אַריין. נאָר ער קען נישט איינשלאָפן, כאָטש דריי נעכט האָט ער נישט צוגעשלאָסן די וויִעס. ער איז געזעסן אויף אַ שמאָלער באַנק, געוויגט זיך און יעדעס מאָל ווען דער קאָפּ איז געזונקען צו די קני איז אויסגעבראָכן אַ געשריי.

יוטאַ איז צוריקגעפאָרן מיט אַ פעסטן באַשלוס; פאַרקויפן דאָס הויז, דינ־גען וועגענער און איבערקלייבן זיך קיין וואַרשע. די פעלדער וועלן בלייבן אין

אַרענדע און אַז די צייט פון אַרענדע וועט זיך ענדיקן פאַרצעלירן די ערד און איבערגעבן זיי די פויערים, לויט די אָפיציעלע פרייזן פון דער מלוכה.

דער דעמב איז מיט אַ פרישן שניט פון אַ זעג. עמעצער האָט נישט לאַנג צוריק אָפּגעשניטן אַ דיקן צווייג, אפשר דעם דיקסטן. דעם דעמבס קרוין איז נעבעכדיק. יוטאַ האָט אַפילו נישט געוואָלט אָפּשטעלן די פערד. זי האָט אָפּגע־וואָנדן דעם קאָפּ און געפּאַכעט מיט דער בייטש: וויאָ. וויאָ.

פון דער גימנאַזיע איז געקומען אַ בריוו אַז מיכאל איז אויסגעשלאָסן גע־וואָרן און ער וועט נישט צוגעלאָזן ווערן צו די מאַטורע־עקזאַמענס. עס דינט אים דאָס רעכט צו אַפּעלירן צום בילדונגס־מיניסטער. געחתמעט איז געווען אונטער דעם שריפט: גוסטאַוו הערבערט.

אין די נעכט האָט מיכאל נאָך אַ מאָל איבערגעלעבט יענע געשפּרעכן מיט מיעטש־קוכאַרסקי און כאָטש דאָס זענען געווען לאַנגע מאַנאָלאָגן פון אויסגע־דאַרטן, געשטופּלטן קאָמענדאַנט, האָט איצט מיכאל, אין האַלב־שלאָף געענט־פערט אויף די פאַרפלאָנטערטע רייד וואָס ער האָט געהערט אין יענעם טאָג, בעת דער אויספאָרשונג.

— ...דאָס איז אַ נויטווענדיקייט, די אַגראַר־רעפאָרם... אַזוי ווי מען דאַרף רעגולירן די טייכן אין פלאַכלאַנד פון מאַזאָוויע וואָס ווערן אַלץ מער און מער פאַרזומפּיקט און פאַרוואַנדלען די לאַנקעס אין טאָרף־באַגנעס, אַזוי דאַרף מען רעגולירן דעם ערד־פּראָבלעם, אַז פּוילן זאָל נישט ווערן אַ שטייענדיקע זומפּ... איר האָט אויסגעשלאָסן מער ווי אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג פון עקאָנאָ־מישן לעבן. זיי זענען אַזוי אָרעם אַז דאָס איינציקע וואָס זיי געברויכן איז זאַלץ און שוועבעלעך און אַ ביסל נאַפט... צווינגט־אויף אַז די גוטבאַזיצער זאָלן איינגיין אויף דער רעפאָרם... עס איז נאָך נישט שפּעט... איר וועט זיך אויך נישט קענען פאַרטיידיקן אין צייט פון אַ מלחמה... ווי אַזוי קען זיך פאַרטיידיקן אַן אַגראַר־לאַנד קעגן דעם אָנפאַר פון טאַנקען? איר וועט זיי אַנטקעגן־גיין מיט פערד?... דו באַטראַכטסט מיך פאַר אַ פרעמדן. דאָס איז אומרעכט. דאָרט וווּ עס זענען געשטאַנען אונדזערע וויגן און דאָרט וווּ מיינע זיידעס האָבן געבויט געבעט־הייזער — דאָרט איז אונדזער היים... וועט פּוילן נישט אָפּהיטן דעם פּרינציפּ וועלן אויך אירע קינדער געטריבן ווערן פון אוקראַינע, פון ליטע, פון פּאָליעסע, פון שלעזיען... איר ברעכט אַן עלעמענטאַרן געזעץ וואָס שטאַרקערע וועלן דערנאָך אויך אָנווענדן קעגן אייך! אייער טראַגעדיע באַשטייט אין דעם וואָס איר האָט איבערגענומען פון צאַרישן רוסלאַנד די מאַכט־פאַרבלענדעניש און קעגנערשאַפט צו רעפאָרמען און פון די דייטשן האָט איר איבערגענומען

דעם מיליטאַריזם. די באַפרייונג פון פוילן איז געשען נאָך דעם ווי דער צאַ־ריזם איז געבראָכן געוואָרן און עס איז געפאַלן דאָס ווילהעלמישע דייטשלאַנד. איצט ווילט איר איינפירן ביי זיך אין לאַנד דעם צאַרישן פעלקער־האַס און דעם פּרייסיש־יונקערישן מיליטאַריזם. איר האָט איבערגענומען די מעטאָדן פון די וואָס האָבן אייך הונדערטער יאָרן אונטערדריקט — — —

אין דעם האַלב־שלאָף און האַלב־חלום האָט זיך מיכאַל נישט געקענט דערמאָנען אויב די רייד זענען טאַקע געזאָגט געוואָרן בעת די נאַכטיקע גע־שפּרעכן מיט מיעטשען אָדער ער רעדט זיי איצט צו זיך אַליין. ער געדענקט ביז וויטיק דעם געפינקל פון די ברילן־גלעזער און די באַוועגלעכע פּאָקן אויפן שאַרן פּרצוף.

— — — מיין פאָטער האָט געאַקערט אייערע פעלדער... איך האָב אים געהאָלפן. דיין זיידע איז געווען אַ גוטער ייִד. אין אייער הויף האָבן זיך אויפ־געהאַלטן לעגיאָנערן. איך ווייס ניט אויב דאָס איז געווען פון ליבשאַפט צו פוילן אָדער אַן אויסרעכענונג אַז דער צאַר וועט סיי־ווי פאַלן און איר האָט געשטעלט אויף אַ גוטער קאָרט... איך קען אָבער נישט פאַרגעסן אַז איינער פון דיינע קרובים האָט אויפגענומען אַ באָלשעוויקן־פּאַטרול. זייערע פערד האָבן גע־קראָגן היי און אַוודאי אויך אינפאָרמאַציעס. ער איז אפשר נישט געווען קיין באָלשעוויק, דיין קרוב, נאָר ער האָט אַזוי ווי דיין צווייטער קרוב, אויסגערעכנט אַז עס איז אַ גוטע קאָרט אויב זיי וועלן זיגן — די רויטע. עס איז נישט מער ווי חשבון. צאָלן וועלן מיר, פּאָליאַקן. דו שטעלסט אויך אויף אַ קאָרט; האָסט גוט אויסגערעכנט, די ערד־רעפאָרעם ווערט דורכגעפירט אין מערב־אייראָפּע. עס גייט אָן די דאָזיקע סחורה אויפן וועלט־מאַרק. וועסט זיך איינקויפן אין יחוס ביי די אַנדזשעי פּיעכס און זיינע „פּאַכאָלקעס". וועסט מאַכן אַ קאַריערע. אַהאָ! סוחרישע קאַלקולאַציעס... דער אָרעמער פּויער, וואָס גייט אַרויס פאָדערן ערד איז גערעכט, אָבער עס איז נישט גערעכט אַנדזשעי פּיעך וואָס וויל ווערן דער הערשער פון פוילן. ער איז אַ צווייפּאַכיקער פּאַרעטער, פון פוילן און פון זיין פּריצישן שטאַם. דו ביסט געבליבן טריי די טראַדיציע פון דיינע זיידעס. דו, מיכאַל, ביסט זייער בעסטער יורש... איך בין זיכער, אַז ערגעץ אין אייערע „קאַבאַלאַ־ביכער" זענען פאַראַן גענויע אָנווייזונגען ווי אַזוי אויפצופירן זיך... איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענעם שוואַרצן זשיד מיט דער ייִדישער מאָרדע פון קיִעווער געפּעאו. איך וועל נישט פאַרגעסן אַז אַ קרוב פון די יאַ־סעס איז נעלם געוואָרן קיין רוסלאַנד. איצט שטודירט ער וועלט־רעוואָלוציע אין מאָסקווע. דו ווילסט אַרויספירן די פּויערים אין אַן אויפשטאַנד. עס איז די זעלביקע זאַך; וועלט־אונטערגראַבונג. טויזנט יאָר האָבן מיר אייך טאָלערירט,

געדולדיקט. איצט קומט אַ יאָס און זאָגט דעות... איך האָב רעספּעקט פאַר דיין מוטער. זי איז פאַרבונדן מיט פּוילישער קולטור. איר לשון איז אונדזער לשון. דיין פאָטער איז אָבער אַ פרעמדער. דו האָסט געירשנט פון דער מוטער פּוילישע ערד און פון פאָטער „וועלט־דערלייזונג״. איר רעדט זיך איין אַז איר זענט פּאָליאַקן, אַז איר זענט וועלט־באַפרייער. און איך זאָג אייך אַז איר זענט ייִדן, נישט מער ווי ייִדן וואָס טראָגן מאַסקעס אַזוי ווי אין אייער „פּורים״. די אייביקע פּורים־שפּילער אויף אונדזער ערד. עס וועט קומען אַ צייט ווען מיר וועלן די מאַסקעס אַראָפּרייסן און עס וועט זיך דעמאָלט אַנטפּלעקן דער אייביקער ייִד וואָס בייגט זיך אין די נעכט איבער קבלה־ספרים און זוכט פאַרבאָרגענע סודות פון וועלט־הערשאַפט... דער דעמב־קבר פון דיין עלטער־זיידע איז אַ טייל פון אונדזער געשיכטע. איר האָט אין אַ שווערע צייט דאָך עפּעס געטאָן און דאָס מאַכט מילדער דיין שולד, מיכאַל יפת — — —

עס איז שוין טאָג. דער האַלב־לבנה־אויסשניט אין די לעדן איז אַזוי ליכטיק אַזש עס שטראַלט מיט לאַנגע ליכט־שפּיזלעך, אַזעלכע דיקע, ווי די וואָס די מאַמע נוצט ביים שטריקן די וואָלענע סוועטערס. אין דעם איבעריקן טייל צימער איז נאָך אַ געדיכטע שפּינוועבסענע פינצטערניש.

די פּעטערס זיצן אַרום דעמבענעם טיש, טרינקען טיי, בייסן האַרטע שטיקער צוקער, ווישן דעם שווייס פון די קופּערנע פּנימער.

די פּאַרע פון סאַמאָוואַר ליגט נידעריק, ממש אויפן טיש. עס לויכטן אַרויס די גרויסע פּייכטע הענט.

אויבן־אָן זיצט דער ברייט־אַקסלדיקער פּעטער עליע מיט דער געקרייזלטער באָרד וואָס דערמאָנט אין קרענצלעך קנאָבל. אַ צעאַקערט פּנים פון ברוינע קנייטשן ווי אַ שטיק קאָרן־פעלד אַ רייפס, וואָס איז צעטראָטן געוואָרן פון רינדער.

דער פּעטער סענדער זעט אויס ווי אַ פאַרקנוילטער וואָלקן פון וועלכן עס קוקט אַרויס אַ קיילעכיקע לבנה, אַ לויטערע, אַ שטראַלנדיקע. עס ווייעט פון אים מיט קילקייט פון פאַרטאָגיקע פעלדער און מיטן ריח פון ליפּעוועביימער.

דער פּעטער וויגדער מיט דער פאַרמעליקטער באָרד, וואָס אָט־אָט וועט זי זיך צעשטויבן אין ווינט און אַרומשוועבן מיט דער פּלעווע. ר' וויגדער האָט אָוועקגעלייגט ברייט די ידים אויפן טיש, צעקנעפּלט דעם ווייס־גרויען פּעלץ וואָס זעט אויס ווי אַ צעוירן ראַזעווע ברויט און ברומט אַ ניגון פאַר זיך אַליין, ממש אין טעפּל טיי אַריין.

דער פּעטער זאַלמען, אָדער זאַלקע ווי מען האָט אים גערופן, מיט דער צו־

געשניטענער באָרד און גוייִשע וואָנצעס, ברוינע ווי די בלעכן זשאַווערדיקע, דרימלט. דאָס איז אייגנטלעך נישט קיין דרימלען נאָר אַזאַ פּלוצימדיקע פֿאַרטראַכטקייט וואָס איז אים באַפֿאַלן. ער שאַרט מיט די שטיוול, פּרוווט אויס אויב ער שטייט טאַקע אויף אַן אמת אויף דער ערד און נישט אויף קראַקוועס פֿון דעכער.

ער האָט זיך צוגעוווינט נישט אַראָפּצוקוקן אויף דער ערד, ווייל דעמאָלט קען זיך חס־ושלום דער קאָפּ פֿאַרדרייען. לייגן בלעכן און קוקן צו די הימלען! — אַזוי פֿלעגט ער שרייען צו זיינע יונגען.

דער פֿעטער עליע האָט אים אַ שטויס געטאָן.

— זאַלקע, וועסט נאָך אַראָפּפֿאַלן פֿון דאַך!

דאָס מאָל האָט קיינער נישט געלאַכט. די גריץ איז געווען קאָכעדיק. דער ריח פֿון ריישעכץ, פֿון די געפּרעגלטע געגדזענע גריוון, אָנגעברענטע אין ווייצן מעל, פֿאַרברוינטע מיט שטיקער ראַזעוון ברויט, די הייסע קאַרטאָפֿל, די אָפּגעזייעטע לענגלעכע „יאַנקעס" פֿון מעליקן סאַרט און דערנאָך ווידער טיי, פֿאַרעדיקער, עכטער „וויסאָצקי" און דאָס קנאַקעריי פֿון האַרטן צוקער צווישן די ציין.

מיכאָל איז געזעסן ביים קאָכלנעם אויוון און געוווסט אַז דאָס איז די לעצטע שבת־צו־נאַכטסדיקע סעודה פֿון דער משפּחה און מאָרגן הייבט זיך אָן אַ פֿראָסטע וואָך מיט פֿערד געשפּאַנטע צו שווערע וואָגנס וואָס וועלן אים און דער מאַמען אַוועקפֿירן קיין וואַרשע.

אין דער צעפּראַלטער טיר איז געשטאַנען דער פֿעטער געצל. ער האָט עפּעס געזאָגט צו די ברידער ביים טיש, געריבן די הענט און טיף געאָטעמט דעם ריח פֿון דער אָנגעברענטער גריץ.

דער פֿעטער געצל איז געווען אַן אויפֿקויפֿער פֿון בהמות. עס האָט אַ ווייע געטאָן מיט טאַבונען אָקסן, מיט וואַרעמע קי־שטאַלן.

יוטאַ האָט אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש אַ קיישל ווינטער־אויבסט. געצלס פּעלץ איז געלעגן צופּוסנס, ביים טיש און עס האָט דערמאָנט מיכאָלן אין אַ דרימלענדיקן שעפּס.

די פֿעטערס זענען אַוועק נישט מיט איין מאָל. איינצלווייז. זיי זענען זיך צעגאַנגען שווייגנדיקע, כמורנע, ברייט צעפּראַלט די טירן, צוגעהאַקט זיי און די שטיוול־טריט האָבן לאַנג געהילכט אין דער נאַכט.

אַ צעריסענער פֿאַראָם וואָס די געהילצער ווערן געטראָגן פֿון נאַכטיקע וואַסערן — האָט מיכאָל געטראַכט.

ערשט איצט איז מיכאָלן קלאָר געוואָרן אַז דאָס הויז איז אונטערגעגאַנגען.

דער ווינט אין די לעדן, דער מאָך וואָס פאַלט פון שינדל־דאַך, — אַלץ זאָגט אים אָן דעם סוף.

דאָס ליכט אין דעם בליך־לאָמפּ צאַנקט, פלאַמט־אויף. כאָטש די טירן און די פענצטער זענען פאַרמאַכט, דאָך יאָגט אַרום אַ ווינט אין שטוב. איז דאָס פון דער מאַמעס אָטעם?

זי שטייט לעבן זיין בעט. ער פילט איר האַנט וואָס פאַרריכט די דעק. אי־רע פינגער גלעטן זיינע האָר. זי בייגט אַוועק די האָר־לאָקן וואָס פאַלן אויף דעם שטערן ביז די ברעמען.

— מאָרגן פאָרן מיר אַוועק. מיר וועלן פאָרן אין דער זעלבער קאָטש מיט וועלכער איך האָב דיך געבראַכט. איך האָב זי געלאָזט פאַרריכטן און באַ־שלאָגן אויף ס׳ניי די רעדער. מיר וועלן, זון, פאַרבייפאָרן די זעלביקע דער־פער און שטעט... איך וועל זיך אָפּשטעלן אין דער שענק ווו מען האָט ביים אָנ־געגליטן אויוון איינגעריבן דיך מיט בראָנפן. איך האָב אַזוי זיך געשראָקן אויב דו ביסט נישט פאַרפרוירן געוואָרן אין וועג... ביסט געלעגן אַ נאַקעטער אויף די הענט פון שענקער. אַרום זענען געשטאַנען פורמאַנעס, טרעגער, סאַדאָווני־קעס, טראַטווע־טרייבער און דאָרפס־גייער... פון דעמאָלט זענען דיינע געבליטן הייס געוואָרן... היט זיך מיין זון, מיין מיכאַל, פאַרן הייסן בלוט וואָס רינט אין דיר. איך האָב נישט קיין צער וואָס עס איז געשען מיט דיר בעת דער פויערים־דעמאָנסטראַציע. איך האָב געמוזט אַוועקגעבן אויף צען יאָר די פּאַשע־פעלדער צו אַנטאָני לעוואַנדאָווסקי... פאַר דעם געלט האָב איך דיך אויסגעקויפט פון דער פּאָליציי. דו ווייסט נישט וויפל מי עס האָט געקאָסט אַרויסצורייסן דיך פון זייערע הענט. זיי האָבן געוואָלט מאַכן אַ משפט כדי צו באַווייזן אַז די פויערים־אומרוען זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורך פרעמדע, דורך ייִדן.

יוטאַס פנים איז געווען שאַרף־געשאַטנט. די קינבאַקן קאַנטיק. בלויז די שלייפן און דער שטערן האָבן געלויכטן. איר קול איז געקומען ווי פון אַ טונקל־ניש אַרויס.

— דו ביסט שוין צוואַנציק יאָר. איך פיר דיך צוריק קיין וואַרשע. עס איז שוין נישטאָ קיווע, וואָס זאָל טרייבן די פערד. דו וועסט דערנאָך אַוועק פון מיר. איך האָב געהאָפט אַז דו וועסט איבערנעמען דאָס הויז פון די יפתס. דיין פאָ־טער איז פאַרפרעמדט געוואָרן. איך האָב דיך, דעם ייִנגסטן, געוואָלט האָבן נאָר פאַר זיך. איך האָב דיך געזען אין מיין חלום אויף די היימישע פעלדער, ביי די וואַסער־מילן, ביסט מיר אַנטקעגן־געריטן אויף די שניט־פעלדער, האָסט זיך געטראָגן אויף אַ בריטשקע איבער יאַרידים. איך האָב געזען ווי דו טיילסט אויס געהילצער צו בויען שולן, ווי דו נעמסט אויף געסט. איצט, וועסטו ווי דער־

טאַטע אַרומשפּאַצירן אין די גאַסן פון וואַרשע מיט אָרעמע שניידער־געזעלן און אויסגעהונגערטע אינטעליגענטן. דיין זיידעס וועלט איז געווען פּאַרמעט, דיין טאַטנס וועלט — צייטונגס־פּאַפּיר און ביכעלעך געדרוקטע אויף געל פּאַ־פּיר. ער זיצט איצט גאַנצע טעג אויף נאַוואַליפּיע־גאַס אין אַ יידישן רעסטאָ־ראַן מיט האַלב־צעדרייטע אַקטיאָרן און שרייבער. עס שמעקט דאָרט מיט קנאָבל־זופּ, מיט איבערגעשטאַנענע באָרשטן און מיט הערינג... אַלץ וואָס איך האָב געירשנט איז פאַרזעצט, פאַרקויפט. עס ענדיקט זיך שוין... נאָך אַ יאָר־צוויי... היט זיך מנחם, מיכאַל, היט זיך פאַרן הייסן בלוט וואָס רינט אין דיר, פאַרן בלוט וואָס איז אויפגערודערט געוואָרן אין דיר אין יענער דאָרפישער שענק... אַ גוטע נאַכט...

מיכאַל איז מער נישט געשלאָפן. ווי נאָר עס איז גרוי געוואָרן אין דרויסן, איז ער אַרויס פון בעט, אָנגעטאָן די בורקע און געעפנט דעם שווערן קייטל פון דער טיר.

אַ סוף־ווינטערדיקער פאַרטאָג. עס שמעקט מיט פוילנדיקן היי. דער ריח קומט פון די שטעלער.

אין הויף איז שוין דאָ דער פעטער זאַלקע.

— אַ גוטער אויפשטאַנד דיר! — ער קלאַפּט זיך מיט די הענט אונטער די פאַכוועס נישט אַזוי פון דער פרימאָרגנדיקער קעלט ווי פון קוראַזש. פון דער שטאַל זענען אַרויס די צוויי פערד.

— מ׳דאַרף שפּאַנען — האָט זאַלקע גערעדט צו די פערד. זיי אָטעמען אים אַריין אין די הענט, דעקן אָפּ די ציין און אַנטפּלעקן אַ שוימיק מויל. עס איז גוט זיי צו פּעטשלען איבער די גלאַנציקע הינטנס. די וואַרעמקייט זייערע גיט זיך אין אים איבער.

די קאַטש מיט די הויכע רעסאָרן און די צוויי נייע דישלעס איז געשטאַנען אין מיטן הויף, נישט ווייט פון דעם ברונעם.

יוטאַ איז אַרויס פון שטוב אָנגעטאָן אין ברוינעם פעלץ, דעם אויסגענייטן מיט קאָליריקע פעדעם. זי איז אַ רגע געשטאַנען ביי די פערד און דערנאָך באַ־טראַכט די רעדער, געקוקט אויף די קלאַניצעס און כמעט ווי נישט באַמערקט דעם ברודער זאַלקע.

מאַמע און זון האָבן זיך אָנגעקוקט. מיכאַלן איז אויסגעקומען אַז די מור־טער באַדויערט דאָס נאַכטיקע געשפּרעך און בעט פאַרגעבונג פאַר די רייד וועגן פאָטער. ערשט איצט האָט ער דערזען די קנייטשן פון איר פּנים. די מויל־

ווינקלען אירע זענען אַראָפּגעלאָזן און באַוועגן זיך. דאָס מאַכט איר טרויעריק ווי ערב געוויין. באַלד וועט עפּעס געשען מיט איר.

דורכן קליינעם שייבל זענען פאַרבייגעלאָפן טאָפּאָליעס, טעלעפאָן־סלופּעס און שטיקער פעלד. ווען די גומי־רעדער האָבן געקלאַפּט אויף געהילץ פון דער בריק האָט זאַלקע אויסגעדרייט זיך פון דער קעלניע און אַריינגעשריגן אין דער קאַטש:

— דאָס איז האָט געערירט! עס גייען שוין די קריִעס!

קאַפּיטל צוועלף

אין איינעם פון די ווינטער־טעג איז סטעפּאַ לעוואַנדאָווסקאַ געקומען צו רייטן צו דער מיל. זי האָט צוגעבונדן דאָס פערד צו דער באַריער פון דער בריק, אָפּגעקלאָפּט דעם שניי פון די שטיוול און שפּילנדיק זיך מיטן שפּיצרוט געגאַנגען זען אַלישן.

זי איז שטיין־געבליבן אין דער מיל־קאַנטאָר און געקלאַפּט מיט דער בייטש אין די ברוינע שטיוול־כאַלעוועס.

— אַליש, דערקענסט מיך נישט?

אַליש האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן די זעק. פאַר זיך האָט ער געהאַט אַ טיש מיט אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן, מיט טיילן פון אַ מאָטאָר; עפּעס אַזעלכע ציינער־דיקע רעדער און רינגען. ער האָט געוואָלט שמייכלען צו איר און נישט גע־קענט. דורכן פאַרמעליקטן פּנים האָבן זיך דורכגעשלאָגן רויטע פלעקן. די הענט האָבן זיך אים געביילט ביז ווייטיק אַזש די נעגל האָבן זיך איינגעשניטן. אים וואָלט איצט דערלייזט דער מאָטאָר־געברויש אָדער דאָס אָנשלאָגן זיך פון די וואַסערן אָן די דאַמבעס. ליגט אָבער דער טייך אַ פאַרקאָוועטער אין אייז און אין דער מיל הערשט אַ טויטע שטילקייט. אַזאַ שטילקייט האָט אַליש קיינ־מאָל נישט אָפּגעפילט. נישט קיין ווינט־געברויש, נישט קיין סקריפּעריי פון אַן אַקס אויף זייטיקע וועגן, נישט קיין הייזעריק קול פון אַ פויער און קיין געביל פון הינט. ער הערט נאָר דאָס הייסע שלאָגן פון האַרץ.

— פאַרוואָס שווייגסטו? — האָט סטעפּאַ געפרעגט.

אַליש וואַרט אויף עמעצן וואָס זאָל אים אויסלייזן. וואָלטן זיך כאָטש אַ טראָג־געטאָן די שפּאַקן הינטער די בעלקעס פון דער מיל און מיט אַ פליגל־פּאַטשעריי אַרויסגעפליגן דורך דער געעפנטער טיר אַזוי ווי זיי טוען דאָס תמיד ווען עמעצער קומט אַריין אין דעם קאַנטאָר, זענען זיי געזעסן, שטילע, אין אַ רייע אויף די דרענגער ווי זיי וואָלטן געפּלעפּט געוועזן פון סטעפּאַס ליכ־טיק און צעשמייכלט פּנים.

ער ווייסט זי פאַרטרייבן פון דער מיל און דערנאָך לויפן איבער די וועגן,

טאָרגלען זיך אין שניי פּאַר רציחה און אויסשרייען דאָס געשריי פון כעס און נקמה.

— איך בין נישט שולדיק געווען...

ווידער איר הכנעהדיק געלעכטערל.

ער וועט זי איינקלעמען. כעס און נקמה אויסגעמישט מיט אַ לוסט וואָס שטייגט יעדע רגע און עפּעס פון יענער ריינער, תמימותדיקער ליבע, האָט גענומען אויפגיין ווי עס גייט־אויף פון אַש אַ לאַנג־שוין אויסגעגאַנגער שייטער.

גראָד די שנאה וואָס האָט אַרומגעבושעוועט אין אים איז עס געווען ווי דער ווינט וואָס האָט פון אונטערן אַש צעבלאָזן דאָס פייער.

ער וועט זי אַ וואָרף־טאָן צופוסנס פון שטויס זעק, אין ווינקל וואָס פירט צום שפּייכלער, ער וועט זי אָוועקפירן ווייט פון דאַנען צו יענעם טאָל ווו ער האָט זיך דעמאָלט געוואָלגערט אַ פּאַרבלוטיקטער, מיטן שאַנד־שראַם פון איר פאָטערס בייטש וואָס איז געבליבן אויף אים נאָך ביזן הייניקן טאָג, און דאָרט, אויפן שניי, ביים ליכט פון טאָג, אונטער די האַזענע קוסטעס זאָל גע־שען דאָס וואָס ער האָט אויסגעחלומט אין די נעכט.

די שעה איז געקומען. ער איז געגאַנגען צו איר מיט איילקע טריט. צו־ערשט האָט זיך סטעפאַ אָנגעהויבן צוריקצוציען. דאָס האָט געדויערט נאָר אַ מינוט. דערנאָך איז איר ברוסט שטייף געוואָרן און זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פוטער־פּעלץ און אַריינגעלאַכט אין דעם יונגליש צעכעסטן פּנים.

נאָך די ווינטער־פּעריען איז דאָס „בלייבע מלאכל" נישט אַזוי שנעל צו־ריקגעפאָרן קיין פּלינצק. זי האָט אויסגעפונען הונדערטער אויסריידן פאַר דער מוטער.

נאָר די פּאַראַבקעס האָבן געוווּסט אַז זי רייט אין די פאַרנאַכטן צו דער מיל פון די לאַדינאַס און פירט אַ ליבע מיטן יונגן אַליש.

פּויערטעס, וואָס זענען געגאַנגען אָנקלייבן ריטלעך אין האָזן־טאָל, האָבן דערציילט וועגן די מעשים פון פּראַבאַשטשס ממזר מיט אַ נישט־געצלמטן. עס איז אַ טאָפּעלע זינד וואָס קיין גוטס וועט דערפון נישט אַרויסקומען; אַ זינד קעגן דער מוטער און קעגן דעם פּראַבאַשטש. פּאַראַבקעס, וואָס זענען געקומען צו די היי־סטאָגעס אויף די ווייטע לאָנקעס, האָבן נישט איין מאָל געטראָפן דאָס פּריצישע טעכטערל מיטן מילנערס זון.

מיכאל האָט זיך אויך דערוווּסט וועגן דער באַנייטער ליבע פון אַלישן מיט סטעפאַן. עס זענען געקומען אַלישעס ברידער בעטן מיכאַלן אַז ער זאָל אָפּרעדן אַלישן פון די געניג. עס דערנענטערט זיך אַ צרה.

אַנטאַני לעוואַנדאָווסקי איז שוין עטלעכע מאָל פאַרפאָרן צו דער מיל, אַרומגעגאַנגען אין די ווינקלען, געבייטשט מיטן קאַנטשיק און פון רציחה גע־ברומט. ער איז אַוועק נישט אַרויסרעדנדיק צו קיינעם קיין וואָרט.

איינמאָל האָט זיך אַפילו דער פּראָבאָשטש פאַרהאַלטן ביי דער מיל. אַלי־שעס עלטערער ברודער האָט אַראָפּגעצויגן דעם הוט און אַריינגעבעטן דעם גלח אין קאַנטאָר אַז ער זאָל זיך דערוואַרעמען.

— וויפל ברידער זענט איר?

— פיר.

— איך קען נאָר צוויי. ניין, דריי... ווער איז דער פערטער?

— אַליש איז דער יינגסטער.

דער הייליקער האָט זיך אַרומגעקוקט, איינגעהערט אין צוויטשעריי פון די פייגל.

— גוט וואָס גאָטס פייגל האָבן זיך ווינטער ווו צו נערן. פאַרטרייבט זיי נישט פון דאַנען. זיי עסן דאָך נישט אייערע קערנער, נאָר דאָס וואָס דער אַל־מעכטיקער שענקט... אַליש? האָסט אָנגערופן דעם נאָמען פון יינגסטן. איך קען אים... איך וועל דיר אַפילו אַ סוד פאַרטרויען, נאָר זאָלסט נישט איבערדער־ציילן, אַליש איז געקומען אין קלויסטער אַריין. איך האָב געמיינט אַז כאָטש איינער פון אייערע וועלן געפינען דעם ריכטיקן וועג. אוי, בלאָנדזשעט דאָס פאָלק ישראל... נאָר גאָר פאַרבלאָנדזשעט האָט דיין ברודער אַליש... ער בלאָנ־קעט אַרום גאַנצע טעג אין האָזן־טאָל און פאַרפירט אַ קריסטלעכע נשמה...

ער האָט געקוקט צו די בעלקעס וואָס זענען געווען באַזעצט פון פייגל, איבערגעצלמט זיך און פרום געשעפּטשעט. אין דער רגע האָט זיך די טשאַטע אַ טראָג־געטאָן מיט אַ געצוויטשעריי ממש איבערן קאָפּ פון גלח צו די שניי־פעלדער.

— גוט וואָס איר נערט גאָטס פייגל ווען די וועלט ליגט אונטערן שניי.

סטעפאַ האָט זיך געגרייט אַנטלויפן מיט אַלישן קיין וואַרשע. אין אַ שבת־דיקן נאָך־מיטאָג, ווען די פּאַני מאַריאַ און אַנטאַני זענען געווען צוגאַסט אין סאָכאַטשין, האָט זי צונויפגענומען אין אַ קופערטל אַביסל וועש און עטלעכע קליידלעך. זי האָט דעם קופערט אַוועקגעטראָגן אין שייער און פאַרדעקט מיט היי. אירע עלטערן וועלן צוריקקומען מידע און בגילופינדיקע אַרום האַלבער נאַכט. ווי נאָר עס וועט פינצטער ווערן אין זייער שלאָפצימער וועט זי אַרויס צו דער גלעזערנער ווערענדע און וואַרטן אויף אַלישן.

צוערשט איז דערגאַנגען צו איר אַ קלאַפּעריי פון פערד און רעדער־גע־

רויש, דערנאָך דאָס קריגעריי פון די עלטערן ביים אַראָפגיין פון דער קאָטש. אין פינצטערן קאָרידאָר זענען אָפּגעהאַקט געוואָרן עמעצנס טריט. לויערט מען אויף איר? זי פילט שוין אַ הייסן אָטעם. איז דאָס דער פאָטער?

— וואָס שלאָנדערסטו זיך אַרום ווי אַ דינסטמוידיד?

דאָס איז דער פאָטער.

שטיל ווי אַ קאָץ גנבעט זיך סטעפאַ צו די טרעפּ וואָס פירן צו איר צימער. אַ פאַרטייעטע שטילקייט. ווי לאַנג איז שוין דורך זייט דאָס נאַכטיקע געשריי פון פאָטער?

אָ, גאָט, אַ פערד הירזשעט! דאָס געשפּאַן קלימפּערט־אָפּ. עס איז נישט ווייט! לעבן די פענצטער. דאָס איז אַליש.

דער שאָטן פון פאָטער איז פאַרגליווערט געוואָרן ביי די גלעזערנע טירן. סטעפאַ האָט נישט געקענט צוגיין צו דער טעראַסע. וואָס גייט ער נישט שלאָפן?

זי וועט שרייען: אַליש, אַליש! אַנטלויף!

אַליש גייט איצט צו דער שטאַל. מען הערט דעם געסקריפּ פון טריט אין הויף. סטעפאַ האָט פאַרבראָכן די הענט און צוריקגעלאָפן אין איר צימער, צעפּראַלט דאָס פענצטער און איז אַרויסגעשפּרונגען. עס איז געווען אַ שפּרונג פון ערשטן שטאָק און איר פאַל האָט זיך אָפּגעשלאָגן רעשיק, כאָטש זי איז געפאַלן אין אַ האַלב־פאַרשנייטע מאָכיקע גראָזן און אין אַ שוואַרצער ערד־קאַנאַווע.

די נאַכט איז צעריסן געוואָרן פון אַנטאָניס געשרייען.

— אָהאָ־ אָהאָהאָ!

ווידער אַ קלינגעריי פון געשפּאַן און אַ געלויף פון רעדער.

— יעזוס, מאַריאַ, שוויענטאַ, באַשיץ מיך און באַשיץ דעם אָרעמען אַליש... יעזו...

דער בולאַנער הירזשעט. זעט אויס אַז דער פאָטער זאָטלט אים אָן. נאָך אַ רגע און עס וועט זיך אָנהייבן דאָס געיעג. סטעפאַ קען זיך נישט אויפהייבן. זי זינקט די ערד איז פייכט. נאָדלען שטעכן־דורך איר לייב. איצט לויפט דער בולאַנער איבערן האַרטן וועגל. דאָס געקלאַפּעריי פון דער בריטשקע דערווייטערט זיך. אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דיר, באָזשע מאַי...

ווען יוטאַס קאָטש איז געפאָרן דורכן מאַרק אין פלינצק איז געוואָרן אַן אָנלויף פון מענטשן. דער פעטער זאַלקע האָט זיך אָפּגעשטעלט פאָיען די פערד. ער וועט פאַר איין וועגס אויך שוין אַ קוק־טאָן וואָס עס איז געשען.

צווי פּאָליציאַנטן האָבן געפירט אַלישן. זיינע הענט זענען געווען געבונדן.

— מ׳האָט דעם יונג געכאַפּט אויפן גוטאַזשעווער וועג...

— ער האָט געוואָלט באַגנבענען דעם פריץ לעוואַנדאָווסקי.
— ער האָט אים געכאַפּט... געיאָגט אים אויף זיין פערד...

די טרעגער האָבן געקוקט מיט שטוינונג און מיטלייד אויפן יונג וואָס איז געגאַנגען אַ פאַרבלוטיקטער צווישן די פּאָליציאַנטן.

מיכאַל איז אַרויס פון דער קאַטש, דורכגעשלאָגן זיך אַ וועג און אַנטקעגן־געגאַנגען אָלישן.

— אָליש?

דער מילנער־יונג האָט אַ טרייסל־געטאָן דעם קאָפּ:

— גלייב נישט! עס איז אַ ליגן! סטעפּאַ האָט מיך ווידער אָפּגענאַרט! מי־כאַל, איך בין נישט קיין גנב!

איינער פון די פּאָליציאַנטן האָט אָלישן אַ שטויס־געטאָן מיט דער ביקס.

— שווייג!

ער איז אַריין אין דער קאַטש, צוגעהאַקט דאָס טירל. אָלישעס פּנים איז אים געשטאַנען דעם גאַנצן וועג פאַר די אויגן. די פערד זענען געלאָפן דורך דער שול־גאַס. באַלד וועט ר׳ תנחום יאַשפּעס גיין זאָגן תהילים. ברײנע וועט דעמאָלט נעמען ביידע קיבלעס און גיין נאָך וואַסער צו דער פּלומפּ. זאַלקע קוקט אַריבער דעם בית־עולם־מויער און זעט מצבות.

צו מערב וועלן זיי שוין זיין אין זאַקראָטשין.

אויף דער שוועל פון אַ גויִישער שענק שטייט אַ יונג. מיכאַל האָט אים גלייך דערקענט. דאָס איז קיוועס זון. יוטאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם וואָל פון איר הוט און איז אַריין אין דער שענק איבערוואַרטן ביז מ׳וועט אָנפּאָיען די פערד.

דער פרעמדער האָט זיך ביז דער העלפט פאַרנייגט פאַר יוטאַן און איר אָפּגעטראָטן דעם וועג מיט גרויס כבוד.

— דו ווייסט ווער איך בין? — האָט אים מיכאַל געפרעגט, אַז די מוטער זאָל נישט הערן.

— אַ יאַקושע... מיין טאַטע האָט אַמאָל געטריבן די פערד...

— איך בעט דיך אַז דו זאָלסט מיר העלפן.

דער יונג האָט זיך אָנגעצונדן פאַר פרייד.

— אַזוי ווי ס׳איז מיר הייליק דער פּאַן־בוג... אַזוי ווי דער אָנדענק פון טאַטן איז מיר טייער... איך וועל טאָן, מיכאַל, וואָס איך וועל נאָר קענען...

— דעם מילנערס זון, אָלישן, האָט מען אַוועקגעפירט אין דער טורמע. מען האָט אויסגעטראַכט אויף אים אַ בילבול. ער איז נישט קיין גנב. דאָס האָט

אים אויסגעגעבן סטעפּאַ, די טאָכטער פון דעם פּריץ. העלף אַלישן. ער זיצט צווישן די גנבים אין דער פלינצקער תפיסה...

דער יונג האָט זיך געוואָלט איבערצלמען ווי אַ צייכן אַז ער וועט אַלץ טאָן, ער האָט נאָר צוגעלייגט די האַנט צום האַרצן און זיך געבייגט.

פאַרטאָג, נאָך דעם ווי די בעקערין יאָשפע האָט אויסגעדרוקט דאָס ברויט פון אויוון און אויסגעלייגט די הייסע קיילעכיקע ברייטלעך אויף די פּאָליצעס, האָט זי צוגעשלאָסן די בעקעריי און איז אַוועק מיט אַ וואַרעם ברייטל אונטער דער פאַטשיילע צום זון תנחום.

עמעצער פון די באַלעגאָלעס האָט איר אַנטקעגן־געטראָגן דעם „גוט־מאָרגן". ברײנע איז שוין געשטאַנען אין קיך און געשאַרט די פּייערקעס.

— נו, ברײנע... — זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן דער שנור. דאָס ברייטל האָט איר געוואַרעמט די הענט. דער ריח פון קאָרענעם ברויט איז זיך צעגאַנגען איבער דער שטוב.

— נו, טאָכטער...

די מויד האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס די אַלטע וויל, נאָר עפּעס האָט זי אַרויסגעפילט וואָס די בעקערין מיינט און אַ היץ האָט זי באַשלאָגן.

— דו מוטשעסט אים נישט אין די נעכט? — דערזעענדיק אַז די מויד באַהאַלט איר פּנים איז זי אין כעס געוואָרן און זיך צעשריגן:

— זע נאָר, האָסט דאָך די בעטן אַפילו נישט פאַרבעט? אוי וויי, עס איז שוין אין האַלבן טאָג! סאַראַ ווירטשאַפט דו פירסט!

יאָשפע האָט אָפּגעדעקט דאָס איבערבעט און דאָרט עפּעס געזוכט.

— זאָלסט זיך אויפפירן ווי אַ ייִדיש קינד, הערסט ברײנע? זאָלסט איינ־האַלטן די טריפהנע יוכע! זאָלסט נישט בושעווען. מיינער איז נעבעך פון דער וועלט געגאַנגען. עס איז אַן אײדלס! הערסט?

די שנור האָט אַרויסגעלאָזט די פּייערקעס און זיי זענען אַראָפּגעפאַלן מיט געקלימפּעריי.

— וואָס לאָפּעסטו אויף מיר מיט ווילדע שליפּיעס? מיינסט ברײנע־קרוין, אַז ער איז עפּעס אַ באַלעגאָלע, עפּעס אַ טרעגער? ס'רינט אין אים בלוט פון מלאכים. דאַרפסט זיך באַנוגענען מיט זיין תורה־לערנען. זעט נאָר מענטשן איר געשטעל? אוי, זי וועט מיר נאָך ברענגען פון דער וועלט מיין תנחומל. איך וויים דאָס. אוי, גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך געשטראָפט?

די בעקערין האָט אַלץ געקוקט אויף די צעוואָרפענע בעטן, פאַרבראָכן דערביי די הענט און אַריינגעריסן זיך אין זונס אַלקערל.

— נו, תנחום?

דער זון האָט געענטפערט מיט אַ שטילן געברום, געקוקט אויף די קליינע שייבלעך און געווישט זיי מיט די לאַנגע בלייכע פינגער.

— אוי, ווי איז מיר־נישט, דער גאַנצער טאַטע... עס זאָל נאָר אויסגיין צום גוטן... וואָס האָב איך דערלאָזט צו דעם? וווּ איז געווען מיין פאַרשטאַנד?...

אריה פראַנקינס לידער זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ וואַרשעווער זשורנאַל. דאָס זענען געווען געזאַנגען צו די פעלדער פאַרנאַכטיקע ווו עס טונקלען סנאָפּעס נאָר־וואָס געשניטענע זאַנגען. ער האָט געזונגען צו די שני־טערינס וואָס גייען פון די שניט־פעלדער. אַלץ וואָס איז שיין אויף דער ערד איז פול מיט טרויער און פאַרגייט. די זומפּן פאַרצ:ען זיך מיט שליים און דאָס פוילעכץ פון די גראָזן גיט זיך איבער דעם מענטש. ווי פלעווע פון אויסגעדראָ־שענע זאַנגען זענען אונדזערע רייד. אַלע זענען מיר פאַרדעקט מיט שימל־שליים. רירט דאָס נישט־אויף ווייל איר וועט דערזען דעם תהום. ווי איז צו דיר, בן־אָדם, וואָס האָסט אַריינגעקוקט אין אויפגעריסענעם תהום. דו האָסט דאָרט געזען טשאָטעס דערוואָרגענע פייגל און פאַרקוילטע שטערן וואָס זענען אין די נעכט אַראָפּגעפאַלן פון די הימלען.

אסתר שניצער האָט אויסגעהערט די לידער, געבראָכן די ביינערדיקע פינגער. די גרויסע טרויעריקע צימערן זענען פול געוואָרן מיטן שווידער־געצ־לעכטער וואָס נאָר זי אַליין האָט געהערט אין די פאַרנאַכטן. באַלד וועט זי אויסברעכן אין אַ געשריי צו פאַרטויבן די שרעק און דאָס פרעמדע געשריי וואָס דערוואַכט. די שרעק שאַרט זיך אַרום ביי די פינצטערע ווענט פון לאַנגן קאָרידאָר.

פראַנקינס לידער דערוועקן אין איר אַ רחמנות צום י:נגן בחור. ער זעט אויס ווי אַ גרינער שאָטן וואָס וואָגלט אַרום אויף זומפּיקע פעלדער. זיינע פינ־גער ציטערן אויפן ראַנד פון טיש. ער טרויט זיך נישט אויפצוהייבן דעם קאָפּ. דאָס העפטל לידער ליגט פאַר אים אָפן. זי האַלט זיך איין מיט אַלע כוחות אַז עס זאָל נישט אויסברעכן דאָס געשריי. פראַנקין איז אַזוי שטיל, אַזוי רו:יק.

פאַרוואָס רעדט ער נישט? פאַרוואָס שטעלט ער זיך נישט אויף? וואָס האָט אים געליימט? איך ווייס נישט: דאָס איז ער פּחד, די שרעק וואָס גנבעט זיך אַרום אין דעם הויז. זי איז פאַרבאָרגן אין די שאַפעס, אין די ווינקלען פון די צימערן. די ווענט זענען פול מיט געל־געוואָרענע יידן אין שטייפע היטן, אויס־טערלישע פרויען אין שטערנטיכלעך. אַלע האָבן וואַקסענע פּנימער. דאָס זע־נען די פאַרגאַנגענע דורות. די ספרים אין דער שאַפע זענען מיט צייכנס פון

סקעלעטישע הענט וואָס האָבן זיי געבלעטערט שוין נאָך דער קבורה. זיי קומען אַהער ביינאַכט פון בית־עולם. דער אָרון־קודש איז אויך מיט נייע צייכנס פון הענט וואָס ציִען זיך צו די פאַרמעטענע ספרים. אַז אסתר שליסט די אויגן זעט זי געשטרעקטע הענט צום פרוכת. אַפילו די טירן זענען מיט שפורן פון הענט. טייל מאָל הערט זי טריט וואָס בלייבן פלוצים אָפּגעהאַקט ביי איר שוועל. זי לויפט אין נאַכטהעמד, פּראַלט־אויף די טיר. עס איז קיינער נישטאָ. זי קוקט אַרויס פון פענצטער. די וואַסער־פּלומפּ אין מאַרק פּלומפּט זיך אַליין. צוויי עמער וואַסער וויגן זיך. דעם מענטש זעט זי נישט. אָ, גאָט, דאָס זענען זיך אַליין מטהר טויטע, אומגעקומענע אין די זומפּן. זאָל זי לאַכן? ניין! מען טאָר נישט לאַכן ווען טויטע גייען אַרום איבערן מאַרק און ווילן זיך מטהר זיין! אירע ליפּן ברענען. זי בייסט זיי מיט די ציין.

— אריה, עס איז אַזוי טרויעריק.

איר קאָפּ איז אַרויפגעפאַלן אויף זיינע הענט. זי וויינט. הייסע טרערן בריִען אים. ער איז שטאָלץ וואָס די לידער זיינע האָבן זי אויפגערודערט. איר האַנט איז הייס און פייכט. ער פילט אירע ביינערדיקע הענט. זיי קלאַמערן זיך אָן אים אַזוי וויטיקדיק ווי די אַרויסשטאַרנדיקע צווייגן בעת מען לויפט דורך אַ געדיכטן וואַלד.

דער פעטער עליע האָט זיך איינגעהערט אין שטילן געקלאַפּ אין די לאָדנס.

— האָ, קטאָ טאַם? צו אַלע וויסטע שדים!

קיינער ענטפערט נישט.

דאָס איז דער רעגן. דער שלאָף נעמט נישט, דעם זקן. די קאָטש איז שוין אַחדאי אין נאָוועדוואָר. די באָטשנע וועגן זענען שוין זיכער צעווייקט געוואָרן. אַזאַ שליאָטע.

ווידער אַ שטיל קלאַפּן אין די פענצטער.

דער אַלטער איז אַראָפּ פון געלעגער, אָנגעצונדן די לאָמפּ און צוגעלייגט די באָרד צו די שויבן.

— ווער איז עס?

אַ פאַרשטיקט שעפּטשען, האַלב אין יידיש און אין פויליש.

— אַן אייגענער... סוווי... פּאַניע עליאַש... איך קום פון וויט... איך בין געקומען זען יוטאַן... עס איז דאַרט פאַרמאַכט... איך בין אַן אייגענער...

עליע האָט אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסל די בורקע, געעפנט דעם גרויסן קייטל, דערנאָך דעם ריגל.

אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק אין אַ טונקעלן מאַנטל מיט אַן אויפגעשטעלט

קעלנערל, אין אַ קאַפּעליוש. ער איז געשטאַנען אין מיט פון צימערל און עס האָבן געראָנען פון אים שטראָמען וואַסער.

— ווער זענט איר? זיצט, וואָס שטייט איר? איר זענט דאָך אויסגעווייקט! איז עפּעס חס־ושלום געשען?

אַ נישט־ראַזירט פּנים, אַן איינגעפאַלנס. אַנגעשוואָלענע ליפּן. אַ גרויסער שטערן, געקנייטשט צווישן די ברעמען מיט בלאָע אָדערן.

דער פרעמדער האָט זיך אַרומגעקוקט און שטיל געזאָגט:

— איך בין אָסקאַר פון דער משפּחה יאָס.

דער אַלטער האָט אָנגעהויבן צו ציטערן. די בורקע איז אַראָפּגעפאַלן פון די אַקסל. ער איז געגאַנגען מיט וואַקלדיקע טריט צום בעט און זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד. עס האָט לאַנג געדויערט ביז עליע איז געקומען צו זיך.

פון שכנותדיקן צימערל איז אַרויס דאָס ווייב. זי האָט זיך איינגעקוקט אין פרעמדן און דערנאָך שווייגנדיק אַריינגעלייגט טרוקן האָלץ אין אויוון. זי האָט גלייך דערקענט ווער דער פרעמדער איז נאָר מיט אייזערנע כוחות זיך איינגעהאַלטן צו זאָגן אַ וואָרט. די אַלטע האָט געפּאָרעט זיךביים אויוון. דאָס איז דאָך איר שוועסטער־קינד, דער וואָס איז אַנטלאָפן מיט די באָלשעוויקעס קיין ראָסיי, ווען זיי זענען צוריקגעטראָטן פון סאָכאַטשין. דאָס האַרץ איז איר אָבער איבערגעפולט געוואָרן און זי האָט מער נישט געקענט שווייגן.

— אָשרל, זאָלסט וויסן אַז דיין מאַמע איז געגאַנגען פון דער וועלט צוליב דיר. מען האָט נאָך היינט נישט קיין רו פון דער פּאָליציי. יעדעס מאָל קומט מען פרעגן... אוי, ווי, אָשר, וואָס האָט עס דיר געטויגט?

— גיי אַרויס, יידענע! — האָט עליע אויסגערופן. — שווייג, מאַך נישט קיין יללות. מען וועט נאָך דערהערן. שטעל דעם סאַמאָוואַר.

דער פרעמדער האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל און אַוועקגעזעצט זיך ביים טיש.

— טריקן זיך ביים אויוון. אַזאַ רעגן. די וואַסערן האָבן שוין געריסן אין דער דזשאַלדאָווקאַ. תמיד ווען עס רירן די וואַסערן געשעט עפּעס. אַזוי פון לאַנגע לאַנגע יאָרן, זייט איך געדענק. עס זאָל נאָר זיין צום גוטן. יוטאַ זאָל כאָטש דערפאָרן בשלום.

זיי האָבן געטרינקען טיי אין דער פינצטער.

אָסקאַר איז געלעגן אויף דער שלאָף־באַנק, צוגעדעקט מיט אַ פּערענע און גערעדט צום אַלטן עליע פּראָסטע רייד, אַז ער זאָל אים פאַרשטיין.

— איך בין שוין פינף יאָר אין פוילן. מען האָט מיך אַריבערגעשיקט דורך דער גרענעץ מיט עטלעכע מענטשן. איך בין געווען דער איינציקער ייד צווישן

זיי. איך האָב נישט געקענט קומען אַהער ווייל מען וואָלט גלייך געוווּסט ווער איך בין. מען וואָלט מיך דערקענט. איצט מעג איך שוין.

— דאַנקען גאָט, ער זאָל דיך באַשיצן... הייסט עס אַז דו ביסט שוין...

דער אַלטער עליע האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי צו פרעגן אים די פראַגע. וואָס הייסט ער „מעג שוין״?

עס איז שטיל געוואָרן. דער רעגן האָט אויפגעהערט.

— איצט ווילן מיך אומברענגען די אייגענע און אויך די פּאָליציי. איך גלייב מער נישט קיינעם. אַלץ איז אַ ליגנט. פינף יאָר האָב איך אַרומגעוואַנדערט איבער פּוילישע שטעט און דערפער. איך האָב אָנגעפירט מיט שטרייקן פון לאָדזשער וועבער. איך בין געווען אַ דרוקער פון פאַרבאָטענע צייטונגען אין וואַרשע. איך האָב גערעדט פאַר קוילן־גרעבער אין קאַטאָוויץ. געווען דריי מאָל אין מאָסקווע געפאָרן קיין בערלין. צוריקגעקומען כדי צו מאַכן אַן איבערקע־רעניש. איך האָב דערזען אַז אַלץ איז נישט מער ווי געצן־דינערײ. עס איז אַ זומפּ. אַ פאַרדאָרבענער שטייענדיקער זומפּ. איך האָב געוואָלט רייניקן די פּאַר־טיי. איי, ר׳ עליע, איר וועט מיך נישט פאַרשטיין. מען האָט מיך גערופן צוריק, קיין מאָסקווע איך האָב געדאַרפט דורכגיין די גרענעץ ביינאַכט ביי מאַלקין, לעבן ביאַליסטאָק. איך בין אַוועק. דאָס איז געווען אַ פּאַסטקע וואָס מען שטעלט־אָן אויף וואָלד־חיות. זיי האָבן אונדז פשוט איבערגעגעבן אין די הענט פון די פּוילישע גרענעץ־וועכטער. אין דער לעצטער רגע, ממש דורך נסים, בין איך אַנטרינען פון אַ זיכערן טויט. איך בין צוריקגעקומען קיין וואַרשע. מען האָט מיך באַשולדיקט אין פּחדנות, אין טראָצקיזם, אין פּראָוואָקאַציע. מיין נאָמען איז געשענדעט געוואָרן. איך בין געבליבן אַליין, אַ היימלאָזער, פון אַלעמען פאַרטריבן, פון אַלעמען פאַרפּאָלגט. מען האָט מיר געשטעלט אַן אולטימאַטום: צוריקצוגיין קיין מאָסקווע. איך בין דאָך זייערס אַ בירגער. פון פּוילן בין איך אַנטלאָפן, פון רוסלאַנד — אַנטלאָפן, פון יידישן פאָלק אַנטלאָפן. איך בין אין ערגעץ נישט אָנגעקומען און וועל אין ערגעץ נישט דערגיין. אומעטום זע איך נויט און בלוט. דאָרט, אויף יענער זייט, ווו עס דאַרף זיין דער „גן־עדן״, איז אַ גיהנום. עס איז ברידער־מאָרד.

— פאַרוואָס האָסטו פאַרלאָזט דיין היים, דיין ערד ווו דו ביסט געבאָרן געוואָרן?

— דאָס האָט מיך אויך געפרעגט אַ פּאַרטיי־פאַרשער ערב מיין אַרויס־פאָר. ער האָט געזעצט מיט די פויסטן אין טיש אַריין און געשריגן: — דו האָסט דעזערטירט פון דיין היים, פאַרלאָזן דיין לאַנד פּוילן, פאַרוואָס?

— איך האָב נישט געוואָלט לעבן אין אַ קאַפּיטאַליסטיש פּוילן — האָב איך דעמאָלט געענטפערט.

— עס איז אַ ליגנט! — האָט אויסגעשריגן דער נ.ק.וו.ד.־מענטש. — דו ביסט געקומען שפּיאָנירן. דו ביסט געשיקט געוואָרן פון פּילסודסקין אַליין. דו שטאַמסט פון ייִדן קולאַקעס. דיינער אַן עלטער־זיידע איז געווען אַ פּוילישער נאַציאָנאַליסט. מיר ווייסן אַלץ. מיר פאַרשטייען דיך גוט. — מען האָט מיך געלאָזט וואַרטן אין אַ פּוסטן צימער. דערנאָך איז געקומען אַ צווייטער אויס־פאַרשער און מיך איינגעלאַדן אין אַ רעסטאָראַן. ביי פּולע גלעזער וואָדקאַ האָט מען מיר געזאָגט: דיינע פּאַפּירן זענען גרייט. וועסט אויספירן אַ שליחות. גע־דענק, אונדזערע הענט וועלן דיך אומעטום דערגרייכן. צומאָרגנס האָט מען מיר געמאַכט אַ באַנקעט. מיר האָבן געטרינקען פאַרן קאָמוניזם, פאַרן פירער פון די פעלקער און פאַר דער רעוואָלוציע אין פּוילן. פינף יאָר בין איך גע־גאַנגען אין געשפּאַן ווי אַ בלינד פערד וואָס דרייט אַ מילשטיין. איצט לויערן זיי אויף מיר. איך האָב געבלאָנדזשעט, פעטער עליע, געבלאָנדזשעט. מיינע טריט ווערן געהיטן. ווי אַ שאָטן איז מיר נעכטן נאָכגעגאַנגען יאַן באַרטשוק. דאָס איז דער פּאַליאַק וואָס איז צוזאַמען מיט מיר אַנטלאָפן. ער איז אַ קאָלאָ־זאַמבער. נאָר ער ווייסט אַז איך וועל קומען קיין סאָכאַטשין צו דער משפּחה. עס קען זיין אַז ער וועט זיך באַווייזן היינט אָדער מאָרגן. ער דינט ביידע גע־טער — די פּאָליאַקן און די רוסן. ער איז געפערלעך. מען האָט אים דאָרט אַזוי געהייסן.

דער אַלטער עליע האָט געקרעכצט, אונטערגעהוסט, באַמיט זיך צו פאַר־שטיין די אויסטערלישע רייד און קוים עפּעס באַנומען פון אָסקאַרס לאַנגן געשפּרעך. ער האָט אָבער מיטן אינסטינקט פון אַ דאָרפס־מענטש דערפילט אַז דער אויסגעמאַטערטער איז אין אַ צרה, אין גרויס געפאַר. עס איז פּשוט סכנות־נפשות.

פאַרטאָג האָט ער נישט געעפנט די לאָדנס אַזוי ווי תמיד כדי צו זען ווי דער טאָג האַלט. ער איז אַריין אין ווייבס אַלקער און זיך מיט איר געסודעט, דערנאָך זענען ביידע אַרויף אויפן בוידעמל. ער האָט געעפנט דאָס טירל פון קליינעם בוידעם־שטיבל, אויפגעהויבן אַ סנאָפּ שטרוי פון דער פּאָדלאָגע, צו־נויפגעשאַרט די ווינטער־עפּל, געבראַכט אַן אַלטע בורקע און אַ ראַגאָזשע און געמאַכט אַ געלעגער.

אָסקאַר איז געבליבן אין פעטער עליעס הויז. גאַנצע טעג איז ער געזעסן אויפן בוידעם־שטיבל און געקוקט צו די פעלדער פון גוטאַזשעוואַ. מען האָט

געזעןַ פון דאַך־פענצטערל דעם וועג דורך וועלכן עס איז מיט אַכצן יאָר צוריק אָפּגעטראָטן די רויטע קאַוואַלעריע און ער איז דעמאָלט מיט די פּאָלקן מיט־געגאַנגען. אין די נעכט, ווען די לאַדנס זענען געווען פאַרמאַכט און די פענצ־טער פאַרהאַנגען מיט קאָלדרעס, איז ער אַראָפּגעקומען פון בוידעם, געזעסן ביים טיש, ביי אַ טעלער גריץ. דער פעטער עליע האָט ליב געהאַט אַריינצוקוקן אין „קב הישר" וואָס איז תמיד געלעגן אויף דעם קרעדענס. דאָס איז געווען דער איינציקער ספר וואָס ער האָט געהאַט אין שטוב אַחוץ אַ סידור, מחזו־רים און אַ תהילימל. ער האָט פאַרגעלייענט פאַרן ווייב עפּעס פון ספר און זייטיק געקוקט אויף אָסקאַרן. ער האָט ספּעציעל אויסגעזוכט אין „קב הישר" די ווערטער וואָס פּאַסן זיך גראָד פאַר אָסקאַרן.

און דער פעטער עליע האָט געלייענט מיט אַ צעצויגענעם ניגון:

— — — זיי האָבן געגרייכט צו איין פעלד און האָבן זיך געזעצט און האָבן געזען אַ גרויסן באַרג און אויף דעם באַרג גייען אַרום פאַרענדערטע באַ־שעפענישן, האָט רבי יצחק זיך געפאַרכט, האָט רבי אבא צו אים געזאָגט: וואָרעם פאַרכסטו זיך? האָט רבי יצחק אים געזאָגט, דען איך זע דער באַרג איז זייער גרויס און אויף אים זענען פאַרענדערטע באַשעפענישן און חיות־רעות האָב איך מורא זיי זאָלן אויף אונדז נישט מקטרג זיין. האָט רבי אבא צו אים געזאָגט, דער וואָס האָט עבירות דער געהער צו פאַרכטן, אָבער מיר דאַרפן זיך נישט פאַרכטן — — —

דער זקן האָט צוגערוקט דעם ספר צו אָשרן.

— עס איז דאָך צוגעפּאַסט צו דיר. קינד מיינס, פאַרכטן זאָלסטו זיך נאָר פאַרן רבונו־של־עולם. אויב האָסט נישט קיין עבירות, וועט דער אייבערשטער דיר שענקען. דו ביסט צוריקגעקומען פון באַרג, אַנטלאָפן פון אַנגסט פאַר די פאַרענדערטע באַשעפענישן וואָרעם דו אַליין האָסט זיך נישט געקענט פאַרענ־דערן.

אָשר האָט געקוקט אויפן שער פון ספר. ער איז געדרוקט אין לובלין, אין יאָר 1887.

איין מאָל האָט אים דער פעטער עליע דערציילט וועגן וואַנדערנדיקע מגי־דים, נאָכגעזאָגט זייערע משלים. ער האָט אָשרן דערציילט וועגן קאָזשמינער רבי, וועגן די גוטע יידן וואָס באַוויזן נסים ונפלאות. צוערשט האָט אָשר גע־שמייכלט, אָבער וואָס מער ער האָט זיך צוגעהערט צום אַלטנס רייד איז אויפ־געגאַנגען פאַר אים דאָס יידישע לעבן וואָס ער האָט כמעט נישט געקענט.

עליעס מעשות זענען געשען אויף פּוילישע פעלדער, אויף פּוילישע וועגן. די גוטע יידן האָבן גערעדט אַ פּוילישן יידיש אויסגעמישט מיט פּסוקים פון

תהילים. זיי זענען געווען פאַרשטעלט ווי גוטמוטיקע פויערים וואָס גייען אַרום איבער די יאַרידים. אליהו הנביא איז געווען אַ היימישער ייִד. מען האָט אים נישט איין מאָל געזען לעבן אויוון אין שולעכל. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אויף די מערק, באַגלייט די ייִדישע דאָרפס־גייער און געוואַכט לעבן די בור־דעס פון די סאַדאָווניקעס אין די נעכט. מען האָט נישט געפרעגט אליהו הנביא פאַרוואָס ער אַנטפּלעקט זיך נישט. אַלעמען איז געווען קלאָר אַז עס איז נאָך נישט געקומען זיין צייט.

— עס זענען פאַרביי דורות און שטיל איז געווען אויף אונדזער מאַזאָוויער ערד. שטיל אין די שטעט און שטיל אין די דערפער. די הייליקע פון די קאָש־טשיאָלן האָבן אויך אַרומגעוואַנדערט אויף די וועגן. זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט אונדזערע צדיקים די פאַרבאַרגענע און גוטמוטיק איינגעטענהט ביי די קרייצ־וועגן, ביי די ראַגן פון די געטלעך, ביי די אַריינגענג אַפילו צו די שענקען. זיי האָבן אָפטמאָל אָפּגעשטעלט שיכורים און געזאָגט: גענוג. גיי אַהיים. און דער שיכור איז פאַרבלענדט געוואָרן פון ליכט פון זייערע פליגל און איז אַהיים־געגאַנגען. די גוטע ייִדן האָבן געוואַנדערט איבער באַטשנע וועגן ווו עס איז נאָר געווען אַ געפּאַר. „נעם מיך אויף" — פלעגן זיי זאָגן צו ייִדישע פורמאַנעס. „פון וואַנען אַ ייִד"?; „וווהין דאַרף אַ ייִד?"; „סתם אַזוי, דער רבונו־של־עולם פירט". און דער וואַנדערער האָט פאַרצויגן אַ ניגון. האָסט בפירוש געהערט ווי דאָס פעלד זינגט־מיט, ווי די ביימער זינגען שירה. איז אויסגעבראָכן די מלחמה. די ערד האָט איינגעזאַפּט בלוט. דערנאָך זענען געקומען קאָזאַקן מיט רויטע פענער. איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערהערט דאָס וואָרט „רעוואָלוציע". די הייליקע זענען פאַרשוווּנדן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון פאַרענדערטע באַשעפענישן. דו ביסט אַוועק צו זייער באַרג און איצט ביסטו צוריקגעקומען. איר האָט אויפגערודערט די וועלט און זי קען זיך מער נישט איינשטילן.

צוויי וואָכן צייט האָט אָסקאַר אויסגעהערט נאַכט־נאָך־נאַכט דעם פעטער עליעס רייד. טיילמאָל זענען דאָס געווען בייזע, שטראָפּערישע רייד, מיט פאַר־וואָרף און טיילמאָל — מילדע, וועגן די הייליקע ייִדן, די מגידים און לוס־טיקע רייד וועגן לץ אפרים גריידיגער.

נאָך די צוויי וואָכן האָט מען אָסקאַרן געמאַכט פאַפּירן אויף אַ פרעמדן נאָמען, אָנגעטאָן אין קליידער פון אַ דאָרפס־ייִד און אַרויסגעפירט צום פּליגצ־קער טראַקט. אין רענצל האָט ער געהאַט אַ היימיש געבאַקענעם ברויט און אַ תהילימל וואָס דער פעטער עליע האָט אים געשענקט.

קאַפּיטל דרייצן

אין אַ שבת זענען אויפגעבראָכן געוואָרן די אייז־פּאַנצערס פון דער וװקראַ. די וואַסערן האָבן געשטראָמט דורך די לאָנקעס, פאַרגאָסן די גערטנער, אונ־טערגעשווענקט די הילצערנע צוימען און צעריסן די הילצערנע בריקן.

אין דעם זעלבן שבת איז אין פּלינצק געשען עפּעס אומגעוויינטלעכס. עס איז אַנטפלעקט געוואָרן אַ צדיק, איינער פון די וואָס זענען געווען ביז איצט פאַרבאָרגן. ר׳ תנחום האָט זיך ענדלעך אַנטפלעקט.

געשען איז עס אַזוי:

דער יונגער דיין איז געזעסן אויבנאָן אין בית־מדרש, ביים לאַנגן טיש און גערעדט צו די ייִדן, ערב מנחה. דער מקום־קדוש איז געווען איבערגעפּאַקט מיט טרעגער און סאַדאָווניקעס.

ער האָט גערעדט, ווי זיין שטייגער, שטיל. דאָס קול איז געווען קלאָר, שאַרף און האָט דערגרייכט צו יעדן איינעם.

— אַ מענטש וואָס גייט איבער נאַכטיקע פעלדער, איז קיינמאָל נישט אַליין. ער ווערט תמיד באַגלייט פון צוויי באַגלייטער. איינער, הינטער אים, דאָס איז דער שליח פון די דורות זיינע וואָס זענען שוין געלייטערט אין די הימלען און דער צווייטער באַגלייטער, פון פאָרנט איז די נשמה פון א נאָך־נישט געבוירענעם וואָס וועט ערשט קומען אויף דער וועלט מיט אַ דור שפּע־טער. אַ קלוגער מענטש קערעוועט זיך אויס, בלייבט אַ רגע שטיין און פאַר־טראַכט זיך. איר זאָלט קיינמאָל נישט וועלן איבעריאָגן דעם וואָס פירט אייך. וועט איר דאָס טאָן, דאַן וועט איר בלייבן אַליין, אַרויסגעשליידערט פון דער ריי. יעדן טאָג, ווען איר שטייט־אויף, זאָלט איר רייניקן אייער גוף און אייערע מחשבות און אויפנעמען די באַגלייטער מיט בענטשונג. אַ ייִד איז קיינמאָל נישט אַליין, אַפילו אין חשכות, געדענקט!

אין דער רגע, ווי דער יונגער דיין האָט די רייד אַרויסגערעדט פון זיין מויל, האָט זיך דערהערט אין דער אויפגעפּראַלטער טיר פון בית־מדרש אַ וויסט געשריי.

תנחום האָט זיך אויפגעשטעלט און אויפגעהויבן די הענט. ער האָט אויס־

געזעץ, ווי אַ כוהן־גדול. ער איז געשטאַנען, מיט די הענט פאַרשטעלט דאָס פּנים.

דאָס איז געווען בריינעס געשריי.

— יִדן, פאַרוואָס זעט איר נישט אַז ער איז הייליק! ער איז אַ געשיקטער פון די הימלען! ער איז געשיקט געוואָרן אייך צו באַגלייטן! ער איז נישט קיין מענטש פון בלוט און פליישׂ! איך זאָג דאָס אייך! נישט פון בלוט און פלייש איז ער! הייליק איז ער! זעט דאָס ליכט וואָס שלאָגט פון אים! ער איז הייליק! איך זע אין די נעכט ווי צוויי ווייסע פליגל נידערן אַראָפּ פון די הימלען.

ווייבער האָבן אָנגעכאַפּט בריינען, פאַרדעקט אירע צעשאָטענע האָר מיט אַ פאַטשיילע.

— שאַ! שאַ! — האָט דער שמש געקלאַפּט אין שטענדער אַריין.

— וואָסער! זי איז געפאַלן אין חלשות!

ווען מען האָט בריינען אָפּגעמונטערט האָט זי נאָך אַלץ גערעדט:

— הייליק איז ער. געשיקט פון די הימלען...

די יִדן, וואָס האָבן זיך אַזויפיל אָנגעהערט פון וואָנדערנדיקע מגידים וועגן די פאַרבאָרגענע צדיקים וואָס וואַנדערן אַרום צווישן פאָלק, האָבן אויפגענומען בריינעס רייד מיט גלויבן. זיי האָבן געגאַרט צו זען אַ הייליקן. פאַרוואָס זאָלן זיי נישט זוכה זיין צו דעם? מיט וואָס זענען זיי זינדיקער פון די פריִערדיקע דורות, ווען די הייליקע האָבן זיך אַנטפּלעקט אַפילו אויף די גויִשע יאַרידים? און כאָטש די באַלעגאָלעס און טרעגער האָבן געוווּסט אַז תנחום איז דער זון פון יאַשפּע דער בעקערין, האָבן זיי זיך איינגערעדט אַז ער איז אַ זון פון אַ צדיק, אַז ער איז נישט איר זון, וואָרעם זי איז אַן עקרה. דאָס האָט מען תנחו־מען געלאָזן ביי דער בעקערין. געלאָזן האָט אים אַ וואָנדערנדיקער יִיד אויף צו דערציִען. פון וואַנען האָט אים געהאַט דער יִיד? פון די הימלען! עס קען קיין ספק נישט זיין. די חתונה תנחומס מיט בריינען איז אויך געווען אַן אָנ־ווייזונג פון די הימלען. ער האָט געוואָלט אויסלייזן די יתומה פון שאַנד. בריינע האָט געזאָגט דעם אמת. ער איז הייליק. דאָס פאַרשטעלן זיך ס׳פּנים מיט לייכטנדיקע הענט און דאָס פייער וואָס האָט זיך אָנגעצונדן איבער אים איז אַ הימליש פייער.

און כאָטש די סאַדאָווניקעס האָבן אַלץ געספּקט, זענען זיי אויך צוגעשטאַ־נען צו די איבעריקע יִדן פון בית־מדרש.

יאָסל יאַלעך, איטשע אַרטשיק, פאַנטל קרול און מעשאַרן פענעץ, צוזאַ־מען מיט דעם יורד, דער אַמאָליק־רייכער תבואה־סוחר, זענען געזעסן אין אַנשלס שענק, נישט חס־וחלילה צווישן די בראָנפן־טרינקער, נאָר אין אַלקערל,

דאָרט ווו עס האָבן געקענט אריינגיין נאָך די חשובע געסט און ביי גלעזלעך משקה אַרומגערעדט די פּאַסירונג אין בית־מדרש. דאָס איז געווען שוין לאַנג נאָך מעריב.

דער אַמאָליקער שיינער ייִד, וואָס האָט איצט נעבעך געצויגן חיונה פון די סאַדאָווניקעס, האָט געזאָגט:

— זיין נשמה געהערט צו די הימלען און אויך זיין גוף. אַזוי לאַנג ווי ער איז צווישן אונדז וועט זיין שלום אין לאַנד. ייִדן וועלן נישט וויסן פון קיין צרות. ברייניע האָט אים אויסגעגעבן. זי האָט עס אויך נישט געטאָן פון איר ווילן. עס איז אַ צייכן פון אויבן. אַזוי זענען אַמאָל אַנטפּלעקט געוואָרן די הייליקע.

— ר׳ תנחום דאַרף ווערן אַ גוטער ייִד, דאָס הייסט, אַ רבי, אַזוי ווי דער ראַדזימינער. אונדזערס אַ רבי. זאָל ער אויפנעמען מענטשן מיט קוויטלעך. איך בין געווען אין הויף פון ראַדזימינער רבין — האָט געזאָגט יאָסל יאַלעך.

— די גערער חסידים וועלן איינרייסן וועלטן. זיי וועלן אונדז באַוואַרפן מיט שטיינער.

— זאָלן זיי נאָר אָנהייבן. די שטאָט איז נישט הפקר. ער געהערט צו אונדז. ער איז געשיקט געוואָרן צו אונדז, צום פּראָסטן פאָלק.

— ער איז געקומען אין דער ריכטיקער צייט. די דאָרפסגייער קענען מער נישט באַווייזן זיך אין די דערפער. מען טרייבט פון די מערק. די קאָזשע־גאַס הונגערט. עס איז ערב מלחמה. די דייטשן גרייטן זיך. זעט אויס אַז לענגער וואַרטן האָבן די הימלען שוין נישט געקענט.

אַן אלמנה, די שכנטע פון דייך, האָט אָפּגעטראָטן אירע חדרים, זי איז אַוועק וווינען צו אַ טאָכטער. ר׳ תנחום האָט איצט געדאַוונט אַ גאַנצע וואָך אין זיין אייגן בית־מדרשל, וואָס איז געווען באַשטימט נאָר פאַר יחידי סגולה. אין די שבתים האָט ער געדאַוונט אין אַלטן בית־מדרש. עס זענען געקומען צו די מנינים אַזעלכע טרעגער און באַלעגאָלעס וואָס זענען שוין יאָרן־לאַנג נישט געגאַנגען דאַווענען. ווער האָט זיך געקענט ריכטן אַז דער פּראָסטער יונג יאַלעך מיטן געשטעל פון אַ היצל וועט קומען דריי מאָל אין טאָג דאַווענען? איטשע אָרטשיק, דער בהמה־טרייבער און באַלעגאָלע, אָט דער רויטהאָריקער ייִד וואָס האָט קיין גלייך וואָרט נישט אַרויסגעזאָגט אָן אַ ניקאָלייעווסקער קללה, אַז ער וועט ווערן פלוצים אַזוי פרום? פאַנטל קרול, דער סאַדאָווניק, דער יונג מיט דער שופר־נאָז, מיט די ידים פון אַן עשו, מיט די היידאַמאַקישע וואָנצעס און גויִשן לבוש, אַז ער וועט ווערן דעם רבינס געטרייסטער באַגלייטער? מע־שאָרן פענעץ, דער גאָלעמביאָווש פון קאָזשע־גאַס איז געענדערט געוואָרן ווי דורך איין נאַכט. אַנשטאָט דאָס היצלישע רעקל מיטן ראָספּער און די הויזן פון

אַ פּאַראַבעק, האָט ער אָנגעטאָן אַ לאַנגע קאַפּאָטע און אַ קליין שוואַרץ היטעלע, וואָס עס טראָגן די חסידים. דער יורד, וואָס האָט געקענט אַ ביסל לשון־קודש איז געוואָרן דער גבאי פון ר׳ תנחומס שטיבל און דער „קוויטל־שרייבער״.

דער דיין האָט געלאָזט מאַכן מיט זיך וואָס די יונגען האָבן נאָר געוואָלט.

דער מענטש האָט נישט זיין אייגענעם ווילן. אַלץ וואָס געשעט איז פון פריִער אָנגעצייכנט. די וועגן זיינע זענען שוין פון לאַנג אויסגעטראָטענע דורך דעם וואָס גייט פאַר אים. שולדיק איז דער מענטש. ער איז שולדיק אַ גרויסן חוב און טאָפּלט שולדיק איז ער, תנחום.

ער פלעגט שטיין ביזן האַלבן טאָג פאַרהילט אין טלית. זיינע מתפללים זע־נען שוין לאַנג אַוועק. אויך זיין מאַמע יאָשפע איז שוין מיט שעהן צוריק דאָ געווען מיטן וואַרעמען ברויט און די ציבעלע־פלעצלעך. זי האָט בייז געבור־טשעט אויף בריינען און אַריינגעקוקט אין אַלקערל. תנחום האָט נישט אָפּגע־דעקט דאָס פּנים. דער טלית איז געווען אַ שוץ פאַר אים.

אַרום צוועלף האָבן זיך באַוויזן די ערשטע יידן. דער גבאי האָט זיי אַריינ־געלאָזט און צוגעמאַכט די טיר. זיי זענען געשטאַנען מיט די קוויטלעך אין די הענט און געוואַרט אַז דער רבי זאָל אויפהייבן דאָס פּנים. ער האָט זיך אויפ־געשטעלט, גענומען אַ צעטל און געלייענט דאָס וואָס דער גבאי האָט איילי אָנגעשריבן.

די ערשטע צייטן פלעגט זיך ר׳ תנחום אויסדרייען צום פענצטער. וויי־וויי, וואָס וויל מען פון מיר? וואָס קען איך טאָן אַז די הימלען זענען פאַרשלאָסן? פאַרוואָס לאָזט מען מיך נישט צורו?

ער האָט געוואָלט נעלם ווערן, אַנטרינען, באַהאַלטן זיך אין אַ פינצטער ווינקל פון דער בעקעריי פאַר די רייד פון די יונגען וואָס טרעטן נישט אָפּ פון אים, פאַר דעם גבאי וואָס רייסט יעדעס מאָל אויף די טיר און שטופּט אַריין דערשראָקענע יידן, פאַר דעם עולם וואָס רינגלט אים אַרום אין די שבתדיקע פאַרנאַכטן אין בית־מדרש, אַנטלויפן פאַר דעם ברענענדיקן לייב פון בריינען.

קען ער דאָס נישט טאָן. ער איז אָנמעכטיק. זיי בעטן הילף, ווילן אַז ער זאָל אָפּשרייען אַ מחלה, אָפּווייגען אַ גזירה, צונויפפירן צעריסענע פאַרפעל־קער. איך בין דאָך נישט מער ווי אַ שאָטן פון עמעצן וואָס גייט פאַר מיר.

תנחום איז הכנעהדיק פאַר בריינען. יעדעס מאָל ווען זי שטעלט אַ טריט אין קיכל, ציטערט די פאָדלאָגע. דאָס קול שלאָגט זיך אָפּ אין זיינע שלייפן. ער איז אירס אַ געפאַנגענער און געפאַנגען פון המון. ער וועט אַלץ טאָן וואָס מען וועט נאָר וועלן פון אים, וואָרעם עס איז דאָ קדושה אין זייער דראַנג צו געפּי־

בען אַ וועג צו די הימלען. פאַרוואָס זאָל ער נישט אויסהערן די וואָס קומען צו אים? פאַרוואָס זאָל ער אָפּווענדן זיין פּנים פון זיי?

יאַשפּעס זון האָט זיך געענדערט. באַלד אויפן אַנדערן חודש ווי עס האָבן אָנגעהויבן קומען די ייִדן און די ייִדענעס. ער איז זיי אַנטקעגן־געגאַנגען מיט אַן אָפן פּנים, מיט אַ שמייכל און אַרויפגעלייגט אויף זיי זיינע הענט ווי צום בענטשן. ער איז אָבער דורך דער צייט געוואָרן בלייכער, דאָס לענגלעכע מאָ־טע געזיכט האָט באַקומען די ווייסקייט פון אַלבאַסטער.

ברײַנע האָט אַכטונג געטאָן אויף דער ריינקייט פון זיינע מלבושים. זי האָט געשאַרט די פּאָדלאָגעס. דאָס שטיבל פון דיין, ווו מען האָט דריי מאָל אין טאָג געדאַוונט, איז געווען ריין. דער קיטל און דער טלית — זויבער. אַפילו די שטיגן וואָס האָבן געפירט צום דיינס דירה זענען געווען פאַרדעקט מיט ראָ־גאָזשעס. פון די פענצטערלעך האָבן אַרויסגעלויכטן ווייסע פאַרהאַנגלעך.

ברײַנע האָט דעם מאָן מער נישט גערופן ביים נאָמען נאָר געאירצט אים. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקע, אַ צופרידענע וואָס איר שטוב איז תמיד פול מיט מענטשן.

די בעקערין יאַשפּע האָט אירס אויסגעפירט.

אין איינעם אַ טאָג איז זי געקומען מיט יאָסל יאַלעך און גאַרנישט פרעגנ־דיק און גאַרנישט זאָגנדיק אַרויסגענומען תנחומס בעט פון בשותּפותדיקן אַל־קערל און אַריינגעשטעלט אין אַ באַזונדערן חדר.

פאַנטל קרול האָט גערעדט:

— די וועלט איז פאַר אונדז ענג געוואָרן. די גבורה ליגט געבונדן אַזוי ווי אַ הונט אויף אַ זשאַווערדיקער קייט. ווילסט אַמאָל אַ צעפיר טאָן די הענט, אַראָפּלאָזן אַ זבענק אין אַ חזירישער מאָרדע און דו טאָרסט נישט. ער טרעט דיך מיט די פיס. ער שפּייט דיר אין פּנים אַריין און דו מוזסט שווייגן. די גויִים וואַרטן נאָר אויף אַן אויסרייד צו וואַרפן זיך אויף דער קאָזשע־גאַס, אויפן מאַרק און פּאַגראָמירן. אַ קרענק ווען מיר זיי געבן אַן אויסרייד. שווייגן מיר און דאָס האַרץ ווערט צעריסן. אוי, ייִדן, אַזאַ וועלט, אַזעלכע סעדער בלײַענדיקע, אַזעל־כע פעלדער גאָלדענע און דו טאָרסט זיך דאָרט נישט באַווייזן. זיי לויערן אויף דיר, באַוואָרפן דיין וואָגן מיט שטיינער. עד, איך וואָלט אַוועק פון דאַנען. נאָר וווהין וועסטו לויפן? די וועלט איז פאַרשלאָסן פאַר אונדז. מען וואָלט דער־שטיקט געוואָרן ווען נישט די הימלען. ר' תנחום האָט אַראָפּגענידערט צו אונדז די הימלען. עס איז דאָ אויף וואָס צו האָפן. זיי האָבן אָוועקגענומען פון אונדז

די פעלדער, די וועלדער, די סעדער און תנחום האָט אונדז צוריקגעגעבן די הימלען.

די באַלעגאָלעס האָבן געעפנט מויל און אויערן.

ווי קומט צום פאַרגרעבטן פאַנטל קרול, דער וואָס קען טאַקע אַלע סעדער פון מאַזאָוויע און ווי נאָר אַ סטאַדאָלע און ווי נאָר אַ שטרוי־בודע האָט ער דאָרט געגעכטיקט גאַנצע זומערן, אַזעלכע רייד? מען דערציילט זיך אַן מעשות וועגן די גויִשע טעכטער מיט וועלכע ער האָט ממזרים געהאַט; אַ דינאַסטיע קרולס שפרייט זיך פון איין עק מאַזאָוויע צום אַנדערן, הערט ביז גאָמבין. אַלע האָבן זיי אַזעלכע ביינערדיקע אָדלער־נעז און אַלע זענען זיי הויך, מיט ליפּן ברייטע, גרויסע, שיין־געשניצטע. ווו קומט עס צו דעם יונג צו רעדן תורה אין אַנשלס שענק?

אין אַ מאַרק־טאָג האָט זיך באַוויזן אין סאַכאַטשין אַ דאַר פאַרשווינדל, גע־קליידט ווי אַ פאַראָבעק אין זונטיק; אַ ברוינע קורטקע מיט אַ שוואַרץ־פוטער־נעם קאָלנער, אַ קיילעכיק הוטל מיט אַ לאַקירטן דאַשעק, אַראָפּגערוקט ביז די ברעמען און אין האַנט אַ קורץ בייטשל ווי אַ צייכן אַז ערגעץ אין אַ הויף האָט ער זיין פערד־און־וואָגן און ער געהערט נישט צו די מאַרק־שלעפּער וואָס וואַרטן נאָר אויף דער געלעגנהייט אַרויסצוגנבענען ביי שיכורע פויערים די בייטלען. ער איז אויך נישט פון די וואָס שטעלן־אויף אַ טישל לעבן אַ פויערים־געזעמל, נעמען אַרויס פון בוזעם דריי קאָרטן און הייבן זיי אָן צו וואַרפן, אי־בערצושטעלן און עמיצער פון צווישן די פויערים, אַן אונטערשפּילער, הייבט אַן כלומרשט צו געווינען די ערשטע צענדליק גילדנס. ער איז אויך נישט גע־ווען פון די פערד־גנבים, די וואָס קומען אויסקוקן, אויסשנאָפּן, אָדער וואָס האָבן פון ערגעץ געבראַכט אַ געלאַטכנטע קאָבילע.

דאָס פאַרשווינדל זעט אויס צו זיין אַ היימישער, אַן אייגענער, פון אַ שכנותדיק דערפל.

דעם אַלטן עליע איז ער אָבער נישט געפעלן געוואָרן פון דעם ערשטן בליק. עס האָט אים אַ זעץ געטאָן אין האַרצן בעת דער שייגעץ מיטן טונקעלן, געדרונצלטן פּרצוף איז לעבן אים פאַרבייגעגאַנגען. אַזאַ אַראָפּגעלאָזט דאַשעקל ממש אויף די שליפיעס, אַזעלכע אַנגעשפּיצטע אויערן, אַזאַ פלאַנטערן זיך אַרום עליען עטלעכע מאָל און דאָס פאַרגיין אים דעם וועג — דאָס האָט דער דאָרפס־ייִד נישט געקענט סובל זיין.

אַן אַנשיקעניש פון זיין ליבן נאָמען. ברעכט ער האַלדז־און־נאַקן. עס זאָל

אויסגיין כאַטש צום גוטן. עפּעס אַ שייכות צו מיר האָט עס — איז געווען זי־כעו׳ עליע — אַנישט וואָס דרייט ער זיך אַרום מיר.

— דו ביסט דער פאַן עליאַש?

ער האָט אים גלייך נישט געענטפערט. מיט אַ שטרוי אין מויל האָט ער אים באַטראַכט, געקייעט די שטרוי און אויסגעשפּיגן.

— האַ, וואָס ווילסטו?

— איך האָב געוואָלט אַרויספירן אַ פּאָר זעקלעך קאָרן, נאָר כ׳וויל פריִער וויסן דעם פּרייז וואָס מען וועט מיר געבן.

זיין לשון איז געווען פון אַ פרעמדן. נישט ווי פון קיין פּויער. עפּעס פּויע־רישס איז יאָ געווען, נאָר אויסגעמישט ווי אומריינער קלייען, מיט אַ סך פּלע־ווע און מיט די כאָליערע וויים וואָס — האָט געטראַכט עליע.

— ווער ביזסטו?

— אַ קאַלאַזאַמבער.

— וועמענס?

— כזשאַנאָווסקיס אַ זון.

— כזשאַנאָווסקיס? איך קען קאַלאַזאַמב ווי מיינע פינגער, עס איז דאָרט נישטאָ אַזאַ.

— איך בין אייגנטלעך אַ געקומענער פון טשעכאַנאָווער פּאָוויאַט... איך בין געקומען נאָר אויף אַ קורצער צייט. איך זוך אַ באַקאַנטן... אויב דו ביסט עס דער עליאַש, ווייסטו פון אים. איך זוך אָסקאַר יפת. ער איז דיין... ער איז דאָך דאָ אין סאָכאַטשין... פיר מיך צו אים... איך וועל אים העלפן... איך בין זיין חבר... מיר זענען גוטע ברידער...

דער אַלטער האָט זיך צעהוסט, געברומט אין דער באָרד אַריין.

— הער וואָס איך וועל דיר זאָגן: כ׳בין אַ סטאַראַזאַקאַנער, אַן אַלטער ייִד און מיר קען מען נישט פאַרדרייען קיין קאָפּ. קענסט מיט מיר זיין אָפן: דו ביסט יאַן באַרטשוק?

— פון וואַנען ווייסטו דאָס, אַלטער?

— אויב דו פרעגסט זיך אויף אָסקאַר יפת, ביסטו עס דער באַרטשוק וואָס איז מיט אים אַנטלאָפן קיין ראַסיי.

דאָס פאַרשווינדל איז אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. ער האָט געבויגן דאָס בייטשל, שיער עס נישט צעבראָכן. ער איז געוואָרן נאָך מערער איינגע־שרומפּן פון לאַכן. דאָס היטל האָט זיך אים געזעצט ביז צו דער נאָז.

עליע האָט געזען ווי דאָס פאַרשווינדל ווערט נעלם צווישן די פּויערים. ניין, עס וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען.

אָסקאַר איז שוין אַוודאי אין פּלינצק. גוט וואָס ער האָט אים נעכטן אַרויס־געפּראַוועט. ער וועט זיך דערשלאָגן קיין וואַרשע און דערנאָך זאָל אים שוין דער איבערשטער שיצן.

יאַן באַרטשוק האָט זיך אַרומגעדרייט פּראַנק און פריי איבער פּוילן. ער איז אַ סך מאָל געווען אין די הענט פון דער פּוילישער פּאָליציי און שטענדיק איז אים געלונגען זיך אַרויסצודרייען. מען האָט נישט געקענט דערגיין אַז ער איז עס דער וואָס איז אַוועק מיט דער רויטער אַרמיי אין צוואַנציקסטן יאָר. מיט פינף יאָר צוריק, ווען ער האָט זיך באַוויזן אין וואַרשע, איז ער געווען דאָס וואַכיקע אויג פון מאָסקווע. ער האָט קאָנטראָלירט די שליחים זייערע. נ״שט איין מאָל האָט מען געמיינט אַז ער איז אַ פּאַרפאַלענער, אַז זיין גורל איז אַ געחתמעטער און מיט אַמאָל: באַרטשוק איז שוין ווידער אין וואַרשע. דער ערשטער וואָס האָט אים פאַרדעכטיקט איז געווען אָסקאַר. עס זענען געשיקט געוואָרן ידיעות קיין מאָסקווע, נאָר יאַן איז תמיד אַרויס אַן אומבאַפלעקטער. ביז עס איז קלאָר געוואָרן פאַר אַלעמען, אַז באַרטשוק דינט די פּאָליאַקן און אויך די רוסן. ער פירט אויס שליחותן פאַר ביידע צדדים און ביידע צדדים ווייסן דאָס. וואָס גרעסער עס איז די פיינטשאַפט אַלץ נייטיקער איז דער דירעקטער קאָנטאַקט. עס זענען דאָ געמיינזאַמע ענינים צווישן דער פּוי־לישער דעפענסיווע מיט דער נ. ק. וו. ד. יאַן באַרטשוק האָט איבערגעגעבן נע־מען פון פּוילישע אַגענטן וועלכע האָבן דעזערטירט אין רוסלאַנד, וואָס זע־נען נעלם געוואָרן אין די טיפענישן פון לאַנד כדי צו לעבן אַ שטיל און רויק לעבן. דער זעלבער באַרטשוק האָט צוגעשטעלט די פּאָליאַקן נעמען פון אָפּ־טריניקעס, פון אַוועקגעגאַנגענע, פון אָפּאָזיציאָנערן. אָסקאַר האָט זיך אים אויס־געגליטשט פון די הענט. מיט אים האָט ער אַ באַזונדערן חשבון, אַ פּערזענלעכן ער האָט אים שיער נישט אַנטדעקט. איך בין געקומען מיט איין טאָג צו שפּעט. איין וועג האָט געהאַט אָסקאַר: פּלינצק. פון פּלינצק האָט ער געקענט גיין קיין וואַרשע אָדער קיין פּלאָצק. ניין. זיכער קיין וואַרשע. דאָרט האָט ער קרובים. ער וועט זיך אויפהאַלטן ביי דער משפּחה יפת.

אין פּלינצק איז יאַן באַרטשוק צוערשט אַריין אין אַנשלס שענק. ער האָט דאָ געטראָגן שוין אַנדערע קליידער: אַ גרין קאַפּעלושל, אַביסל „נאַ באַקער״, אַ שטאָטישן מאַנטל, אַ גרויען, געררויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן און גע־וואָרט אויפן לאַנגן מנשה, אַ שניידער־געזעלן, דער פאַרבינדלער פון דער פּאַרטיי.

דער לאַנגער מנשה איז געקומען שפּעט. אַ געבויגענער פון הויכקייט מיט

ווייסע דרים־פעדעם פון פאַסטריגעס אויף די מלבושים. אין די בלויע פינגער האָט ער געהאַלטן דאָס קעלישעקל און עפּעס געשעפּטשעט.

— נעכטן איז אָסקאַר געווען אין פּלינצק. ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם מאַרק און נישט געגעבן קיין צייכן. ער האָט אַפילו נישט צוגעשיקט קיין צעטל ווו ער געפינט זיך. מיר דאַכט זיך אַז ער איז אַריין אין הויז פון אָשר זעלע־ווער. דאָס איז זיינס אַ קרוב. אַ ווייטער קוזין.

באַרטשוק איז אויפגעשפּרונגען.

דער שניידער האָט זיך אַרויסגעשאַרט דורך דער הינטערטיר און אי־בערגעלאָזט דעם איינגעשרומפּענעם פאַרשוין ביים בופעט.

פאַרטאָג האָט מען געפונען אויף דער פלאַצקער גאַס, אין אַ שמאָלער אַלייע, וואָס פירט צום צמענטאַזש, אַ דערהרגעטן.

די פּאָליציי האָט צו וויסן־געטאָן אַז דאָס איז אַ ייִד.

מענטשן פון דער חברה־קדישא זענען אַוועק צום אָרט ווו עס איז געלעגן דער הרוג. אין זיין רענצל האָט מען געפונען אַ קליין תהילימל. באַלד איז גע־קומען צו לויפן אָשר זעלעווער און דערציילט אַז אַ פאַרשוין מיט אַ גרין קאַ־פּעליושל האָט זיך נעכטן אָוונט אַרומגעדרייט אַרום זיין שטוב. ביינאַכט האָט מען געקלאַפּט און צוויי פאַרשוינען האָבן גערופן אָסקאַרן.

נאָך מיטיק איז געקומען דער אַלטער עליע מיטן ווייב און צוויי ברידער. מ׳האָט אַריבערגעטראָגן דעם מת צום טהרה־שטיבל.

אויף די גאַסן פון פּלינצק האָבן זיך באַוויזן טרויער־צעטלען, געשריבענע מיט דער האַנט: „כבוד דעם געפאַלענעם חבר אָסקאַר. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך דער פּוילישער רעאַקציע. אַ רעוואָלוציאָנער און קעמפער פאַר דער באַפרייונג פון פּראָלעטאַריאַט”.

די שניידער־געזעלן האָבן געוואָרפן די אַרבעט. זיי זענען געקומען צום טהרה־שטיבל מיט קרענץ. עטלעכע פּאָליציאַנטן זענען געשטאַנען פון דער זייט, גלייכגילטיקע. עמיצער איז צוגעגאַנגען צום שוואַרצן אָרון און געוואָלט פאַרדעקן אים מיט אַ רויטן טוך.

דאָס בלוט פון אַלטן עליע האָט אויפגעזאָטן. ער איז צוגעלאָפן צו דער מיטה, אַראָפּגעריסן דעם רויטן טוך און געטראָטן מיט די פיס.

— איר האָט אים דערהרגעט. איר! איך ווייס ווער עס איז דער מערדער! דאָס איז יאַן באַרטשוק! אַוועק פון דאַנען! וואָן!

עס איז געוואָרן אַ טומל. די חברה־קדישא האָט זיך אַריינגעמישט.

— ייִדן, דערלאָזט נישט צו בזיון המת! ער איז אַ קדוש!

אויפֿן שוואַרצן אָרון, וואָס האָט זיך געוויגט אויף די אַקסלען פֿון די אַל־טע ברידער, די יאָסעס, איז געלעגן דאָס קליינע בלוט־פֿאַרפּלעקטע תהילימל. דער ווינט האָט געמישט די בלעטער.

עס איז שיער נישט דערגאַנגען צו אַ געשלעג מיט די שניידער־יונגען, ווען נישט די טרעגער און באַלעגאָלעס פֿון פּאָדערשטן בית־המדרש מיט פּאַנ־טל קרול און יאָסל יאַלעך אין שפּיץ, וואָלט זיך געגאָסן בלוט. זיי זענען פֿאַר־טריבן געוואָרן, די געזעלן און אין אַ זייט פֿון קבֿר, לעבן פּלויט, זענען זיי גע־שטאַנען אָן די היטלען און אויסגעהערט אַ רעדע פֿון לאַנגן מנשה. דערנאָך איז דערגאַנגען דאָס געזאַנג פֿון „אינטערנאַציאָנאַל".

די ערשטע לאָפּעטעס ערד האָט געוואָרפֿן עליע.

— ברוך דיין אמת. — ער האָט הויך געזאָגט קדיש. עס איז אָבער פֿאַר־קלונגען געוואָרן פֿון געזאַנג וואָס עס האָבן געזונגען די אַרבעטער. עליע האָט אויסגעצויגן די ווערטער, געזאָגט זיי רויִק, וואָרט נאָך וואָרט אַז זיי זאָלן דער־גיין צו די הימלען.

דער אָוונט איז צוגעפֿאַלן ווי נאָר די מלווים זענען אויסגעגאַנגען שמונה־עשׂרה.

די מצבֿות האָבן געוואָרפֿן די ערשטע שאָטנס. דער קבֿרן איז אַוועק מיט אַ זייטיק בית־עולם־שטעגל פֿאַרריכטן אַן איינגעפֿאַלענע מצבֿה.

— כ'האָב געזען אין חלום ווי עס פֿאַלט־איין אַ מצבֿה. דאָס איז אַ שלעכ־טער סימן אַז עס וועט זיין אַ מת. שטעלט אייך פֿאָר, אַז די איינגעפֿאַלענע מצבֿה איז פֿון אָסקאַרס פֿאָטער. זי איז געשטאַנען ביז נעכטן. איך קען שווערן. ביי־נאַכט, אַרום צוועלף, האָט זיך מיר געחלומט, אַז אַ מצבֿה איז געפֿאַלן מיטן אויפֿשריפֿט צו דער ערד. רבותי, לאָמיר בעטן מחילה ביים טויטן. זיין זון איז נהרג געוואָרן. ער איז אַ קדוש, רבותי, עס איז נישט פּשוט!

נאָך אין דער זעלבער נאַכט איז עליע געפֿאָרן אַהיים. דער דעמב האָט אויסגעזען אין דער נאַכט נישטיק; אַן אַרומגעשניטענער, מיט צווייגן אָן ריט־לעך, אָן סימנים פֿון פֿייגל־נעסטן.

פֿון אַ זאַגראָדע זענען אַרויסגעלאָפֿן שוואַרצע הינט און באַפֿאַלן דאָס פֿערד. אַ פֿולע לבֿנה איז געשטאַנען אין הימל. ער איז געפֿאָרן דורכן שראָ־מינער וועג, ביי דער זייט ציט זיך דער גרויסער עפּל־סאָד. דעם אַלטן עליע האָט זיך געדאַכט אַז ער פֿילט דעם עפּל־ריח. תמיד ווען ער פֿאָרט פֿאַרביי די סעדער וואָס ער האָט געפּאַכט פֿילט ער אין דער לופֿט ראַנעטן און קייזער־עפּל. אפֿשר איז דאָס פֿון דער ערד וואָס איז דערוואַרעמט געוואָרן און זי גיט אַרויס די איינגעזאַפּטע ריחות פֿון האַרבסטיקן עפּל־אָפּפֿאַל?

— אַ וועלט, איי־איי באָזשע מאָי — האָט ער געשעפּטשעט צו דער דרימ־לענדיקער ייִדענע.

די הינט זענען נעלם געוואָרן. מען זעט שוין די ערשטע פייערלעך פון סאָכאַטשין.

דער שטילער אריה פראַנקין איז מיט איין מאָל דערוואַכט געוואָרן. יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס האָט ער גערעדט אין קליינעם לאָקאַל פון דער תרבות־ביבליאָטעק וועגן ארץ־ישראל. בעת דעם ריידן איז ער ווי אויסגעוואַקסן געוואָרן. זיינע רעדעס זענען דורכגעפלאָכטן געווען מיט שירה. ער האָט געמאָלן פאַר די צוהערער די הרי־יהודה, די פאַרדעקטע מיט קיזל־שטיין און קורקאַר־שטיין ווי צווישן זייערע שפּאַלטן געדייעט דער וויינשטאָק. ער האָט דערציילט וועגן גאָט־געבענטשטן טל וואָס באַפרוכפּערט די ערד. זי ווייַנט אַרויס פון דער פאַרווילדעניש און בענקט נאָך דעם פאָלק ישראל וואָס איז צעזייט אין גלות. טויזנט יאָר לעבן מיר אויף דער פּוילישער ערד און יעדעס מאָל דערמאָנט מען אונדז אַז מיר זענען דאָ אומגעבעטענע געסט. די סאָציאַליסטישע רעוואָ־לוציע וועט אונדז נישט אויסלייזן. זי וועט אונדז דערשטיקן מיט איר באַפרייונג אַזוי ווי עס דערשטיקט דער שאָטן פון בוים יעדעס גרעזל וואָס שפּראָצט נאָר אויף לעבן איר שטאַם. דער טאָל פון גליל וואַרט אויף אונדז. מיר וועלן באַ־נייט ווערן ערשט דעמאָלט ווען מיר וועלן שפּיגלען אונדזערע פּנימער אין די וואַסערן פון כנרת. און אויסגעגלייכט וועלן מיר ווערן ווען מיט אַ געהויבענעם קאָפּ וועלן מיר קוקן אויפן שנייִיקן חרמון — — —

אין איין וואָך זענען פון פּלינצק אַוועקגעפאָרן פינף יונגע מענטשן קיין ישראל. אַ טייל זענען געפאָרן קיין גראָכאָוו, לעבן וואַרשע, אויף הכשרה, דאָס הייסט, צוגרייטן זיך צו ערדאַרבעט כדי דערנאָך צו פאָרן קיין ישראל.

אין די נעכט איז אַריה געזעסן איבער זיינע לידער.

צוויי וועלטן האָבן זיך צונויפגעטראָפן אין אים: מאַזאָוויע, אירע פעלדער, אירע גרינע טאָלן, די ווערבע־וועגן און דאָס תנכישע לאַנד.

— עס איז די צייט עולה צו זיין — האָט איינמאָל געזאָגט ר׳ זעליג צו אַריהן. — איך וועל אויך אַהין קומען. עמיצן דאַרף מען דאָך איבערגעבן די שטאָט־ענינים?

ער איז געווען גליקלעך וואָס דורך די לאַנגע שמועסן מיט אַריהן איז דער בחור אַנגעצונדן געוואָרן מיט אַ הייליקן פייער. ר׳ זעליג אַליין איז שוין געווען עטלעכע מאָל אין ארץ־ישראל און די רייד פון אריהן אין דער „תרבות״־ביב־ליאָטעק זענען אים געווען גאָר צום האַרצן ווייל זיי זענען געווען דער נאָכ־

קלאַנג פון זיינע רייד. אַוודאי איז דער זון פון די יפתעס, דער מיכאַל פון אַ געזונטערן שטאַם וואָס וואָלט געשטאַרקט אסתרן. דאָך בלוט פון ערד־מענטשן אויסגעמישט מיטן יחוס פון פאָטערס צד. ארץ־ישראל דאַרף אַזעלכע מיכאַלס. איז אָבער אין אים דאָ אַן אָדער אַ פרעמדער. עפּעס אַ פאַרבאָרגענער בלוט־שטראָם וואָס האָט זיך אַריינבאַקומען פון דער פוילישער שליאַכטע. ווער ווייס? ווינציק קאָזאַקיש בלוט איז אויסגעמישט געוואָרן מיטן בלוט פון ייִדי־שע טעכטער אין כמיעלניצקיס צייטן? ער איז בייז געווען אויף זיך הלמאי ער טראַכט וועגן דעם און געוואָלט די מחשבות פאַרטרייבן פון געדעכעניש. ר׳ זעליגן האָט געשראָקן דער זיווג מיטן קליינעם, טונקל־פּנימדיקן, קרענק־לעכן אַריה. אפשר וועט אים די אווירה ד׳ישראל ענדערן. אַ גאַנצן אָוונט איז אים געקומען אין זינען אַריין מיכאַל. וווהין וועט עס אים נאָך פאַרטראָגן? וואָס האָט ער צו טאָן מיט די פויערים? און ווידער אַמאָל וועגן אסתרן: וועט זי נישט אויפגערודערט ווערן נאָך מערער פון דעם טרויעריקן אַריה, אָט־אָ דעם וואָס קען קיין שמייכל נישט טאָן? אַ טרייסט זענען געווען זיינע רעדעס. ער איז ווי אַ יריחה־בלימל וואָס קען מיט דורות שפּעטער צעבליִען זיך מיט פּראַכט ממש פון פאַרוועלקעניש אַרויס. ער האָט דעם אָוונט דערמאָנט זיינע יוגנט־חברים פון פלינצק וואָס זענען נאָך פאַרן „פינפטן יאָר״ אַוועק קיין ארץ־ישראל, געאַרבעט אין סעדזשעראַ, אין פתח־תקווה, אין מקווה־ישראל. ער האָט אַראָפּגענומען פון דער ביכער־פּאָליצע דאָס בילד פון זיין יוגנט־חבר דודטשע. אַ באָרוועסער יונגערמאַן צווישן אַרבעטער אין די ווייַנקעלערן פון ראשון־לציון. אָט־אָ דער אין פראָנט מיטן הויכן שטערן, דעם ברייטן און קאַנטיקן. ער האָט געקראָגן בריוו פון שלמה, דער בעקערינס, וואָס האָט דער ערשטער געאַקערט אויף פעלדער פון עין־חרוד. ער, זעליג, איז געבליבן היטן דאָס ירושה־הויז; די גרויסע צימערן באַשטעלטע מיט דעמבענע מעבל. ער איז געוואָרן דער פאַר־שטייער פון אַן עדה ייִדן פאַר דער רוסישער מאַכט, דערנאָך אַ צייט פאַר די דייטשן און איצט, שוין באַלד צוואַנציק יאָר ביי די פּאָליאַקן. פלינצק איז אַ ייִדישע שטאָט. פון צוועלף טויזנט תושבים זענען ניין טויזנט ייִדן. די פּאָליאַקן האָבן צוגעטשעפּעט צו דער שטאָט עטלעכע שכנישע דערפער, ווען נישט דאָס וואָלט די שטאָט־פאַרוואַלטונג באַשטאַנען נאָר פון ייִדן. איצט דערנענטערן זיך גורל־טעג. זאָלן די קינדער אַרויספאָרן. דער דייטש גרייט זיך. עס זאָל כאַטש נישט זיין שפּעט. גליַיך, אין דעם זעלבן אָוונט האָט ר׳ זעליג אָנגעשריבן עט־לעכע בריוו קיין ישראל און קיין וואַרשע. ער האָט אָנגעהויבן צוגרייטן אסתרס אַוועקפאָרן קיין ישראל. פריִער אָבער וועט ער זי פירן צו דער חופּה מיט אַריהן.

דער יונג אין אולאַנער־שינעל האָט זיך ווידער באַוויזן אין פּלינצק. ער איז געוואָרן אין יאָשפּעס בעקעריי דער האַלבהעקער און וואַסערטרעגער.

דאָס איז געווען אַנשלס אַן אויפטו. אין אַ פֿאַרטאָג, בעת יאָשפּע איז נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון דיינס שטוב, איז אַריין אַנשל אין דער בעקעריי מיט אַ פרעמדן יונג.

— דאָס איז וואַצעק. איך האָב דיר געבראַכט אַ מענטש צו דער אַרבעט. גענוג אַליין געהאַקט האָלץ און געשלעפּט וואַסער! ביסט נישט אַבי ווער, דעם דיינס מוטער! הערסט יאָשפּע! עס איז אַ חרפה פאַר אונדז צו זען ווי דעם הייליקן רבים מאַמע שלעפּט וואַסער.

יאָשפּע האָט אָנגעקוקט דעם איבערגעוואַקסענעם יונג מיט נייגער. אָפּגע־ווייַנט פון זיין נאָענט מיט מאַנצפּאַרשוינען, אַליין אין די נעכט ביים אויוון מיט די שטשאַפּעס האָלץ, מיט די לאָפּעטעס, איז זי געוואָרן ווי אַ בעקער מיט שאַרפע פּנים־קנייטשן, מיט אַ געשטעל.

— העי, טו אויס די סאָלדאַטסקע רעטאָנדע, וואַצעק־לעבן.

זי האָט אים אַריינגעשמייכלט אין פּרצוף אַריין.

דעם יונג איז וואַרעם געוואָרן פון איר לאַכן. ער איז אַרויס אין הויף, אַרויסגענומען פון שטאַל עטלעכע קלעצער.

מיטיק־צייט האָט זי אים צוגעטראָגן אַ הייסע שיסל קרויט. דער יונג האָט זיך נישט געצלמט פאַרן עסן. דאָס האָט איר געמאַכט טראַכטן; ווייסעך־וואָס, נישט קיין ייִד און נישט קיין גוי?

פּאַרנאַכט איז שוין וואַצעק געשטאַנען ביים בופעט און אַנשלס שענק אין אַ געקעסטלטער קורטקע וואָס דער שענקער האָט אים געגעבן. דער יונג האָט געוווסט אַז ער טאָר זיך מער נישט באַווייזן אין זיין אולאַנער־שינעל אין פּלינצק. וואָרעם מען וועט זיך דערמאָנען יענע געשיכטע אין שולצס קאַוויאַרניע.

— יעדן טאָג, וואַצעק, קריגסטו ביי מיר אַ גלעזל און דאָס איז לכבוד דעם הייליקן אָנדענק פון קיווע קאָפּ, די ערד זאָל אים דאַרט גרינג זיין. ער האָט דאָס כשר פאַרדינט. — אַזוי האָט אים איינגערוימט אויפן אויער אַנשל.

דער פרעמדער און גאָטלאָזער וואַצעק האָט געהאָלפן האַקן האָלץ פאַרן בית־מדרש, געטראָגן וואַסער און אָנגעפילט דעם קעסל ביים אַריינגאַנג, אַז די ייִדן זאָלן זיך קענען וואַשן די הענט פאַר דער תפילה. ער איז געוואָרן אַ היי־מישער אין הויז פון דיין, געשטאַנען שעהען אויף די טרעפּ וואָס פירן צו דער קיך, נישט געלאָזט מער ברײַנגען גיין צו דער פּלומפּ נאָך וואַסער. ער האָט אויסגעמייסטערט ספּעציעלע „סאַנדעס" און געטראָגן אויף זיי די קיבלעס וואַ־סער. טייל מאָל האָט זי אים געגעבן אַ טעלער גריץ. ער איז דעמאָלט געשטאַ־

נען ביי דער שוועל מיט די אָנגעהאַנגענע ליידיקע קיבלעס און געזופּט די הייסע גריץ. די הכנעה און די צוגעבונדנקייט וואָס דער יונג האָט אַרויסגעוויזן צו ברײַנען איז נישט געווען צו באַגרייפן. בלויז דער שענקער און יאָסל יאַלעך האָבן דאָס גוט פאַרשטאַנען און זענען געריהרט געוואָרן ביז טרערן.

און וויפל מען האָט נישט געפּרוווט סודען־זיך וועגן דעם פאַרשוין וואָס האָט זיך אַריינגעקליבן אין יאָשפעס בעקעריי, שלאָפט אויפן אויוון, דרייט זיך אַרום אין קעלער מיט דער קאַזאַקישער בעקער־יידענע, לויפט יעדן טאָג באַדינען ברײַנען, האָט מען אַלץ קיין טאָלק נישט געקענט דערגיין.

— אַזאַ געזונטער גוי, אַזאַ ריז און דאָס איז אַזוי צוגעקלעפּט געוואָרן צו יידן אַזש עס איז נישט צו פאַרשטיין.

די חדר־ייִנגלעך זענען היימיש געוואָרן מיט וואַצעקן. ער האָט זיי אַרויפגעזעצט אויפן אַקסל, דריי ייִנגלעך מיט איין מאָל, געטראָגן ביזן חדר. זיי זענען אים אַנטקעגן געלאָפן, געשטרעקט הענטלעך, געצויגן אים פאַר די פאָלעס. יידן פלעגן זיך אָפּשטעלן און חידושן.

— אפשר איז דאָס אַן אַנטלאָפענער וואָס מען זוכט?

— אפשר האָט ער בייזע כוונות?

— איז ער נישט אַביסל שוטה׳וואַטע אָדער סתם אַ גערירטער? און אפשר איז דאָס גאָר אַן אומריינע מעשה מיט דער בעקערין? מען זאָגט, אַז אין די מיידל־יאָרן איז זי געווען אַ ברען. האָט עס זיך איצט נישט ווידער אָפּגערופן אין איר?

דאָס זענען געווען די רייד פון די מאַרק־ווייבער, די הענדלערינס פון פיש און פאַרלעגן אויבסט. זיי האָבן איר נישט פאַרגינען דעם כבוד צוליב דעם זון. די ווייבער האָבן זיך בעת די רייד געשטויסן מיט די פינגער אין די זייטן, צווישן די בריסט ווי צום קיצלען, געזשמורעט צווידייטיק די אויגן, פּיכט געמאַכט די ליפּן מיט דער שפּיץ־צונג ווי זיי וואָלטן געוואָלט דערשפּירן דעם טעם פון די ווערטער. כי־כי־כי... ביי יאָשפען ברענט דער אויוון... כי־כי־כי... עס איז פון די הייסע ציבעלע־פּלעצלעך... אוי ווי, און דאָס איז די מוטער פון אַ הייליקן ייִדז?...

עטלעכע מאָל אין דער וואָך איז פאַרבייגעגאַנגען דער שול־גאַס אַ גרופּע אַרעסטאַנטן אין תפיסה־קליידער, באַוואַכטע פון די טורמע־שליסער. דאָס האָט מען זיי געפירט אויף פאַרשיידענע אַרבעטן: גראָבן קאַנאַוועס לענגאויס די שאָסייען, רעגולירן די זומפּ־פעלדער, קערן דעם פערד־מאַרק נאָך די יאַרידים. צווישן די אַרעסטאַנטן איז געווען אַליש לאַדינאַ.

וואַצעק האָט זיך געגרייט אָפּצושלאָגן אַלישן אין איינעם פון די פּאַרנאַכטן בעת זיי וועלן דורכגיין דעם „זשעלאַני רינעק”. דאָרט ווו עס ענדיקט זיך די שול־גאַס, שטייט אין מיטן קליינעם מאַרק אַ שטיינערנע פיגור פון דער הייליקער מאַריאַ, אַרומגעצוימט מיט שטאַכעטן. דער וועג איז דאָ אַ שמאָלער און די הייף האָבן פרייע דורכגעגנג. צו הילף וואַצעקן איז אויך געקומען דער מילנער־יונג בראַנעק גאַפּאַ.

ביידע האָבן געוואַרט אויף אַ פויעריש וועגעלע, נישט ווייט פון דעם קרייצוועג, ווו עס צעטיילן זיך די צוויי גאַסן אין שמאָלע ליקלעך. אויפן וואָגן זענען געזעסן עטלעכע אָנגעטרונקענע פויערים. בראַנעק האָט זיי ספּעציעל געבראַכט פון דאָרף און געשטעלט משקה. וואַצעק, אַן איבערגעטועונער אין אַ פּוטערנעם קאַשקעט, אין אַ קורץ לעדערנעם רעקל, איז אַראָפּ פון וואָגן און פון אַ הויף אַרויסגעשלעפּט אַ בונט פרישן היי. ווי נאָר עס איז אָנגעקומען די פּאַרטיע אַרעסטאַנטן מיט די צוויי וועכטער איז וואַצעק אַרויס פון הויף מיטן היי־סנאָפּ. בראַנעק האָט אַ קערעווע־געטאָן דאָס פערד און איז אַריין מיט אַ דישל אין פענצטער פון דער שענק פאַרשטעלנדיק די גאַנצע ברייט פון דער גאַס. די אַרעסטאַנטן זענען געבליבן שטיין לעבן איבערגעקערטן וואָגן. איינער פון די וועכטער האָט געוואָלט אָנכאַפּן דאָס פערדביים ציימל און אין דער רגע איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן וואַצעקן און בראַנעק גאַפּאַ. דער שטויס היי איז געלעגן אין מיטן גאַס. פון דער שענק זענען אַרויס שיכורים און געוואָלט העלפן אויסקערעווען דעם וואָגן. דער שענקער האָט געשאָלטן מיט טויטע קללות. וואַצעק האָט געמאָנט געלט פון אָנטרייבער פאַרוואָס ער האָט אים צעטראָטן דאָס היי... ערשט אין טורמע־הויף, ביים איבערציילן די אַרעסטאַנטן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז צוויי זענען נישטאָ: אַ שעראָמינער פערד־גנב און אַליש.

אין גאַס איז געזעסן בראַנעק ביים צעבראָכענעם דישל, לעבן דעם צעשאָטענעם ראָד און הילכיק געיאָמערט. זיין שקאַפּע האָט געמיטלעך געפרעסן דאָס צעטראָטענע היי.

געקליידט אין אַ שוואַרצן אָנצוג, מיט צעשפּרייטע הענט, מיטן אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ איז געשטאַנען שפּילפויגל אין קלוב פון די גוטבאַזיצער, אויף דער פלאָצקער גאַס. לעבן אים איז געזעסן דער געשפּאָלטענער וואָיטשעך מיטן קלאַרנעט, געפּאַקט, ווי ער וואָלט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ טוץ קליידער. עס איז דאָ געווען דער בלייכער כאַסקל, אָנגעשפּאַרט דעם פידל אויפן האַלדז און די אומרויִקע פינגער האָבן געציטערט אויף די סטרונעס. עס איז געזעסן

ביים קלאַוויר יאָסל אַלטקאָפּ און געוואָלט באַפרייען דעם האַלדז פון שטייפן קאָלנער, ער האָט יעדע רגע געטאָפּט דעם שוואַרצן שלייף אויב ער איז נישט אַוועקגעפלויגן ווי אַ פאַרנאַכטיק פייגעלע. לאַנג איז געשטאַנען שפּילפויגל מיט די צעשפּרייטע הענט און מיט די ברעמען, מיט די ווימפּערן און מיט די פינגער־שפּיצן אויפגענומען די אַפּלאָדיסמענטן פון די דזשענטלמענטן.

— זע, ער איז ווי דער געקרייציקטער. געקרייצט נישט צו קיין צלם נאָר צו גאָרנישט. און דאָך געקרייצט. ער זעט אויס ווי דער פאַן יעזוס, — האָט געשעפּטשעט מאַריאַ לעוואַנדאָווסקאַ צו איר טאָכטער. — די ייִדן זענען געקרייצט צו זייער ביטערן גורל. אַלע זיינע באַוועגונגען זענען פון אַ פאַרמשפּטן, פון אַ טויט־פאַראורטיילטן. דאָס איז די נאַטירלעכסטע פּאָזיציע פון אַ ייִד; שטיין מיט צעשפּרייטע הענט, אָפּן פאַר יעדן בייז. אַזוי ווי אַ פויגל־אָפּשרעקער וואָס די ווינטן האָבן שוין אַראָפּגעריסן פון אים די אָנגעהאַנגענע קליידער. נישט דער אומגעלומפּערטער שוואַרצער ראָק, נישט די געפּרעסטע הויזן קענען פאַרדעקן די נאַקעטקייט זיינע. ווי רעזיגנירט ער נעמט־אויף די אַפּלאָדיסמענטן! עס איז דאָ אין אַראָפּגעלאָזטן פּנים נידעריקע הכנעה און אין דער זעלבער צייט אומריינע פאַראַכטונג צו אונדז! באַלד וועט ער דערוואַכן, דער שפּילפויגל. זאָל נאָר די פידל אַרויסלאָזן דעם ערשטן טאָן, זאָל נאָר אָפּענטפערן דער קלאַרנעט און דער קלאַוויר זאָל אַ ברום־טאָן, וועט אַלץ באַהאָפטן ווערן אַזוי ווי עס באַהעפט דער אָרגל די תפילה פון די מענטשן מיט דער שטילקייט פון די שטיינערנע ווענט — דעמאָלט וועט ער אויפלעבן, אָט־אָ דער כלומרשט געקרייציקטער זשיד! זיין הכנעה וועט נעלם ווערן אַזוי ווי אַ קאַרנאַוואַל־מאַסקע וואָס מען רייסט אַראָפּ. ער וועט דערוואַכן אַ שטאָלצער, אַ דרייסטער, אַן אַרויסרופערישער. ער וועט באַלד קוקן אויף אונדז „גויים” ווי אויף געצנדינער וואָס שאַרפן שוין יאָרהונדערטער מעסערס קעגן „אויסדערוויילטן” פאָלק: אָט האָט זיך עס אָנגעהויבן! ער איז דערוואַכט געוואָרן! זע ווי דער שפּילפויגל האָט זיך אָפּגעריסן פון צלם! ער איז איצט אַ פרייער מענטש! ער פליט אין זיין קעניגרייך אַריין! ער איז איצט דיין באַצווינגער! ער האַלט דיין נשמה אין די הענט! ער כישופט דיך מיטן ריטעם פון זיין ניגון. דער פידל פאַרוויקלט דיך אין פעדעם — דאָס איז כישוף. דאָס איז די ייִדישע נקמה. ער פירט דיך איצט דורך פינצטערע קאַטאַקאָמבעס. ער אַנטפּלעקט פאַר דיר דעם מיראַזש פון אַ ליכט. דו מיינסט אַז ס'איז ליכט וואָס וועט דיך צוריקפירן צום שיין פון טאָג — דאָס איז דער אָפּגלאַנץ פון גאָלד! פון גאָלדענעם קאַלב אַרום וועלכן זיי האָבן געטאַנצט. דאָס גאָלד־ליכט איז געבליבן ביז היינט־צו־טאָג אין זייערע נשמות.

— מאַ, מאַמאַ, עס רעדט אַרויס פון דיר דער פּראָבאָשטש.

די מוטער האָט איר גוטמוטיק געדראָט מיט אַ פינגער. זי האָט זיך דערביי אַרומגעקוקט אויב עמיצער הערט נישט.

— סטעפאַ, דיך ציט צו די נישט־געטויפטע, הייליק קאָשטשיאָל־קינד!

מאַריאַ האָט געפירט איר טאָכטער דאָס ערשטע מאָל צו די פּריצישע פאַר־ווײַלונגען. זי האָט זי געוואָלט פאַרשטעלן פאַר אירע באַקאַנטע וואָס האָבן זיך, ביי די טישלעך זענען געזעסן די גוטבאַזיצער פון די דערפער אַרום פלינצק. עס האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט עטלעכע באַאַמטע פון שטייער־אַמט און פון לאַנדווירטן־פאַרבאַנד.

עס איז דאָ געווען דער נייער אייגנטימער פון דאָרף ראַכעלקאַ, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן מיט 130 יאָר צוריק פון זלמן פאָזנער. ווינצענטי זשעלי־ניאַק, אַ גווידערנדיקער האַלב־פּאַליאַק, האַלב־דייטש האָט דאָס גוט ראַכעלקאַ געקויפט ביי די יורשים פון די פאָזנערס פאַרן געלט פון די אָפּנהיימערס. און כאָטש עס איז געווען נאָטעריעל פאַרמשכנט, האָט זשעליניאַקן צוגעשפּילט דער מאַראַטאָריום, וואָס די פּוילישע רעגירונג האָט דערקלערט און די אָפּנ־היימערס האָבן פאַרלוירן זייער געלט. דער האַלב־פּרייסישער קצב־יונג איז געקומען פון אַ קליין שטעטל פון פּאָמערן און איז געוואָרן אַן איינפלוסרייכער גוטבאַזיצער און אַ גרויסער פּוילישער פּאַטריאָט. ער איז געזעסן אין קלוב אויף צוויי שטולן — אַזוי אויסגעפּאַשעט איז ער געווען.

— ער האָט צוויי גוטע קאָרטן — האָט עמיצער געזאָגט ביים טיש און אָנגעוויזן אויף זשעליניאַקן. — איינע איז אַ פּוילישע קאָרט און די צווייטע אַ דייטשישע...

מיעטשיסלאַוו כאַראַנזשי, אַ געוועזענער לעגיאָנערן־קאָמאַנדיר, האָט אײַ־בערגענומען אַ גוט פון אַ צאַרישן אינספּעקטאָר וואָס איז רייך געוואָרן פון בראָנפן־מאָנאָפּאָל. דער צאַרישער אינספּעקטאָר האָט געלאָזט טרייבן בראָנפן, געווען אַפילו אַ שטילער שותף. מיט דעם געלט האָט ער געקויפט דאָס פּאָל־וואַרק פּאַשוויענטע. כאַראַנזשי איז געווען אַ האַלב־גראַמאַטנער ליידיקגייער פון אַ וואַרשעווער פאַרשטאָט־רעסטאָראַנדל.

די אַמאָליקע פּוילישע גוטבאַזיצער זענען רוּיִנירט געוואָרן פון צאַר בעת די צוויי פּוילישע פּאָווסטאַניעס. זייערע יורשים זענען אַוועק אין עמיגראַציע. די סעדער זענען פאַרוויסט געוואָרן, די וועלדער אויסגעהאַקט, די פּאַשע־פעל־דער פאַרהפקרט. עס איז אונטערגעגאַנגען דער אַלט־פּוילישער פּריצים־קלאַס און אויף זייער אָרט האָבן זיך באַוויזן רוסיפיצירטע פּאַליאַקן, די וואָס זענען געווען אַדמיניסטראַטאָרס ביי רוסישע גראַפן. עס זענען געקומען די סערזשאַנטן פון דער פּוילישער לעגיאָנען־אַרמיי. זיי האָבן באַקומען אַלט־פּוילישע פּריצים־

הייף אויף צו פֿאַרוואַלטן און זיי האָבן געוואָלט אויפֿלעבן אַלע מנהגים פֿון דער אויסגעשטאָרבענער פּוילישער שליאַכטע. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו קליידן אין סטאַראָ־פּאַנסקע קליידער, געטראָגן פּירקאַנטיקע מאַטשעיעוווקעס, גרינ־העלע רייט־מאַנטלען מיט גרויסע שליפּעס, געפֿלאָכטענע פֿון באַגילדעטן שנור, פּאַווע־פֿעדערן אין די היטן, פּעטליעס אָנשטאָט קנעפּ, הויכע שטיוול־כאַליע־וועס מיט שפּאָרן קלינגענדיקע. זיי האָבן איבערגענומען פֿון די רוסישע הייף די קאַרעטעס געשפּאַנטע אין טראָיקעס. פֿון די דייטשן — די מאַנאַקליעס. די אָנטרייבער האָבן געטראָגן טונקל־בלויע שינעלן מיט זילבער־קנעפּ, געצויגן די היט פֿאַר די פּריש־אויפֿגעקומענער שליאַכטע, געבויגן זיך הכנעהדיק. זייע־רע קאַרעטעס, פֿאַרהאָנגענע מיט זיידענע פֿאַרהענגלעך זענען דורכגעפֿאָרן די געסלעך פֿון די ייִדישע שטעטלעך מיט אַ גלעקל־געקלינגעריי פֿון כאָמעט אַ באַשלאָגענעם מיט מעש.

די נישט־אויסגעלעבטע פּוילישע שליאַכטע האָט מיט אַ פֿאַרשפּעטיקונג פֿון עטלעכע דורות, געוואָלט אָפּנעמען דאָס וואָס דער גורל האָט איר אַוועק־גערויבט: דאָס סאַלאָן־לעבן. דעם גלאַנץ פֿון פּריצישע הייף, די דינער אין ליוו־רעיען. און אַז ס׳איז אַנטשטאַנען דאָס אומאָפּהענגיקע פּוילן, איז די שליאַכטע שוין געווען רויִנירט. בלויז שאָטנס פֿון נעכטיקע גוטבאַזיצער, פֿאַראַרעמטע, האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייערע הפקר־געוואָרענע הייף. דעמאָלט איז אויפֿ־געשפּרונגען דער פּוילישער מיעשטשאַנין, די פֿלינקע „פּיסאַזשעס״ פֿון די גמי־נעס, די נישט־דערבאַקענע שטאָטישע אינטעליגענטן און די וואָס האָבן געזוכט קאַריערע ביי די לעגיאָנערן. און אַזוי ווי פּוילן האָט נישט געהאַט קיין כוח דורכצופֿירן אַן ערד־רעפֿאָרם, זענען ס׳רוב הייף אַריינגעפֿאַלן אין הענט פֿון ניי־אַנטשטאַנענע פּריצים. און זיי האָבן דאָס אָנגעהויבן צו שפּילן די ראָל פֿון דער אויפֿגעגאַנגענער שליאַכטע. דער קלוב איז אַנטשטאַנען פֿאַרן געלט פֿון וויִנ־צענטי זשעליניאַק, פֿון מיעטשיסלאַוו כאַראַנזשי ביי דער מיטהילף פֿון דער פּאַני מאַריאַ לעוואַנדאָווסקאַ. אויפֿן מוסטער פֿון די אַמאָליקע פּריצישע קלובן, האָט מען איינגעלאַדן אַ ייִדישע קאַפּעליע אַז זי זאָל שפּילן יעדן זונטיק אָוונט. מען האָט געלאָזט נייען ספּעציעלע קליידער פֿאַר שפּילפֿויגלען און זיינע מענטשן. כאָטש זשעליניאַק איז געווען קעגן דעם אַז ייִדן זאָלן זיין די מוזיקאַנטן פֿון קלוב, האָט דאָס אָבער דאָך דורכגעפֿירט די פּאַני מאַריאַ. עס איז אין דער אַל־טער שליאַכצעקער טראַדיציע צו האָבן ייִדישע מוזיקאַנטן און זי וועט פֿון דער טראַדיציע נישט אַוועקגיין. אַפֿילו דער גימנאַזיע־דירעקטאָר גוסטאַוו הערבערט האָט איינמאָל אַ זאָג געטאָן צו איר: וואָס טויג אייך דער „יודען־קוואַטש״? ער האָט אויסגעטאָן די גאָלדענע ברילן און געטייטלט אויפֿן לאַנגן דיריגענט: —

עס איז אַן אויסקרימעניש, אַ פּאַיאַצן־געוויין. עס איז נישט אין גייסט... — און אײדער ער האָט נאָך באַוויזן צו ענדיקן דעם זאַץ האָט זי געפרעגט: — אין וועמענס גייסט? — זי האָט אים באַטראַכט מיט כיטרעקייט פון אַ גענייטער פרוי.

— אין נייעם דייטשישן גייסט איז עס זיכער נישט — האָט זיך אומגעריכט אַריינגעמישט לעוואַנדאָווסקאָס טאָכטער, מאַריאַ.

גוסטאַוו הערבערט איז בלייך געוואָרן.

— דאָס איז גאָר טרויעריק... איר זעט די רעזולטאַטן, פּאַני מאַריאַ?

סטעפאַ האָט זיך אַ הייב־געטאָן אויף די שפּיצן־פינגער: — יאַנקל צימבאַליסט איז געווען אַ גרויסער פּוילישער פּאַטריאָט. זיין מוזיק האָט באַצויבערט. עס איז אין דער פּוילישער טראַדיציע צו הערן ייִדישע שפּילער. נישט אומזיסט באַשרייבט אים מיצקעוויטש מיט אַזאַ ליבשאַפט.

— מיצקעוויטש. הם... כאַ־כאַ...

דער גימנאַזיע־דירעקטאָר האָט געשמייכלט שפּאָטיש, געקוקט בייז אויף דעם פלאַקסענעם מיידל.

— די פּוילישע קריטיק האָט נישט איין מאָל פעסטגעשטעלט אַז יאַנקל צימבאַליסט איז אַ נישט רעאַלע געשטאַלט. אַ רעזולטאַט דערפון וואָס אין מיצקעוויטשן איז געווען אַ שטראָם ייִדיש בלוט. ער איז פון זיין מוטערס צד האַלב־ייִדיש...

די פּאַני מאַריאַ איז געווען צופרידן פון געשפרעך. עס האָט זיך אַזוי גוט אַריינגעפּאַסט אין דער אַטמאָספער: ייִדישע מוזיק. געשפרעכן וועגן ליטעראַטור מיטן גימנאַזיע־דירעקטאָר... עס איז אַזוי ווי אין די אַלטע ראָמאַנען... די קאָטש מיטן אָנטרייבער אין ליווריע, אַפילו דער יעוונוך אירער און די געהיימע געגנ צום געליבטן פון איר מוטער... די פּאַני מאַריאַ איז געווען צופרידן פון אַלעם און כאָטש עס האָט איר פאַרדראָסן דעם שוואָבס רייד וועגן מיצקעוויטשן האָט זי אויסגעלייזדיקט מיט אים אַ כוס רויטן וויין.

— הער הערבערט, איר זענט אַ דייטש און טאָרט נישט באַליידיקן דעם גרעסטן פּוילישן פּאָעט! פאַרגעסט דאָס נישט! — האָט אומגעריכט געזאָגט סטעפאַ.

די מוטער איז שוין געווען שיכורלעך און איר געשריי איז געווען אויסגעמישט מיט גוטמוטיקן שפּאָט.

— שוויג, טאָכטער, ביסט פאַרדאָרבן געוואָרן פון דיינע קאָלעגן.

—פאַרוואָס הערסטו אויס רויק באַליידיקונגען קעגן פּוילן? איך וועל דאָס נישט דולדן!

עס האָט אַ הילך געטאָן אַ פּאַטש. עטלעכע גלעזער זענען אַראָפּגעפאַלן פון בופעט.

שפּילפויגל האָט צוגעמאַכט די אויגן. זיינע געשטרעקטע הענט האָבן זיך נישט באַוועגט. בלויז די פינגער האָבן וויברירט מיט יעדן ציטער פון די פידל־סטרונעס. דאָס האָט ער דיריגירט שאָפּענס נאָקטורן.

שפּעט ביינאַכט איז סטעפאַ פאַרפאָרן צו זיגמונט פּיעכס עלטערן. דער פאָטער אַנדזשעי האָט זי גוט אויפגענומען; מ׳האָט געגרייט דעם טיש, געשטעלט טיי מיט קוכן און דערנאָך אויסגעבעט אַ געלעגער. זי האָט געוויינט ביז פאַרטאָג. ערשט אַרום מיטיק־צייט איז זיגמונטן געלונגען אַרויסצוקריגן וואָס עס איז געשען ביינאַכט אין פּריצים־קלוב. ער איז געווען שטאָלץ אויף איר. דער אַלטער אַנדזשעי איז געווען גערירט פון דעם מיידלס אויפפירן זיך און באַטש עס איז אים באַקאַנט געווען וואָס מען האָט גערעדט וועגן די לע־וואַנדאָווסקיס און באַזונדערס וועגן אַנטאָני, איז דאָס אַלץ אויסגעקומען איצט נישטיק. אַנדזשעיס פאָטער איז געווען גוט באַפריינדעט מיט מאַריאַס עלטערן. דאָס זענען געווען נאָבעלע פּאָליאַקן. זיי האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער פאָוסטאַניע פון יאָר 1863. דער אַנטאָני איז אַ פרעמד ווילדגעוויקס. דאָס פאַרמעגן וועט סיי־ווי בלייבן ביי מאַריאַן און די איינציקע וואָס וועט ירשענען דאָס וועט זיין סטעפאַ. עס וועט אָפּילו זיין גענוג אויף אַוועקצוגעבן ביי דער אַגראַר־רעפאָרעם. דורך סטעפאַן וועט קומען צו אַ בונד פון צוויי אַלט־פּוילישע משפּחות. אין מיידל האָט זיך אָפּגערופן דאָס ערלעכע בלוט פון פּאָליאַקן.

סטעפאַס ענטפער דעם גימנאַזיע־דירעקטאָר, אָט־אָ דעם שוואָב, איז באַקאַנט געוואָרן אין דער שולע. עס זענען אויסגעבראָכן געשלעגן צווישן זיגמונטס אַנהענגער און די וואָס האָבן געטראָגן די מיליטערישע בלוזעס.

אויפן דריטן טאָג איז געקומען די פּאַני מאַריאַ אַהיימנעמען די טאָכטער. זי האָט זיך פאַרמאַכט מיט אַנדזשעי פּיעך אין אַ צימער און אַז זי איז פון דאָרט אַרויס האָט מען זי קוים דערקענט. אַנגעלאָפענע קישעלעך אונטער די אויגן. קנייטשן ביי די מויל־ווינקלען. אַנדזשעי האָט איר דערציילט וועגן אַנטאָניס אויפפירן זיך קעגן סטעפאַן, וועגן דעם פּראַבאַשטש. ער האָט איר אָן שום פאַרבאַהעלטעניש געזאָגט אַז זי מוז סטעפאַן אַרויסנעמען פון איר הויף, זיין זיגמונט איז פאַרליבט אין איר טאָכטער און ער טראַכט אַז דער איינציקער אויסוועג וואָלט געווען זיי חתונה מאַכן. סטעפאַ איז געבליבן ביי די פּיעכס אין הויף. די חתונה איז באַשטימט געוואָרן אויף אַנהייב פרילינג.

קאַפּיטל פערצן

דאָס הויז פון די אָפּנהיימערס איז אונטערגעגאַנגען. כאָטש מען האָט דאָרט געפירט שטאַט ממש ביזן לעצטן טאָג, האָבן מענטשן דערקענט אַז עפּעס קומט פאָר. דער אַלטער עליע האָט נאָך מיט יאָרן צוריק געזאָגט צו זיינע ברידער: די שיף זינקט. אין איין שיינעם טאָג וועט זי נעלם ווערן. ער האָט געהאַט זיינע צייכנס וואָס קיינער וואָלט זיי אפשר נישט באַמערקט: ערשטנס, עס האָבן אויפגעהערט צו פאַרפאָרן די קאַרעטעס פון וואַרשע און פון דאַנציק מיט געסט; צווייטנס, די וועלדער וואָס געהערן צו די אָפּנהיימערס טאָרן מער נישט אויסגעהאַקט ווערן ווייל די מלוכה האָט פאַרבאָטן; דריטנס, די פּריצים האָבן אויפגעהערט באַוויזן זיך אין אָפּנהיימערס קאַנטאָר, אָנשטאָט דעם, פּאָרט דער הויכער פּינקוס, זיין אָנגעשטעלטער, צו די גוטבאַזיצער אַהיים און זיי נעמען אים אויף גאָר נישט פריינטלעך; פערטנס, דער מאָראַטאָריום פאַר לאַנדווירטן וואָס זענען שולדיק געלט צו די בענק און זייער ערד איז פאַרמשכנט.

יאָרן לאַנגע האָט עקסיסטירט דאָס אָפּנהיימער־הויז אין פּוילן.

איינער פון די ייִדישע גוטבאַזיצער פון דאָרף קוכאַר האָט אַראָפּגעבראַכט פון דאַנציק אַ יונגן מאַן אין אַ שטייף קאַפּעליושל, אין אַ שוואַרץ־געפּאַסטן ראָק מיט אַ זילבערשטעקן. דער יונגער מענטש האָט נישט פאַרשטאַנען קיין פּויליש, קוים אַרויסגערעדט עטלעכע ווערטער אויף רוסיש. זיינע שפּראַכן זענען געווען דייטש און פראַנצויזיש. עס איז נישט דורכגעגאַנגען קיין לאַנגע צייט און מען האָט געבראַכט מעבל, מען האָט אָנגעפירט אַלערליי טעפּיכער און קונסט־בילדער און די אָפּנהיימערס האָבן אַריינגעצויגן זיך אין שענסטן הויז פון סאָכאַטשין. אויפן ערשטן שטאָק איז געעפנט געוואָרן די באַנק־קאַנטאָר. מיט יאָרן שפּעטער האָט מען צוגעבויט אַ נייעם פליגל צום הויז, פאַרצוימט דעם הויף און געמאַכט אַ גאָרטן. איין דור אָפּנהיימערס איז אַוועק איז געקומען אַ צווייטער דור און אַ דריטער.

די וועלדער פון גוטאַזשעוואָ, פון שעראָמין, פון קוכאַר זענען געווען אין די הענט פון די אָפּנהיימערס. זיי האָבן געבאָרגט געלט צו די פּריצים, אויפגעקויפט תבואה, טראַנספּאָרטירט האָלץ. אַלע טראַנזאַקציעס זענען געמאַכט גע־

וואָרן אין דער שטיל. קיינעם וואָלט גאָרנישט איינגעפאַלן אַז פון דער קאַנטאָר־צי:ען זיך פעדעם אַזש קיין אַמסטערדאַם, קיין אַנטווערפּן און קיין פּאַריז.

אַנגעהויבן אונטערגיין האָבן די אָפּנהיימערס גלייך נאָך פּוילנס באַפריי־אונג. די שיף האָט זיך נאָך געהאַלטן אויף די וואַסערן און ווי נאָר עס איז גע־קומען דער שטורעם — דער פאַרבאָט אויסצוהאַקן די וועלדער און דער מאָ־ראַטאָריום, איז געקומען דער קראַך.

דער לעצטער פון די אָפּנהיימער־דינאַסטיע פלאָרענטין מיט די בלאָנדע באַקנבערד און שפּיציקן פּליך, מיטן ראָזן פּנים און בלוילעכע נעגל פון ביי־נערדיקע פינגער אויף וועלכע עס זענען געזעסן זילבער־רינגען מיט שוואַרץ־געפּאַסטע שטיינער, דער וואָס איז זעלטן אַרויס פון זיין שטוב און נישט גע־קענט קיינעם פון די ייִדן אין שטעטל, איז שטילערהייט אַוועקגעפאָרן פון סאָ־כאַטשין, מיטגענומען דאָס ווייב מיט דער טאָכטער בעלאַ. די שטוב איז פאַר־מאַכט געוואָרן. די פענצטער פאַרהאַקט מיט ברעטער: עס זענען געבליבן אין די צימערן אויסגעריבענע טעפּיכער, צעבראָכן מעבל. אויפן הויף האָבן זיך געוואַלגערט הויפנס פּאַפּירן פון דער אָפּנהיימער־קאַנטאָר און בריוו געשרי־בענע מיט גאָטישע בוכשטאַבן. דאָס קליינוואַרג האָט גענישטערט צווישן די פּאַפּירן, אויסגעפּונען קאָלירטע קאַרטלעך פון ימען און ווייטע שטעט. דער פרילינג־ווינט האָט די פּאַפּירן אַרומגעיאָגט איבער דעם מאַרק, פאַרטראָגן צו די פעלדער, העט ביזן טייך.

קיינער אין סאָכאַטשין האָט נישט געוווסט, אַז פלאָרענטין אָפּנהיימער איז פאַרפאָרן קיין וואַרשע, באַזעצט זיך אין אָרעמע צוויי צימערלעך אויף גראַ־נימשנע־גאַס, אויף אַ פערטן שטאָק.

פופציק יאָר איז ער אַלט געווען. ער האָט שוין מער גאָרנישט פאַרמאָגט. זיין ווייב, וואָס איז אָפּגעזעסן טעג גאַנצע אין אַ שאַל פון ליאָנער זייד, האָט מורא געהאַט פאַר אַ צוג־ווינט. וויפל די טירן און די פענצטער זענען נישט געווען פאַרמאַכט איז זי געווען זיכער אַז אַ צוג־ווינט טראָגט זיך אַרום הפקר־דיק איבער די צימערן. און אַז עס האָט אַ סקריפּע־געטאָן אַ טיר, איז זי אויפ־געציטערט געוואָרן.

בעלאַ איז אַלט געווען אַכצן יאָר. עס איז די העכסטע צייט צו געפינען פאַר איר אַ תכלית. פלאָרענטין האָט געשריבן בריוו צו די קרובים קיין דאַנ־ציג, קיין פּאַריז. נאָר אַלע האָבן זיך, פּונקט ווי ער, געפונען אין אַ קלעם. דאַנ־ציג איז אַ צערודערטער בינשטאָק. פראַנקפורט איז אָפּגעשניטן פון דער וועלט, דאָרט בושעווען די שטורמיסטן און מען קען אַפילו נישט שרייבן קיין בריוו.

ער וויל נישט שטעלן אין סכנה זיינע נאָענטע. די פאַרמעגנס פון ייִדן ווערן צוגערויבט. פון פאַריז ענטפערט מען אים נישט.

נאָך גרויס מי האָט ער באַקומען אַ שטעלע אין אַ באַנק. געוואָרן אַ נידע־ריקער באַאַמטער: בעלאַ גיט פראַנצויזישע לעקציעס, דערפאַר באַקומט זי מי־טיקן און עטלעכע זלאָטעס.

אין די נעכט בלעטערט ער זיין טאָגבוך. דער אונטערגאַנג פון די אָפּנהיי־מערס, אַזוי איז אָנגעשריבן אויפן שער־בלאַט. דאָס בוך האָט ער אָנגעהויבן שרייבן ווען עס איז אים געוואָרן צוואַנציק יאָר. שוין דרייסיק יאָר ווי ער שרייבט אַריין אין די העפטן דעם באַרג־אַראָפּ פון אַ באַנק־דינאַסטיע: זי איז אַמאָל פאַרקנופּט געווען מיט די באַנק־הייזער פון די מאָנטעפיאָרעס און די ראָטשילדס. די אָפּנהיימערס האָבן געפירט מסחרים מיט די בראָדסקיס און די פּאָליאַקאָווס פון רוסלאַנד. זיין בוך וועט אָנטפּלעקן דעם אמת וועגן דער ייִדי־שער געלט־מאַגנאַטעריע. זאָלן זען די מענטשן ווי נאַבל, ווי ריין עס זענען געווען די אָפּנהיימערס. זאָל מען וויסן וואָס די משפּחה זיינע האָט אויפגעטאָן פאַרן אייגענעם פאָלק, וויפל געלערנטע די אָפּנהיימערס האָבן געגעבן דער וועלט. איצט וואַרפט מען וויסטע באַשולדיקונגען.

ער האָט ליב צו בלעטערן די פּאַפּירן געל־וואַקסענע, ברוינלעכע, גרויע, געשריבן מיט פאַרשיידענע טינטן. טייל בלעטער זענען האַלב־פאַרשריבן. ער דערמאָנט זיך, לויטן האַנטשריפט, יעדן פּרט פון די טעג ווען ער האָט דאָס אַלץ געשריבן.

עס איז געווען אַ לאַנגער באַרג־אַראָפּ וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך איי־דער פלאָרענטין איז געבוירן געוואָרן. אים איז אויסגעפאַלן דער גורל אָפּצו־שליסן דעם לעצטן פּרק. ער וואָלט געדאַרפט אויפזוכן דעם איינציקן יורש פון דער פאַזנער־דינאַסטיע וואָס איז גאָר געוואָרן אַ פּוילישער סאָציאַליסטן־פירער און דריקן אים די הענט. דאָס אייניקל פון גרעסטן ייִדישן ערדבאַזיצער פון פוילן און דאָס אייניקל פון ייִדישן גרויס־באַנקיר... פלאָרענטין האָט קיינמאָל נישט געקענט שמייכלען. ער האָט געפּרוווט, נאָר עס איז אָן אויסקרימעניש נישט קיין שמייכל. די אונטערשטע ליפּ הייבט־אָן ציטערן און די קינבאַקן ווערן לויז.

ניין, קיין סך איז נישט געבליבן צו פאַרענדיקן דאָס לעבנסווערק, אפשר איין קאַפּיטל. שיין וועט זיין די באַשרייבונג פון זיין אַרבעט אין דער ייִדישער קאָאָ־פּעראַטיווער באַנק אין וואַרשע, אויף ביעלאַנסקע־גאַס. איינער פון די דירעק־טאָרן האָט זיך דערמאָנט אין דער ראָל פון די אָפּנהיימערס און מען האָט אים אין דעם זכות געגעבן דעם פּאָסטן — פונאַנדערצוטראָגן דערמאָנונגס־צעטלען

צו די וואָס דאַרפן צאָלן וועקסלען: גייט ער אַזוי, דער הער פּלאָרענטין, אי־בער די פינצטערע טרעפּ פון דער שמאָלער מילע, פון ניסקע, צו די אָרעמע באַלמעלאָכעס און טראָגט זיי די צעטלען, ער גייט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און געלאָסענע טריט.

ווי גוט עס איז וואָס ביינאַכט וועט ער זיצן איבער די בלעטלעך פון זיין לעבנסווערק „דער אונטערגאַנג פון די אָפּנהיימערס״ און אין ווינקל, פאַר־שאָטנט אין אייגענעם שאַל, וועט זיצן זיין ווייב מאַדלען.

די שניידער־וואַרשטאַטן פּוסטפּוסן. מען ברענגט שוין נישט קיין באַלע־מער שטאָף פון לאָדזש. די כאַלופּניקעס באַקומען נישט קיין צוגעשניטענע סחורה. די „זינגער״־ניימאַשינען זענען פאַרדעקט מיט ליילעכער. דער גרויסער צושנייד־טיש איז נאַקעט און פאַרשעמט. דאָס פּרעס־ברעט מיט די ברוין־אָנ־געברענטע פלעקן שטייט ביי דער וואַנט. די קוילן אין פּרעסאייזן זענען אויס־געלאָשן.

פלינצק האָט געהאַט הונדערטער קליינע וואַרשטאַטלעך צעוואָרפענע איבער דער קאָזשע־גאַס, איבער דער שול־גאַס; אויף פּאַצעיאַטקעס און אין קעלערס זענען געזעסן שניידער מיט אַ צוויי־דריי געזעלן און פאַרטיק גע־מאַכט די צוגעשניטענע מאַנטלען, הויזן און מאַרינאַרקעס וואָס זיי האָבן באַ־קומען פון די באַקלייד־הענדלער. מען האָט גענייט טאַנדייטנע פרויען־מאַנטלען מיט פוטערנע קראַגנס געפאַרבטע, פויערישע קורטקעס. עס זענען געוועזן שניי־דער וואָס האָבן געמאַכט הויזן און צייגענע רעקלעך. די געזעלן האָבן געהערט צום „פאַראיין״ און געפירט אָפּט מאָל פאַרביטערטע שטרייקן קעגן די כאַלופּ־ניקעס וואָס האָבן גאָרנישט פאַרמאָגט אַחוץ דער ניימאַשין מיטן פּרעסברעט, ווארעם די צוגעשניטענע סחורה האָבן זיי אַליין אָרויסבאַקומען ביי די סוחרים.

די פאַרטיקע סחורות האָט מען געשיקט קיין דאַנציג און פון דאָרט מעבר לים. אַ טייל איז זיך צעגאַנגען אין פוילן גופא. אַמאָל, ביים צאַר, איז פלינצק געוועזן איינער פון די וויכטיקסטע צענטערס פון קליידער־פאַבריקאַציע. די מאַנטלען פון פלינצק האָבן אָנגעשפּאַרט אַזש קיין באַקו און אין טיפליס.

דעם ווינטער האָט זיך די אַרבעט פּלוצים אָפּגעשטעלט. די שניידער־גע־זעלן זענען געזעסן טעג אין נאָדל־פאַראיין, געשפּילט אין „דאַמקע״, זיי זענען געקומען אין דער טשײַניע וואָס איז ווידער געעפנט געוואָרן, זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אויפן מאַרק אין די אָפּגעבליאַקעוועטע מאַנטלען, נישט גרוי נישט טונקל, געגאַנגען מיט אויפגעשטעלטע קעלנער, די הענט אין די קעשענעס.

זיי זענען געווען פאַרוואַקסן, מיט איינגעפאַלענע פּנימער, אַרויסשטאַרנדיקע אויגן און אַראָפּגעלאָזטע דאַשיקעס פון די ליצעפּעטישע היטלען.

דער לאַנגער מנשה איז געווען דער פירער פון נאָדל־פּאַראיין. עטלעכע מאָל איז ער שוין אַפילו געזעסן אין טורמע. אין די פרייטיק־צו־נאַכטסן האָט ער געדרשנט וועגן „אויפגייענדיקן מאָרגן”, וועגן דער וועלט־רעוואָלוציע וואָס קלאַפּט שוין אין די לאָדנס. „וואָס ערגער אַלץ בעסער”, אַלץ נאָענטער איז דער טאָג פון נצחון. אין דעם טויט פון אָסקאַרן האָבן אַלע דערזען דעם אָנזאָג פון אַ געהיימען כוח וואָס וואַרט אויף דעם ערשטן צייכן. עס האָט געהייסן אַז אָסקאַר איז אויסגעגעבן געוואָרן פון אַ פּראָוואָקאַטאָר. זיין טויט וועט נישט אָפּשטעלן „דאָס ראָד פון דער געשיכטע” — אַזוי האָט געזאָגט דער לאַנגער מנשה צו די שניידער־יונגען. זיי זענען געזעסן צונויפגעפּרעסטע, האַלב־הונגעריקע. דורך דעם פענצטערל האָט אַריינגעקוקט די נאַכט. אַרום שפּרייטן זיך זומפּיקע פעלדער. כאָטש עס איז נאָך נישט פרילינג, פילט מען שוין דעם ריח פון פוילעכץ און פון די שטייענדיקע קאַנאַוועס.

די חופה איז געשטעלט געוואָרן אין געאייל, אין אַ שבת צו־נאַכטס. ר' זעליג שניצער איז דערנאָך געזעסן ביי זיך אין שטוב און אַריינגעשריבן אין דעם יחוס־בלאַט פון דער משפחה, דאָרט ווו עס איז געווען געצייכנט דער בוים מיט די צווייגן, דעם נאָמען אריה בן לוי פראַנקין. ער האָט דעם נאָמען פאַרבונדן מיט אַ דינעם שטריך מיטן נאָמען פון אסתר בת זעליג. אויף דער אַנדערער זייט פון פאַרמעטענעם בלאַט האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע שורות מיט רש"י־כתב וועגן דער משפחה פראַנקין.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. זיינע פינגער האָבן אויסגעגלייכט דעם פאַרמעט און אים האָט זיך געדוכט אַז דאָרט ווו עס זענען געווען די אָדערן לייכט עפּעס. ער האָט געפירט די האַנט אַלץ בידעריקער און בידעריקער צום הויפּט־שטאַם, צו די וואָרצלען וואָס שפּרייטן זיך אויף מזרח און מערב — דאָרט ווו עס פאַנגט זיך אָן דאָס אייביקע. ר' זעליג איז געווען זיכער אַז דער אָנהייב פון די שניצערס קומט פון די לוים. איינער פון זיי איז געבראַכט געוואָרן פון די רוימער ביז טיטוס הרשעס טויער. שפּעטער איז ער אויסגעקויפט געוואָרן פון זייערע הענט. זיינע אוראייניקלעך האָבן אַוועקגעוואַנדערט אויף צפון, דערגאַנגען מיט די ערשטע רוימער קיין רעגנסבורג, דערנאָך קיין אַמסטערדאַם. זיי זענען געווען תלמידי־חכמים, פאַרפאַסער פון ספרים. איין צווייג איז פאַרפלאָכטן־געוואָרן מיט מזרח־־אייראָפּע.

ר' זעליג האָט אין דער נאַכט ווידער אַמאָל געלייענט אריהס אַ שיר און

נישט געקענט סובל זיין, הלמאי דער שיר איז נישט אויף לשון־קודש. ווי אַזוי קען מען זינגען שירה אויף ייִדיש? עס איז דאָך וואָכעדיק! מוסר־רייד פאַרן המון, טייטש־חומש, מסחר־בריוו, צייטונגס־כראָניק — דאָס יאָ, אָבער שירים?

ער האָט געפּרוּווט איבערזעצן אריהס שיר אויף לשון־קודש. דאָס ליד איז אים גראָד געפעלן. ס'איז אַ געזאַנג צו די פעלדער אויף וועלכע עס זענען פאַרוואַקסן געוואָרן די וועגן. „איך וועל באַנייען די וועגן, איך וועל גיין אויף זיי און ווייס אַז זיי וועלן מיך סוף־סוף דערפירן צום טאָל פון גליל. איך האָב דעם וועג אַראָפּגענידערט פון די הייכן ביז צו דער ערד". ער האָט איבער־געזעצט דאָס ליד אין אַ מליצהדיקן העברעיִש, געלייענט עטלעכע מאָל אויפן קול, פאַרראַכטן אַ וואָרט און ווידעראַמאָל געעפנט די טונקעלע טאָוולען, צע־וויקלט דעם פאַרמעט און אַריינגעשריבן מיט געציקלטע אותיות, מיט אַ גענ־דזענער פען, געטונקען אין אַ ספּעציעלן טינט, מיט רש"י־כתב, אריהס שיר אין דער איבערזעצונג. זיין פּנים האָט געלויכטן פון נחת. ער האָט בחוש געפילט אַז זיינע אָבות קוקן אויף אים.

ר' תנחומס זאָגט, אַז מען קען תפילה־טאָן אפילו ווען מען שמירט די רע־דער, איז אַריין אין די הערצער פון די באַלעגאָלעס.

געגנוג אויפצוהייבן די אויגן צו די הימלען, ווי עס עפענען זיך די שערי־רחמים. תפילה־טאָן קען מען אויך דורך נגינה. עצבות דערפירט אַ מענטשן צו לעסטערונג, ווייל ווי אַזוי קען מען זיין עצבותדיק ווען מען קוקט אויף גאָטס יצירה? דאָס הייסט דאָך פאַרשעמען די עבודה פון אייבערשטן.

ווען דו טרייבסט דיין פערד און וואָגן דורך פעלדער און דו זעסט ווי די רעדער צעטרעטן ביים ראַנד פון וועג גראָזן — בעט ביים רבונו־של־עולם מחילה.

פריי זיך ווען דו זעסט אַ שיינעם בוים. פאַרוואָס זענען אייערע פּנימער פאַראומערט? — האָט תנחום נישט איינמאָל אויסגעשריגן אין בית־מדרש צו די באַלעגאָלעס. פאַרוואָס גייט איר אַרום ווי די אבלים?

דער בעל־שם־טוב האָט זיינע ניגונים געלערנט ביי די גראָזן און ביי די זאַנגען און ביי די פייגל וואָס פלאַטערן אַרום די נעסטן. ער האָט דעם ניגון אויסגעמישט מיטן ניגון וואָס עס האָבן געזונגען פּויערים ביים שניט און מיטן ניגון פון תפילות.

זענען געקומען אויף פלינקע פערד הײדאַמאַקעס, פאַרוויסט ייִדישע קהלות, פאַרטרויערט איז געוואָרן אונדזער געזאַנג. מען האָט פאַרגעסן דעם ניגון פון

חדווה. איך האָב אים דערהערט אין די נעכט, עס האָט אים געבראַכט דער ווינט פון יענער זייט טייך. העלפט מיר אונטער, רבותי, איי־איי־איי, דו־דו־דו, דאַ־לע, דאַ־לע־דו.

דאָס בית־מדרשל האָט אונטערגעכאַפּט ר׳ תנחומס געזאַנג. עס איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער, ביז עס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ התלהבותדיקער פרייד.

יעדן שבת־צו־נאַכטס האָט מען געפּראַוועט אַ מלוה מלכה אין רבינס שטיבל.

פאַנטל קרול איז געווען דער צושטעלער פון פּעסלעך ביר, פון הערינג, פון פריש־געבאַקן ברויט און אויבסט. די סוחרים האָבן נישט געוואָגט אָפּצו־זאָגן. יאָסל יאָלעך האָט געצאָפּט דאָס ביר פון די פּעסלעך, פאַנטל קרול האָט באַדינט די לאַנגע טישן און מעשאַרן פּענעץ איז געווען דער אויפזעער ביי דער טיר. עס האָט געשמעקט מיט שוימיקן ביר, מיט הערינג, ציבעלע און מיט אויבסט. די פּאָר פסוקים תורה זענען בטול געוואָרן אין די ניגונים. הענעך דער חברה־קדישא־ייִד האָט געכאַפּט אַ טענצל אויפן טיש, פאַרלייגט די פּאָלעס אונטערן רימען פון די הויזן, די הענט געשטרעקטע פאַרויס. די האַנט־פלאַכן זענען געווען ווי אַ פאַנצער קעגן־איבער דער ברוסט, האָט ער געהויבן די רגלים צום טאַקט פון אַ האַנט־פּליעסקעריי.

עס איז געווען ששון ושמחה. איין ברײנע איז געווען פאַרטרויערט. אין ענגן אַלקערל, פאַרהילט אין אַ פאַטשיילע איז זי געשטאַנען ביי די טונקעלע פאַרהאַנגען.

זי האָט נישט פאַרטראָגן דעם ריח פון שוימיקן ביר, נישט פון די ציבעלעס מיטן הערינג. עס איז איר נמאס געוואָרן דער ניגון וואָס איז יעדעס מאָל באַנייט געוואָרן און אויסגעגאַנגען, אַזוי אָן אויפהער. אין איר האָט אַרומגעבושעוועט אַ געשריי, אַ ווילד געשריי וואָס וועט אויסברעכן ווי אַ דונער אין אַ שטילער נאַכט. טייל מאָל איז איר אויסגעקומען אַז עמעצער צווינגט זי שרייען. מען מאָנט דאָס ביי איר. זי איז נישט די האַרנטע איבער זיך. זי מוז פאָלגן. מיט פאַרביסענע ליפּן, מיט דער האַנט אויפן מויל, מיט צוזאַמענגעצויגענע מוסקלען איז זי געשטאַנען שפּעט אין דער נאַכט ביז די באַלעגאָלעס זענען אַוועק און דער ווינט האָט צוגעהאַקט די טיר פון פאָדערהויז.

ברײנע האָט געוווּסט אַז עס קומען־אָן ביטערע צייטן. זי האָט דאָס דער־פילט אין תנחומס תפילות אין דער נאַכט. ער זיצט תמיד אויפן ראַנד פון זיין בעט מיט אַ ליכט און טענהט מיט עמעצן איין. איינמאָל האָט ער אויסגעשריגן: אויב דאָס העלפט נישט וועל איך זיי פירן זינגענדיק! איך וועל אַנטקעגן־גיין

מיט געזאַנג דיין גזר! נישט בעטן רחמים, נישט שרייען צו די הימלען, נאָר מיט געזאַנג וועלן זיי אַנטקעגן־גיין דעם טויט!

דאָס חלב־ליכטל איז צעטריפט געוואָרן. תנחום האָט געוויינט יענע נאַכט.

אפשר איז דאָס אַ חלום? אפשר איז תנחום גאָרנישט געזעסן אויפן ראַנד פון בעט מיטן ליכטל? עס איז נישט מער ווי אויסדאַכטעניש. צומאָרגנס האָט זי געזוכט די שפּורן. זי איז אַריין אויף די פינגער־שפּיצן, בעת דער מאַן איז נאָך געשלאָפן און אָנגעהויבן זוכן די שפּורן פון חלבנעם ליכט וואָס איז געווען אָנגעטריפט אַוודאי ביים בעט. דאָס איז געווען די צייט פון ערב טאָג ווען די שויבן בלויען. און אַז תנחום האָט זיך אויפגעזעצט און זי האָט דערזען זיין געל־פאַרוואַקסן פּנים איז זי געפאַלן אויף די קני. אַ ליכט האָט גענומען שלאָגן פון תנחומס הענט, אַזאַ בלענדיק ליכט אַז ברײנע האָט פאַרשטעלט דאָס פּנים און אויסגעשריגן דאָס גרויסע געשריי וואָס האָט אַרומגעבושעוועט אין איר. דאָס איז געווען אַ געשריי אָן ווערטער.

ווען עס איז ליכטיק געוואָרן איז געקומען יאַשפע מיטן פרישן ברייטל און די הייסע פּלעצלעך. זי האָט אַ נעם־געטאָן ברײנען פאַר די אָרעמס, גע־וואָלט זי אויפהייבן.

די שטוב איז נאָך פול געווען מיט איר געשריי. די בעקערין איז אויפ־געבראַכט געוואָרן. וואָסי? אָך און ווי צו די יאָרן, ווען מיין תנחום האָט פאַר אַ ווייב! הייב אויף דיין באַלעגאַלישע צורה!

ברײנע איז אויפגעשפּרונגען.

— תנחום איז דאָך אַ מלאך! ער זינגט מיט זיי! אַנשטאָט צו שאַרפן די העק ברומען זיי ניגונים מיט פאַרגלאָצטע אויגענעס! זיי ווערן דאָך שיכור בלויז פון ביר־שוים! עס שטינקט דאָך דאָ מיט ציבל און הערינג! איך זאָג איך, עס ברענט! זיי שנאָרן־אויס יעדן פרייטיק ביי די סוחרימלעך אויף ביר און הערינג און הולע קבצן! שאַרפט די העק! ער גייט זיי פירן זינגענדיק צום טויט? אוי ווי איז מיר!...

ברײנע האָט געריסן אויף זיך די קליידער און יאָמערלעך געוויינט.

דאָס משוגעת איז זי ווידער באַפאַלן — האָט געטראַכט יאַשפע. זי האָט פאַרהויבן די שירץ, געכאַפּט דאָס האַנטוך און געוואָרפן זיך אויף ברײנען.

— שווייג, מענטשן וועלן נאָך דערהערן דיין געשריי! מען וועט דערקענען דיין משוגעת! מטורפת!

זי האָט זי געוואָלט בינדן, פאַרשטאָפּן דאָס מויל און נישט געקענט. זיי האָבן זיך שטום געראַנגלט און אין דעם געראַנגל האָט די בעקערין געהאַט

על נהרות פוילן

אַ פֿאַרבאָרגענע הנאה צו שפּירן דעם הייסן אָטעם פֿון דער מויד און פֿילן איר שווערן און שטאַרקן גוף.

אין דער בעקעריי איז וואַצעק געשטאַנען ביי דער דייזשע. זיינע הענט זענען געווען ביז די עלנבויגנס אין אויפגעוירערנעם טייג.

יאַשפּע איז אויפגערודערט, צעהיצט. עס שפּאַרט פֿון איר ממש מיט רייד נישט־דערזאָגטע.

— אַזאַ אַנשיק, וואַצעק־קרוין. זי וועט אים פירן פֿון דער וועלט. דאָס משוגעת איז אַלץ נישט אַרויס פֿון איר. עס ברעכט־אויס אומגעריכט ווי אַ פֿייער אין אַן אויוון וואָס צינדט זי אונטער פֿון אַ האַלאָוועשקע...

דער יונג האָט גלייך באַנומען וואָס די בעקערין איז אויסן. זיינע הענט זענען נאָך טיפֿער געזונקען אין טייג און מיט ווילדער הנאה געקנאָטן, געריסן שטיקע ראַשטשינע, געפּאַטשט, אויפגעהויבן אַ פּוד טייג הויך און עס געגעבן אַ לאָז־אַראָפּ. די הענט האָבן זיך געדרייט אין אַ געווירבל און מיטגעדרייט שטיקער טייג.

די בעקערין האָט זיך איינגעבויגן איבער דער דייזשע, אויסגעשטרעקט אַ האַנט, געכאַפּט אַ שטיק טייג, מיט דער צווייטער האַנט אַ קנייפּ־געטאָן און איין אַקסל האָט זי אַנגעשפּאַרט אָן וואַצעקס ברוסט. זי האָט דערפֿילט זיין אומרויִק אָטעמען. אַ ווײַלע איז זי געבליבן פֿאַרשטיינערט און געקוקט ווי ער שאָבט מיט אַ גרויס מעסער די פֿאַרבאַקענע שטיקער טייג פֿון די פֿינגער. און אומ־געריכט האָבן זי זיינע הענט אַרומגענומען.

יאַשפּע איז אויסגעבראָכן אין אַ הייזעריק געלעכטער.

— אוי וויי, ס'איז דאָ אַ קאַלטער אויוון. גיי, דו יונג איינער, גיי! כאַ־כאַ־כאַ...

צומאָרגנס אין דער פֿרי, ווען אין אַנשלס שענק איז קיינער נישט געווען איז אַריין די בעקערין און געזאָגט:

— נעמט אַוועק דעם פֿאַרשוין. איך האָב מורא פֿאַר גאָט. עס איז אַ זינד. ער האָט גויִיש בלוט.

די בעקערין האָט זי אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק און פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ ווי אין חלשות. אַנשל האָט איר אָנגעגאָסן אַ קעלישעקל.

— עס וועט אייך אָפּמונטערן. לחיים יאַשפּע. זאָל אייך זיין צום געזונט.

דער כוס איז געשטאַנען אַ נישט־גערירטער. די בעקערין האָט פֿאַר־ראָכטן דאָס קאָפּטיכל, פֿאַרדעקט אַ פּאַס האָר וואָס איז געלעגן אויף דעם פּנים און פּאַמעלעך צוגעטראָגן דעם כוס צו די ליפּן.

אין אַ זונטיק איז געקומען סערגיי קריזשאַנאָווסקי קיין סאָכאַטשין. צו־ערשט האָט ער געמאַכט אַ קורצן באַזוך ביים אַלטן פעלדשער, אַ פריינד נאָך פון פעטערבורג, דערנאָך איז ער אַוועק צו עליאַשן.

ער איז שוין נישט אַרויס פון זיין וואַלד־שטיבל לאַנגע יאָרן, לעצטנס אָבער, האָט דעם רוס געדריקט אַ שווער געפיל: ער מוז זיך דורכרעדן מיטן ייִד עליאַש. זיי זענען געזעסן ביים דעמבענעם טיש, ביי אַ פאַרעדיקן סאַמאָוואַר. דער שטאַרק־פאַרבריטער טיי אין די גלעזערנע טעצלעך האָט אים דערמאָנט אין די צייטן פון טיף ראַסיי. עליאַשעס צעשויבערטע גרויע באָרד, דאָס פעסטע פויערישע פּנים מיט די מוסקלען, מיט די קנייטשן, די גרויסע ברעמען, די פליישיקע נאָז, די אויערן ווי זיי וואָלטן אָנגעשפּיצט געווען, די קינבאַקן צע־פּאַטשטע פון ווינטן — דאָס אַלץ האָט אים דערמאָנט אין אַ רוסישן מוזשיק פון דער וואָלגע. ער האָט געקוקט אויף די הענט פון ייִד; פעסטע פינגער, האַריק־באַוואַקסענע, גוט־געפורעמטע. פון אונטער זיין גרויען ראָק מיטן גרי־נעם גאַרטל האָט אַרויסגעקוקט אַ ווייס העמד מיט טונקעלע פּאַסן.

אַ פּראָסטע האַלץ־געשניצטע שאַפע. שווערע שטולן פון אייכנהאָלץ מיט אָרנאַמענטן. אַ מאַסיווע שלאַף־באַנק. האַנט־געפלאָכטענע טעפּיכער פון אַ רויען וואָל. אויף דער געקאַלכטער וואַנט איז געהאַנגען אַ פאַרגעלטע פאָטאָ פון אַ צאַרישן סאָלדאַט. דאָס איז עליאַש אין אַ קאַווקאַזער פּאָלק.

— וואָס שרייבט די פּאַני יוטאַ?

דער אַלטער עליע האָט אַ קרעכץ־געטאָן. שוין עטלעכע וואָכן ווי יוטאַ איז אַוועק. קיין גוטע נייעס איז נישטאָ. זיי לעבן דאָרט פון גרייטן. איסאַק זיצט נאָך אַלץ מיט די ידידים אין די קאַפּעען. יוטאַ וווינט אין אַן אָפּיצינע. עס איז אַ רעשיקע גאַס. טונקעלע טרעפּ, געוויקלטע אַזש אויף אַ דריטן שטאָק. דאָס פאַרמעגן זייערס גייט אונטער. מיר ווערן אַלט. דאָס יונגוואַרג אַנטלויפט אין דער וועלט אַריין. אונדזער וועלט ווערט פאַרוויסט.

כאָטש עליע האָט געזאָגט די פאַרצווייפלטע רייד, איז אָבער אויף אים אויסגעגאָסן געווען אַ מילדקייט און אַ פאַרבאָרגענער גלויבן אין עפּעס אַ נס.

ער איז באַשאַפן געוואָרן צו דינען גאָט מיט פרייד און נישט טרויערן. עס האָט זיך נאָר פון אים אַרויסגעריסן אַ קרעכץ. איי, גאָספּאָדין סערגיי, עס איז פון אַלטקייט. די וועלט וועט בלייבן וועלט — אַזוי שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים. עס איז נאָר אַ פאַרטונקלונג ערב אַ שטורעם און דערנאָך וועט זיך אויסלייטערן.

סערגיי וואָלט איצט געמאָלן דעם אַלטן עליאַש, דאָס פּנים איז נישט נאָר ייִדיש, עס געהערט צו אַלע צייטן און צו אַלע פעלקער. עס איז תנכיש און סלאַ־

זויש. עס איז אַ פּנים פון אַ רבי און פון אַ רוסישן מוזשיק, פון אַן ערד־מענטש און פון אַ הייליקן. אַזאַ פּנים האָט געהאַט דער טאַמבאָווער גראַף און פּייער וואָס האָט אויפגערודערט די וועלט מיט זיינע ווערק.

— דו ווייסט נישט עליאַש, וואָס עס קומט פאַר. דו גלייבסט צופיל אין יושר פון דער וועלט. ביי אייך וועלט און גאָט איז אויסגעמישט געוואָרן. אַפּט־מאָל, אַנשטאָט צו זאָגן „גאָט וועט נישט שוויגן״ זאָגן יידן „די וועלט וועט נישט שוויגן״. די וועלט? איר האָט געוואָלט מאַכן די וועלט געטלעך. וואָס איז אויף אַן אמת די וועלט? דאָס איז אַ וויסט צעטראָטן פעלד ווו עס זענען שוין פאָרגעקומען און וועלן נאָך פאָרקומען מענטשן־שחיטות. נאָך דעם קומט דער אַקערער און פאַראַקערט די פאַרבלוטיקטע פעלדער און די נאַריש־געדולדיקע ערד גייט ווידער אויף מיט ווייץ און קאָרן ביז נייע האָרדעס רייטער וועלן קו־מען און אַלץ פאַרוויסטן. איך קען נישט הערן ווען מען רעדט צום געוויסן פון דער וועלט. איר זענט עקשנותדיק־גלייביק ביז בלינדקייט. גייט שטילערהייט אַוועק פון די שלאַכט־פעלדער. סטאַרי עליאַש, שרייב צו מיכאַלן אַז ער זאָל נישט בלייבן אין וואַרשע. איך בין אַ וואַלד־מענטש. איך לעב צווישן ביימער באַר איך קען בעסער די מענטשן ווי דו. די קלוגסטע באַשעפענישן זענען די האָזן, אָטאָ די אייביק־אַנטלויפנדיקע האָזן.

ער איז געווען שיכור. זיינע רייד האָבן זיך געפּלאָנטערט. קריזשאַנאָווסקי האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ פלאַש בראַנפן און מיט איין צי אויסגעטרונקען ביז די העלפט. ער איז אַוועק. די ערשטע טריט זענען געווען פעסטע. ער איז געגאַנגען דורכן זאַמדיקן מאַרק וואָס אַמאָל פאַמעלעכער, געמאַכט האַלב־קרייזן און אָפּגעשטעלט זיך. גוט וואָס אַ ברישקע איז אונטערגעקומען. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און דער אַנטרייבער האָט אים געהאָלפן אַריינזעצן זיך.

עליע ווישט די הענט אָן די פאַרלאָפענע שויבן, שטייט דערנאָך מיטן פּנים צו דער וואַנט און דאַווענט מנחה.

יאָסל יאַלעך האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דער מויד סורטשע. די טשײַניע איז תמיד באַלויכטן געווען פון אַ בליצלאָמפּ. די עטלעכע קאַליריקע שייבעלעך, בידעריקע, ממש ביי די טרעפּלעך, האָבן לוסטיק געמאַכט דאָס געמיט פון די יונגען וואָס האָבן דאָ פאַרבראַכט גאַנצע אָוונטן.

יאַלעך איז אָפט געשטאַנען ביי די שטיינערנע שטיגלעך פון בית־מדרש און געקוקט אויף דער גלעזערנער טיר פון דער טשײַניע. ער האָט נישט גע־וואַגט צו רעדן צו דער מויד קליפּ און קלאָר: איך האָב מיין אייגנס אַ פערד און

וואָגן, אַ געזונטע פּלייצע מיט טרעגערישע ידיים. דו ביסט אַ מויד שוין אין די יאָרן. איך נעם דיך אַזוי ווי דו שטייסט און גייסט.

עס האָט אים שטענדיק פאַרפּעלט אָטעם און קוראַזש בעת ער איז געשטאַנען לעבן איר. זי האָט געוואָרפן מיט די שוואַרצע קודלעס און אים נישט איין מאָל אַ קלאַפּ־געטאָן איבער דער פּלייצע מיט דער שווערער האַנט אַזש ס׳היטל איז אים אַראָפּגעפאַלן. אין איר געלעכטער אַליין איז שוין געווען צו שפּירן איר כוח. עס איז נישט אַ נייטאָרין מיט אַ בלייך אויסגעצויגן פּנים און איינגעפאַלענער ברוסט. דאָס איז אַ פּאַרשוין. גיי רייד צו איר אָפענע דיבורים אַז עס לייגן זיך נישט די ווערטער.

סורטשע איז אַ סאַדאָווניקס אַ טאָכטער, געבוירן אין די גרויסע עפּל־סעדער, ממש אונטער אַן עפּלבוים. זי איז אָפּגעוואַקסן מיט איר טאַטן פון פּסח ביז ראש־השנה אין די סעדער. יאָר־נאָך־יאָר. אַ באָרוועסע מויד וואָס איז געהאָדעוועט געוואָרן צווישןביימער. ערשט נאָך די יום־טובים האָט זי אָנגעטאָן שיך. יאָלעך פלעגט יינגלווייז קוקן פון דער שטאָל אַרויס און זען ווי סורטשע שנאָרוולט די הויכע שיך. ער האָט זי געזען צוואָגן די האָר און פאַרפלעכטן די צעפּ. זי איז געוואַקסן בשכנות פון זיין פערד־שטאַל. ער האָט זי נאָר געזען אין די האַרבסטן און אין די ווינטערס. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט איר פאָטער געעפּנט די טשייניע איז סורטשע געוואָרן די פאַרקויפערין. וואָרט איצט יאָסל יאָלעך ביז עס וועט אַרויסקומען זיין גוטער ברודער אַר־טשיק פון קעלער. ער איז אַריין אַ „טאַפּ־טאָן אין וואָגן" — דאָס הייסט אַרייגוואָרפן אַ וואָרט וועגן יאָסל יאָלעך און הערן וואָס די מויד וועט דערויף זאָגן.

דער גוטער ברודער איז אַרויס פון קעלער אַ פאַרשוויצטער.

— יאָסל, מ׳קען שוין דעם זשרעבאָק קאָווען... אויפן לשון פון די באַלעגאָלעס האָט דאָס געהייסן, אַז ס׳איז אויף אַ דרך מיט סורטשען. זי איז איינשטימיק.

זיי האָבן געוואָלט אַריין צו אָנשלען און נעמען אַ כוסה, נאָר עס פּאַסט נישט.

— עפּעס אַ שניידער־יונג שדכנט זיך צו איר, נאָר סורטשע האָט מיר געזאָגט: ער איז אַזוי איינגעדאַרט ווי אַ פרעס־ברעט און עס שמעקט פון אים מיט שיטערע זייף און מיטן סוואָנד פון אַ פרעסאייזן... יאָסל יאָלעך? — האָט זי זיך איבערגעפרעגט — וואָסי, אַן אונטערשטער ראָד איז אים צעבראָכן געוואָרן? זאָל ער זיך אַריינריטשן אויף דער אַקס...

זיי האָבן ביידע געלאַכט, געשטויסן זיך אין די זייטן. אָט אַ מויד, אַ רוח

אין איר מאַמען אַריין! וועסט נישט פאַרפאַלן ווערן מיט אַזאַ יידענע! הערסט אַ לשון? אַן ענטפער? אַ קלוגשאַפּט?

אַרטשיק האָט מיט איר אָפּגערעדט אַז יאַלעך וועט זיך אַליין אַריינשטעלן, און אַזוי מוז עס געשען, אויב נישט איז אויס.

— גיי, רעד פּראָסטע רייד, אָפּענע.

און אַז יאָסל יאַלעך איז אין עטלעכע טעג שפּעטער צוגעקומען צו דער טשײַניע איז אים דאָס בלוט אַנטרינען געוואָרן. ער האָט זיך אַ פּאַטש־געטאָן אין דער שטיוול־כאַליעווע און אַראָפּגעלאָזט מיט די טרעפּלעך אין קעלער אַריין. עס איז געווען צווישן מנחה און מעריב. אַ קליין מיידעלע פון אַ יאָר זעקס איז געקומען קויפן פאַר פינף גראָשן לאַנדאַרינקעס. סורטשע האָט אַ כאַפּ־געטאָן אַ קיילעכדיקע קאָלירטע בלעך־פּידלע און געוואָלט אַרויסנעמען עט־לעכע צוקערקעס. זיי זענען אָבער געווען צונויפגעקלעפּט. מיט איין האַנט האָט זי צוגעדריקט די פּידלע צו דער ברוסט און מיט דער צווייטער געפּאַטשט אין דער בלעך אַריין ביז עס האָבן זיך אָנגעהויבן טרייסלען די צוקערלעך. יאַלעך האָט נישט אַראָפּגעלאָזט פון איר קיין אויג.

— וואָס ווינטשן זי זיך?

— וואָס עפּעס אַן „אירצן"? בין איך אַ פרעמדער יאַלד? סורטשע, הער, איך וועל דיר זאָגן קורץ און שאַרף.

זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט און אָנגעהויבן צו שטאַמלען. דערנאָך איז זי צוגעלאָפן צו די טרעפּ, פאַרמאַכט די טיר אויפן שליסל און פאַררוקט די פאַר־האַנגלעך.

— יאַלעך, וואָס איילסטו זיך אַזוי? האָסט נישט קיין צייט? דאַרפסט פּאַיען דאָס פערד?

זי האָט אים אַריינגעלאַכט אין פּרצוף־אַריין. געלאַכט מיט אַ ברייט־צע־עפנט מויל, געוויזן גלייכע שורות בלאַנקענדיקע ציין. — הער, האָסט נישט מורא צו זיין אַליין מיט אַ מויד? ביסט דאָך שוין געוואָרן אַ גאַנצער רב לעבן דיין תנחום מיט דער הייליקער אשה ברײַנע?

איר געלעכטער האָט אים ווײ־געטאָן.

— הער אויף, סורטשע. לעסטער נישט. ער איז אַ צדיק. איך וועל גיין פאַר אים אין פייער אַריין.

עס איז איר געפעלן יאַלעכס איינשטעלן זיך פאַרן רבין. זי איז געוואָרן ערנסט.

— איך וועל אָנגיסן טיי.

די הייסע טיי אין ווינקל פון קעלער, לעבן אייזערנעם אייוועלע, האָט אים היימישער געמאַכט מיט דער מויד.

— עס איז שוין צייט, סורטשע, לאָמיר רעדן צו דער זאַך. עס איז אַזאַ אומרויִקע וועלט... וואָס וועלן מיר זיך אַרומדרייען אַזוי ווי די געפּענטעטע פערד אויף אַ נאַכטיקער לאָנקע?

יאָסל האָט זיך אויפגעשטעלט. אַז ער זיצט קען ער נישט פאַרבונדן קיין וואָרט מיט קיין וואָרט און ער פאַרפּלאָנטערט זיך. ער קען רעדן ווען ער שטייט. ער האָט זיך אָנגענומען מיט כוח און געזאָגט:

— איך וויל דיך פאַר אַ ווייב. הערסטו אָפּענע דיבורים און אַ סוף זאָל עס נעמען.

עמעצער האָט געקלאַפּט אין דער טיר. די שויבן האָבן אָפּגעקלונגען אומ־היימלעך.

סורטשע האָט געעפנט די טיר און עס איז אַריין דער געבויגענער שפּיל־פויגל. ער האָט זיך שווייגנדיק אַוועקגעזעצט לעבן אַ טישל. זיינע פינגער האָבן עפּעס געזוכט.

— פאַני סורטשע, טיי.

ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם פּאַפּיר און געשריבן נאָטן.

— וואָס איז דאָס, פאַניע?

— עס איז נאָטן. אַ ניגון צו אַ ליד.

— איך וויל הערן דאָס ליד.

— אויף דיין חתונה וועל איך עס שפּילן.

— איך האַלט אייך ביים וואָרט הער שפּילפויגל — האָט געזאָגט יאָלעך — איר וועט נישט דאַרפן לאַנג וואַרטן.

— אַזוי גאָר? זאָל־זשע זיין אין אַ גוטער שעה, אין אַ מזלדיקער!

שפּילפויגל האָט אַ פּאַטש־געטאָן מיט די הענט און אָנגעהויבן זינגען אַן אַלט ייִדיש ליד וועגן אַ ליבע פון אַ באַלעגאָלע־יונג מיט אַ שוואַרצהאָריקער דינסטמויד.

דער קעלער איז איבערגעפולט געוואָרן מיט מענטשן פון דער קאַזשע־גאַס. די ערשטע זענען געקומען די שניידער־געזעלן, דערנאָך די יונגע פאַר־מאַנעס, די זין און טאָכטער פון די סאַדאָווניקעס. טייל האָבן אונטערגעהאַלטן שפּילפויגלס ניגון, נאָכגעזונגען דאָס פריילעכע פאָלקסליד און צום ריטעם צוגעקלאַפּט מיט די שטיוול.

יעדעס מאָל האָט זיך די טיר געעפנט און עמעצער האָט אַריינגעשטעקט

אַ פאַרחידושטן קאָפּ. דאָס געזאַנג אין קעלער איז געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער.

ר׳ זעליג שניצער איז אַרומגעגאַנגען איבערן גרויסן צימער אַן אויפגע־רעגטער.

עס איז בין־השמשות. די אַלטע דינסט פּאַרעט זיך אין קיך, הוסט, טייל־מאָל קלימפּערט דער קופּערנער שעפּער אין טינדל. אין שטוב איז טונקל. אַ טיר סקריפּעט ווי עמעצער וואָלט זי געוואָלט פּאַמעלעך עפענען. ער וועט וואַרטן ביז דאָס סקריפּעריי וועט אויפהערן, דעמאָלט וועט זיך באַווייזן אַ פּנים. ניין, קיינער וועט נישט קומען. די טירן עפענען זיך און פאַרמאַכן זיך אַליין, פון ווינט. ער איז זיכער אַז עמעצער וועט זיי באַלד אויפפּראַלן מיט רוגזה. אַ פרעמדער מענטש מיט אַ רויט־פאַרלאָפענעם פּרצוף. דאָס איז אַן אויסדאַכטעניש. דורך דער מאַזאָווער ערד זענען שוין דורכגעריטן אַלערליי הערדעס. זיי זענען געקומען פון צפון, פון מזרח און פון מערב. זיי האָבן פאַר־וויסט די ברויט־פעלדער, אונטערגעצונדן דאָרפישע ווירטשאַפטן און באַרויבט די שטעט. פוילן האָט זיי אַלעמען איבערגעלעבט. יידישע קהילות האָבן זיך ווידער אויפגעבויט. אַנשטאָט הילצערנע בתי־תפילות זענען דערנאָך אַנטשטאַ־נען ציגלנע. איצט איז אָבער אַנדערש. דאָס שלעכטס וועט נישט נאָר קומען פון דרויסן נאָר אויך פון אינעווייניק. עס וועט קומען אין איין צייט. רבונו־של־עולם, פאַרוואָס האַלטסטו תמיד גרייט מחנות קעפּ־שניידער, פאַרלענדער, פאַרגוואַלטיקער? דו האָסט זיי צעשפּרייט איבער דאָרף און שטאָט. אין רויִקע צייטן גייען זיי נאָך דעם אַקער, זיצן גוטמוטיק אויף די געמערק, זיי גייען אַרום אויף יאַרידים, זיי קניִען פאַר די וועג־צלמים. קיינער ווייס נישט אַז עס וועט קומען די צייט וועט זיך אין זיי צעזידן דאָס פאַרבאָרגענע בלוט. זיי וועלן אַנלויפן אַזוי ווי עס לויפן־אַן די שוואַרצע ראָבן פון אַ צווייגן־געדיכ־טעניש. דער קרבן וועט פאַלן, דעמאָלט וועלן זיי אים אויספּיקן די שוואַרצאַפּל. גאָט, פאַרוואָס האַלטסטו זיי תמיד גרייט? פאַרוואָס זענען זיי אומשטערבלעך? פאַרוואָס באַנייען זיי זיך יעדן דור?

מען רופט ר׳ זעליגן קיין וואַרשע. עס זענען אָנגעקומען פאַר אים פּאַפּירן צו פאָרן קיין ישראל. איך בין אַלט. וווהין וועל איך אַוועקגיין אין דער נאַכט? איך וועל איבערוואַרטן די פינצטערניש וואָרעם איך קען נישט לאָזן אויף הפקר אַן עדה יידן. — האָט ער זיך אַליין פאַרענטפערט. איך וועל בלייבן. איינער מוז דאָך בלייבן אין דער שטאָט, צווישן די יידן.

דער אָוונט פאַלט־צו אין זיינע צימערן פריִער ווי אומעטום.

אין מאַרק איז נאָך ליכטיק. אַ בלאַטיקער שניי. מען זעט אַרויס די נאַסע שפּיציקע פעלדשטיינער. ווידער סקריפּעט די טיר. ער גייט מיט איילקע טריט און גרייט דעם „גוטנאָוונט״. די טיר איז צו. ער איז זיכער אַז אויף יענער זייט וואַרט מען אויף אים. זאָל ער עפענען די טיר און וואַרטן ביז ער וועט קומען, אַט־אַ דער פרעמדער?

ער בלעטערט אַ ספר. דאָס איז די העברעיִשע שירה וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין ספרד.

פאַרוואָס האָט ער נישט מיטגעגעבן דעם ספר אריהן?

אין זיין שופלאָד ליגט אַ נישט־פאַרענדיקטער חיבור. די השפּעה פון משיחישן געדאַנק אויף דער יצירה פון די פּאַליאַקן.

ר׳ זעליג האָט אַנטפּלעקט געהיימע פעדעם וואָס די פראַנקיסטן האָבן פאַר־בונדן צווישן יהדות און דער פּוילישער שירה. ווי אַזוי קבלה איז אַריינגעדרונ־גען אין דער פּוילישער מחשבה. ער ברענגט ראיות, ציטאַטן, פאַררופט זיך אויף דיספּוטן צווישן משומדים און רבנים מיט דורות צוריק. ער ווייזט־אויף ווי די רייד פון די משומדים זענען שפּעטער נאָכגעזאָגט געוואָרן, נישט־וויסנ־דיק פון זייער מקור, פון שונאי־ציון. נישט־נאָר בלוט פון די צוויי פעלקער איז אויסגעמישט געוואָרן אויף דער פּוילישער ערד, נאָר אויך גייסט מיט גייסט. מיר ייִדן האָבן דורכן צונויפמיש גאָרנישט פאַרלאָרן אָבער אויך גאָר־נישט געוווּנען. די פּאַליאַקן האָבן געוווּנען. זיי זענען עס געוואָרן די עליטע פון די סלאַוויאַנער אַ דאַנק דעם קאָנטאַקט מיט ייִדן. די פּוילישע שירה איז מענטשלעכער, טיפער, געטלעכער ווי די שירה פון די רוסן. דורך דער באַ־געגעניש מיטן יהדות איז פּוילן דערהויבן געוואָרן צו איינע פון די קולטור־פעלקער פון אונדזער צייט. הונדערטער ציטאַטן פון פּוילישע דיכטער, אַרויס־זאָגונגען פון פּוילישע מנהיגים, שטעלן פון ייִדישע ספרים, פאָלקלאָר און דיכ־טונג — דאָס אַלץ האָט ער געזאַמלט מיט התמדה. אַז ער פלעגט קומען קיין וואַרשע איז ער קודם אַוועק אויף שוויענטאָקזשיסקער גאַס צו די הענדלער פון אַלטע ספרים. דער גרויער ייִד מיט דער שיין־צעקעמטער באָרד, הלל קראַנצענבלום פון דער ענגער קראָם מיט די פּאַליצעס פון דעם דיל ביז סופית, האָט תמיד געהאַט צוגעגרייט אַ ספרל פאַר ר׳ זעליג שניצער פון פּלינצק. דאָס איז געווען אַ זעלטענער ייִד ר׳ הלל. צו אים זענען געקומען פּראָפעסאָרן אַזש פון קראָקע. עס זענען דאָ אַריינגעקומען גרויסע פּוילישע היסטאָר־יקער. ער האָט פאַר זיי אַנטפּלעקט אומבאַקאַנטע מקורות. ר׳ הלל האָט געליפערט פאַר זיי די נייטיקע ביכער אויף פּויליש, אויף רוסיש, אַפילו אויף פראַנצויזיש. ער האָט אויסגעטאָן די ברילן, צוגעשטעלט דעם לייטער צו אַ פּאַליצע און

כּמעט מיט פאַרמאַכטע אויגן אַרויסגעצויגן פון אַ שטויס ספרים דאָס ספרל וואָס ער האָט געזוכט. ער האָט געדענקט פון אויסנווייניק די יאָרן פון דרוק, דאָס אָרט ווו עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, געוווּסט אין וואָס עס באַשטייט דער אונטערשייד פון די אויפלאַגעס. ער איז געווען אַ שם־דבר אין וואַרשע. און אַז ר׳ זעליג האָט זיך לאַנג נישט באַוויזן זענען געקומען בריוולעך פון ר׳ הללן, געשריבן אויף אַ מליצהדיקן לשון־קודש, מיט דריידלעך ביי די למדן און צדקן. וואָס איז געשען? זענט איר געבליבן שטעקן אין דער מיט פון חיבור? איך האָב עטלעכע זעלטענע ספרים. דער אייבערשטער, השם־יתברך, וועט שטאַרקן אייערע הענט און איר וועט בעזרת־השם פאַרענדיקן אייער יצירה. ביים סוף פון בריוו זענען געווען אויסגערעכנט די נייע ביכער וואָס ער האָט אַריינגעקריגן פאַר ר׳ זעליגן.

דאָס בריוול איז אָנגעקומען נישט לאַנג, הייסט דאָס אַז הלל האַלט זיך נאָך גוט. מ׳דאַרף אַריינפאָרן קיין וואַרשע. פאַר איינוועגס אויך האַלטן זיך אַן עצה מיטן פלינצקער רב וואָס איז איצט הויפּט־רב פון וואַרשע, אַ תלמיד־חכם, איינער אין פוילן. אַ גרויסער רבנישער ביבליאָגראַף. ווען נישט דער „פלינצקער רב״ וואָלטן פאַרלאָרן געגאַנגען אַ סך פּערל פון דער רבנישער יצירה. מען דאַרף אויך זען וואָס עס הערט זיך אין דער וואַרשעווער קהילה.

ביינאַכט איז אים באַפאַלן אַ צווייפל: צי וואָס פּלאָנטערן זיך אין שימות? וואָס וויל איך דערמיט באַוויזן? אַז זיי זענען באַאיינפלוסט פון די יידן? אַז עס איז געווען אַ השפּעה? זיי שעמען זיך דאָך מיט דעם! זיי פילן זיך באַליידיקט אַז מען זאָגט זיי דאָס! עס וועט נאָר שטאַרקן די ראיות פון יידישע שונאים אַז מיר האָבן זיי פאַרדאָרבן. דאָס שרייען דאָך די דייטשן. און אויב עס איז וואָרהאַפטיק דאָס אַלץ וואָס איך באַווייז, איז דאָך די טראַגעדיע נאָך אַ גרעסערע: מיר האָבן נישט געקענט זיי איידעלער מאַכן, נישט געקוקט וואָס אַזוי־פיל יידישער גייסט איז צווישן זיי פאַראַן.

ר׳ זעליג איז אויפגעשטאַנען פון בעט, צוגעגאַנגען צום שופלאַד, אַרויסגענומען דעם כתב־יד, געלייענט די ראשי־פּרקים.

— דו ביסט אַ פּויערים־פירער, — האָט דער אַלטער עליע געזאָגט צו אַנדזשעי פּיעך — די איינוווינער האָבן דיך אויסגעוויילט אין סיים. זיי זעען אין דיר אַ באַשיצער און דו ביסט זייער וואָרט־זאָגער, פאַרוואָס שווייגסטו ווען מיינע ברידער ווערן געטריבן פון די פּויערים־מערק? וואָס ווילן זיי, די פּויערים דיינע? ערד אָדער יידיש לעבן און יידיש האָב־און־גוטס? פאַרוואָס פירן זיי זיך אויף נישט בעסער פון די איינוווינער פון די הינטערשטאָטישע

געסלעך? געדענקסטו ווי דיין פאָטער האָט געפונען שוץ אין הויף פון מיין טאַטן? ווייסטו אַז מיר האָבן געשמוקלט געווער פאַר די פּוילישע פּאָווסטאַנצעס פון יענער זייט פּרייסן? מיר האָבן דאָס געטאָן אָן־געצאָלט! פאַרקערט, מיר האָבן באַקליידט און באַשוכט אַ גאַנצע ראָטע אויפשטענדלער! ווייסטו ווער עס האָט דעמאָלט געדינט דעם צאַר און ווער עס האָט דערנאָך געחנפעט דעם דייטש? דאָס זענען געווען פּוילישע ערד־מאַגנאַטן. איצט, טומלען זיי, די פּאַליאַקן וואָס האָבן זיך דאָ אַראָפּגעלאָזט פון פּויזנער געגנט ווי אַ מגיפה. דאָס זענען גאָרנישט קיין אמתע פּאַליאַקן, נאָר האַלב־דייטשן. פאַרוואָס רעדסטו נישט אָפן צו די פּויערים וועגן דער עוולה וואָס עס געשעט אונדז, יידן? ווען עס קומט צו רעדן וועגן יידן, זאָגסטו עטלעכע ווערטער. דו האָסט מורא צו רעדן אָפן. דו מיינסט אַז מיט שווייגן וועט בעסער זיין.

עליע האָט געהאַלטן דעם שטעקן ביי די קני. טיילמאָל איז זיין קול געווען בייז, האַרט, דאַן האָט דער שטעקן ווי פון זיך אַליין געקלאַפּט אין דיל אַריין ביי יעדן זאַץ וואָס ער האָט געזאָגט.

דער דאָרפס־ייִד איז געווען צעשויבערט, די גרויע באָרד פאַרקאָלטנט. דער אָנטבלויזטער קאָפּ מיט אויפגעשטעלטע האָר, דער קורצער האַלדז געקאָרבט מיט טונקל־ברוינע קנייטשן, דער סורטוק צעקנעפּלט און עס האָט זיך אַרויסגעזען אַ לויזע זילבערנע קייט פון זייגער מיט זילבערנע מטבעות. יעדעס מאָל ווען דער אַלטער עליאַש האָט צוגעקלאַפּט מיטן שטעקן האָבן אָפּגעקלינגען די מטבעות פון דער קייט און עס האָט דערמאָנט אין געקלאַנג וואָס מען הערט אין די פאַרנאַכטן פון אַ פאַרלאָרענעם שאָף.

— דאָס האָט זיך נישט אָנגעהויבן ביי אונדז. דאָס בייזס קומט פון מערב. סטאַרי עליאַש, האָסט געזען ווי אַזוי עס ברעכט־אויף אַן אייזדעק און די טייכן גיסן־אויס: אונדזער טייך, די ווקראַ און די דזשאַלדאָווקאַ זענען אָרעם אין וואַסער. זיי וואָלטן קיינמאָל נישט אויסגעגאָסן, זיי וואָלטן נישט אַרויס פון די ברעגעס און נישט פאַרפלייצט די פעלדער און דערפער. דאָך געשען ביי אונדז אָפט פאַרפלייצונגען. פאַרוואָס? ווייל פון דער פרעמד שפּאַרן אויף אונדז צעבושעוועט כוואַליעס וואָס געפינען נישט קיין אָפּגאַנג און זיי פאַרגיסן דאָס פלאַכלאַנד מאַזאָוויע. מיר ווערן פאַרפלייצט. ברודער עליאַש! מיר ווערן פאַרפלייצט פון אַ פאַרווילדעוועטער שינאה צו יידן וואָס קומט פון גערמאַנישן לאַנד. קענסט דען צוימען דעם געלויף פון טייכן? ווילסטו אַז מיר זאָלן זיך אַריינשליידערן אין די וואַסערן און מיט די קערפּערס פאַרצוימען די ווילדע שוימיקע כוואַליעס? דאָס איינציקע וואָס מיר קענען טאָן איז באַשיצן פּוילן. באַשיצן די רעכט פון פּויער. ווייל דער פּויער — דאָס איז פּוילן! איך פיל דיך

מיט און נישט איין מאָל וויין איך אויף אייער צער. איך בין אָנמעכטיק דיר צו העלפן.

אויפן וועג אַהיים האָט זיך עליע אָפּגעשטעלט נישט ווייט פון דעמב און געדאַוונט מנחה. הינטער זיין רוקן האָט ער געפילט דעם בוים וואָס איז שוין אייגנטלעך נישט קיין בוים נאָר אַ שטאָם אַ נאַקעטער. נאָכן דאַוועגען האָט ער געזאָגט קדיש. עס איז פאַרן זיידן, מיכאל יאָס, עס איז פאַר אָסקאַרן.

ער איז געגאַנגען איילִיק און געווישט די פאַרלאָפּענע אויגן. עך, עס איז פון ווינט, אַזאַ שאַרפער און פייכטער ווינט וואָס פאַטשט מיר אין פנים אַריין.

קאַפּיטל פופצן

דעם ערשטן סעפּטעמבער האָט די דייטשישע אַוויאַציע אָנגעהויבן דעם אָנגריף אויף וואַרשע.

די „מעסערשמידס״ זענען אָנגעפלויגן אין געשלאָסענע גרופּן, צו דריי; שוואַרצע, מיאוסע, מיט אַ געוויש, וואָס האָט צעריסן אַלע הימלען.

פון יענער זייט פּאָניאַטאָווסקי־בריק האָט זיך אַ שנירל פייער־קרעלן אָנ־געהאָנגען אויף אַ וואָלקן און אים מיטגעריסן, אַראָפּ, ביז צו דער ווייסל.

מיכאַל איז געלאָפן לענגאויס דער לעשנאָ־גאַס, אַריין אין גראַניטשנע און זיך געמאָלדן ביי אַ וואַך־פּאָסטן וואָס איז געשטאַנען לעבן די נייע געביידעס פון יוסטיץ־מיניסטעריום.

דאָס איז געווען זיין מאָביליזאַציע־פּונקט.

קיינער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיין מאָביליזאַציע־צעטל. עס זענען דאָ געווען פאַרזאַמלט אַ פופציק ציווילע.

נאָך אַ שעה וואַרטן איז געקומען אַן אָפיצער.

— פּאַנאָוויע, איר ווערט באַפרייט אויף צוועלף שעה. מעלדעט זיך אויפן זעלבן אָרט ביינאַכט. מיר קענען נישט מאָביליזירן און פירן אייך בייטאָג. אַחוץ דעם זענען נישט אָנגעקומען די לאַסט־וועגענער. די ערשטע דייטשישע באָמבאַרדירונג האָט אַביסל צעשטערט דעם באַן־טראַנספּאָרט. עס איז אָבער אַ קלייניקייט. ביינאַכט וועט איר אַרויסמאַרשירן צו דער באַזע. עס וואַרטן דאָרט אויף אייך קליידער און אַמוניציע.

דער יונגער אָפיצער איז געשטאַנען מיטן רוקן צום גרויסן אייזערנעם טויער, די הענט פאַרשטעקט אין פּאַסעק. די העל־בלאָנדע וואָנצעס און די לענגלעכע באַקנבערד זענען אַוודאי נאָך קיינמאָל נישט געשוירן געוואָרן, ווייל דאָס איז דער ערשטער כמעט יינגלישער אָנוווקס. ער האָט זיך באַמיט צו רעדן הייזעריק נאָר דאָס קול איז געווען געבראָכן און עס האָבן זיך אַרויסגעריסן דינע טענער, אומנאַטירלעכע.

עס איז אָנגעפאָרן אַ קליינער מיליטערישער וואָגן. דאָס יונגע אָפיצערל איז בלייך געוואָרן. ערשט ווען ער האָט טיף איינגעאָטעמט און סאַלוטירט איז

זיין פּנים ווידער געוואָרן רױט און עס האָבן געלויכטן די שוויס־טראָפּנס אויפן שטערן.

— דאָס איז דער פּאָלקאָווניק ווידראַ — האָט עמעצער געזאָגט.

אַ שינעל פון לייכטן שטאָף. באַשפּאָרנטע שטיוול. דאָס קאַנטיקע אָפיצירן־היטל מיט די פאַרשטעלטע אָפּצייכנס. דער אָדלער מיט די צעשפּרייטע פליגל האָט אויסגעזען אין מיכאַלס אויגן ווי אַ געקרייצטער צו אַ גרוי־גרינלעכן פעלדז.

— מעלדן זיך צוועלף ביינאַכט! איצט איז אייער אויפגאַבע העלפן אָרגאַניזירן דאָס גראָבן קעגן טאַנק־קאַנאַוועס.

מיכאַל מיט עטלעכע פון די מאָבילעזירטע זענען אַוועק צו דער לעשנאָ־גאַס. זיי זענען געווען פינף. יענדזשעי — אַ סטודענט פון וואַרשעווער פּאָלי־טעכניקום, אַנטאָן ריבאַצקי — אַ יונג פון די האַליעס, עמנואל אָדלער — אַ בוכהאַלטער אין אַ געשעפט אויף גענשע־גאַס, יאַן טשוכאַ — אַ באַן־אַרבעטער און מיכאַל.

לעבן דער טלאָמאַצקע האָבן זיי זיך צעטיילט. צוויי זענען אַוועק מיט דער ביעלאַנסקע און מיכאַל מיט יענדזשעיען זענען אַריין אין דער יידישער גאַס קאַרמעליצקע. די שמאָלע גאַס מיט די געוועלבער און טונקעלע טויערן און קליינע הייף איז שוין נישט מעגלעך געווען צו דערקענען. פאַרמאַכטע גע־שעפטן, אַראָפּגעלאָזטע זשאַלוזיען, צעשראָקענע מענטשן ביי די טויערן פאַר־האַלטן די דורכגייער. זיי שטאַמלען־אויס פראַגן, ענטפערן זיך אַליין און פאַרשן־נאָך יעדן קער פון די דורכגייער.

מיכאַל איז אַריין אין ערשטן טויער. דאָס איז ס'הויז ווו עס וווינען זיינע עלטערן. דאָ האָט ער אָפּגעלעבט אַ פּאָר חדשים פון דעם טאָג אָן ווען די קאַטש איז אַהער פאַרפאָרן פון סאַכאַטשין. פון דאַנען איז ער אַרויס יעדן אינדערפרי אויף וויעזשבאָווע־גאַס צו דער מאָלער־שול. דורך דאַנען איז ער געגאַנגען מיט זיינע בילדער צו די קליינע גאַלעריעס. ערשט נעכטן איז געשטאַנען פאַר אים בעלאַ. דאָס איז געווען אין צימערל פון זיין ברודער וואָלף. ער איז איצט אין די בערג. מיכאַל האָט זי געטראָפן אין קראַשינסקי־גאָרטן. זי איז געוואָרן הויך, דאָס פּנים מיט זומער־שפּרענקעלעך, לענגלעך. אין די ליפּן — איר נישט־געבראָכענעם שטאָלץ. זי איז געקומען אין דעם חדרל אַריין דרייסט, גערעדט שטיל, געקוקט אויף די בילדער ווי מיט פאַרבאָרגענעם שפּאָט. ערשט ביים שיין פון לאָמפּ האָט מיכאַל געזען אַז די זומער־שפּרענקעלעך האָבן אַ קרענק־לעכן קאָליר. עפּעס אַ פאַרוועלקט געלן ווי פון אַלטע טאַפּעטן. דאָס איז נישט דאָס געל פון אָפּגעבליטע פעלד־בלימלעך. עס שמעקט פון בעלאַן מיט אַלט פלוש, מיט נאַפּטאַלינירטע שאַלן וואָס זענען אָפּגעלעגן אַוודאי דורות אין קאָ־

מאַדן. אירע פינגער זענען לאַנג און עס דאַכט זיך אַז מען הערט ווי עס ברעכן זיך די ביינדלעך. און דאָך האָט בעלאַ אין זיך עפּעס וואָס גיט אים נישט קיין רו. איז דאָס דער אַמאָליקער גלאַנץ פון איר קינדער־שטוב? איז דאָס דער אָפּנהיימער־יחוס וואָס איז נישט פאַרגאַנגען אין דעם שלאַנקן מיידל מיט די פּשוטע ציכטיקע קליידער? און מיטאַמאָל איז עפּעס געשען. אַ הייסער שטראָם פּויעריש בלוט האָט אַ שלאָג־געטאָן אין אים. ער האָט זי געוואָלט באַזיצן. ערגעץ האָט ער געהערט וועגן פּויערים וואָס האָבן בעת די אומרוען צעראַבעוועט פּריצישע פערד־שטאַלן, טייל האָבן פאַרכאַפּט שאָף און רינדער און טייל זענען גאָר אַריין אין די שלאָף־צימערן און געבראַכט פון דאָרט אַ שפּיגל מיט אַ גאָלד־געליישטער ראַם, אַן אויסגעהאַפּטן קישעלע. דאָס איז נישט געווען קיין נקמה פאַר יענער ייִנגלישער פאַרשעמונג, קיין תאווה־לוסט — דאָס איז געווען אַ געהיימער ווילן צו ברעכן איר שטאָלץ, אַריינפלעכטן זיך אין לעבן פון דער בעלאַ.

וואַרשע איז שוין געווען אויפגערודערט. מען האָט געוווּסט זייט פרילינג אַז עס וועט עפּעס געשען. יעדער טאָג איז געווען אַ געשענקטער, יעדעס ביסל פרייד איז געווען ווי מען וואָלט מיט כוח אַרויסגעריסן פון שטן. צוערשט האָט ער זיך מיט אַן אומווילן דערנענטערט צו איר. ס'האָבן אים אָפּגעשטויסן די טרוקענע פינגער פון אירע הענט. די בלייכקייט פון איר פּנים און די זשאַווער־פּיעגעס פון איר הויכן, עטוואָס אַרויסשטאַרנדיקן שטערן. עס האָט געוויעט מיט אַ קילקייט פון צימערן נישט־באַוווינטע, אַן אומהיימלעכקייט פון שאַפעס נישט־געעפנטע. און דאָך האָט זיך די יונגקייט אירע אַרויסגעריסן דורך די פולע ליפּן, דורך די פייכטע אויגן.

אַן רייד, שטום, מיט אַראָפּגעלאָזטע ווי:עס האָט מיכאַל אויסגעשטרעקט די הענט און זי אומגעריכט פאַר זיך אַליין, איינגעקלעמט.

זי איז געלעגן אויפן בעט, פאַרטייעט, ווי אַ היימלאָזע קאַץ וואָס מען האָט זי געטראָפן ביי אָוונטיקע שווערלן, פול מיט דערוואַרטונג, מיט האָפענונג און מיט שטומען געבעט פון אַ הילפלאָז באַשעפעניש.

איר ברוסט איז נאָך פלאַכער געוואָרן. איר פּנים איז געוואָרן נאָך בלייכער און עס האָבן זיך שאַרפער אויסגעטיילט די פּיעגעס.

מיכאַל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און אויסגעטאָן אירע שיך. זיי זענען געווען צעריסן, די פיס פייכט, פון רעגן וואָס איז דעם פאַרנאַכט געפאַלן. ער האָט דערזען אַז זי איז אָרעם און צוליב איר אָרעמקייט, הכנעהדיק.

און מיטאַמאָל האָט ער זיך אָנגעהויבן צו שעמען פאַר דעם מיידל. ער האָט

גערעדט רייד וואָס האָבן זיך נישט געבונדן. עס איז געווען אַ שטאַמלעריי וועגן שלעכטן וועטער, וועגן דעם אַז דער צימער איז אָפּגעלאָזט.

ער האָט אָנגעצונדן אַלע ליכט ווי ער וואָלט מער נישט געטרויט צו זיין צווישן די שאָטנס און אַוועקגעגעבן בעלאַן ס'גאַנצע געלט וואָס ער האָט נאָר געהאַט אין טאַש.

זי האָט מיט פאַראַכטונג גענומען דאָס געלט פון אים. אירע הענט האָבן געציטערט און די ליפּן זענען געווען פאַרביסן.

פאַרוואָס פאַראַכט זי מיך? אפשר דערפאַר וואָס איך האָב איר צוויי מאָל פאַרשעמט; איינמאָל ווען איך האָב אָנטפּלעקט איר אָרעמקייט און דאָס אַנדערע מאָל ווען איך האָב איר געגעבן דאָס געלט.

זי האָט אייליק געטרונקען די קאַווע און ביי דער טיר געזאָגט: — איך וועל דיר דאָס צוריקגעבן.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען אויף די טרעפּ אַ שווייגנדיקער. ביינאַכט איז ער שלעכט געשלאָפן. וויסטע קאָשמאַרן אין וועלכע עס איז געווען אַריינגעפלאָנטערט בעלאַ און אַליש ביי די אויפגעבראָכענע שליוזן. שוואַרצע וואַסערן טראָגן אייז־קריַעס. צעריסענע טראָטוועס. אַ גאַלאָפּירנדיק פערד איבער באָטשנע וועגן אַן איינגעשפּאַנטס אין אַ בריטשקע און דער טויטע קיווע קאָפּ.

פאַרטאָג האָט זיך אָנגעהויבן די דייטשישע באָמבאַרדירונג.

„מעסערשמידס" און „יונקערס" קומען־אָן פון מערב, פון צפון.

— מענער און פרויען וואָס קענען נאָר האַלטן אַ רידל אין די הענט דאַרפן שוין פאַרלאָזן זייערע וווינונגען און גראָבן קעגן־טאַנק־גריבער! לאָמיר גראָבן קברים פאַר די פּרוסאַקעס און זייערע טאַנקען!

מיכאַלס קול איז שאַרף.

ער שטייט אין מיטן הויף, מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ צו די הויכע שטאָקן.

— דער דייטש וועט דורך דאַנען נישט דורכגיין! בירגער, צו דער אַרבעט! נעמט די גראָב־מכשירים! רייסט־אויף דעם שטיינערנעם ברוק!

ער איז געלאָפן פון הויף צו הויף אויף דער לינקער זייט פון דער קאַרמעליצקע. פון דער רעכטער איז אייליק געגאַנגען יענדזשעי סאַוויצקי, אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ דאָרף לעבן פראַשניץ — אַ סטודענט. יעדעס מאָל איז ער אַריינגעלאָפן אין אַן אַנדער טויער.

ווען זיי זענען אַרויס צום ראָג נאַוואַליפּקי איז שוין געווען אַרום מיטאָגציַיט. אין אַ קליין יידיש רעסטאָראַנדל האָבן זיי אָפּגעגעסן אַ הייסע זופּ און פאַרביסן מיט פּענעצער ברויט.

— צוועלף ביינאַכט אויף גראַניטשנע!

— סערוווס! — האָט אויסגערופן יענדזשעי.

מיכאַל איז אַריין אין לעשנאָ־גאַס. אין קאַפע „וויעדען" זיצט דער טאַטע מיט אַן עלטערן ייִד אין אַ האַרטן קאַפעליוש מיט אַ קליין קומעץ־בערדל. זיי שפּילן שאַך.

טאַטע און זון האָבן זיך לאַנג אָנגעקוקט. מיכאַלן האָבן טרויעריק געמאַכט די ליידיקע אויגן־טאָרבעס פון פאָטער און דאָס צוקן פון די שלייף־ווינקלען. דער פאָטער איז היינט נישט געווען ראַזירט און די געלבלעכע הויט האָט באַקומען אַ גרויען שאָטן.

אין פאָטערס אויפגעהויבענער האַנט איז געלעגן די מלכה. מען האָט אַרויסגעזען איר קאָפּ מיט דער געשניצטער קרוין. אויף די בלאָלעך־טרוקענע ליפּן איז שוין גרייט געווען דאָס גורלדיקע וואָרט וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן דעם אַמאָליקן סוחר פון דער ערשטער גילדע פון צאַרישן מאָסקווע און איצט יורד און עסקן פון עפּעס אַ פילאַנטראָפּישער חברה. מאַט.

מיכאַלס פאָטער האָט דאָס וואָרט נישט געזאָגט. עס שמייכלט דער טאַטע צום זון. עס איז אַ נצחון־שמייכל.

פון דער גאַרדעראָבע איז געקומען אַ מענטש מיט אַן אָנגעהאַנגענעם מאַנטל אויף די אַקסל, מיט באַגילדעטעברילן אויף אַן אָדלער־נאָז, אַ לענגלעך פּנים, האַלב־שמייכלדיק, האַלב־חידושדיק. די ליפּן שעפּטשען העפלעכקייט־ווערטער.

— פלאָרענטין אָפּנהיימער.

מיכאַל האָט זיך פאָרנויגט.

— איך בין בעלאָס פאָטער, שאַנאָווני פּאַניע.

אַ פּוסטע גאַס. אָקענטשע ברענט. די ציטאַדעלן ווערן באָמבאַרדירט! אַ הויז אויף כמיעלנאַ, אַ פירשטאָקיקס, איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד־פלאַך.

די מלכה אין פאָטערס הענט איז געפאַלן אויפן שאַכברעט.

מיכאַל שטייט ביים ראָג לעשנאָ. די רעלסן פון די טראַמווייען גלאַנצן ווי די געשליפענע מעסערס. מאָרגן וועלן זיי פאַרצויגן ווערן מיטן ערשטן זשאַוווער. וויפל שעה איז געבליבן ביז צוועלף? אַ פרוי אין אַ פאַטשיילע לויפט דורך די גאַס. אַ מיידעלע אַוודאי פון אַ יאָר פינף וויינט ביים טויער. מיכאַל וואַנדערט איבער די וואַרשעווער גאַסן. טיילמאָל שטעלט ער זיך אָפּ לעבן די מענטשן וואָס גראָבן קאַנאַוועס. ער נעמט ביי אַ זקן דעם רידל און וואַרפט

פּייכטע געל־זאַמדיקע ערד אויף די שטיינער פון ברוק. יעדעס מאָל שלאָגט זיך דער רידל אָן אונטערערדישע רערן.

— פאַרזיכטיק, איר וועט צעשטערן אַ גאַז־קאַבעל!

אויפן פּילסודסקי־פּלאַץ איז פּוסט.

דער הויפּט־שטאַב האָט זיך פאַרטאָג אַרויסגעקליבן פון די גרויסע געביידעס. קאָלאָנעס לאַסטוועגן מיט פאַרדעקטע פּלאַנדעקעס זענען אַוועק פאַרטאָג אין דער ריכטונג צו ראַקאָוויעצקאַ גאַס.

— שווייגט! די גאַסן זענען פול מיט שפּיאָנען!

די דייטשן קומען־אָן ווי אַ לאַווע פון צפון.

זיי קומען פון מזרח־פּרייסן. מלאַווע איז באַדראָט. עס גייען געפּאַנצערטע דייטשישע אַרמייען. ווער וועט זיך זיי אַנטקעגנשטעלן? די קאַוואַלעריע פון טשעכאַנאָווער גאַרניזאָן? אפשר די אולאַנער מיט די לאַנגע אַלטמאָדישע שאַבלעס אויף די אויסגעפּוצטע רייטפערד?

אפשר די פּיעכאָטע פון דער אַרמיי־איינהייט „מאָדלין", אָט־אָ די בראַווע סאָלדאַטן וואָס קענען זיין אין מאַרש צוואַנציק שעה, אָן אָפּרו, שלעפּנדיק אויף זיך אָנגעשטאָפּטע רוקזעק, אָט־אָ די באַוואָפנטע מיט אַלטע פראַנצויזישע ביקסן?

און אפשר די אַרטילעריסטן פון סטשעגאָוואָ וואָס זייערע האַרמאַטן ווערן געשלעפּט פון זעקס פּאָר פערד און דאָס מאַשין־געווער איז געלאָדנט אויף פּויערישע פורמאַנקעס און פאַראָבקעס אין זעלנערישע שינעלן טרייבן די פערד מיט בייטשן?

דאָס איז היינט אַן אומגעווייטלעכער טאָג נישט נאָר פאַר דער געשיכטע, נאָר פאַר יעדן מענטש באַזונדער. ער טאָר נישט פאַרשפּעטיקן.

וווהין איילט ער דאָס דורך די אויפגערודערטע גאַסן פון וואַרשע? וואָס וועט ער פאַרשפּעטיקן?

עס איז דאָך געווען צו דערוואַרטן דעם דייטשישן אָנפאַל אויף פּוילן, און דאָך, אַז ער איז געקומען, האָט דאָס אויסגעזען אומגלויבלעך.

אין צימערל איז אַן אומאָרדענונג. אויפן מאָלברעט — אַ נישט פאַרענדיקט בילד. עס איז אַ שטיללעבן. דער קנאָספּן־גרין, וואָס ער האָט תמיד אַזוי ליב געהאַט, רעגט אים איצט אויף. אַ בלומען־טאָפּ. אַן אָפּן בוך. אַ גרינער הינטערגרונט.

די פּאַלעטע איז ליכטיק פון די פאַרבן וואָס ער האָט זיי אויסגעכישופט.

מיטאַמאָל. דאָס הויז ציטערט. מיכאַל איז געפאַלן מיטן רוקן אויף דער וואַנט. די טיר איז צעפּראַלט געוואָרן. אַן אויסטערלישע שטילקייט. די שטיל־

קייט איז געווען שוידערלעכער ווי דער אויפּרייס. אין דער שטילקייט האָט ער געהערט דאָס יאָמערן פון שויבן.

מיט ציטערנדיקע פינגער האָט ער געדריקט די שוואַרצע פאַרבן־טובקע און אַרויסגעקוועטשט די לעצטע פאַרב. ער האָט מיטן דיקן פּענדזל געמאַכט צוויי גרויסע באַוועגונגען איבערן נישט פאַרענדיקטן שטיללעבן. דערנאָך איז ער געלעגן אויפן בעט אין די פאַרשטויבטע קליידער און געקוקט ווי איבער זיין שטיללעבן הייבט זיך אויף אַ שוואַרצער מיאוסער פויגל מיט צוויי צע־שפּרייטע פליגל.

דאָס זענען געווען רגעס פון גלייכגילט און רגעס וואָס האָבן אים געבריט ווי די קוילן.

ער דערמאָנט זיך קינדערהייט, ביים קאָוואַל. ער העלפט ציִען די שטריק פון בלאָזזאַק. פונקען שפּריצן. דעם קאָוואַלס הענט האָבן נישט מורא פאַר די פונקען. קיינער האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס דער קליינער מיכאַל האָט געכאַפּט אין זיינע הענטלעך אַריין אַ גליִענדיקע קויל. ער האָט נישט גע־שריגן נאָר צעקרומט דאָס פּנימל פון אַנטוישונג און ווייטיק. פאַרוואָס האָט ער זיך גראָד איצט דערמאָנט אָן דער פּאַסירונג אין דער שמידעריי?

פאַרוואָס האָט ער באַשאַפן די צוויי שוואַרצע פליגל? די דיקע שוואַרצע פאַרב טריפט פּאַמעלעך אויף דער לייוונט. דאָס זענען שוואַרצע טרערן. ווי נאָר זיי וועלן דערגרייכן צום ראַנד פון בילד וועט ער אַוועק. וווּהין?

פאַרוואָס האָט ער בעלאַן געטראָפן ערשט איין טאָג ערב דער מלחמה? ער וועט זי אויפזוכן איידער ער וועט אַוועק צו דער מאָביליזאַציע.

אין די שופלאָדן ליגן אַלטע בריוו, פאָטאָס, אַ צעבראָכן זייגערל וואָס ער האָט באַקומען צו בר־מצווה. אַלץ איז אים איצט טאָפּלט נאָענט. ער האָט אַ ווײַילע געקוקט אויף אַ פאָטאָ פון אַ דעמב וואָס איז פאַרצוימט מיט אַ נידעריקן הילצערנעם פּלויט. ביים וואַלד־ראַנד פּאַשען זיך קי. די פאָטאָגראַפיע איז שוין פאַרגעלט. מיכאַל האָט זי אַריינגעלייגט אין טאַש, צוגעמאַכט די טיר. ער טרעט אויף טינק, אויף ציגלברוך. ביים ראָג ליגט אַ פרוי. אַ הויזוועכטער דעקט זי צו מיט פּאַפּירענע צעמענט־זעק. איצט ווייס איך שוין פאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי געאיילט ווען זי איז דורכגעלאָפן די גאַס — טראַכט מיכאַל.

דער עלטסטער ברודער זיינער, הערש איז אַ שטילער לערער, אַ באָ־טאַניקער, הינטער וואַרשע, אין מיעדזעשין. אין אַ גרויס קינדערהויז לערנט ער די קינדער ליב האָבן בלומען,ביימער, גרעזלעך און אַפילו אינזעקטן. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער געדאַרפט צונויפזאַמלען די זיידשפּינערס. „עס וועט גאַרנישט געשען" — האָט ער געזאָגט צו מיכאַלן. „די אינזעקטן זענען

אומשטערבלעך". ער האָט געלאַכט און די ברילן־גלעזער האָבן געשפּיגלט גאָטס גרינע וועלט וואָס וועט זיכער אייביק בלייבן גרין. אין די שבתים האָט זיך מיכאַל אַרומגעדרייט אויף דזשיקע־גאַס, אויף דער „בערזע" פון די שניידער און שוסטער־יונגען, אַרומגעפּירט זיך אַ גאַנצן האַרבסט און אַ ווינטער מיט אַ קוטשעראַווער מויד, אַ טאָכטער פון אַ דאָרפס־ייִד. אַנדזשעי פּיעך האָט אים באַקאַנט מיט דעם רעדאַקטאָר פון אַ פּויערים־צייטונג „די גרינע פאָן". מיכאַל איז געוווען אַן אָפּטער באַזוכער פון די פּויערים־פאַרזאַמלונגען און ליב־געהאַט מיטצוזינגען דעם אַלט־פּוילישן פּויערים־הימן.

וואָלפס פּאָרטרעטן זענען געוווען באַקאַנט. זיי האָבן דעם יונגן מאָלער פאַרשאַפט אַ נאָמען. אַ קריטיקער האָט געשריבן אין איינער פון די צייטונגען: די ברידער יפת האָבן זיך צעטיילט מיט דער וועלט: וואָלף האָט גענומען דעם מענטש, מיכאַל — דעם פּייזאַזש.

דער פאָטער, ווען ער האָט דאָס איבערגעלייענט, האָט צוגעגעבן: און דער עלטסטער האָט גענומען אײַנזעקטן.

דער טויער איז פאַרמאַכט. מיכאַל קלאַפּט שוין אַ צייט מיט די פויסטן. אַ דערשראָקענע פרוי, אַוודאי די הויזווירטין עפנט דאָס אײַזערנע טירל און בייזערט זיך.

— פּאַניע, די אויסשטעלונג איז געשלאָסן... ס'איז מלחמה...

מיכאַל ענטפערט נישט. ער לויפט אויף די ברייטע שטיגן. דאָס איז דער גרויסער אויסשטעלונג־זאַל ווו ער האָט זײַנע פינף בילדער. מיט אַ וואָך צוריק האָט זיך דאָ געעפנט אַ קאָלעקטיווע אויסשטעלונג פון יונגע מאָלערס. אַ טייל בילדער ליגן אויף דער פּאָדלאָגע. ערשט איצט זעט ער אַז דאָס רוב בילדער זענען שטיללעבנס. בלומען, פאַרבן־פלעקן קאָלירקע. שטילע? דאָס איז נאָר אַן אויבן־אויפיקע שטילקייט. די וואָס מען האָט אַרויסגעריסן אַזוי ווי מען רייסט אַרויס פון ערד־טיפענישן איידלשטיינער. עס איז אַ ליגנערישע וועלט וואָס מיר האָבן זי געוואָלט באַשאַפן. פאַרוואָס האָבן מיר נישט געשריגן? שוואַרצע פייגל האָבן געדאַרפט אויפרייסן די שטילקייט פון אונדזערע בילדער! פייגל מיט צעשפּרייטע פליגל, טריפנדיקע מיט פּעך, מיט שוואַרצן טרויער וואָס צערינט אַזוי ווי עס צערינט אַ וואָלקן אויף אַ נאַכטיקן הימל.

אין מיטן פון גרויסן זאַל איז געהאַנגען אַ בילד פון זײַן ברודער וואָלף. דאָס איז געוווען אַ קויל־צייכענונג פון אַ וואַסערטרעגער וואָס טראָגט אויף די אַקסל סאָנדעס. מען האָט נישט געזען די עמערס נישט די סאָנדעס, נאָר עפּעס אַ טונקעלע מאַסע וואָס דריקט אים. דער לאַנגער האַלדז מיטן קאָפּ רייסט זיך

אַזוי ווי איינגעקלעמט אין אַ האַלצפּרעס איידער עס פאַרשרויפן די מיטל־עלטערלעכע הענקער די שרויף. עס איז נאָך דאָ אָטעם אין וואַסערטרעגערס לונגען און ער קען נאָך אויסשרייען דעם לעצטן געשריי. אַרויסגעזעצטע ווייסלעך ערב גסיסה, צעשפּרייטע ליפּן. די אונטערשטע ליפּ הענגט אומנאַטירלעך נאָך. ציין פאַרקלעמטע וואָס אָט־אָט וועלן זיי זיך אויפרייסן. אַ פּנים באַשלאָגן מיט אַנגסטן. עס איז אַ גורל־רגע. באַלד, נאָך אַ ווײַלע און עס וועט ווערן שפּעט.

מיכאַל איז צוגעגאַנגען צום בילד, אַראָפּגענומען עס פון דער וואַנט און מיט פאַרזיכט דאָס פאַרוויקלט.

איילֹיקע טריט איבערן זאַל.

— האַנקאַ? דו ביסט נאָך אין וואַרשע? די מאָלער זענען אַוועק אויף יענער זייט טייך בוג.

— מאָרגן פרי גיי איך אַוועק. קום מיט מיר.

— איך קען נישט. צוועלף דאַרף איך זיך צושטעלן. כ׳בין מאָביליזירט.

זי האָט שפּאָטיש געטרייסלט מיט די קאַשטאַן־האָר.

— דו לעבסט אין אַ חלום. מען האָט געמאָלדן אין ראַדיאָ אַז די יונגע מענטשן זאָלן פאַרלאָזן וואַרשע. די גאַסן זענען איבערגעפּולט פון מענער און פרויען וואָס גייען אַוועק אויף מזרח. די בריקן זענען באַלאַגערט.

זי האָט אים געהאַלטן ביים אָרעם. די דורכגייער שאַרן זיך האַרט ביי די ווענט. עס איז שוין שווער צו באַוועגן זיך אויף די טראָטואַרן, ווייל מען האָט אויפגעריסן די טראָטואַר־פּלאַטן, פאַרצוימט די קרייצונגען מיט קאַנאַוועס.

האַנקאַ איז תמיד געגאַנגען אין דער שול־אַטעליע אין די זאַקן. זי פלעגט זוכן אירע שוך ווייל די מאָלער האָבן זיי פאַרוואַרפן.

הויך, גרויס, ביינערדיק, אָנשטאָט רעדן שרייט זי. ער האָט זי נישט ליב געהאַט צו זען ביים מאָלברעט. זי האָט דעמאָלט פאַרלאָרן דעם לעצטן ביסל פרויען־חן. צונויפגעצויגענע ברעמען. קנייטשן ביי די שלייפן. אַן אַראָפּגעלאָזט מויל. גרויסע פיס מיט הויקערדיקע פינגער וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט פון אונטער די זאָקן.

— לאָמירביידע אַוועקגיין אויף מזרח. מיין היים איז ראָוונע. דאָרט לעבן מיינע עלטערן. וועסט נישט זיין היימלאָז. מען שמועסט אַז ביזן בוג וועט אַלץ געהערן צו רוסלאַנד.

ביים ראָג נאַלעווקי און פּשעיאַזד איז שווער געווען דורכצוגיין. עס איז נאָר געבליבן אַ שמאָל שטייך־שטעגל אויף צו שטעלן איין פוס לענגאויס דעם מויער. דער קעגן־טאַנק גרוב האָט צעשניטן די גאַס.

מיכאַל האָט זי געהאַלטן פאַר די הענט, צוגעדריקט זיך צו דער וואַנט

און פּאַמעלעך געשטעלט די טריט ביים ראַנד פון גרוב. עס האָט געשמעקט מיט טוכלער ערד, מיט אָפּפלוס־וואַסער, מיטן ריח פון חורבות און מיט האַנקאָס הייסן אָטעם.

— איך מוז דיך געזעגענען.

איר וואַרעמע האַנט איז געווען פייכט.

— איך וואַרט אויף דיר. קום ביינאַכט. מיר וועלן צוזאַמען אַוועק.

מיכאַל האָט איר נישט געענטפערט. ער וויס אַז האַנקאַ שטייט און קוקט אים נאָך. זי וואַרט אויף זיין ענטפער. זי גלייבט אַז ער וועט זיך נאָך אומקערן. ער האָט אין דער רגע אַליין נישט געוווּסט אויב ער וועט קומען ביינאַכט צו איר אָדער נישט.

— דער פּאַן אַנדזשעי איז קראַנק — האָט געזאָגט אַן עלטערע פרוי אין אַ וויס־געפּרעסטן שירץ.

— איך מוז זען דעם פּאַן פּיעך. איך גיי היינט ביינאַכט אַוועק. איך מוז זיך מיט אים געזעגענען. מיין נאָמען איז מיכאַל, מיכאַל יפת.

אין דער טיר פון אַ גרויסן צימער, פול מיט ביכער־שאַפעס איז געשטאַנען דער פויערים־פירער, דער זון פון דער פוילישער שליאַכטע אַנדזשעי פּיעך.

אויף זיין העמד איז אָנגעהאַנגען אַ קאַליריקער שלאָף־ראָק. אַ צעאַקערט פּנים אַזוי ווי עס איז צעאַקערט אַ פאַרוואַרלאָזט פעלד — אין דער לענג און אין דער ברייט. צעריסענע קליינע קנייטשן פון האַלדז ביזן שטערן. די וואָנצעס צעשויבערט, די ליפּן ברוינלעך פון צופיל רויכערן. אַפילו די פינגער־שפּיצן זענען די אָנגעברענט פון ציגאַרן־פייער. ער שטייט אָנגעשפּאַרט אָן דער טיר און מאָנט שווייגנדיק מיט זיין בליק.

— אַנטשולדיקט, פּאַניע אַנדזשעיו...

מיכאַלן איז מיט איין מאָל אומפאַרשטענדלעך געוואָרן פאַרוואָס ער איז געקומען. איז דאָס נייגער צו זען דעם אַלטן פויערים־מנהיג אין ערשטן טאָג פון דער מלחמה אָדער אַ ווילן צו הערן פון אים וואָס מען דאַרף טאָן אין די דאָזיקע גורל־טעג? אפשר איז דאָס אַ ווילן צו געזעגענען זיך, זאָגן דעם שטילן „גוטן־טאָג״ ערב דעם אַוועקגיין?

איינער פון דער יפת־משפּחה דאַרף זאָגן זיין וואָרט צו די פוילישע פויערים, צום פוילישן פאָלק. דאָס וועט נישט טאָן זיין פאָטער, נישט זיינע עלטערע ברידער און אויך נישט די מוטער. דאָס מוז ער טאָן. וואָלט איך באַגעגנט זיגמונטן וואָלט איך מיט אים געשמועסט, אויג אויף אויג.

— זעץ דיך. ביסט געקומען נאָך עפּעס?

מיכאַלן איז אוממעגלעך געווען צו איינזיצן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום פענצטער און ווידער אָוועקגעזעצט זיך.

— איך בין מאָביליזירט. היינט ביינאַכט באַקומען מיר געווער. עס זענען געבליבן עטלעכע שעהן. מען רופט מיך אָוועקצוגיין אויף מזרח, צום בוג. עס קען זיין אַז דאָס איז די לעצטע באַגעגעניש פון אַ זון פון די יפתעס מיט אייך. אַלע מיינע קרובים בלייבן דאָ, אויף דער פוילישער ערד ווו זיי זענען געבוירן געוואָרן. פאַרגעסט נישט אַז מיר זענען געווען שכנים, געדענקט אַז מיינע אבות זענען געווען נישט נאָר גלייביקע יידן נאָר אויך גלייביקע אין פוילן. זאָל זייער גורל נישט זיין קיין אַנדער ווי דער גורל פון די פּאָליאַקן. אין פרייד און אין צרות זאָלן זיי זיין גלייך. היט אויס אונדזער הויז. גיט אַכטונג אויף מיינע על־טערן. אויב זיי וועלן זיך ווענדן צו אייך, אָדער זייער שטאָלץ וועט זיי נישט דערלאָזן קומען בעטן גנאָד — זאָלט איר אַליין וואַכן איבער זיי ווי איר וואַכט איבער אייערע פויערים...

מיכאַל איז אַ ווײַלע שטיל געוואָרן. ער האָט געזוכט אין דעם בוזעם, אַרויסגענומען דאָס בילדל פון דעמב ביי די ווילישע וועגן. — נעמט דאָס. עס איז דאָס אָרט פון מיין עלטער־זיידן. איך גיי אַוועק. זייט געזונט.

מיכאַל האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער. דער אַלטער האָט גע־רעדט שטיל און געדריקט זיין האַנט.

— זיי באַוועגן זיך אייליק מיט געפּאַנצערטע קאָלאָנעס פון מזרח־פּרייסן אויף דרום. מלאָווע איז שוין אין דייטשישע הענט. באַלד וועט אונדזער סאָ־כאַטשין מיט קוכאַר זיין באַזעצט. פוילן ווערט אָקופּירט. באַהערשט. וועלן אויך באַהערשט ווערן די פוילישע הערצער פון דייטש?

פון גאָר נאָענט האָט זיך דערטראָגן אַ שיסעריי פון זעניט־אַרטילעריע. וואַרשע הייבט־אָן קומען צו זיך נאָך דער צעטומלעניש פון די ערשטע שעהן.

— איך וועל צוריקגיין קיין סאָכאַטשין און וועל איבערוואַרטן דעם מלחמה־שטורעם אין מיין דאָרף. איך וועל נישט אָפּטרעטן פון דער ערד, אַפילו אונטער דייטשלאַנד. מיר זענען מיד, אַזוי מיד ווי די פעלדער די צעטראָטענע דורך וועלכע עס לויפן דורך האָרדעס. יעדן דור לויפן אַן האָרדעס... אַמאָל פון מזרח און אַמאָל פון מערב...

אויף דער גאַס האָט זיך מיכאַל געכאַפּט אַז דאָס בילד פון וואַסערטרעגער איז געבליבן ביי אַנדזשעיען אין פאָדער־צימער. ער האָט זיך נישט אומגע־קערט. זאָל עס דאָרט בלייבן. פאַרוואָס איז ער אַוועק פון אַלטן אָן אַ גוטן־טאָג? פאַרוואָס האָט ער נישט געדריקט זיין האַנט?

זעקס שעה זענען געבליבן.

זיצט נאָך דער פאָטער אין קאַפע „ווייעדען"?

דער געוועזענער סוחר פון ערשטער גילדע אין שוואַרצן קאַפּעליוש, האָט געענטפערט אויף דעם נישט־אַרויסגערעדטן „מאַט" מיט אַ קאָפּשאָקל וואָס האָט באַטייט: און איר מיינט טאַקע אַז עמעצער פון אונדז ביידע האָט געוווּנען? מיר זענען אַלע פאַרשפּילט...

פלאָרענטין אָפּנהיימער, וואָס וועט איר היינט אַריינשרייבן אין טאָגבוך?

איך וואָלט געדאַרפט אָננעמען ביים אַקסל מיין ברודער הערש, אָטאָ דעם גרויסן ברודער, דער וואָס אַן אויפגעשפּראָצט גרעזל קען אים פאַרחידושן, וואָס שפּילט זיך ווי אַ קינד מיט גרינלעכע סלאָיעס מיט אינזעקטן, וואָס ציילט יעדן פאַרטאָג די בלעטלעך פון צעבליטן אָלעאַנדער, וואָס טרעט ביי די ראַנדן פון די גאָרטן־סטעזשקעס און אַלדאָס בלײַענדיקע איז פאַר אים הייליק — און אים זאָגן: הייב־אויף דעם קאָפּ צו די הימלען. זע, עס פליִען שוואַרצע, שטאָלענע פייגל. זיי שלעפּן אַראָפּ די צאַרנדיקע כמאַרעס אויף דער ערד און באַלד וועלן מיר פאַרפלייצט ווערן מיטן שוואַרצן בלוט פון די הימלען.

ניין, איך וועל אים דאָס נישט זאָגן. זאָל ער זיך שפּילן מיט די גראָז־אינזעקטן, ווייל נאָר זיי זענען אומשטערבלעך.

„עס איז גאָרנישט. נאָך אַ וואָך און עס וועט זיך ענדיקן" — האָט נעכטן געזאָגט דער נאַיִווער פאָטער. „דאָס איז נאָר אויף איבערצושרעקן איינער דעם אַנדערן. זיי וועלן זיך זעצן צום טיש און אונטערהאַנדלען".

וואָלף איז אין די בערג. ער האָט ליב די קאַרפּאַטן. מלחמה? כאַ־כאַ־כאַ — האָט ער זיך צעלאַכט. איך קען שוין דעם גרויל פון אומקום. קיינער האָט נישט אַזוי ווי איך אַריינגעקוקט אין מענטשלעכע פּנימער. איר זענט בלינד צום גסיסה־געצאַפּל פון פאַרמשפּטע. איר האָט נישט געהערט דאָס געשריי פון מענטשן וואָס זינקען אין זומפּן. איר האָט נישט געזען דעם שימלדיק גרינעם שליים וואָס האָט אַרויסגעגרוילט פון שוואַרצאַפּל? איך האָב דאָס אַלץ געזען. דאָס גייט מיר תמיד נאָך, אַפילו אין אייערע שלום־צייטן, אויף די גאַסן פון וואַרשע.

לאַנג, נאָך פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, איז ער אַוועק פון וואַרשע. „עס איז מיר ענג". ער איז אַרומגעגאַנגען איבער אויסלענדישע קאָנסולאַטן און געבעטן אַ וויזע. אומעטום האָט מען אָפּגעזאָגט. ער איז געווען ביים שוועדיקן, ביים נאָרוועגישן, ביים בעלגישן קאָנסול, געוואָלט אַפילו פאָרן קיין קאָנגאָ, באַמיט זיך אַ וויזע קיין מעקסיקע — אומעטום האָט מען אים העפלעך אָפּגעזאָגט. פון פאַרצווייפלונג איז ער אַוועק אין די בערג, געוווינט אין הוצו־

לישע כאַטעס, פאַרקויפט זיינע בילדער פאַר גראָשנס צו באַרג־וואַנדערער און געוואָלט זיך אַריבערבאַקומען אומלעגאַל אויף דער טשעכישער זייט. עס איז שוין אָבער געווען שפּעט. דייטשן האָבן באַהערשט טשעכאָסלאָוואַקיע. ער איז געבליבן אין די טאַטרן־בערג.

אַ טאָג פאַרן מלחמה־אויסבראָך איז געקומען פון אים אַ קאַרטל.

„איך מאָל אין אַ הוצולישן קלויסטער אַ גרויס וואַנט־געמעל „די לעצטע סעודה". איך וועל פאַראייביקן אונדזערע פעטערס, די דאָרפס־ייִדן. דאָ איז אומגעוויינטלעך שטיל, ביז פּחד. דאָס דאָרף ליגט צווישן די בערג, אין אַ טאָל. איך טרינק וויין פון ליימענע קרוגן, ברעך דאָס שוואַרצע קאָרן־ברויט. פון פאַרטאָג ביז זון־אונטערגאַנג אַרבעט איך איבער דעם גרויסן און אפשר לעצטן געמעל פון מיין לעבן".

די מאַמע האָט געלייענט דאָס קאַרטל און געוויינט. דער פאָטער האָט געפּויקט מיט די פינגער אין טיש.

עס קוקן אַריין נידעריקע דעכער און איבער די דעכער אַ שפּיציקער קלויסטער־טורעם מיט אַ צלם. הויכע שמאָלע פענצטער, אָרעמע וויטראַזשן. אַ שטיינערנע וואַנט לעבן אַלטאַר. דאָס ליכט פאַלט פון אויבן.

וואָלף שטייט אויף ברעטער־רושטאָוואַניעס און מאָלט. ער הערט אַוודאי דאָס געוואָי פון די באַרג־ווינטן. אַ, גאָט, ער איז דאָך שוין אין דייטשישע הענט — האָט מיכאַל געשעפּטשעט צו זיך אַליין.

אַן אָנפאַל פון דייטשישע יעגער עראָפּלאַנען. די אַלאַרם־סירענעס פאַר־שפּעטיקן.

— באַלד וועלן אָנקומען די שווערע באָמבאַרדירער.

— שריפות אויף ביעלאַנסקע גאַס.

— עס ברענען די געביידעס פון מלחמה־מיניסטעריום אויפן פּילסודסקי־פּלאַץ.

מיכאַל איז אַריינגעלאָפן אין אַ טויער אויף אָגראָדאָווע.

אַ זקן מיט אַ געלער באָרד האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ ספרל. ער האַלט דאָס ספרל נאָענט ביי די אויגן. אַ מוטער מיט אַ קינד אויף די הענט וויגט זיך. אַ פאַרשוין מיט אַן אַראָפּגערוקט קאַפּעליושל ביז די ברעמען, לייענט די לאָקאַטאָרן־ליסטע. ער לייענט נאָמען נאָך נאָמען.

פּלוצים איז ליכטיק געוואָרן.

די וועלט איז צעשפּאָלטן, אַ געוואָי פון סטאַדעס אָקסן וואָס לויפן מיט געשטרעקטע הערנער אַנטקעגן גלעזערנע ווענט. באַלד וועט עס געשען. בלוט

און גלאָז, צעריסענע שטיקער הימל און אָקסן־פליייש. ס׳יאָמערט איצט אַלץ וואָס לעבט און וואָס איז אַפילו פאַרשטיינערט אויף גאָטס ערד.

מיכאַל האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דעם אַספאַלט, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, איינגעצויגן די אַקסל און אויפגעהערט עטעמען.

דער זקן האָט צוגעלייגט דאָס ספרל צום פּנים. דער פאַרשוין שטייט אַלץ ביי דער לאָקאַטאָרן־רשימה און צינדט־אָן אַ פּאַפּיראָס.

— נישט רייכערן! — שרייט שגעונדיק דער זקן. מיכאַלן דאַכט זיך אַז דער זקן ברענט.

— דער אַלאַרם איז נאָך נישט אָפּגערופן געוואָרן?

קיינער ענטפערט נישט. מיכאַל מיינט אַז די רייד זענען געווענדט צו אים. דער גומען ברענט. די ליפּן זענען אָנגעדראָלן.

דער פרעמדער איז מיד געוואָרן צו שטיין אין מיט טויער. ער האָט זיך אויעקגעזעצט אויף די אונטערשטע טרעפּ, לעבן מיכאַלן.

— איר וועט פאַררויכערן?

דער זקן האָט צוגעמאַכט דאָס ספרל און באַטראַכט די צוויי מענטשן. דאָס קינד וויינט. מיכאַל האָט קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ וויינען. אפשר האָט ער עפּעס אין קעשענע וואָס וואָלט געקענט דערפרייען דאָס קינד?

— אַ דאַנק. איך רייכער נישט. אַ דאַנק...

מיכאַל האָט נישט געהאַט קיין חשק אַריינצולאָזן זיך אין אַ שמועס. עס איז אים נישט געפעלן געוואָרן דער פאַרשוין מיטן קליינעם אַראָפּגערוקטן קאַפּעליושל און מיט די צונויפגעפּרעסטע ליפּן.

— איך בין נישט לאַנג אין דער שטאָט.

— וועט זיך אַמאָל ענדיקן דער אָנפאַל? שוין איבער דריי שעה.

נאָך דעם ווי דער פרעמדער האָט פאַרצויגן דעם פּאַפּיראָס איז ער געוואָרן היימישער.

— פון וואַנען שטאַמט איר?

— פון די דערפער אַרום פלינצק.

— פלינצק? הם־הם... — ער האָט מיט באַדויערן געשאָקלט דעם קאָפּ, געקוקט פאַרשעריש אויף מיכאַלן פון אונטער דעם ראַנד פון הוט.

— איך קען גוט די געגנט. שיינע טייכן, די דזשאַלדוווקאַ און די ווקראַ. דערפער ווי קאָלאָזאָמב, גוטאַזשעוואָ, סאָכאָטשין.

דער פרעמדער האָט אויסגעטאָן דעם קאַפּעליוש, געווישט דעם שטערן מיט די האַנטפלאַכן ווי ער וואָלט געוואָלט זיך דערמאָנען עפּעס וואָס איז שוין אַזוי לאַנג.

שיפע קינבאַקן, אָפּשטייענדיקע אויערן. אַ שפּיציקער קאָפּשאַרבן פאַר־דעקט מיט פאַסן ליכטיקע האָר.

— איר שטאַמט פון די זעלבע ערטער?

— מען קען זאָגן אַז — דער פרעמדער האָט נישט פאַרענדיקט נאָר ווידער באַטראַכט מיכאַלן און דערנאָך צוגעגעבן: — יאָ, איך שטאַם פון די געגנטן. לאַנגע יאָרן בין איך אָבער דאָרט נישט געווען. ערשט מיט חדשים צוריק האָב איך ווידער באַזוכט מיין דאָרף. איך בין אַרומגעגאַנגען אויף די לאַנקעס, גע־באָדן זיך אין טײַך, געזען די פויערישע מערק. געזעסן אין שענקען. געזען היימישע „זאַבאַוועס", געלעבט אין כלאָפּסקע איזבעס, געדונגען זיך מיט ייִדן אויף מערק. סאָכאַטשין איז דאָך כמעט אַ ייִדיש שטעטל.

— קענט איר עמעצן פון סאָכאַטשין?

— אָהאָ, איך קען, כ'האָב אויפגעקויפט פערד פאַרן פוילישן מיליטער. איך האָב אויך צוגעשטעלט פּי. איך קען דאָרט דעם שענקער. דעם אַפּטייקער. איך קען דעם אַלטן עליאָש. ער איז דער קלוגסטער ייִד פון סאָכאַטשין. איך בין אַליין אַ גוטאַזשעווער... אייגנטלעך פון דער מוטערס צד. אַ קאָלאָזאָמבער איז מיין פאָטער...

מיכאַל איז געזעסן אַ פאַרשטיינערטער. דער ערשטער חשד וואָס האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן אויסגעלאָשן צו ווערן איז שטאַרקער געוואָרן.

— ביסט געווען מיט פינף חדשים צוריק אין סאָכאַטשין?

— פאַרוואָס עפּעס מיט פינף? עס איז געווען אָנהייב פרילינג. ווען ווערט אויפהערן דער אַליאַרם, יונגער מענטש? עס דויערט שוין אַזוי לאַנג.

— האָסט געטראָפן אויפן מאַרק דעם אַלטן עליאָש? — איז מיכאַל נישט אָפּגעשטאַנען. — דו האָסט זיך אַרומגעדרייט איבער יאַרידים. דו זאָגסט אַז דו ביסט אַ צושטעלער פון פערד און פּי פאַרן מיליטער. ביסט געזעסן אין שענקען?

דער פאַרשוין האָט אָנגעטאָן דעם קאָפּעליוש, געקנייטשט מיטביידע הענט דעם ראַנד.

— דאַכט זיך אַז עס איז שוין נאָכן אַליאַרם... פּשאַ־קרעוו, מיר וועלן גאָרנישט אַרויס פון דעם טויער...

מיכאַל איז נאָענט צו אים צוגעגאַנגען. ערשט איצט האָט ער געזען דאָס פאַרוואָקסענע פּנים. דער קאָלנער פון העמד איז אומריין, אויסגעריבן. די בינדע פאַררוקט. ער איז שוין נישט ייִנג, אַוודאי אַ יאָר פופציק. יאָ, דאָס איז דער פאַרשוין. דאָס איז דער וואָס איז געקומען קיין סאָכאַטשין זוכן אָסקאַרן. ער איז דאָס. און וואָס אַ רגע איז די זיכערקייט אין מיכאַלן שטאַרקער געוואָרן.

ער האָט אים דערקענט לויט די שילדערונגען פון פעטער עליע, לויט די פאַר־פלאָנטערטע רייד פון פרעמדן.

— איך ווייס ווער דו ביסט. דו האָסט זיך אַליין אַנטפּלעקט, דיין נאָמען איז יאַן באַרטשוק.

דער פרעמדער האָט זיך צעלאַכט. נאָר דאָס לאַכן האָט אים נאָך מער אויפ־געגעבן. עס האָט נאָר געלאַכט זיין אַנליפנדיק מויל און אַנטפּלעקט די פאַלשע ציין פון פּלאַטין און פון גאָלד, שלעכט אַריינגעשטעלטע, און אין דער זעלבער צייט האָט דער אויבערשטער טייל פון פּנים געקרומט זיך אין בייזע גרימאַסן.

מיכאַל האָט געמאַכט אַ האַסטיקן טריט צום פאַרשוין. באַרטשוק איז צו־ריק געטראָטן ביז דער טויער־וואַנט. זייערע שאָטנס האָבן זיך צונויפגעגאָסן.

דאָס קינד וויינט שוין מער נישט. דער אַלטער בלעטערט אייליק די בלע־טער ווי ער וואָלט געזוכט עפּעס וואָס קען פון ספרל נעלם ווערן.

גאָר נאָענט איז געפאַלן אַ צינד־באָמבע און באַלויכטן דעם הויף מיט אַ העליש פייער. עס שמעלצן זיך צינק־בלעכן. די שאָטנס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שויבן.

— דו ביסט יאַן באַרטשוק!

מיכאַל איז ווי העכער געוואָרן. ער איז געשטאַנען קעגן דעם איינגעשרומ־פּענעם מיט פאַרביילטע פויסטן.

ווידער דאָס שפּאָטישע געלעכטער.

— דו האָסט דערמאָרדעט אָסקאַר יפתן! דו האָסט דאָס געטאָן! ווער האָט דיך געשיקט אויספירן דעם מאָרד? זאָג, ווער? וועלכן טייוול דינסטו? דו וועסט זיך איצט נישט אַרויסדרייען פון קיין ענטפער! זאָג, פאַרוואָס האָסטו דאָס גע־טאָן? דו ביסט דאָך געקומען צום אַלטן עליאָש? דו האָסט נאָכגעפאָרשט אָס־קאַרס יעדן טריט! דו ביסט מיט אים צוזאַמען אַנטלאָפן מיט די אָפּטרעטנ־דיקע באָלשעוויקעס און דערנאָך זענט איר צוזאַמען אומלעגאַל געקומען קיין פּוילן? איך ווייס אַלץ. אָסקאַר האָט דאָס דערציילט פאַרן טויט. ער האָט גע־זאָגט אַז דו ווילסט אים אומברענגען.

דער פרעמדער האָט אָפּגעשטופּט מיכאַלן פון זיך. ער האָט געוואָלט זיך באַפרייען פון יונגן שטאַרקן בחור וואָס האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג. די באַוועגונגען פון באַרטשוקן זענען געווען קאָמישע, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויס־באַקומען זיך פון אַ לאַבירינט, פון אַ פינצטערן זאַק.

איינקלעמען זיין האַלדז אין די שטייפע פינגער?

ניין. עס איז אַ גליטשיקע מאַסע אַזוי ווי אַ שלימאַק. דאָס וועט זיך דער־

נאָך אויסמישן מיטן בלוט און ער וועט שוין קיינמאָל אין לעבן נישט קענען באַפרייען זיך פון דעם קורצן דאַרן האַלדז, פון די טאַנצנדיקע אויגן ווי די שפּינען וואָס הענגען פון טונקעלע באַלקנס.

דאָס זענען גורל־שעהן. דער אָנהייב פון אַ וועלט־איבערקערעניש, פון פאַלנדיקע הימלען. זיי וועלן זיך אויסמישן מיט דער ערד, מיט די טייכן. אַ בישטיקער וואָרעם ביסטו וואָס דו וועסט סיי ווי צעטראָטן ווערן.

אַן אויסגעצויגענער סירענע־געוואָי.

דער זקן פּראַלט־אויף דעם אייזערנעם טויער. עס איז נאָך דעם לופט־אָנפאַל.

יאַן באַרטשוק שאַרט זיך ביי די ווענט, שטרעקט פאָרויס די הענט און זויל וואָס פריִער דערגרייכן דאָס טירל.

מיט איין שפּרונג איז ער אַריבער דעם טראָטואַר און אָנגעהויבן שנעל שפּרייזן צו לעשנאָ־גאַס.

מיכאַל איז אים אַ שטיק וועג נאָכגעגאַנגען. לעבן קלויסטער־מויער איז ער געבליבן שטיין. באַרטשוק האָט זיך נישט אומגעקוקט. ער איז אַרומגע־גאַנגען די גאַס־פאַרצוימונגען, אַפּטמאָל אַרויפגעקראָכן אויף אַ קופּע ציגל־ברוך, ביז ער איז פאַרשוווּנדן.

עס טונקלט שוין. דער קאַשטאַן־בוים האָט שוין מער נישט קיין קרוין. צעריסענע טראַמוויי־דראָטן פאַרוויקלען זיין שטאַם.

קאַפּיטל זעכצן

יוטאַ העפּט אַ שבת־טישטוך. בלויע בלימעלעך אין אַ לאַנגער שורה אויף אירע קני. זי איז אַליין אין שטוב. עס איז שטיל אין קליינעם ציכטיקן צימערל.

זי האָט נישט אויפגעצאַפּלט ווען מיכאַל, אַן אויסגעמאַטערטער, אַן אָפּ־געריסענער, מיט אַ פאַרלאָשן פּנים איז געשטאַנען אין דער טיר.

יוטאַ האָט געקוקט אויף דעם פאַרוואַקסענעם פּנים, אויף די צייכנס פון קאַלך און זאַמד אויף די אָפּגעטראָגענע שיך און געוווען דאַנקבאַר דעם אייבערשטן וואָס ער איז געקומען.

— גוט וואָס דו ביסט געקומען איצט.

ער האָט געזען דאָס מילדע און אין דער זעלבער צייט שטרענגע פּנים פון דער מאַמע. זי האָט געצערטלט דאָס טישטוך און ער האָט געוווסט אַז דאָס צערטלעריי האָט צו אים אַ שייכות און ער האָט עס ממש פיזיש אָפּגעפילט. יעדעס אויסגעהאַפטענע בלימעלע, יעדער נאָדל־שטאָך, דער בלאָער פאָדעם אין אירע הענט — אַלץ איז פאַרוועבט מיט איר ליבשאַפט.

— ווּ ביסטו געווען אין דער גרויסער באָמבאַרדירונג?

עס איז אַזוי שטיל אין שטוב, אַזש ער הערט דאָס באַרירן פון דער נאָדל מיטן פינגערהוט.

הערש איז נאָך אַלץ אין מיעדזעשין. ער קען נישט לאָזן אויף הפקר די קינדער. ווי לאַנג עס וועט בלייבן כאָטש איין קינד אין דער „מעדעם־סאַנאַ־טאָריע" מוז איך דאָרט אויך בלייבן. אַזוי האָט ער היינט באַפוילן.

וואָלף האָט נישט פאַרענדיקט „די לעצטע סעודה". דאָרט איז געבליבן בלויז דער ערשטער אָנוואָרף פון אַלע פּעטערס, די דאָרפס־ייִדן, וואָס נעמען אויף אַ פרעמדן אורח.

דער טאַטע איז אין די קעלערן פון דער קאַפע „וויעדען". ער שפּילט שוין שאַך זייט דעם אָנהייב פון דער באָמבאַרדירונג.

יוטאַ האָט קיינמאָל נישט געוויינט, קיינמאָל נישט געשריגן, נישט גע־בראָכן די הענט. זי קען נאָר שמייכלען אָדער שוויגן. איר ליבשאַפט צו די

קינדער איז אַ פאַרבאַרגענע. בלויז אין שלאָף האָט ער איינמאָל דערפילט אירע ליפּן אויף זיין שטערן. בעת אַ שלאַפקייט האָט זי אים נאָר געצערטלט. דאָס איז געווען אַ ליבשאַפט פון ערד־מענטשן וואָס איז אַזוי ווי די ערד אַליין.

— גייסט היינט ביינאַכט אַוועק?

ער האָט נישט געענטפערט יאָ און נישט ניין, נאָר עפּעס אַ ברום־געטאָן.

— זון, דיין רוקזאַק איז צוגעגרייט.

די פינגער גלעטן דאָס שבת־טישטעך. קליינע בלאָע בלימעלעך וואָס מען רופט זיי „פאַרגעסמיכנישט".

ער וויל וויינען, אַרומנעמען זי און קושן די הענט. דאָס קען אָבער אַנט־פּלעקן זיין אומרו, זיין שרעק.

די אויפגעוואָרעמטע זופּ, דער פּענעץ ברויט אויף דעם טיש מיט די זיל־בערנע יום־טוב כלים. ער חידושט זיך: פאַרוואָס איז דער טיש אויסגעפּוצט מיטן שענסטן געשיר? די מאַמע האָט אַפילו פאַרשפּרייט דעם נאָך־נישט פאַר־ענדיקטן טישטעך. ער פאַרשטייט אַלץ. עס איז דער לעצטער מאָלצייט. די לעצטע סעודה מיט דער מוטער. זי ברעכט פּיצלעך ברויט. גרויסע צעעפנטע אויגן קוקן אויף אים. יעדער קער זיינער איז פאַרוועבט אין דער מאַמע־ליב־שאַפט וואָס שטראַלט. די ווענט יאָמערן. ער זעט די אַלטע שבת־לייכטער. זיי זענען אַ ירושה פון די אָבות. די מאַמע טראָגט זיי צום טיש. די ליכט ברענען טרויעריק.

— חידוש זיך נישט, מיכאַל... מנחם...

אין שבתים און יום־טובים האָט זי אים גערופן נישט מיכאַל, נאָר מנחם. אַזוי האָט איר געהייסן דער ברודער אירער עליע. ער איז געווען דער עלטסטער און תמיד האָט זי זיך צוגעהערט צו עליעס רייד. „אַ נאָמען איז ווי אַ מלבוש. עליאַש איז פאַר גויים, עליע איז פאַר מיינע ברידער און שכנים און אין די יום־טובים בין איך אליהו. מנחם איז אַ יום־טוב־נאָמען. תמיד ווען דו וועסט זוכן טרייסט, זאָלסטו אים רופן מנחם".

— עס איז היינט נישט שבת און נישט יום־טוב אויף דער וועלט. עס איז אַ פּראָסטער טאָג. איך וויל אַז דו זאָלסט אַוועקגיין פון אַ יום־טובדיקער שטוב... וועסט צוריקקומען וועט ווידער זיין שבתדיק.

איר קול איז איבערגעבראָכן געוואָרן.

ווען מיכאַל איז אַוועק פון דער היים האָבן נאָך געברענט די ליכט. ער האָט נישט געהאַט קיין טרערן אויף וויינען כאָטש ער האָט געוויינט.

אויף דער גאַס איז אים לייכטער געוואָרן. דאָס איז געווען די לייבטקייט

פון אַן ערשט מאָל געשפּאַנט פערד וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון געשפּאַן. דאָס האָט אים ווײ־געטאָן. פאַרוואָס פילט ער די אויסטערלישע דערלייכטע־רונג?

ער איז הפקר. ער איז צו גאָרנישט געבונדן. אַלע קנופּן וואָס ער האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו פאַרקנופּן מיט דער וועלט זענען מיט איין שניט אָפּגעשניטן געוואָרן. בלויז דאָס רויטע צעטל אין זיין בוזים בינדט אים צו עפּעס. ער זוכט דאָס מאָביליזאַציע־פּאַפּירל און קען עס נישט געפינען. איז עס נישט געבליבן אין שטוב? ניין. איצט דערמאָנט ער זיך: עס איז אין די הענט פון יענעם צעשראָקענעם אָפיצירל ביי דער געביידע פון יוסטיץ־מיניס־טעריום.

דריי שעה איז נאָך געבליבן צו דער מאָביליזאַציע.

דער פּראַנטיקער אַריינגאַנג צום קאַפע „וויעדען" איז געשלאָסן. אַראָפּ־געלאָזטע זשאַלוזיען. מען מוז גיין דורך די שטיגן. עס ברענט אַ בלאָ ליכטל. אין אַ גרויסן קעלער, באַלויכטן מיט גאַזליכטן זיצן ייִדן פון גענשע־גאַס און פון נאַלעווקעס ביי גלעזער טיי. עס איז דאָ דושנע און הייס. פאַרשוויצטע קעפּ, פּליכעוואַטע, טייל אין טונקעלע קאַפּעלעך, טייל אין קאַפּעליושן. קורצע בערד־לעך, שפּיציקע, אויפגעהויבענע הענט מיט קאָרטן, שאָך־שפּילער וואָס דרימ־לען, וויגן זיך און ברומען ניגונים. אַ קעלנער אין אַן ענגן סמאָקינג מיט גע־פּלאַצטע נעט.

— איך בין געקומען זיך געזעגענען, טאַטע.

— האַ, וואָס איז געשען, מנחם? וואַרט אַ רגע... עס איז געבליבן נאָך איין צוג... מיכאַל... עס וועט גאָרנישט זיין... דו גייסט טאַקע איצט? זוים זיך נישט לאַנג... זאָלסט צוריקקומען... למען־השם צוריקקומען... היינטיקע צייטן וועט עס זיך לאַנג נישט פאַרציִען... הערסט, זאָלסט צוריקקומען...

און מיטאַמאָל, ווי דער פאָטער וואָלט דערוואַכט פון אַ חלום, האָט ער זיך אויפגעהויבן, אַריינגענומען דעם זון אין די אָרעמס און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

דאָס טישל האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן און די שאָך־פיגורן האָבן זיך צע־שאָטן.

— איך גיי מיט דיר. כ׳וויל דיך באַגלייטן.

מיכאַל האָט געפירט דעם טאַטן ביים אָרעם. זיי האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן די אַרויסשטאַרנדיקע אייזנס, אָן די טראָטואַר־פּלאַטן די אַרויסגעריסענע.

די גאַסן זענען פּוסט. אויף מזרח ברענט. אויפן פייער־הימל ווימלען

שוואַרצע שלאַנגען. זיי וויקלען זיך מיט קופּערנע קעפּ און רייסן־אויף די רויך־וואָלקנס און זוכן אין זיי אַנטרינונג.

נאָך צוויי שעה.

דער אַליאַרם איז אָפּגערופן געוואָרן, אָדער דאָס איז גאָר דער אָנהייב, די וואָרענונג? ניין, דאָס איז דער סוף פון אַליאַרם ווייל פון די טויערן שפּאַרן אַרויס מענטשן מיט קלומעקלעך, מיט קליינע האַנט־רענצלעך, מיט רוק־זעק. זיי גייען צו דער פּאָניאַטאָווסקי־בריק, צו דער קערבעדזש־בריק, שווייגנדיקע, פאַרחושכטע. מען הערט נאָר טריט אויף שטיין. דאָס זענען שאָטנס וואָס אַנט־רינען.

טיילמאָל דערגייט צו מיכאַלן אַ שטיל איבעררופן זיך. פּרויען אין מענער־שיך. מענער אין רעגן־מאַנטלען. מען איילט זיך. טייל לויפן. דאָס ווייטע שי־סעריי איז פּאַר זיי ווי דער בייטשן־געקנאַל וואָס טרייבט די סטאַדעס שאָטנס, יאָגט זיי צוזאַמען אין איין קנויל. באַלד וועט דער קנויל צעריסן ווערן.

מיכאַל גייט מיטן שטראָם. ער טראָגט זיך מיטן המון צו די בריקן, צו די וועגן וואָס פירן אויף מזרח.

„אַלע ווערן גערופן צו פאַרלאָזן די שטאָט". ער וועט אויך אַוועקגיין.

ביי דער ווייסל. קילע וואַסערן, גראַנאַטענע. זילבער־כוואַליעס. דער ווינט טראָגט דעם ריח פון יאַשמין און ציגלשטויב. דער הימל איז צעשניטן פון וואַנדערנדיקע מעסערס.

דער המון שטראָמט אויף די בריקן און פון די טויזנטער טריט, אייליקע, ברומט אַזש דאָס אייזן און שטאָל אַ בייז ברומעריי.

אין אַלטשטאָט זענען באַלויכטן אַלע קלויסטער־טורעמס. דאָס איז פון שריפה־אָפּשיינען.

„זוים זיך נישט לאַנג".

אַוועקגיין? אַנטלויפן? אויסמישן זיך מיטן שוואַרצן שטראָם וואָס ציט זיך איבער די בריקן, זיין אויסגעשטעלט אויפן גנאָד פון די שוואַרצע דייטשישע נאַכט־עראָפּלאַנען? איבערלאָזן די עלטערן, די ברידער?

לויף! זוכסט נאָר אַן אויסרייד פאַר דיין פּחדנות. האָסט מורא אַנטקעגנצו־גיין דער גרויסער וועלט וואָס עפנט זיך איצט פאַר דיר! דאַרפסט נאָר דורכ־לויפן דעם פייערדינג און וועסט אַרויס פון דער פאַרוויסטונג! עס בינדט דיך מער גאָרנישט מיט דעם לאַנד, דו לאָזט דאָ קברים! געדענק די שנאה פון די מאַרכלעווסקיס, פון די גוסטאַוו הערבערטס! ביסט אַזוי ווי דער נאַרישער קראָ־

ליק וואָס שרעקט זיך אַרויסצולויפן פון דער שטייג כאָטש זי איז אויפגעריסן געוואָרן. גיי, שפּאַן דורך שטעט, דערפער, און גרענעצן, וואָרעם די וועלט ברענט. איצט איז די שעה, פאַרשפּעטיק נישט. פאַרוואָס זאָלסטו זיין היימלאָז אין אַ נישטיק האַלב־שטעטל האַלב־דערפל, אויף ערד וואָס געהערט שוין לאַנג נישט צו אייך? אויב היימלאָז — איז אין דער גרויסער וועלט!

מיכאַל האָט זיך אויסגעקערעוועט מיטן רוקן צו דער ווייסל און צוריק־געגאַנגען. עס זענען אים אַנטקעגן־געקומען מענטשן, כוואַליעווייז. דאָס רוב פון זיי יונגע. זיי האָבן פאַרנומען דעם גאַנצן טראָטואַר, זיי זענען געגאַנגען אויף דעם ברוק. ער האָט דערקענט צווישן המון די שניידער־געזעלן פון דער „בערזע", וועבער־אַרבעטער. עמעצער האָט אים פאַרהאַלטן. „האָסט עפּעס פאַרגעסן?".

די שניידער־מויד מיט דעם לבנה־פּנים איז אַוודאי געבליבן אין איר אָרעם צימערל אויף פּאַווע־גאַס. פאַרוואָס דערמאָנט זי אים תמיד אין לבנה־נעכט אונטער עפּל־ביימער? אַ טאַכטער פון אַ שומר אין די סעדער פון קאָלאָ־זאָמב. אַ גרויסער עפּל־סאָד וואָס ענדיקט זיך לעבן דעם ברעג פון דער דזשאַל־דאָווקאַ. דאָס איז געווען פיווּעשעס טאָכטער. זיי האָבן געוווינט אין עפּל־סאָד, אין דער שטרוי־בודע. עס איז האַלב־נאַכט. מיכאַל קען נישט איינשלאָפן אין דער סטאָדאָלע. פריש היי. אַ נאַכטיקער רוף פון אַ פויגל. אַ בילעריי. די עפּל־צווייגן זענען שווער און פון צייט צו צייט פאַלט אַן עפּל. מען הערט אַזוי בולט דאָס פאַלן פון רייפע עפּל. עס צייטיקן שוין די קייזער־עפּל. איז ער שיכור פון עפּל־ריח? ביים טייך איז שטיל. מען הערט ווי עס פּאַטשן די העכט אין טייך־שפּיגל. מיכאַל זיצט ביים ברעג, קלייבט מושלעס און וואַרפט זיי אין וואַסער. מיטאַמאָל אַ געשאָרך צווישן די עפּל־ביימער. פון די לאָזעס גייט אַרויס פּיי־וועשעס טאָכטער. זי וואַרפט אַראָפּ די קליידער און בלייבט אין העמד. מיכאַל וויל זי נישט איבערשרעקן. ער שאָטנט זיך צווישן די קוסטעס. זי שווימט־דורך דעם טייך. זי שווימט אין לבנה־שטרייף. ווהין זי שווימט ווערט אַ ליכט־שטרייף, ווי די לבנה מיט אַלע שטערן וואָלטן איר נאָכגעשווומען. מיכאַל איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, געלייגט קלאַפּטער, שטיל, נישט געפּאַטשט מיט די הענט. די פיס האָבן זיך שטיל באַוועגט, ריטמיש אויף דער פלאַך פון וואַ־סער און אומגעריכט איז ער אַרויס פון די בלושטשן און דערגרייכט די מויד. דאָס העמד איז געווען צוגעקלעפּט מיט איר לייב און אויסגעטיילט יעדן גליד אירן. זי האָט נישט געשריגן, נישט געפּאַטשט מיט די הענט אין וואַ־סער. זיי האָבן זיך געטרוקנט אויפן זאַמד־ברעג און אויף די קוסטעס זענען

געהאַנגען זייערע נאַסע קליידער. פּיוועש איז אָנגעקומען אומגעריכט, אַזוי ווי אַ נאַכט־פּוקס. ער האָט אָנגעכאַפּט די טאָכטער פאַר די לאַנגע האָר און גע־שלעפּט זי אַ נאַקעטע צו דער שטרוי־בודע. מיכאַל איז אים אַנטקעגן־גע־שפּרונגען. לאָז אָפּ! פּיוועש האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן. — דו, פּריצישער אָגער, ווערסט מיט איר חתונה־האָבן? ווערסט זי נעמען פאַר אַ ווייב? ממזרים קענט איר אָנפּלאָדיען. עס איז נישט קיין שיקסע! זי איז אַ ייִדישע טאָכטער! דער נאַכט־שומר האָט זי אַ שליידער־געטאָן צו מיכאַלס פיס — נעם זי, די חצופה! הערסט טאָכטער, זאָלסט זיך מיר מער נישט באַווייזן פאַר מיינע אויגן! די מויד האָט שנעל אַרויפגעצויגן דאָס קלייד און געשריגן: — טאַטע, אַ בראָך אויף דיר, ווערסט שוין מער נישט אין די נעכט קריכן צו דער געלער זאָכע! מיינסט אַז איך ווייס נישט? כ׳וועל מאָרגן אַלעמען דערציילן! טאַטע! איר געשריי האָט זיך געטראָגן אין דער נאַכט, אָפּגעשלאָגן זיך אויף יענער זייט טייך און עס האָט אויסגעזען ווי עמעצער שפּאָט־נאָך, קרומט איבער, ביז די קולות זענען פאַרגאַנגען צוזאַמען מיטן הירזשעריי פון פערד אויף אַ פּאַסט־ווייסקע. זי האָט נאָך געוואָלט שרייען, נאָר מיכאַל האָט איר פאַרשטעלט דאָס מויל מיט די הענט. דער מויל־אָטעם אירער האָט ממש געבריט זיינע פינגער. — וואָס האָסטו זיך דערשראָקן פאַרן אַלטן? מיין שיינער טאַטע האָט דיך צעחושט? זי האָט אָפּגעריסן אַ גרויסן עפּל און אים תאווהדיק איינגעביסן. נאַ, עס! — —

ווו איז זי איצט? ער וועט אַוועקגיין אויף פּאָוע־גאַס. ער מוז זען די ברייט־פּנימדיקע מויד פון די סעדער וואָס איז געוואָרן אַ דינסט אין וואַרשע.

האַנקאַ איז שוין אַוועק. אפשר פאַרעט זי זיך אַלץ נאָך אַרום מיט אירע בילדער, זי וויל זיי אַלע צונויפזאַמלען, פאַרפּאַקן און איבערגעבן דעם הויז־וועכטער אויסצובאַהאַלטן ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן. פאַרוואָס האָט ער קיינמאָל נישט געקוקט אויף אירע לייוונטן? ער געדענקט גאָרנישט וואָס זי האָט געמאָלן. ער זעט נאָר אירע אומגעלומפּערט־גרויסע הענט, לאַנגע פיס אין די זאָקן און דאָס האַרטע קול. זי איז תמיד געווען גלייכגילטיק צו מיכאַלס מאָ־לעריי. זעלטן ווען זי האָט געזאָגט אַ גוט וואָרט. טייל מאָל איז זי נאָענט צוגע־גאַנגען צום מאָלברעט, געפּירט די פינגער איבערן בילד און באַטראַכט דער־נאָך מיכאַלן מיט פאַרוואָרף. איינמאָל האָט זי אים געזאָגט: איך האָב נישט ליב זאַטע מענטשן. איך פיל די זאַטקייט דיינע אין דער מאָלעריי. עס איז צו רייך, אַרויסרופעריש. פאַרשווענדעריש. מען מוז זיך נישט צירן מיט דעם צירונג וואָס מען פאַרמאָגט בירושה. עס איז גוט פון צייט צו צייט אַרויסצונעמען פון אַלטן ירושה־קעסטל איין קליין שטיינדל. זי האָט אים דעמאָלט געוויזן אַ פּראָסט

קופערן פינגערל מיט אויסגעקלאַפּטע קופּער־בערגלעך. „דאָס איז אַלץ וואָס איך פאַרמאָג. מיין פאָטער האָט גערעדט מיט אָנדייטונגען, געציילטע ווערטער, ממש זילבן און אַלע אין שטוב האָבן אים גוט פאַרשטאַנען. אַ קוים דערהערטער ניגון. אַ ברום. דאָס איז גענוג געווען צו וויסן וואָס עס קומט פאַר אין זיין נשמה.״ — — —

האַנקאַ איז גערעכט געווען. איך האָב מיין ליידנשאַפט נישט געצוימט. סערגיי קריזשאַנאָווסקי האָט געוואָלט אַז איך זאָל אַלץ אַנטפּלעקן וואָס כ׳פאַרמאָג, אין יעדן געמעל. איך האָב אויפגענומען גאָטס וועלט און בין פאַרבלענדט געוואָרן פון איר רייכקייט. איך שפּיגל דאָס איבער. עס איז נישט מער ווי אײַבערגעזעטיקטע מאָלעריי. איך האָב געדאַרפט קאָנצענטרירן זיך אויף פּרטים. אַנטפּלעקן זיי. מיין פאָטער האָט געוואָלט איינגעמען די וועלט און איז געבליבן ביים צעשאָטענעם שאַך־ברעט אין דעם קעלער פון אַ וואַרשעווער קאַפע, מיט דער מלכה אין דער אויפגעהויבענער האַנט. איך בין אַזוי ווי מיין פאָטער, נאָר אין מאָלעריי. סערגיי האָט געשאַפן דעם מיראַזש פון אַ שיינער וועלט, אַליין האָט ער געלעבט ווי אַ פאַרטריבענער הונט, ערגעץ אין אַ וואַלד־כאַטע און אין די זונטיקס האָט ער זיך געוואַלגערט אַ שיכורער אין די קראָפּעווע־פעלדער.

באַלד וועט זיך טראָגן פון דער שטאָט דער ריח פון טויטע. נאָכן ערשטן מלחמה־טאָג און דער הימל זעט שוין אויס ווי אַן אָפּגעשונדן טויט פערד.

די ווייטקייט די אומענדלעכע פון מאַזאָוויער פלאַכלאַנד טוט וויי. די ערבֿ־האַרבסטיקע קליאַן־בלעטער, די באַטשנע וועגן די בלאָטיקע, די פאַרשאָטענע מיטן רויטן קופער און טונקעלן גאָלד פון בלעטער, רודערן־אויף די געבליטן.

די דייטשע עראָפּלאַנען־אַנפליִען באַנייען זיך.

מיכאַל גייט אייליק. אַ מענטש האָט אים אָפּגעשטעלט: — עס איז אַ לופט־אַליאַרם. איר הערט נישט דעם געוואַי פון באָמבע־שפּליטער? ער האָט זיך צוריקגעצויגן ביזן טויער. עמעצער עפנט דאָס טירל און שלעפּט אים אַריין אין אַ טונקלקייט. דער טויער איז נידעריק, געוועלבט. מענטשן זעען אויס ווי שאָטנס באַזיימטע מיט אַ בלאָ ליכט. קינדוויַיז איז ער געפאָרן מיט דער מאַמען צו דער באַן. עס איז געווען אין אַ פאַרטאָג. אים איז אויסגעקומען אַז ער פאָרט אין די הימלען. נישטאָ קיין ערד ווייל אַ געדיכטער טוי פאַרהילט זי. נישטאָ קיין הימלען — ווייל אַ נעפּל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. וואַלקנס און וואַלקנס, בלאָ־באַזיימטע. איצט איז צוריקגעקומען יענע זעונג ווען ער איז אַלט געווען פינף יאָר. דורך די טויער־שפּאַלטן האָט זיך יעדעס מאָל אַריינגעריסן אַ בליץ.

עס איז מיכאַלן פּלוצים אויסגעקומען אַז ער קען דאָס הויז. אַהער האָט ער איינמאָל צוגעפירט בעלאַן.

איז ער אפשר מיט אַ כוונה געגאַנגען צו דעם הויז? די איינוווינער זענען אין די קעלערס באַלד ווען זיך ענדיקן דער אַליאַרם. דער זייגער איז שוין עלף. נאָך אַ שעה איז געבליבן! ער גייט אויף טרעפּ, נידעריקער און נידעריקער. אין פּייכטע, דעמפּיקע קעלערן קנוילן זיך מענטשן. וויינענדיקע קינדער. עמעצער לויכט אים אין פּנים אַריין.

— וואָס שטופּט איר זיך, יונגער מענטש? דאָס איז אַן אָרט פאַר זקנים.

— איך זוך אַ באַקאַנטע... די פאַמיליע אָפּנהיימער...

זי איז געבליבן שטיין לעבן אים.

— בעלאַ. איך האָב נאָך איין שעה. זיי נישט בייז. איך בין געקומען דיך זען. איך ווייס נישט פאַרוואָס עס האָט מיך אַהער פאַרטראָגן.

זי איז פאַרהילט אין אַ טונקעלן שאַל. איר פּנים בלייכט זיך אין דער טונקלניש. זיי זיצן צוזאַמענגעדריקט אויף שטיינערנע שטיגן.

— דו ביסט נישט באַליידיקט?

דער געבויגענער סילועט פון פאַן פלאָרענטין טיילט זיך שאַרף אויס אויף די ווענט. ער גייט אַ וואַקלדיקער. די הענט געשטרעקט פאַרויס. ער שאַרט זיך פאַרביי אומבאַמערקט. די גאָלד־פּענסנע טוט אַ פינקל און לעשט זיך.

— פאַ. דאָס איז מיכאל יפת — האָט זי געזאָגט.

אַן אויסגעצויגענער געוואָי פון סירענעס.

„דער אַליאַרם אויף דער שטאָט וואַרשע איז אָפּגערופן" — הילכט־אויס דער ראַדיאָ.

אין דער קליינער וווינונג פון די אָפּנהיימערס. בעלאַ גרייט דעם טיש, הייסע טיי. די מוטער איז געבליבן אין קעלער. זי איז געליימט. באַלד וועט מען איר אַוועקטראָגן אַ טעפּל טיי.

פלאָרענטין ווישט די פאַרלאָפענע ברילן־גלעזער און באַטראַכט מיכאַלן.

— איך געדענק אַ שוואַרצהאָריק יינגעלע וואָס בעלאַ האָט איינמאָל אַריינגעפירט אין מיין אַרבעט־צימער. דאָס יינגעלע האָט דערגרייכט ביזן טיש. דאָס ביסטו געווען?

ער האָט געמאַכט גרויס מי כדי צו שמייכלען.

— עס וועט לאַנג נישט דויערן דאָס איז אַ צו שטאַרקער אויסבראָך. זיי וועלן — — —

פלאָרענטין האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ, נאָר זיך אויפגעשטעלט, גע־זוכט אין שופלאָד, אין קרעדענס.

מיכאַל האָט געוואָלט וויסן וואָס „זיי וועלן" און וועמען מיינט דאָס דער הער פלאָרענטין?

— עס איז דער אונטערגאַנג פון אַ ציוויליזאַציע... איך האָב דאָס אַלץ פאַרויסגעפילט... עס וועט נישט זיין קיין זיגער. אַלע וועלן פאַרשפּילן. נישטאָ קיין ביליגערס אויף אונדזער ערד ווי בלוט פון מענטשן און נישט קיין טייערס ווי גאָלד. האָ־האָ־אָ...

בעלאַ האָט אַרויסגעפירט מיכאַלן פון צימער. זי ווייס אַז באַלד וועט דער פאַטער אַריינפאַלן אין אַ היסטעריש לאַכן, ער וועט אויסשיטן אויפן טיש אַ שאַכטל מיט קופּערנע קרייצן און מעדאַלן, אויסגראַווירטע הערבן, געשאַנקע־נע פון דייטשישע פירשטן, פון פּוילישע כראַביעס, פון רוסישע גראַפן. ער וועט אַרויסלייגן אַלערליי קאָנווערטן פאַרזיגלטע מיט רויטע לאַקן, פּאַרמעט־ראָלן געשריבענע מיט גאָטישע בוכשטאַבן און דעם גרויסן לעדער־געבונדענעם בוך, וואָס האָט געזאָלט דינען אויף אַריינצושרייבן די הכנסות פון אָפּנהיימער־הויז פאַר מאַזאָוויע, אַ געשנאָרוולטער מיט אַ דיקער זיידענער שנור. זי האָט שוין דאָס אַלץ געוווּסט, ווייל שטענדיק, ווען עס באַוויזט זיך נאָר אַ פרעמדער אין שטוב חזרט זיך אַלץ איבער.

די לעצטע צייטן האָט פלאָרענטין אָנגעהויבן פּלאָנטערן אין די רייד. אַז קיינער איז נישט געווען אין שטוב האָט ער גערעדט צו זיך אַליין, געפירט מיט זיך דיספּוטן, געעפנט דערביי אַלטע ביכער, געאַמפּערט זיך ווי עמעצער וואָלט געשטאַנען לעבן אים, געהיצט זיך, גערעדט טיילמאָל דייטש, טיילמאָל פראַנ־צויזיש און אָפט איז ער אַריבער אין אַ פּויליש, וואָס איז אויסגעקומען פרעמד. דאָס זענען געווען אַמפּערנישן וועגן אָפּמאַכן, וועגן נישט־געענטפערטע בריוו, וועגן פּראָטעסטירטע וועקסלען.

אויף די טרעפּ האָט זיי אָנגעיאָגט דער פאָטער.

— מיכאַל, מיין בוך איז נישט פאַרענדיקט. איך וויל דיר דאָס אָוועקגעבן זאָלסט אים אויפהיטן. די שלוס־קאַפּיטלען זענען נאָך נישט אַריינגעשריבן. גע־דענק, ווען דו וועסט צוריקקומען פון דער מלחמה, זאָלסטו אויפזוכן מיין בוך. ער ליגט אין ערשטן שופלאָד פון דער קרעדענס. זאָלסט נישט אויפרייסן דעם שלאָס. נאַ, דאָס איז ס'שליסעלע פון שופלאָד. קיינעם האָב איך עס ביז איצט נישט געטרויט.

אָפּנהיימער האָט אַרומגענומען מיכאַלן און געדריקט די הענט.

בעלאַ וויינט.

— איך וועל קומען נאָך דיר. וואַרט אויף מיר. איך מוז זיך צושטעלן. ער האָט געוווּסט אַז ער וועט נישט קומען.

צוועלף ביינאַכט.

— ווו איז דיין מאָביליזאַציע־צעטל?

— איך האָב עס אין דער פרי אוועקגעגעבן.

אַ זעלנער פירט אים דורך אַ קאָרידאָר. צוויי אָפיצירן זיצן ביי אַ לאַנגן טיש. אַן אייזערנער קורציפיקס.

— דאָקומענטן!

מיכאַל קנעפּלט־אויף די בוזעם־טאַש.

— אָט זענען מיינע דאָקומענטן.

דער אָפיציר איז אַ געשטופּלטער. ער דרייט די פּאַפּירן און שאָקלט דעם קאָפּ ווי ער וואָלט אַנטדעקט אַ פעלשונג.

— קענסט שיסן?

— יאָ.

— ווו האָסטו דורכגעמאַכט די מיליטערישע אויסשולונג?

— אין גימנאַזיע און דערנאָך אין ספּאָרט־קלוב.

אין הויף איז צוגעקומען יענדזשעי.

— סערוווּס. מיר וואַרטן אויף פאַרבינדלער. באַלד וועלן מיר אַוועק צו די קאַשאַרן.

יענדזשעי סאָוויצקי איז געווען גוט אויפגעלייגט. זיין מיידל האָט אים באַגלייט ביז צום טויער. זי וואַרט אויף דער גאַס ביז מ׳וועט מאַרשירן צו די קאַשאַרן.

— האָסט זי נישט געזען? זי טראָגט דעם ברודערס לעדער־קורטקע און זיינע הויזן. כאַ־כאַ, דו האָסט זי אַוודאי אָנגענומען פאַר אַ בחור? איך וועל דיך באַקענען מיט מיין אַנדזשאַ. נו, די שוואַבן האָבן אונדז היינט נישט גע־קאַרגט קיין אייער? האָסט עפּעס אויפגעטאָן אין די פּאָר שעה? מיינע האָט מיך פון די לאַפּקעס נישט אַרויסגעלאָזט. איר פאָטער, דער קאַלעיאַזש פון דאַנצי־קער וואָקזאַל, האָט מיך געלאָזן אַליין מיט דער טאָכטער. ער האָט געזאָגט: קינדער, ווילט זיך. אַנדזשו, אַז איך וועל הערן פון יענדזשעיען אַז דו ביסט געווען צו אים שלעכט, וועל איך דיר, סוקאָ, די האָר אויסרייסן. ער האָט גע־לאַכט, געווונקען צו מיר און אַוועק צום שכן מאַכן אַ כוסה. מיט אַ שעה צוריק האָט ער אָנגעגאָסן אַ פול גלאָז וווּדקע און איך האָב געמוזט טרינקען מיט אים. דו ביסט אַן אייגענער. איצט וועל איך שוין היטן די טאָכטער פאַר דיר. אַז די

מלחמה וועט זיך פאַרציִען ניין חדשים, וועסטו שוין דאָ טרעפן מסתמא דיינס אַ זון... איידער זי זאָל מיר ברענגען אַ בענקאַרט פון אַ שוואָב, זאָל עס כאָטש זיין פון אַזאַ פאַליאַק ווי דו, אַנדזשעי קאַכאַני. כאַ־כאַ־כאַ. ער האָט געוויינט און געלאַכט. אויך יענדזשעי איז שיכור. מיכאַל, דו האָסט נישט אויסגעטרונקען? נישט פאַרברענגט מיט קיין קאַביטאַ און ווילסט מלחמה־האַלטן? וואָס האָסטו געטאָן אַזוי פיל שעה? האָסט זיך געמאָדליעט צום זשידאָווסקי בוג, געגעסן קנאָבל און ציבל?

מיכאַל האָט זיך אָפּגערוקט פון אַנדזשעיען.

— דו באַליידיקסט זיך פון מיר? עך איז דאָס אַ נאַרוד אַ דעליקאַטער? מ׳טאָר קיין וויץ נישט מאַכן. מיכאַל, בראַט מוי, באַלד וועל איך דיך באַקענען מיט מיין אַנדזשו. זי וואַרט אין דרויסן ווי אַ היגטיכע אַ געטרייע.

זיי זענען געגאַנגען צו צווייען איבער די פינצטערע גאַסן. יענדזשעי האָט שטיל גערופן דעם נאָמען פון זיין מיידל. עמעצער איז צוגעלאָפן צו אים און הויך געוויינט.

די מאָביליזירטע זענען געגאַנגען דורך דעם קראַשינסקי־גאָרטן, אַריין אין מוראַנאָוו ביזן פלאַץ בראַני. אַ לויערנדיקע שטילקייט. די הייזער זעען אויס ווי גראַניט־בלאָקן, געשליפענע, אַ הימל מיט צעריסענע וואָלקנס. קיינמאָל האָט מיכאַל נישט געזען אַזעלכע צעריסענע צויטן־וואָלקנס. האָבן דאָס געטאָן די מיאוסע שוואַרצע פייגל מיט די שאַרפע שנאָבלען?

אַ וויל הייבט זיך אויף און צעשפּאַלט זיך. אַן אָפענע שער שניידט שטיקער הימל. די פינצטערע שויבן פון די מירמל־געביידעס גרוילן־אויף.

אַ צעשמעטערט הויז אויף מוראַנאָוו. די חורבות לייכטן ווי פאָספאָר. אַן אייזערנער טויער איז געבליבן איינזאַם, ער איז צעפּראַלט און וויגט זיך ווי ער וואָלט אַלעמען גערופן: קומט. דער וועג צו די חורבות איז געעפנט געוואָרן. קענסט אָוועקשפּאַנען ביזן זעקסטן שטאָק, ביז צום דאַך. ער ליגט צופוסנס, אַפילו דער הימל ליגט ביי דיינע פיס.

דאָס איז דער יידישער קוואַרטאַל פון וואַרשע. אויף שעראַקאָווסקאַ גאַס, לעבן מוראַנאָוו, אויפן דריטן שטאָק זיצט איצט דער זיידע איבער אַ ספר. ביז ערב־שקיעה האָט ער געשריבן אויף פּאַרמעט. נישט איין מאָל הערט מיכאַל אין די נעכט דעם שטילן באַריר פון דער געגנדזענער פעדער מיטן פּאַרמעט. דעם זיידנס באָרד איז אויך פון פּאַרמעט. שעהן האָט מיכאַל געקוקט אויף די אָפענע ספר־תורהס. ער געדענקט יעדן אָדער־צייכן. ער געדענקט דאָס ליכט וואָס קומט אַריין פון פענצטער. דאָ גייט אַרום די אייביקייט. דורות ווערן פאַרקנופּט אַזוי ווי די יריעות. מיכאַל ווייס אַז אין דער זעלבער רגע זענען צעוויקלט די זעל־

ביקע פאַרמעטן אין עדן, אין מאַראָקאָ, אין צפת. דער שגעונדיקער פירער פון דייטשלאַנד האָט אונדז אָנגעזאָגט אומקום. שטיל איז אין יידישן קוואַרטאַל פון וואַרשע. אַ האַלבער מיליאָן יידן אין פוילנס הויפּטשטאָט. איר שלאָפט. פאַרטונקלטע שויבן. דעמפיקע קעלערס. אויפגעריסענער ברוק. „מאָט" פאַני איזאַק וואָלפסבערג — האָט געזאָגט דער טאַטע אין קאַפּע „וויעדען". דער מידער זיידע קוקט יעדן אָוונט, פאַרן שלאָפן גיין אַריין אין זוהר. „פאַרווילדעוועטע סטעפּ־מענטשן וועלן פאַרפלייצן די פאַרוויסטע שטעט". ניין, נישט קיין סטעפּ־מענטשן, נאָר אַ פאָלק פון אַ הויכער טעכנישער קולטור, די וואָס האָבן פון שטאָל און אייזן אויסגעבויט מעכטיקע טאַנקן און עראָפּלאַנען. סם־קרייטעכצער וואַקסן תמיד ביים ראַנד פון שטעט, דאָרט ווו עס זאַמלט זיך דער אָפּפאַל, וואָרום פאַרסמטע ערד פון ברוך־אייזן ברענגט צום געבורט דעם ווילדסטן און געפערלעכסטן גיפט־פלאַנץ. פאַרשעמט נישט דעם סטעפּ־מענטש. ער איז נאָבל און ריין. „די וועלט איז נישט הפקר" — האָט גערופן דער פעטער עליע. די וועלט איז קיינמאָל נישט געווען הפקר, מיר זענען געלאָזן געוואָרן אויף הפקר. ברודער מיינער, ערגעץ אין די קאַרפּאַטן־בערג. הערסטו נישט דעם געהילך פון דער דייטשישער אַרטילעריע? מיכאַל האָט אַרויסגענומען דאָס זילבערנע שליסעלע. „ברעך נישט אויף דעם שלאָס, זאָלסט פאַרזיכטיק עפענען ווען דו וועסט צוריקקומען".

באַרטשוק, פאַרוואָס האָסטו אומגעבראַכט אָסקאַרן? איצט קענסטו ריידן! איצט קענסטו זאָגן דעם אמת. דו שווייגסט?

— — — ער האָט נישט געקענט גיין מיט אונדז ביזן סוף. אָסקאַר האָט געוואָלט נאָר דעם יום־טוב פון דער רעוואָלוציע און נישט די וואָכן־טעג. צעוויקלטע פּענער, רעדעס וועגן פרייהייט, אויפגעעפנטע תפיסות, פעלקער־פאַרברידערונג — דאָס האָט אים געלאָקט. מען האָט אָבער געדאַרפט פאַרוויקלען די פּענער, פאַרבאָרגן דעם אמת, פעלשן אים, אָנפילן די טורמעס מיט פאַרדעכטיקטע און אָפּטריניקע, אויפהייבן דעם ברידער־מאָרד צו אַ הייליקן חוב — האָט ער זיך דערשראָקן. ער האָט געוואָלט זיין דער שיינגייסט פון אונדזער רעוואָלוציע. צוערשט איז ער געווען גלייכגילטיק צו אונדזער וואָכעדיקייט. ער האָט זיך געמאַכט נישט זען אַז מיר טוען שוואַרצע אַרבעט. ער האָט געוואָלט האָבן ריינע הענט און אַנדערע זאָלן דאָס טאָן. און אַז מען האָט אַרויפגעוואָרפן אויף אים דעם עול פון דער וואָך, געשיקט אויספירן שליחותן אַזעלכע ווי איך האָב זיי אויסגעפירט — האָט ער דעזערטירט. רעדעס און אַרטיקלען — דאָס יאָ. ווען עס האָט געשלאָגן די שעה פון מעשים איז ער אַוועק, געשאַפן אַ

פראַקציע און באַשולדיקט אונדז אין דעזערציע און פאַראַט. מיר פאַראַטן! וואָס איז רעוואָלוציע אויב נישט בלוט, אויב נישט צוזאַמענגעדריקטע פויסטן, אויב נישט נאַכט־אויספאַרשונגען און עשאַלאָנען פול מיט פיינד וואָס לויפן קיין סי־ביר? ער האָט באַקומען זיין שטראָף. אויך איך וועל זי באַקומען. דאָס איז אַ פאַרכישופטער ראָד. מיר וועלן זיך אַמאָל מוזן רייניקן פאַר דער געשיכטע. די רעוואָלוציע איז ריין. אַלע וואָס פירן אויס איר געהיימען ווילן, מוזן אומקומען. איך ווייס דאָס. עס וועלן אויפשטיין נייע מענטשן וואָס וועלן אונדז משפטן. זיי וועלן אָבער קומען פון אונדזערע רייען, די רעוואָלוציע וועט זיי באַשטימען פאַר שופטים. שווייגנדיקע וועלן מיר גיין צום עשאַפאָט און אומקומען מיט אַ געפיל פון שולד פון די הענט וועמען מיר זענען געווען געטריי. איך ווייס וואָס עס דערוואַרט מיך דאָרט, אין רוסלאַנד. איך אַנטלויף נישט קיין מזרח. איך וועל בלייבן דאָ, אין וואַרשע, צווישן די חורבות. איך וועל זיך שלאָגן מיטן דייטש, איך וועל פאַרטיידיקן וואַרשע. כ׳בין נישט קיין מערדער. איך בין אַ בלינדער שליח פון עפּעס וואָס איז אומפאַרמיידלעך. אָסקאַר האָט געמוזט אומ־קומען. ער האָט פאַראַטן. איך וועל אומקומען ווייל איך האָב אויסגעפירט אַ שליחות וואָס איז געווען נויטווענדיק היינט, אָבער וואָס איז מיאוס פאַרן מאָרגן. דאָס איז מיר בלינד צוגעפאַלן די ראָלע. — — —

— — — קענסט מיך איצט אויסגעבן פאַר דער מאַכט וואָס צעפאַלט זיך. אַ פעלד־געריכט וועט מיך צושטעלן צו דער וואַנט פון ציטאַדעל און אַ פלו־טאָן סאָלדאַטן וועט מיך צעשיסן. דו אַליין קענסט מיך שיסן. איך ווער זיך נישט. ווילסטו איצט מאַכן אַ חשבון מיט מיר? גיב מיר אַ מעגלעכקייט צו שלאָגן זיך מיטן דייטש. מיר וועלן זיגן. די דייטשן וועלן פאַרטריבן ווערן און עס וועט אַנטשטיין אַ סאָציאַליסטיש פוילן. דעמאָלט וועט אָסקאַר יפת ווערן אַ העלד. ווערסטו מיך איצט אויסגעבן, וועסטו אומברענגען אַ קרבן. איך בין דער זעלבער קרבן ווי אָסקאַר. — — —

יאַן באַרטשוק איז געלעגן אין דער קאַזאַרמע, דעם קאָפּ אַריינגעצויגן אין די אַקסל, די עלנבויגנס אויפגעשטעלט ווי ער וואָלט זיך געוואָלט שיצן פון עמעצנס קלעפּ. איין הויז איז געווען פאַרבויגן און אַנטפּלעקט אַ נאַקעטן פּוס, אַ דאַרן, האָריק־באַוואַקסענעם מיט אַנגעדראָלענע אָדערן. די שיך אויסגע־טראָטן, צעריסן, די שקאַרפּעטן מיט לעכער. דאָס היטל איז געלעגן אין אַ זייט און מיכאַלן איז אויסגעקומען אַז עס ליגט פאַר אים אַ מענטש מיט אַן אָפּגע־האַקטן קאָפּ.

ביי דער טיר שטייט יאַן טשוכאַ, דער באַן־אַרבעטער.

— וווהין?
— סתם אַזוי, אָפּאָטעמען מיט ריינער לופט.
— האָסט צו פאַררייכערן? — האָט געפרעגט טשוכאַ.
— ווער איז דער פאַרשווין? — איז מיכאַל געוואָרן אומרויִק — ווי אַזוי קומט ער אין דער קאַזאַרמע?
— ער איז צוגעשטאַנען צו דער גרופּע מאָביליזירטע... ביים קראַשינסקי־פּלאַץ... מ׳האָט קאָנטראָלירט זיינע פּאַפּירן... ער איז פון אַ צווייטער איינהייט... אַ רחמנות אויפן פאַרשווינדל...

דאָס גראָז ביים וואַל־אַנשיט איז פייכט. מנחם זיצט אַליין און אָטעמט די קילע ראָסע. ער פילט מיט דער ברוסט דאָס ציטערן פון דער ערד. ערגעץ נאָענט טראָגן זיך שווערע טאַנקן. עס שווידערט אים. די אונטערשטע קין ווערט לויז. די קני ברעכן זיך. ער גייט. עס איז שוין צוויי ביינאַכט.

אין צוויי שעה אַרום וועט מען אוועק צו די פראָנט־פּאָזיציעס.

יענדזשעי סאַוויצקי שלאָפט נישט. דער בוכהאַלטער פון גענשאַ גאַס, עמנואל אַדלער, האָט צעשפּרייט די הענט ווי אַ געקרייציקטער. אַנטאָן ריבביצקי, דער יונג פון די האַלעס ליגט מיט אַן אָפן מויל. באַרטשוק איז אַלץ איינגעקנוילט, אומבאַוועגלעך. מיכאַל קוקט אויף אים צודרינגלעך.

עטלעכע אָפיצירן זענען אַריין. זיי גייען לענגאויס דעם זאַל. רעגלמעסיקע טריט קלאַפּן אָן שטיין פון דער פּאָדלאָגע. באַרטשוק האָט נאָך העכער אויפגעהויבן די עלנבויגנס. איצט זעט מיכאַל אַז ער שלאָפט נישט. ער איז וואָך.

דער אַפּעל איז פאָרגעקומען דריי אין דער נאַכט. עס איז נאָך נישט געווען קיין סימן פון אָנקומענדיקן טאָג.

הונדערט פופציק זעלנער אויסגעשטעלטע אין רייען. אין דער צווייטער רייע, נישט ווייט פון מיכאַלן שטייט יאַן באַרטשוק. מען לייענט אויס די נעמען. מיכאַל איז אָנגעשטרענגט. ער וויל הערן אויסרופן באַרטשוקס נאָמען. לסוף פאַרפלאָנטערט ער זיך און קען נישט נאָכפאָלגן די הייזעריקע אויסגעשרייען פון די סערזשאַנטן און די ענטפערס פון די סאָלדאָטן.

מען טיילט די ביקסן. עס שטייען שוין די הילצערנע קעסטלעך מיט אַמוניציע.

— ווער האָט עפּעס צו מעלדן? זענען פאַראַן פראַגן?

אַ שטילשווייגן.

מיכאַל קוקט ווידער אויף יאַן באַרטשוקן. זייערע בליקן באַגעגענען זיך.

— גלייך־שטיין!

ער האָט זיך אויסגעצויגן און געקוקט מיט אַ פאַרשטיינערט פּנים פאַר זיך. מען דערקענט שוין דעם ערשטן שפּראָץ פון טאָג. עס טיילן זיך אויס די קאָנטורן פון די ערד־וואַלן, פון די ווייטע הייזער און פון אַ בוים. איצט זעט מען שוין אַפילו דעם שפּיץ פון אַ קלויסטער־טורעם.

קאַפּיטל זיבעצן

מיכאַל איז צוגעטיילט געוואָרן צו אַ פּלוטאָן פון פאַרבינדלער פון מאַיאָר טשאַיקאַ.

דער פּאַלאַץ מאָסטאָווסקיך ווערט באָמבאַרדירט פון דייטשישע עראָפּלאַנען. זעט אויס די דייטשן זענען גוט אינפאָרמירט אַז דאָ געפינט זיך דאָס זיצאָרט פון שטאַב פון קאָרפּוס.

הונדערטער אָפיצירן דרייען זיך אַרום אין די קאָרידאָרן, אין די טויערן פון דער געביידע. דורך די אויאַזדאָווסקע אַלייען לויפן שווער־געלאָדענע אויטאָס, וועגענער געשפּאַנטע אין פערד. אַלץ באַוועגט זיך אין איין ריכטונג — אויף מזרח.

מיכאַל טראָגט זיך אויף אַ ראָווער פון איין עק וואַרשע ביז צום אַנדערן. ער פירט איבער באַפעלן אין פאַרחתמעטע קאָנווערטן.

אַן אָפיציר זאָגט צו אים: — די פאַרבינדונגס־מעטאָדן זענען געווען גוט פאַר די אויפשטענדלער פון יאָר 1863, אָפילו דער שטאָב איז אַ שטאָב נישט פון קיין רעגולערער אַרמיי, נאָר פון אויפשטענדלער.

פאַרנאַכט האָבן די פּוילישע מיליטער־גרופּן אָנגעהויבן צו באַנוצן די פינף און זיבעציק מילימעטערדיקע האַרמאַטן ווי אַנטי־טאַנק־געווער.

די פּוילישע אַרמיי־איינהייטן „לאָדזש", „פּויזן" און „מאָדלין" געפינען זיך אין אַ שווערער לאַגע.

אויף די גאַסן פון וואַרשע זענען פאַנאַנדערגעקלעפּט באַפעלן פון גענעראַל וואַלעריאַן טשומאַ. דאָס איז אַ געוועזענער קאַפּיטאַן פון די לעגיאָנערן, אַ פאַרשיקטער אין סיביר. ער האָט מיטגעמאַכט די רעוואָלוציע, געשפּילט אַ ראָל אין די סיבירישע אומרוען. אַ קרענקלעכער, מיט אַ מידן בליק און אַראָפּגעלאָזטע דיקע ברעמען. אַ קיילעכיק פּנים, אַ נאַקעטער שיידל, געדיכטע וואָנצעס ווי אַ דרייעק פון די ווינקלען פון דער אייבערשטער ליפּ ביז די נאָזווינקלען. דער גענעראַל טשומאַ זעט אויס ווי אַ פּויליש־אוקראַינישער העטמאַן לויט דער באַשרייבונג פון שענקעוויטשן.

אויפן דריטן טאָג האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער כאַאָס אין וואַרשעווער גאַרניזאָן.

באַטעריעס אויף די גאַסן פון וואַרשע אָן עלטסטע. בלאָנקענדיקע גרופּן סאָלדאַטן. קעגנזעצלעכע באַפעלן. פּרימיטיוו־געבויטע פאַרפעסטונגען און אַלט־מאָדיש־געמאַכטע באַריקאַדן. אויף מאַקאַטאָווסקאַ האָט עמעצער אַוועקגעשטעלט אויפן שפּיץ פון דער באַריקאַדע אַן אַנטי־טאַנק האַרמאַטל.

די פּיעכאָטע איז נישט אויסגעשולט. די סאָלדאַטן ווערן צעטומלט און איבערגעשראָקן פון שווערן טאַנק־פייער.

דער הויפּטשטאַב געפינט זיך אין די אונטערערדישע בונקערס פון הוגעס־סטאַציע.

איינער פון די וויכטיקסטע גענעראַלן, וואָס אין זיינע הענט ליגט די פאַר־טיידיקונג פון דער שטאָט וואַרשע, דער פאַרטרעטער פון הויפּטשטאַב, האָט באַ־קומען אַ נערוון־צעטרייסלונג. עס שמעקט דאָ מיט עטער ווי פון אַ שפּיטאָל־זאַל.

מעכטיקע שוץ־קעלערן נאָר אָן ריכטיקער ווענטילאַציע. די שווערע דרי־קנדיקע לופט מאַכט מיד און אַפּאַטיש.

מיכאַל וואַרט אין הויף אויף יענדזשעי סאַוויצקי. ער דאַרף קומען מיט אַ באַפעל. אפשר וועט מען אונדז שיקן אין דער ריכטונג פון זשאָליבאָזש, ווער איך באַווייזן צו זען אַנדזשען? נייַן. דער באַפעל איז דורכצובאַקומען זיך אויף יענער זייט ווייסל און דערשלאָגן זיך צום שטאָב פון דער אַרמיי „מאָדלין". נעכטן איז מיכאַל אַרויפגעשפּרונגען אויף עטלעכע רגעס צו די עלטערן. ער האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ ראַזעווע ברויט. די מאַמע איז געזעסן נישט ווייט פון פענצטער און געהאָפטן איר שבת־טישטוך. דער פאָטער איז נישט אין שטוב. ער איז אַוועק אויף שעראַקאָווסקאַ־גאַס צום זיידן. דאָס גרין אויפן שטיללעבן, וואָס הענגט קעגנאיבער, איז דאָס גרין פון אַ חלום. אין טויער וואַרט אויף אים אַנדזשעי. מיכאַל מוז שוין גיין.

וואַכפּאָסטנס ביי דער פּראַגער בריק. זיי קאָנטראָלירן די דאָקומענטן. ווע־געגער מיט פּליטים פון שטעט און שטעטלעך צפונדיק פון וואַרשע.

— פון וואַנען? — רופט אַנדזשעי.

— פּולטוסק!

אין יאַבלאָנע איז זיי אַנטקעגן געפאָרן אַ געפּאַנצערטער אויטאָ, נאָכן אויטאָ עטלעכע מאָטאָציקליסטן. יענדזשעי קען איינעם פון די אָפיצירן. דאָס איז אַ מענטש פון שטאָב „מאָדלין".

— גייט צוריק. איר וועט זיך נישט דערשלאָגן צום שטאָב. דער באַפעל איז שוין סיי־ווי פאַרעלטערט. איך בין דער פאַרבינדונגס־אָפיציר.

ביינאַכט זענען זיי צוריקגעקומען צו דער ווייסל. די וואַכן ביי דער בריק זענען באַזייטיקט געוואָרן.

פאַרוואָס זענען אַזוי רויִק די וואַסערן, ממש ווי אַ שפיגל? עס איז אַ שטי־לע נאַכט. מיכאל איז באַפרייט געוואָרן אויף פיר שעה פון פלוטאָן.

ווו זענען אַהינגעקומען די פּאַטרולן? פאַרוואָס זעט מען נישט די רעפלעק־טאָר־זיילן? אַ גרויסער נאַכט־הימל, אַ נידעריקער, ליגט אויף די דעכער, אויף דיביימער און אויף די אַקסל פון סאָלדאַטן וואָס גייען איבער די טויטע גאַסן.

אין אַ קליין קאַרפּאַטן־דערפל. אַ קלויסטער צווישן הוצולישע הייזער. דאָ האָט אַמאָל דער פוילישער פּאָעט טעטמייער אויסגעזוכט דאָס געזאַנג צו די קאַרפּאַטן. ערב דעם אָנפאַל אויף פוילן איז וואָלף געקומען צו אַ הוצולן־זון, אַ האָלץ־שניצער. זיי האָבן זיך באַפריינדעט אין וואַרשע. דער הוצול האָט גע־שניצט הייליקע, האָלץ־מאַדאָנעס פאַרן קלויסטערל פון זיין דאָרף און פאַר אַל־טאַרן פון די בעסקידן־בערג. „דו דאַרפסט מאָלן פאַר אונדזער קלויסטער די לעצטע סעודה. דאָס זענען דאָך געווען הייליקע וואָס האָסט געקענט". צומאָרגנס האָט מען אויפגעשטעלט עטלעכע לייטערס ביי דער קלויסטערוואַנט.

באַלד וועט דאָס לאַנד פאַרפלייצט ווערן פון דייטשן. די גרענעץ איז עט־לעכע קילאָמעטער פון דאַנען. אין די נעכט שיסן־אויף ראַקעטעס. טייל מאָל הערט מען דייטלעך דאָס געוויש פון „יונקערס".

נידעריק, ברייטפלייציק, אַ טונקל־פאַרוואַקסן פּנים, אויגן־ווייסלען ווי מירמל — אַזאַ איז וואָלף. ער וואַרפט־אָן די צייכענונג מיט קויל אַליין געברענטן. נעכטן איז ער געזעסן אין אַ הוצולישער שטוב, אַרומגערינגלט פון די באַרג־פּויערים. זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט חשד, געטופּעט מיט די געשניצטע שטעקנס אָן דעם ליימענעם דיל. צוערשט האָט ער געמיינט אַז ער איז אַריינ־געפאַלן צווישן באַרג־רויבער; דער פאַרטייעטער גאַנג, דאָס פאַרזיכטיק אַרומ־קוקן זיך נאָך יעדע פאַר טריט וואָס זיי מאַכן, די אָנגעשפּיצטע אויערן און דאָס נישט טרויען צו שטעלן טריט, אַזוי ווי די ערד וואָלט זיך אונטער זייערע פיס געוואָלט אַוועקגליטשן. שפּעטער איז וואָלף היימיש געוואָרן מיט די הוצולן.

אין אַ פאַרטאָג זענען אָנגעקומען די דייטשן, אויף מאָטאָציקלעטן. זיי זע־נען געקומען פון שמאָלן באַרג־שאָסיי. נאָך זיי — געפּאַנצערטע וועגענער.

„די לעצטע סעודה" איז שוין געווען כמעט פאַרענדיקט. ביי אַ נאַקעטן

הילצערנעם טיש זענען געזעסן די פעטערס; דער אַלטער עליע מיט אַ הדרת־פּנים פון אַ דאָרפישן סאַלטיס; סענדער מיט די באָרד־קודלעס, אַ רויט־פּנימ־דיקער צעפּאַטשטעטער פון ווינטן; דער וואַלד־סוחר בער מיט אַ פאַרריסענעם בליק צו די הייכן ווי ער וואָלט אָפּגעמאָסטן די הייך פון אַ סאָסנע; וויגדער — דער מילנער דער אייביק פאַרמעליקטער מיטן צעכראַסטעטן העמד פון אַ גרויען לייוונט; זאַלקע — דער בלעכער מיט די גרויסע הענט, ברוינע קינבאַקן ווי פון קופּער געהאַמערט; געצל — דער אויפקויפער פון רינד אין אַ שווערן ברוינעם זשופּאַן, די בייטש אין גאַרטל. אין אַ ווינקל פון טיש — קיווע קאַפּ. קעגנאיבער קיווע קאַפּ, פון דער אַנדערער זייט טיש — פייוועש דער שומר פון די עפּל־סעדער. דער צענטער פון בילד איז געווען פאַרהילט אין נעפּלען. דאָס איז געווען ס׳אָרט ווו עס דאַרף זיך געפינען יעזוס און לעבן אים אַ טונקעלער שאָטן פון דעם וואָס וועט אים פאַראַטן. ביידע געשטאַלטן האָט מען נישט אָנ־געזען. עס האָט אויסגעזען ווי אַ מיראַזש, פאַרהילט אין נעפּלען. אמתדיק זע־נען נאָר די מענטשן וואָס האָבן אָנגעשפּאַרט זייערע הענט אָן דעם טיש. נישטאָ איבער זיי קיין אָרעאָל. עס איז נישט קיין יום־טוב. עס איז אַ דערוואַרטונג פון עפּעס שרעקלעכס וואָס וועט באַלד געשען. די שרעק וועט נישט קומען פון עמעצן וואָס פאַרקויפט, וואָס גיט־אויס. די שרעק גייט דאָ אַרום אויף טייוולשע פיס, זי לויערט פון די ברייטע קלויסטער־טירן. די מאַזאָוויער לאַנדשאַפט, וואָס קוקט אַריין דורך די פענצטער אין בילד, איז אַ שפּעט־האַרבסטיקע, מיט שניי־פלעקן און שפּיציקע קלויסטער־טורעמס. די שרעק קומט אויך פון הינטער־גרונט פון בילד. באַלד וועט דאָס הויז פאַרקלונגען ווערן מיט ווילדן שפּאַטישן געלעכטער, מיט גאַט און מענטש־לעסטערונג.

און עס איז געשען:

די טירן פון דאָרפס־קלויסטער האָבן זיך צעפּראַלט. עס זענען אַריין עט־לעכע דייטשישע סאָלדאַטן. זיי זענען געשטאַנען אין ליכט־פאַרגאָסענעם טויער.

פון דער פאָדערשטער וואַנט האָבן אַראָפּגעקוקט די מענטשן אַרום נאַקעטן טיש. דאָרט ווו עס איז געווען דער פאַרנעפּלט־ליכטיקער פלעק, איז געשטאַ־נען דער מאָלער וואָלף יפת. ער האָט אויסגעזען ווי איינער פון זיינע פעטערס; די שוואַרצע נישט־ראַזירטע באָרד האָט אים געמאַכט אַלט, כאָטש ער איז נישט געווען קיין גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר. ער האָט געקוקט אויף די דייטשישע זעלנער, געזען דאָס מאַשין־געווער, די באַלויכטענע שטאָלענע קאַסקעס און אי־בער זיי — דאָס מילדע בלויע ליכט פון די קאַרפּאַטן, די גרין־נעפּלדיקע באַרג־טאָלן.

— יודע, קאָם הער!

עס האָט אויסגעזען ווי וואָלף וואָלט אַפּערגעגאַנגען פון יענער זייט טיש און זיין אָרט אויפן בילד איז געוואָרן ליידיק.

ער איז געגאַנגען איבער די שטיינער פון קלויסטער און דער אַפּהילך פון דעם דייטשס געשריי האָט זיך אָפּגעשלאָגן אָן די געוועלבטע ווענט.

ווידער אַ געשריי און אַ געלעכטער.

שווערע טריט. דער קלויסטער־טויער האָט זיך פאַרהאַקט. אַ שוואַלב האָט געפּאַטשט מיט די פליגל אין די וויטראַזשן, דורכגעשניטן דעם קלויסטער צווייַ מאָל מיט אַ צווישטשעריי, צוגעפאַלן מיט צעשפּרייטע פליגל צו די קאַלירִיקע שייבעלעך און געבליבן דאָרט פאַרגליווערט.

די פּאַניק אין וואַרשע איז אויסגעבראָכן גלייך נאָך דער ראַדיאָ־רעדע פון מיליטערישן וואָרטזאָגער. זיין רוף צו בויען באַריקאַדן, צו גראָבן קאַנאַוועס אין דער ברייט פון די וואַרשעווער הויפּט־גאַסן, ביי די קרייצונגען, דער אַפּעל אַז אַלע וואָס זענען פעיִק צו טראָגן געווער, די גאַנצע יוגנט זאָל פאַרלאָזן די שטאָט און גיין אויף מזרח — דאָס איז געווען דער אָנהייב פון כאַאָס. טייל זע־נען געלאָפן צו די בריקן, געוואָלט דורכבאַקומען זיך אויף יענער זייט ווייסל, טייל זענען אַוועק גראָבן די קעגן־טאַנק־גריבער. די גאַסן זענען פאַרפּלייצט געוואָרן פון מענטשן. די דורכגענג אויף די בריקן פאַרשטאָפּט. עפּעס אַן אָפּי־ציר האָט געשיקט צו די בריקן קאָנטראָל־וואַכן; ער זאָל האָבן דערויף באַקומען אַ טעלעפאָנישע אָנווייזונג פון זיין עלטסטן. די קאָנטראָל אויף די בריקן האָט אוממעגלעך געמאַכט דאָס באַוועגן זיך פון מיליטער־גרופּן און פון המון וואָס האָט פאַרשטאָפּט די דורכגענג. אין די דאָזיקע שעהן זענען אָנגעפלויגן דייַ־טשישע באָמבאַרדירער. עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז געווען אַ פּראָוואָקאַציע פון דער דייטשישער „פינפטער קאָלאָנע” אין פוילן. אין די בעכט ברעכן־אויס שיסערייען פון צווישן די חורבות אַרויס צו מיליטער־גרופּן. מען צעשטערט טעלעפאָנישע איינריכטונגען אין וואַרשע גופא. עס איז קיינמאָל נישט געלונגען צו אַנטדעקן די שעדיקער.

אויפן אָרט פון מיליטערישן וואָרטזאָגער פון פוילישן ראַדיאָ, וואָס האָט מיט זיין רעדע גורם געווען אַזאַ בהלה, איז באַשטימט געוואָרן דער פּאַלקאָוו־ניק וואַצלאַוו ליפּינסקי — אַ היסטאָריקער.

די יידישע געגנט אין וואַרשע האָט אַרויסגעוויזן אומגעוויינטלעכע טריי־שאַפט צו פוילן. אַלטע יידן, אַפילו קינדער גראָבן טראַנשייען אויף די פאַר־פּאַסטנס פון וואַרשע.

די מיליטער־קאָלומנעס באַוועגן זיך מיט גרויסע שוועריקייטן איבער די

גאַסן. עס קומען באַפעלן צו פאַרשיטן די צעגראַבענע גאַסן כדי עס זאָלן קענען דורכגיין די פּאַנצער־וועגענער און די טאַנקן צו די פראָנט־פּאָזיציעס. די מענטשן נעמען־אויף דאָס מיט פאַרדאַכט און מיט אַ געפיל אַז מען גרייט זיך צו קאַפּי־טולירן און מען וויל לייכטער מאַכן דאָס אַריינקומען פון דייטשישן מיליטער.

די פערטע דייטשישע פּאַנצער־דיוויזיע האָט דעראָבערט די שטאָט פּיעטר־קאָוו און גייט אויף דער ריכטונג וואַרשע.

סאָלדאַטן וואָס טרעטן צוריק, דערציילן וועגן דעם פייער־מבול פון די שטאָלענע פעסטונגען. עס באַוועגט זיך אַ דייטשע שטאָלענע קאָלאָנע וואָס ציט זיך עטלעכע און צוואַנציק קילאָמעטער. זי איז געדעקט פון יעגער־עראָפּלאַנען, פון יונקערס, געשיצט פון פלינקע, באַוועגלעכע פּאַטרולן.

מען פאַרפעסטיקט זיך אין די אָקאָפּעס. זיבן פּוילישע באַאַנען זענען שוין גרייט אויפן ערשטן פייער. עס איז כמעט נישטאָ קיין פעלדקיכן. מען טראָגט דאָס עסן פון רעסטאָראַנען און פון פּריוואַטע היימען פאַר די סאָלדאַטן. עס פעלט אַמוניציע. לאַסט־וועגענער פאָרן קיין דעמבלין, דאָרט, אין דער פעסטונג דאַרף זיין געווער. די אויטאָס קענען זיך נישט דורכשלאָגן דורך דער מאַסע פּליטים, דורך די צוריקטרעטנדיקע מיליטערישע גרופּן.

עמעצער מעלדעט אַז אין דער פעסטונג „בעם" זענען דאָ הונדערטער האַר־מאַטן. עס איז נישטאָ די וואָך און נישט די עלטסטע פון דער מיליטערישער פעסטונג. זיי זענען נעלם געוואָרן. מען זעצט־אויס די אייזערנע טויערן מיט דינאַמיט. הונדערטער נייע שווערע האַרמאַטן הונדערט מילימעטערדיקע, אַכ־ציק פעלד־האַרמאַטן פינף און זיבעציק מילימעטערדיקע.

קליינע מיליטער־איינהייטן קומען צוריק פון ראַדזימינער שאָסיי. זיי ווילן נישט אַוועקגיין אויף מזרח. די אויסגעמאַטערטע פּוילישע זעלנער האָבן נישט געפאָלגט דעם באַפעל פון עלטסטן. זיי האָבן זיך געשטעלט צום רשות פון די פאַרטיידיקער פון וואַרשע.

די שטאָט־אָנפירונג געפינט זיך אין די הענט פון אַ ציוויל־קאָמיסאַר. דער מלוכה־פּרעזידענט איז שוין נישטאָ. די רעגירונג, דער סיים, דער סענאַט, די הויפּט־אָנפירונג פון דער אַרמיי — אַלע זענען אַוועק אויף מזרח. נישטאָ שוין מער די פּאָליציי, נישט די פייערלעשער. דאָס גאָלד פון „באַנק פּאָלסקי" איז געלאָדנט געוואָרן אויף לאַסט־מאַשינען און ווערט אַרויסגעפירט אויף מזרח־דרום פון פּוילן.

וואַרשע וועט זיך אָבער פאַרטיידיקן.

די ייִדן פון סאָכאַטשין זענען געשטאַנען צונויפגעדריקט אויפן מאַרק, לעבן

דער שול. שוויַיגנדיקע דייטשישע סאָלדאַטן. אַ פּוילישער פּאָליציאַנט מיט אַ ווײַסן אָרעמבאַנד און שוואַרצן האַקנקרייץ.

זעכציק משפּחות, קינד און קייט זענען דאָ פֿאַרזאַמלט. דער אַלטער עליע מיט אַלע זײַנע ברידער, מיט די קינדער און אייניקלעך.

קאַוואַלסקיס שענק איז אָפֿן. אין דער טיר שטייט אַ שיכור. דאָס איז דער פֿאָלקס־דייטש פֿון קליינעם דערפֿל ביעליצע. מיט צוויי טעג צוריק זענען דורך סאָכאַטשין דורכגעגאַנגען די דייטשישע פֿאַרפּאָסטנס. היינט איז אַרײַן דאָס רע־גולערע מיליטער. זיי זענען אַוועק מיטן שאָסיי קיין פּלינצק.

אַ נידעריקער וואָגן, אַן אָפֿענער, אַ שוואַרצער. עטלעכע דייטשישע אָפֿי־צירן זענען אַראָפּגעשפּרונגען און מיט אײַן שטויס אויפֿגעבראָכן די טירן פֿון דער שול.

— די ראָלן, די פּערגאַמענט־ראָלן!

איינער האָט געטייטלט אויפֿן אַלטן עליע און זײַן ברודער בער.

— קאָמט! שנעלער!

מען האָט ביידע ייִדן אַרײַנגעפֿירט אין גאַבעט־הויז.

אַן אומגעוויינטלעכע שטילקייט. מען הערט נאָר אַ קראַקערײַ פֿון אַ וואָראָ־נע. טריט. ביידע ייִדן שטייען אויף דער שוועל מיט ספֿר־תּורהס אין די הענט.

— האַ־האַ, פֿאַרפֿלוכטע! שפּרייטן דאָס אויפֿן באָדן!

הייזעריקע, דונערנדיקע געשרייען. דער אַלטער עליע פֿאַרשטייט נישט וואָס זיי ווילן פֿון אים. ער קוקט אויף די פֿאַרזאַמלטע ייִדן.

אַ דייטש פֿאָטאָגראַפֿירט. דער פֿעטער בער קושט דעם פּאַרמעט. מען רײַסט אַרויס די ספֿר־תּורה פֿון עליעס הענט. אַ דייטש שלײַדערט זי אויף דער ערד. די ייִדן פֿאַרשטעלן די פּנימער. צעוויקלטע פּאַרמעטן אין מיטן מאַרק. די ייִדן ווילן צוריקגיין.

— האַלט! טאַנצן, יודע־טענצע!

ווידער דער דייטש מיטן פֿאָטאָ. — טאַנצן! זאָ־זאָ, אויף דער טאָראַ. טאַנצן!

— און דער דייטש שפּרינגט אַרויף מיט די שטיוול אויפֿן פּאַרמעט און בייגט זיך, הייבט אויף די הענט, טופּעט מיט די פֿיס און לאַכט.

אַ דאַרער דייטש, הויך, מיט אַ שפּיציקער גאַמבע שטופּט אַרויף דעם אַלטן עליע אויף די פּאַרמעטן. דער זקן איז געפֿאַלן און מיט די ליפּן באַרירט די הייליקייטן.

— אױפֿשטיין! יודע. אױפֿשטיין!

און איידער דער אַלטער עליע האָט נאָך באַוויזן אויפֿצוהייבן דעם קאָפּ, האָט דער בייגערדיקער דייטש אויסגעשאָסן.

דער זקן האָט עפּעס געזוכט מיט איין האַנט. די ברידער האָבן שטיל־שווייגנדיק צוגעקוקט זיך צום פאַרצווייפלטן טאַפּן מיט די פינגער די ערד פון נישט־ברוקירטן מאַרק. ענדלעך האָט ער צונויפגענומען אַ גאָרשטש ערד, איינגעקלעמט עס אין דער האַנט און אַרויפגעשאָטן דאָס אויפן פאַרמעט ווי ער וואָלט געוואָלט צודעקן גאָטס וואָרט קעגן דער שאַנד און לעסטערונג.

פון אונטער זיין גוף האָט זיך באַוויזן אַ ריטשקעלע בלוט. עס איז גערונען אויפן פאַרמעט איבער דער ברייט פון דער יריעה.

די דייטשן האָבן זיך אַריינגעזעצט אין דעם מיליטערישן אויטאָ און זענען אַוועק צום פּלינצקער שאָסיי.

די דייטשישע אַרטילעריע באַשיסט וואַרשע. זיי באַשעדיקן מערסטנטייל די העכערע שטאָקן פון די הייזער.

אַ געבראַזגעריי פון שויבן. דער אָפּהילך פון געזימסן און פאַלנדיקע ווענט. די גאַסן זענען איינגעהילט אין שטויב פון צעשאָטענע הייזער.

אין מאַקאָטאָוו זענען פאַרטיליקט געוואָרן פינף דייטשע טאַנקן ווי נאָר זיי האָבן זיך באַוויזן אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס.

פון דער גרויצקער גאַס קומען־אָן גוטע ידיעות. פאַרנאַכט ווערט אָבער די דייטשישע אַטאַקע גאָר שטאַרק. פּוילישע אַרטילעריסטן שיסן פון הינטער איבערגעקערטע טראַמוויי־וואַגאָנען. דאָס לייכטסטע פייער פון שונא צעשפּענט די „פאַרפעסטיקונגען" אויף פּיץ־פּיצלעך.

מען האָט געבראַכט אויף פּלאַץ מאַרשאַלקאָווסקע עטלעכע צעשטערטע דייטשישע טאַנקען. ווידער אַן אַנפאַל. די עראָפּלאַנען באָמבאַרדירן אָן רחמנות די צפון־קוואַרטאַלן פון וואַרשע, דאָרט ווו עס לעבט די יידישע באַפעלקערונג. זיי אַטאַקירן די פאַרפעסטונגען ביים דאַנציקער וואָקזאַל און דעם ציטאַדעל.

ביינאַכט.

מיכאַל גייט דורך ברענענדיקע גאַסן. דאָס פייער שלאָגט אים אין פּנים אַריין. צוויי מענטשן קניִען פאַר אַ געפאַלן פערד, זיי שניידן מיט מעסערס שטיקער פערד־פליש. די אָפּגעדעקטע פערדישע ציין און אַ פערדישער ריפּ ליכטיקן אין שיין פון די שריפות. ער טרעט אויף גלאָז. די שפּליטערס שפּיגלען די פלאַמען. אים דוכט זיך אַז ער גייט איבער פייער. שאָטנס שפּרינגען־אויף און פאַלן צו זיינע פיס. פייערדיקע פּנימער גייען אים אַנטקעגן. בלויז פּנימער. מיכאַל לויפט איצט און וויל אַנטלויפן פון די שוואַרצע פענצטער־

לעכער. ווידער קנ׳עגדיקע מענטשן. איינער טראָגט ברילן און דאָס פייער טאַנצט אַרום אין די ברילן־גלעזער. אַ פרוי יאָמערט אויף די חורבות פון אַ הויז. זי איז אין אַ חופה־קלייד.

שפעט ביינאַכט איז מיכאַל אַריינגעפאַלן אין הויז פון די אָפּנהיימערס. אַ האַרטאָטן־קויל האָט אָפּגעריסן אַ שטיק דאַך. דער טויער איז אויפגעבראָכן. ער לויפט דורכן הויף און פאַרקערעוועט צו די שטיגן. מען זעט פון די טרעפּ דעם הימל.

— בעלאַ!

מיכאַל ציטערט־אויף. ער האָט מורא צוצוגיין נאָענט צום מיידל. אים דוכט זיך אַז ער איז מיט פייער. זיינע הענט ברענען. ער קען נישט רעדן ווייל דער גומען און דער אָטעם זיינער ברענט.

— בעלאַ!

פלאָרענטין איז געקליידט אין אַ שוואַרצן אַנצוג. אויפן טיש ליגט אַ שוואַר־צער הוט און דער זילבערנער שטעקן מיט די טונקעלע הענטשקעס. — איך דערוואַרט, גנעדיקער מיכאל, די אויסלייזונג. באַלד וועט דאָס געשען. איך וויל איר אַנטקעגן גיין פייערלעך. די אָפּנהיימערס שטאַרבן נישט נעבעכדיק. איך וועל מער נישט אַראָפּגיין אין די קעלערן בעת די באָמבאַרדירונגען. דאָ וועל איך זיי באַגעגענען, אין מיין שטוב. דאָ, ביי מיין טיש. איך וועל וואַרטן אין דער שטול. ליכטיק זאָל זיין! פייערדיק־ליכטיק בעת זיי וועלן קומען!

ער האָט מיט פאַראַכטונג אַוועקגעשאַרט דאָס ברויט און שפּאָטיש באַ־טראַכט מיכאַלן.

— כאַ־כאַ, וואָס פירט דיך אַהער? ליבשאַפט, רחמנות און אפשר דער נאַ־רישער און פאַלשער גלאַנץ פון אָפּנהיימער־יחוס? אַפילו אונטער די טויט־פליגל פאַרשטיי איך דיך גוט. מען בוקט זיך נאָך איצט פאַר דער רייכקייט וואָס איז אַמאָל געלעגן אין מיינע הענט! זאָג, יונגער מענטש, זיי אָפן, ענטפער! איז דאָס רחמנות? — דאַן זאָלסטו זיך מער נישט באַווייזן. האָט דיך אַהער גע־בראַכט דער יחוס־נאָמען פון די אָפּנהיימערס — ביסטו אַן אומווערדיקער מענטש. און אויב דו האָסט געבראַכט דעם לאַבן ברויט אויס ליבשאַפט צו בעלאַן — טאָ נעם זי אַוועק פון דאַנען! פיר זי אַרויס פון דער פייערדיקער שטאָט! גייט אַוועק פון דאַנען!

ער איז צוגעלאָפן צו מיכאַלן.

— פאַרוואָס ענטפערסטו נישט? פאַרוואָס?

דער שגעון, אויסגעמישט מיט קלאָרן שכל איז, בולטער געוואָרן. שוים

אין די מויל־ווינקלען. אַ צוקן פון די שלייפן און דער גליווערנדיקער בליאַסק פון די שוואַרצאַפּלען. כאַ־כאַ־כאַ...

איצט האָט דעם אויבן־אָן גענומען דער שגעון און ער האָט זיך בולט אַנט־פּלעקט אין זיין גרויליק לאַכן.

בעלאַ האָט דעם פאָטער אַוועקגעזעצט ביים טיש, פאַרראַכטן די שוואַרצע קאַקאַרדע ביים קאָלנער און געוויינט. אויף די טרעפּ האָט בעלאַ אַרומגענומען מיכאַלן, געקושט זיינע הענט. ביזן ראָג זענען ביידע געגאַנגען שווייגנדיקע. זיי האָבן זיך שטיל געזעגנט. מיט אַ טיכעלע האָט זי אַרומגעווישט זיין פּנים און פאַרזיכטיק באַרירט זיינע צעפּלאַצטע ליפּן מיט אירע ליפּן.

ער גייט אַ וואַקלדיקער. ווי אַזוי וועט ער דערגיין צו דער גרויעצקער גאַס? דאָרט וואַרט מען אויף אים. אויף מוראַנאָווסקער גאַס איז שטיל. אַ הויז דערברענט שוין. ביז פאַרטאָג וועט נאָך דאָרט סטייען געהילצער פאַר דער שריפה. ער הערט דעם געציש פון די פלאַמען און אַ פידל־געזאַנג.

מיכאַל האָט זיך אָפּגעשטעלט. די מידקייט איז אים גובר. ער איז אַריין אין אַ טויער.

— דאָס איז אַ סאָלדאַט — הערט ער אַ שטים.

— טאָ וואָס שלעפּט ער זיך אַרום?

פון גלייכגילט און מידקייט ענטפערט ער נישט.

דאָס פידל־שפּילן באַגייט זיך. איז דאָס אַ חלום? מיכאַל הייבט אויף דעם קאָפּ. אַ לאַנגער שאָטן אויף די ווענט פון טויער. אַ גרויסער פידל־שאָטן. מענטשן אויף טרעפּ ווי נידעריקע קזשאַקעס ביים ראַנד פון אַ וואַלד אין דער נאַכט. אַ היימיש פידל־געזאַנג. ער דערוואַכט.

דאָס איז שפּילפויגל!

לעבן דעם פידלער ליגט אַ היטל. קופּערנע מטבעות און ברויט־רעפּט־לעך.

— שפּילפויגל!

זיי האָבן זיך אַרומגעכאַפּט. דער פידל וויינט־אויס יידישע ניגונים. אוי, ווי מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען אַז אין די פריילעכסטע ניגונים איז פאַרבאָרגן טרויער. איצט גייט־אויף דאָס געזאַנג ווי שטעכיקער בוריאַן. דער פידלער איז אַנטלאָפן פון פּלינצק. די שטאָט איז שוין אין דייטשישע הענט. עס איז אים געבליבן דער פידל. מער פאַרמאָגט ער נישט. איצט גייט ער אַרום איבער די וואַרשעווער הייף, אין די טויערן, און שפּילט ביי דער באַגלייטונג פון באָמ־בעס און שיין פון שריפות אַלט־יידישע ניגונים.

מיכאל גייט צו די פאָדערשטע פּאָזיציעס, דאָרט אַטאַקירט די דייטשישע פערטע פּאַנצער־דיוויזיע. עס באַגלייט אים דער שאָטן פון פידלער. די מלאכים בידערן פון די הימלען. דאָס זענען פייער־מלאכים. זיי שוועבן איבער מיכאַלס קאָפּ. ער שרעקט זיך מער נישט. גלייכגילטיק צו די שריפות, צום אַרטילערישן פייער פון שונא. אַ שוואַרצער פויגל טויכט אַרויס פון די חורבות. מען זעט נאָר צוויי פליגל. טריפנדיקע פליגל. באַלד וועט דער פויגל פאַרלירן דעם פויגלשן איינזען און פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פלעק וואָס רינט־אָפּ. עס זעט אויס ווי אַ באַשעפעניש וואָס באַווייזט זיך אין נאַכט־קאָשמאַרן. דאָס איז געשען אין זיין קינדהייט; אויף איינע פון די פעלדער פון קוכאַר. צווישן די קזשאַקעס האָט זיך אין אַ פאַרנאַכט אַראָפּגעלאָזט אַ פייגל־טשאַטע. זיי זענען אָנגעקומען פון מזרח אויף נעכטיקן און פאַרטאָג זענען זיי אַוועקגעפלויגן. אַזוי איז עס געשען טאָג נאָך טאָג. ער איז געגאַנגען זען די פייגל־חתונה. איינמאָל ווען ער איז געקומען צום פעלד איז ער פאַרחידושט געוואָרן פון דער שטילקייט. מען האָט נישט געהערט קיין פייגל־צווישעריי. אויפן גראָז האָבן זיך געוואַלגערט טויטע פייגל. זיי זענען געלעגן מיט צעעפנטע פליגל. אַ פעלד מיט טויטע פייגל. ער איז געלאָפן צום דאָרף און לעבן דעם פּריצישן הויז איז ער געפאַלן אין חלשות. אַ באַקאַנטער פויער האָט דעם קליינעם מיכאַל געבראַכט אין שטוב אַריין. ביינאַכט איז ער אויפגעשפּרונגען מיט געשרייען. די מאַמע האָט צעעפנט דאָס פענצטער און געזאָגט: עס זענען דאָ אַ סך פייגל. זיי שלאָפן. עס איז דאָך נאַכט. עס איז אַ חלום, קינד מיינס, נישט מער ווי אַ שלעכטער חלום. נישטאָ קיין טויט פייגל־פעלד. צו אַלע שדים זאָל דיין חלום אויסגיין... ער האָט שוין מער נישט געוווסט אויב עס איז טאַקע אַ חלום אָדער אַן אמת. וואַרעמע הענט פון דער מאַמען און איר ליד וועגן אַ שניי־ווייס ציגעלע וואָס שטייט אונטער דעם קינדס וויגעלע, האָבן אים פאַרוויגט און ער איז איינגעשלאָפן. אַ גאַנץ לעבן האָט מיכאַל געוואָלט דערגיין אויב דאָס איז טאַקע געווען אַ חלום מיט די טויטע פייגל אָדער אַן אמת. ער האָט תמיד געפונען צייכנס אַז עס איז געווען אַ חלום און טיילמאָל, אַז ער איז ווירקלעך געגאַנגען איבער אַ טויט פייגל־פעלד. ערשט היינט ביינאַכט האָט ער זיך איבערצייגט אַז דאָס איז נישט געווען קיין יינגל־קאָשמאַר. עס איז געווען אַן אמת. ער איז געווען זיכער אַז מען האָט אים צוריקגעפירט צו יענע יינגלישע צייטן און געלאָזן אַליין אויף דעם טויטן פייגל־פעלד. די זיכערקייט איז געווען אַזוי שטאַרק אַז ער האָט זיך איינגעבויגן און געוואָלט אויפהייבן אַ טויטן פויגל.

נישט ווייט פון גרויצקער גאַס, אויף אַ פּלאַכן דאַך באַדינט יאַן טשוכאַ אַ מאַשין־געווער. שפּעט־זומערדיקע הימלען, טיף־בלאָע. איבער דעם פּלאַכ־

לאַנד פון מאַזאָוויע; אויף די רייפע לאַנקעס גרין־געלבלעכע און ליכטיק־ברוינע, שווּעבן שפעט־זומערדיקע געוועבן. טשוכאַ שטרענגט אָן דאָס געהער אויפצו־כאַפּן דעם געריש פון באַנען, דעם געפּייף פון לאָקאָמאָטיוון. יאָרן־לאַנג איז ער געפאָרן יעדן טאָג פון דאַנציקער וואָקזאַל ביז שערפּץ. ער האָט געקענט דעם וועג אַזוי ווי זיינע אייגענע הענט. גאַנץ וועלט איז פאַר אים תמיד באַ־נייט געוואָרן. ער חידושט זיך: פאַרוואָס האָט מען נאָך נישט אַרויסגעטריבן די סטאַדע פיי? איז דער פּאַסטוך פאַרשלאָפן? ווו איז דער פויער מיט די קאַנען מילך? ער האָט אים געדאַרפט אָניאָגן לעבן דער סטאַציע אוטשעקסין? ווו זענען די קינדער ביים שלאַבאַן פון נאַשעלסק? ער וויל זיי אַלעמען באַגריסן מיט אַ פייף פון לאָקאָמאָטיוו און פאַר הייטערקייט אַרויסלאָזן אַ פריילעכע קנויל־פאַרע. ווו זענען די וואָקזאַל־באַדינער? אַ שוואַרצער צוג לויפט צווישן הימל און ערד. די רעלסן זענען צעריסן. די וועלט איז זיך צונויפגעלאָפן מיט אַלע אויסגעקרומטע סעמאַפאָרן, מיטן אָנהויף פון פאַרזשאַווערטע שינעס, מיט די אומגעלומפּערטע סטאַדאָלעס, צעפּלאַצטע שוועלן. עפּעס וועט געשען! דער לוי־פּנדיקער לאָקאָמאָטיוו וועט אַריין אין אַן אָפּגרונט. פאַרוואָס הערט מען נישט דעם געקלאַפּ פון די רעדער אָן די רעלסן? די וואַגאָנען וועלן באַלד איבעריאָגן דעם לאָקאָמאָטיוו. נאָך איין רגע. — — —

עמנואל אַדלער וואַרט. די קוילן־לענטע איז גרייט. פון ראַג דערגייט אַ שווער געריש. עטלעכע זעלנער לויפן לענגאויס דער מויער פון אַ פאַבריק. פון אַ שוועבנדיק ליכטיק־זילבערן וואָלקנדל איז אַרויס אַ דייטשישער עראָ־פּלאַן. די פליגל לייכטן, בלויז דער שנאַבל איז פאַרטונקלט. דאָס געריש ווערט בולטער. דאָס וואָלקנדל צערינט און מיטאַמאָל האָט זיך פון עראָפּלאַן אָפּגע־טיילט אַ שוואַרץ פּאַסיקל, אַ נישטיקס. דערנאָך נאָך איינס און נאָך איינס. מיט יעדער רגע ווערן די שוואַרצע פּאַסיקלעך גרעסער. זיי וויגן זיך אין דער לופט ווי זיי וואָלטן געוואָלט איינהאַלטן דעם גלייכוואָג און די דיסטאַנץ. איצט זע־נען דאָס שוין גרויסע שטריכן, דיקע. זיי זענען שוין ווי די שוואַרצע רערן. וואָס בידעריקער זיי פאַלן אַלץ הילכיקער דער יאָמער־געוואָי. זיי שלעפּן מיט זיך דעם הימל און באַלד וועט אַלץ אויסגעמישט ווערן: הימל, ערד, שטיין און שטאָק, דער באַן־אַרבעטער איז אַנמעכטיק אַנטקעגן דעם אָפּגרונט וואָס שפּרייט זיך פאַר אים. וואָלטן זיי כאָטש געגעבן צייכנס דורך די סעמאַפאָרן, וואָלטן זיי געזאָגט: שטעל־אָפּ דעם שוואַרצן געלויף פון צוג — שווייגן זיי. ער האָט אַוועקגענומען די הענט פון לאָקאָמאָטיוו, צעשפּרייט זיי אַזוי ברייט אַזש עס

האָט אויפגעריסן זיין ברוסט און ער איז מיטן אימפעט פון אַ פייער־שטורעם געשליידערט געוואָרן אין אַ פינצטערניש אַריין. — אַזוי איז אומגעקומען ביים מאַשין־געווער יאַן טשוכאַ, דער פוילישער לאַקאַמאַטיוו־פירער.

דער בוכהאַלטער פון געגנשע־גאַס, וואָס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין אַ ייִדישן הויף אויף ניסקע, אין וואַרשע, און זיין יוגנט איז פאַרגאַנגען צווישן באַלנס מאַנופאַקטור, וועט שוין מער נישט שפּאַצירן אין די שבתים אויף ביעלאַנסקע מיט ייִדישע פּאַננעס, רעדן מיט זיי אַ געשליפענעם פויליש, וואָס עס האָבן אַזוי ליב־געהאַט די אָנגעשטעלטע פון די גרויסע מאַנופאַקטור־געשעפטן. געגנשע ברענט שוין דעם דריטן טאָג. ביעלאַנסקע איז פאַרוויסט. ער איז געבליבן אויפן דאַך אויף גרויעצקע און זעט די אונטערשטע שטאָקן. די באָמבע האָט מיטגעריסן אַ האַלבן דאַך. ער שאַרט זיך צו די טרעפּ. איין שטאָק טרעפּ איז צעשטערט. עס איז נאָר געבליבן דער פאָרענטש. אין הויף איז פוסט. אַ סאָלדאַט ליגט מיטן פּנים אַראָפּ. צוויי זעלנער זענען געקומען. די פאַבריק־וואַנט האָט שוין מער נישט קיין טינק. פריִער איז זי געווען גרוי, איצט איז די וואַנט ברוין און רויט ווי עס וואָלטן דאָ אויפגעבליט ווילדע סם־שוואָמען, די מוכאָמאָרן. ער איז צוגעלאָפן צו דער וואַנט און צעשפּרייט די הענט אַז זיין גוף זאָל ווערן נאָך פלאַכער. ער איז צוגעקומען צום ראָג און איידער ער האָט נאָך געשטעלט אַ טריט האָט ער דערזען אַ דייטשישן טאַנק. דער טאַנק גייט פּאַמעלעך און זיכער. די שטיינער ציטערן. די מויער טרייסלט זיך. עמנואל האָט איין גראַנאַט. נאָך אַ רגע. ער זעט שוין די עפענונג פון טאַנק. שטאָלענע אויגן. ער קניט, ציט־אַרויס די פאַרזיכערונג פון גראַנאַט מיט די ציין און שליידערט אים מיט די לעצטע כוחות.

דער אויפרייס איז אַ שוואַכער נאָר נאָכן אויפרייס שפּרונגען־אויף פלאַ־מען, אַ נייער קראַך, אַזוי ווי דער וואָס האָט אַראָפּגעריסן אַ טייל פון דאַך האָט אים אַ שליידער געטאָן אויף דער ערד. ער האָט זיך אויפגעהויבן און געמאַכט עטלעכע טריט. עמעצער דריקט אים צו דער וואַנט. אַרום אים וואַקסן־אויס רויטע שוואָמען. מאַמע, עס איז גאָרנישט, שרעק זיך נישט. די ווערטער האָבן געהערט, נאָר די קילע בלוט־פאַרגאָסענע שטיינער.

זיגמונט פּיעך האָט זיך דורכגעריסן קיין וואַרשע פון צפון־זייט מיט אַ גרופּע סאָלדאַטן. וואַרשע איז שוין אַרומגענומען פון אַן אייזערנעם רינג דײַ־טשישע געפּאַנצערטע קאָלאָנעס. שווערע טאַנקן. באַוועגלעכע פּאַנצער־וועגע־

נער. מאַטאַציקליסטן און פאַרבינדלער האָבן באַהערשט די קנופּ־וועגן וואָס פירן קיין וואַרשע. די אויסשפּיר־אַוויאַציע, די באָמבאַרדירער, דאָס גוט־קאָ־ריגירטע אַרטילערישע פייער פון אינפאָרמאַטאָרן אין וואַרשע גופא, האָט תמיד געטראָפן אין ריכטיקן ציל.

נישט איין מאָל האָבן זיך פון צווישן די חורבות־אַרויס געצינדן געהיימע פייערלעך. טייל מאָל האָבן זיך אויפגעהויבן ראַקעטן פון וואַרשעווער הייף. יעדע באַוועגונג פון אַ גרעסערער מיליטערישער פאָרמאַציע איז גלייך אַטאַ־קירט געוואָרן פון דער לופט, כאָטש די זעלנער האָבן זיך געשאַרט אונטער דער דעקונג פון דער נאַכט לעבן מויערן און פאַרצוימונגען.

אויף נייוועלט, אין אַ גרויס צעהאַקטן פאַרטער, ווו עס איז געווען אַן אויסלענדישע האַנדלס־קאָמפּאַניע, זענען געזעסן אויף דער פאָדלאָגע פּוילישע סאָלדאַטן און געגעסן זופּ וואָס פרויען האָבן געטיילט. מיכאל איז געקומען אַהער אויפזוכן דעם עלטסטן און איבערגעגעבן אַ באַפעל.

— זיגמונט! — זיי זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס. פיעך האָט געוויינט.

— מיר פאַרלירן פּוילן. עס איז שוין נאָך אַלעם. איצט שלאָגן מיר זיך כדי צו שטאַרבן כאָטש ווי מענטשן.

זיין פּנים איז געווען האַרט, פאַרעקשנט.

— מיר האָבן געוואָלט בויען פּוילן לויטן מוסטער פון זיבעצנטן יאָרהונ־דערט. אולאַנער, שאַבלעס, אַ סטראַטעגיע פון פאַרגאַנגענעם דור. דאָס לאַנד איז נישט געווען אינדוסטריאַליזירט. איר, יידן, וועט אַרויס אומשטערבלעכע פון דער מלחמה. איר לעבט אין דער געשיכטע. דאָס איז אייער אייביקייט. מיר שטייען מיט צעבראָכענע שווערדן, קאָמישע, ביי דער שוועל פון דער געשיכטע, פאַרשפּילטע.

ביינאַכט איז זיגמונט פיעכס קליינע אָפּטיילונג אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אין דער ריכטונג פון אָטוואָצק, אויסצוגעפינען די דייטשע פאָדערשטע אויס־שפּיר־איינהייטן. אין דער פינצטערניש איז ער אַרויף אויף אַ דייטשישער טאַנק־קאָלאָנע וואָס האָט געלויערט פון ביידע זייטן שאָסיי צווישן די נידעריקע פאַרשטאָט־גערטנער. פון די דריי לאַסט־מאַשינען האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצו־שפּרינגען די פּוילישע סאָלדאַטן. זיגמונט איז אַרויפגעפאַלן אויף דער פאָ־דערשטער טאַנק־קייט אַן אַדורכגעלעכערטער פון קוילן. ווען דער טאַנק האָט געוואָלט רירן פון אָרט איז ער אויפגעריסן געוואָרן פון די גראַנאַטן וואָס זע־נען געווען צוגעבונדן צו זיגמונטס רימען. אין די פלאַמען פון ברענענדיקן

דייטשן טאַנק זענען באַלויכטן געוואָרן די פאַרקנוילטע קערפּערס פון די פּוי־לישע זעלנער.

— זאָל ער אויפהערן! איך קען דאָס פידל־שפּילן נישט הערן! איך גיי אַראָפּ פון זינען!

— מאַ, מאַמע, זאָל דער מענטש שפּילן — האָט זיך געבעטן אַ יינגל פון אַ יאָר צוועלף. דער פידלער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף די רייד פון דער פרוי וואָס האָט זיך געריסן די האָר, געבראָכן די הענט.

— מיין גאַנצע משפחה איז פאַרשאָטן, נאָר דאָס יינגעלע איז מיר געבליבן. מען פילט דעם ריח פון פוילעניש, אוי, זיי וועלן קיינמאָל נישט קומען צו קבר־ישראל. הערט אויף שפּילן!

דער פידל־ניגון איז געוואָרן אַזוי דין אַזש מען האָט אים קוים געקענט דערהערן ביז ער איז פאַרשטילט געוואָרן.

דער פידלער האָט געעפנט דעם פוטליאַר און אַריינגעלייגט דעם פידל. ער האָט איינגעביסן אַ האַרט שטיקל ברויט און אויסגעגלייכט זיך. אין מיטן גאַס איז ער געבליבן אַ פאַרטראַכטער ווי ער וואָלט אויף עפּעס געוואַרט.

אַ וואָלקן, צעריסן פון שוואַרצע בליצן איז אַראָפּגעפאַלן פון די הימלען.

ווען די מענטשן זענען אַרויס פון טויער איז שוין געווען נאָך אַלעמען. אין מיטן גאַס איז געלעגן דער אויסטערלישער פידלשפּילער וואָס האָט זיך אין יענע טעג אַרומגעדרייט איבער די יידישע הייף פון וואַרשע, געשפּילט אַלט־יידישע ניגונים. כאָטש ער האָט אַלעמען געזאָגט אַז ער הייסט שפּיל־פויגל. — אַזאַ בין איך און דאָס איז מיין נאָמען וואָס איך אַליין האָב זיך אים געגעבן. אַ פויגל וואָס איז געקומען קיין מאַזאָוויע פון פרעמדע פאַדאָליער בעסטן ווו די לופט איז פול מיט שירה פון צדיקים פאָלקס־זינגער.

איצט האָט זיך זיין פּלי געענדיקט. צוויי צעשפּרייטע הענט ווי פליגל, אַ שמאָלער גוף ווי אַ פידל־האַלדז און אַ נשמה וואָס איז צעריסן געוואָרן ווי די פידל־סטרונעס.

דער פוטליאַר איז געלעגן אָן אַ זייט, גאַנץ. די צעשויבערטע פרוי איז אַדויסגעלאָפן פון טויער מיט אַ געשריי:

— מענטשן, איך האָב דאָך אים פאַרטריבן. איך בין שולדיק. איך!

אין פוטליאַר איז געלעגן די פידל אָן אומבאַשעדיקטע. די פרוי האָט גע־טראָגן די פידל אויףביידע הענט ווי מען טראָגט אַ קינד און אַוועקגעלייגט אויף די טרעפּ.

דאָס יינגעלע האָט מיט קליינע בלאָע פינגער באַרירט די סטרונעס. אַ

שטילער קלאַנג, ווי דער עכאָ פון שפּילפויגלס לעצטן ניגון וואָלט ווידער באַ־
נייט געוואָרן.

מיכאַל האָט דערגרייכט די גרויעצקער גאַס. דאָס אַרטילערישע פייער איז
שטיל געוואָרן. ביים ראָג, לעבן אַ טראַנשיי זענען געזעסן עטלעכע זעלנער. די
מענטשן פון קאָמאַנדיר פּאַרוויט געפינען זיך אַ פּאָר הונדערט מעטער נאָך
דער פאַבריק־געביידע. דער וועג צו זיי איז אַן אָפענער. מיכאַל גייט דורך נישט־
פאַרבויטע הינטערשטאָטישע פּלעצער, דורך אַ קאַרטאָפל־פעלד. ער קרייצט
דורך גערטנדלעך, קלעטערט איבער פּלויטן. ער מוז זיך דערשלאָגן צו דעם
שוואַרצן פאַבריקס־קוימען. רעכטס פון דעם פאַבריקס־קוימען זענען די פּאָ־
זיציעס פון פּוילישן מיליטער. די סאָלדאַטן זענען איינגעגראָבן אין זיגזאַגישע
טראַנשייען ביים שאָסיי־וועג. ער איז געשיקט פון שטאַבס־אָפיצער כמורא מיט
אַ דרינגענדיקער שליחות און דאַרף דעם באַפעל איבערגעבן מינדלעך, ווייל
עס איז דאָ אַ געפאַר אַז דער שליח קען אַריינפאַלן אין די הענט פון אַ דייטשער
באַוועגלעכער גרופּע צוזאַמען מיטן שריפטלעכן באַפעל. ערשט פאַרנאַכט האָט
ער דערגרייכט די אָקאָפּעס.

די אָפענע פעלדער ווערן באַשאָסן פון די דייטשן. דאָס קאַרטאָפל־פעלד
איז פלאַך ווי אַ טיש. עטלעכע שעה איז מיכאַל געלעגן צווישן דער באַטווע.
דערנאָך איז ער אַריינגעלאָפן אין אַ קליין הייפל. אַ דערשראָקענע פרוי האָט
זיך לאַנג געצלמט ווען ער איז געשטאַנען ביים טירל.

— וואַסער.

מיט איין שלונג האָט ער אויסגעטרונקען אַ פולע שעפ. ער איז געזעסן
אויף אַ טאַבורעט און געקוקט אויפן הויך־פאַרבעטן ניקלנעם בעט, אויף די
הייליקע בילדער, געמאָלענע מיט בלייכע נעפּל־קאָלירן. בלויז דער קרוציפיקס
מיטן באַגילדעטן יעזוס האָט זיך אויסגעטיילט אין פאַרטונקלטן צימערל. מען
האָט אים פאַרבעטן צום טיש. אַ יונגע פרוי אין אַ שוואַרץ קאָפּטיכל האָט עפּעס
גערעדט צו אים. מיכאַל האָט זי נישט געהערט ווייל דאָס שיסעריי האָט נאָך
אָפּגעהילכט אין זיינע אויערן.

— דער פּאַן בוג האָט אייך געגעבן אַזאַ שיין לאַנד און איר פאַרשפּילט
עס. וואָס וועט זיין, זאָגט וואָס וועט זיין? איר האָט זיך צעקריגט מיט די סלאָ־
וויאַנער. געלאָפן אויף טשעכיע! וואָס קוקסטו אַזוי, יונגער סאָלדאַט מיט אַרויס־
געזעצטע אויגן?

די פרוי האָט אויסגעקערעוועט זיך מיטן פּנים צו די הייליקע בילדער.

— נעכטן האָב איך פאַרשאָטן מיין מאַן. ער ליגט אין הויף.

מיכאל האָט זיך אויפגעשטעלט. וואָס זאָל ער זאָגן דער פרוי אין שוואַרצן קאָפּטיכל?

— אַנטשולדיקט.

זי האָט געוויינט. דאָס פּנים האָט אַפילו נישט קיין צוק־געטאָן. נאָר טרערן זענען געריננען.

— זאָל אייך דער אַלמעכטיקער שיצן — האָט זי געזאָגט.

ערשט איצט האָט ער דערזען אַז אין ווינקל פון צימער, לעבן טונקעלן פאָרהאַנג זיצט אַן אַלטיטשקע פרוי אין שוואַרצע קליידער און באַטראַכט אים מיט אַ פאַרגליווערטן בליק.

עס איז שוין געווען טונקל ווען מיכאל איז דערגאַנגען צו דעם פאַבריק־קוימען פון דער צעגעלניע. ביים אַריבערשפּרונגען דעם שטיינערנעם צוים האָט ער דערהערט אַ סווישטשעריי פון אַ סעריע קוילן. ער איז געבליבן ליגן אויפן באַרג פון ערד־אַנשיט. די קוילן האָבן זיך אַנגעשלאָגן אָן דער מויער. מיכאל איז פאַמעלעך געקראָכן באַרג־אַראָפּ ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין דער טראַנשיי.

— דאָקומענטן!

עס האָט געדויערט אַ שטיקל צייט ביז ער איז געקומען צו זיך. מען האָט באַנעצט זיינע ליפּן מיט עפּעס שאַרפס. כאָטש די אויגן זענען געווען אָפן האָט ער נישט געזען. ער האָט נישט געקענט רעדן. זאָל זיך נאָר איינשטילן די באָמבאַרדירונג. די פאַבריק־סקלאַדעס פאַלן־איין ווי די קאָרטן־הייזער. דער הויכער פאַבריק־קוימען האָט זיך אַ בייג־געטאָן. ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַנג וואָס האָט צעעפנט אַ גרויס און שוואַרץ מויל. די שלאַנג איז אַ שפּרונג־געטאָן און מיטגעשלעפּט דעם לעצטן ראַנד פון הימל.

מען האָט מיכאלן אַנגעוויזן אַן אָרט אין עפּעס אַ קעלער.

— פאַרטאָג וועסטו צוריקגיין אין דיין באַאָן — האָט צו אים געגעדעט דער ראָטמיסטרוש — אויב אויף גאָטס וועלט וועט נאָך זיין אַ פאַרטאָג.

עס האָט שוין געגרויט ווען מיכאל איז אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט.

קאַפּיטל אַכצן

פּאַנצער־וועגענער האָבן זיך באַוויזן ממש אין רוקן פון די טראַנשייען. עטלעכע צוואַנציק פּוילישע סאָלדאַטן מיטן ראָטמיסטש זענען געפירט געוואָרן דורך אַ זייטיקן וועג, לענגאויס פּאַרזשאַווערטע רעלסן צו עפּעס אַ פאַבריק־סטאַציע. פינף דייטשישע באַגלייטער מיט אויטאָמאַטיש געווער האָבן זיי באַוואַכט.

מיכאל איז געגאַנגען אין דער מיט פון דער פערטער שורה מיט אויפגעהויבענע הענט. ער האָט קיינעם נישט געקענט פון די פּוילישע זעלנער און קיינער האָט אים נישט געקענט, קיינער האָט נישט געוווּסט ווער עס איז דער כאָלדאָט וואָס איז נעכטן אַריינגעשפּרונגען פון יענער זייט מויער אין די טראַנשייען.

איבער וואַרשע דערהייבן זיך שוואַרצע קנוילן רויך. טיילמאָל ווערט דער קנויל צעשניטן פון פייערדיקע קינזשאַלן און טיילמאָל ווערן די רויך־קנוילן פאַרוואַנדלט אין סטאַדעס רעוועדיקע אָקסן וואָס האָבן זיך צונויפגעדריקט אויף אַ פינצטער פעלד און בייטשן פייערדיקע שפּרינגען אויף איבער זייערע שוואַרץ־אָקסישע קערק.

די דייטשישע באַמבאַרדירונג האָט זיך אָנגעהויבן דעם טאָג אין דער פרי און געענדיקט ערשט פינף פאַרנאַכט.

דער געדיכטער רויך־נעפּל איז געהאַנגען איבער דער שטאָט וואַרשע אָן אויפהער, כאָטש דער טאָג איז געווען אַ שיינער, אַ סוף־סעפּטעמבערדיקער.

זיי זענען אָנגעקומען, די „שטוקאָס", די „פאָקע־וואָלפס", די „מעסערשמידס" כוואַליעסווייז. מען האָט די עראָפּלאַנען נישט געזען מחמת דעם רויך, נאָר מען האָט געפילט זייער אָנקומען און מען האָט אונטערשיידט לויטן געוואָי.

הונדערטער עראָפּלאַנען האָבן אָן־אויפהער פאַרטיליקט די שטאָט.

נישטאָ שוין מער קיין וואַסער, קיין עלעקטרע, נישטאָ קיין גאַז. ברענענ־

דיקע גאַסן. הויז נאָך הויז אין פלאַמען. נאַקעטע פערד־סקעלעטן. הונגער. דאָרשט. פייער און טויט.

אין די קעלערן פון דער גרויסער פּ.ק.אָ.־געביידע.

די מיליטער־אָנפירער האָבן גערופן דעם ציווילן פּאַרטיידיקונגס־קאָמי־טעט. אויפן סדר־היום שטייט נאָר איין פראַגע: קען מען זיך נאָך פּאַרטיידיקן אָדער מען דאַרף קאַפּיטולירן?

פאַרוואַקסענע מענער, פאַרחושכטע. איינער בעט אַ וואָרט און בעתן אַרויס־ברענגען די ערשטע זילבן הייבט ער אָן וויינען. די מיליטער־פאַרשטייער זענען רויִק.

עס פאַלן קורצע און שאַרפע ווערטער: יאָ! קאַפּיטולירן! איין מאָל — „ניין!".

מען באַשטימט די שליחים וואָס דאַרפן איבערגעבן דעם בריוו פון פּוי־לישן גענעראַל רומעל וועגן דער קאַפּיטולאַציע אָן תנאים.

דער גענעראַל באַשטימט די פּאַרלאַמענטאַריער: פּאָלקאָווניק וואַצלאַוו ליפּינסקי און פּאָלקאָווניק אַלעקסאַנדער פּראַגלאָווסקי.

— ניין, דער פּאָלקאָווניק ליפּינסקי קען נישט זיין דער פּאַרלאַמענטאַריער פון קאַפּיטולאַציע.

אויסערגעוויינטלעכע שטילקייט.

— גיט אָן מאָטיוון.

דער גענעראַל קוטזשעבאַ גיט אָן עטלעכע מאָטיוון.

— דער געשעצטער היסטאָריקער ליפּינסקי איז פון נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם אַ ייִד. עס איז נישט גוט פאַר אונדזער געשיכטע אַז מיר זאָלן איבערגעבן די קאַפּיטולאַציע פון וואַרשע גראַד דורך אַ ייִד. עס וועט אַמאָל אויסגעטייטשט ווערן אַז מיר האָבן געוואָלט אַרויפוואַרפן די אחריות אויף אַנדערע פאַר דער קאַפּיטולאַציע. צווייטנס: דאָס וועט באַליידיקן אויך די ייִדן. דריטנס: אין די אויגן פון די דייטשן קען ליפּינסקיס באַווייזן זיך אויסזען ווי אַ פּראָוואָקאַציע, ווי אַ רייצן זיך.

עמעצער האָט געזאָגט:

— דאָס באַדייט אַז מיר, פּאָליאַקן, קענען יאָ קאַפּיטולירן פאַרן דייטש.

— יאָ. דאָס איז אונדזער טראַגעדיע. די גרויסקייט פון ייִדן איז די וואָס זיי קענען נישט קאַפּיטולירן. דאָס ייִדישע פאָלק וועט אַרויס מאָראַליש גע־

שטאַרקט, ווייל דער דייטש איז זייער טויט־שונא. עס איז אַ כבוד צו האָבן די דייטשן פאַר טויט־שונאים.

דער פאָרשטייער פון די פוילישע אַרבעטער, ניעדזשיאַלקאָווסקי האָט געזאָגט:

— מיר קאַפּיטולירן נאָר אויף דעם פראָנט. די מלחמה קעגן דייטשלאַנד גייט ווייטער אָן!

מיטן רוקן צו אַ ציגלוואַנט און מיטן פּנים צו צעשמעטערטע וואַגאָנען, צו האַרמאַטן־גריבער און צום רויך־געקנויל איבער וואַרשע, זענען געזעסן דריי און צוואַנציק געפאַנגענע סאָלדאַטן מיט אויפגעהויבענע הענט.

אַ באַן־ראַמפּע, צפון־מערבדיק פון פּוילנס הויפּטשטאָט. פון דאַנען פירן רעלסן צו אַ טויער פון אַ פאַבריק פון צעמענט־רערן. די דייטשן האָבן דאָס אָרט פאַרוואַנדלט אין איינע פון זייערע הילפס־באַזעס.

די וואַך טוישט זיך יעדע דריי שעה. גוט־געקליידטע, רויט־פּרצופּימדיקע, פּרעכע, מיט שפּאָט האָבן זיי געקלימפּערט מיט די אויטאָמאַטן, געשנעלט די שיס־ציינגלעך ביי דער מינדסטער באַוועגונג פון אַ געפאַנגענעם. עטלעכע מאָל האָבן זיי אויסגעשאָסן איבערן קאָפּ פון פאַרוווּנדעטן ראָטמייסטער וואָס האָט פון אָפּגעשוואַכטקייט אַראָפּגעלאָזט איין האַנט. דאָס זענען געווען יונגע קערלס. מיט יעדן אויפרייס איבער וואַרשע פון הינטערן רויך־קנויל, האָבן זיי באַקומען מער קוראַזש.

מיכאַל זיצט שוין שעהן מיט אויפגעהויבענע הענט. זיי טוען אים וויי. ער דריקט זיי־צו דער וואַנט און אָטעמט טיף. עס איז אים שווער אויסצובייגן זיך. ביים קלענסטן ריר ציטערן די הענט, זיי טיילן זיך אָפּ פון דער מויער. וואָס העכער ער פאַרייסט דעם קאָפּ צו די הימלען אַלץ לייכטער איז אים. איצט זעט ער שוין מער נישט די שטיוול פון די דייטשישע סאָלדאַטן, נישט די צעשמעטערטע וואַגאָנען, נישט דאָס הפקר־פעלד מיט די צוויי ביימער אָן צווייגן. ער זעט נאָר דעם שוואַרץ־געקרייזלטן בושעווענדיקן רויך־וואָלקן איבער וואַרשע. יעדעס מאָל בליצט דאָרט־אויף אַ זילבער־פליגל, עס וואַקסן־אויס וועלדער, מעכטיקע, שוואַרצע סאָסנע־שטאַמען שיסן־אויף און אַז זיי דערגרייכן צום רויך־קנויל שפּראָצן אַרויס פון די שטאַמען צווייגן און זיי פאַרוואַנדלען זיך איןביימער־קרוינען באַזיימטע מיט פייערדיקן גאָלד. דאָס דויערט אַ רגע ווייל באַלד שפּרינגען־אויף די וואָרצלען פון די וועלדער וואָס די ערד שליידערט זיי אַרויס פון איר אינגעווייד און אַז די ביימער ליגן שוין מיט די איבערגעקערטע וואָרצלען אין די הימלען צינדן זיי זיך אָן.

מיטאָג־צייט איז געקומען אַ דייטשישער אָפיציר. ער האָט אַלעמען באַ־טראַכט, באַפוילן איינעם פון די געפאַנגענע צונויפצושטעלן אַ רשימה פון די געפאַנגענע. אָנשטאָט צו האַלטן די הענט גלייך, אויפגעהויבן, האָט ער דערלויבט זיי האַלטן אויפן קאַרק, צונויפגעפלאָכטן די פינגער.

אַ יינג דייטש סאָלדאַטל, מיט קליינע בלאָנדע וואָנצעלעך אונטער אַ ביי־נערדיקער נאָז, האָט געגנבֿי באַזוכט די טאַשן פון די געפאַנגענע.

— מען וועט אייך אָפּשיקן אין אַ לאַגער. ביינאַכט וועלן קומען די וואַגאָ־נען. איר וועט פאָרן קיין דייטשלאַנד. עס האָט אייך אָפּגעגליקט וואָס איר זענט נישט דאָרט. — ער האָט געטייטלט אויף וואַרשע. — קאַפּוט!

ער האָט גערעדט אַ פאַרגרייזטן פּויליש פון אַ שלעזיער. בעתן פאַרלייענען די נעמען פון די געפאַנגענע האָט ער אויסגעלייענט מיכאַלס נאָמען און זיך אַרומגעקוקט.

מיכאַל איז געזעסן אַ גלייכגילטיקער, אַפילו נישט אויסגעבויגן דעם קאָפּ צום דייטשישן אָפיצער. זיין געהער איז געווען אָנגעשפּיצט צו דעם וואָס עס געשעט דאָרט, אין וואַרשע. עס קומען איצט צייטן פון מענטש־פאַרווילדונג. אַזוי ווי דער האָרן־געשאַל אין אוראַלטע וועלדער האָט געמאַכט אויפזאָטן דאָס בלוט פון די דרימלענדיקע חיות אין זייערע נאָרעס און זיי געמאַניעט צו די זון־באַגאָסענע פּאַליאַנעס אויף רויב, אַזוי איז אויך דער מענטש אַרויסגערופן געוואָרן דורך אַ ווילדן בלוט־געשאַל און ער לויפט פון זיין שטילער היים צו די געמערק וואָס זענען פול מיט רציחה.

דאָס איז געווען מיט צוויי טעג צוריק. מיכאַל איז פאַרבייגעגאַנגען אַ גאַס, נישט ווייט פון די האַלעס. מענטשן זענען געלאָפן הינטער אַ האָגל פון אַ באָמ־באַרדירונג צו די האַליעס. פרויען אין צעפלאָטערטע פאַטשיילעס, מענער צע־יושעטע, אַפילו יינגלעך האַלב־פאַרווילדעוועטע זענען געלאָפן פאַרעקשנט, מיט אָפענע מיילער און אין אַלעמענס הענט האָבן געבלאַנקט מעסערס. זיי האָבן אויפגעבראָכן די טויערן פון די האַליעס און אַ שפּאַר־געטאָן צו די קעלערן, צו די סקלאַדעס און מאַגאַזינען. די גאַסן זענען פאַרפלייצט געוואָרן פון אַן אויסטערלישן המון... אַפילו זקנים מיט אויסגעקרומטע פּנימער פון אַ דער־וואַכטער רציחה־לוסט. און אין מינוטן שפּעטער האָבן זיך באַוויזן אין די גרויסע שטאַכייטן־טויערן פרויען מיט שטיקער פאַרבלוטיקט פלייש צוגעדריקט צו די ברוסטן, אַרומגענומענע ווי מען נעמט אַרום געליבטע, ווי מען דריקט צו קינ־דער. זייערע ליפּן זענען געווען מיט שוים, די הענט אין בלוט, בלוט־פלעקן אויף די פּנימער. הונדערטער פרויען, קינדער, מענער מיט שטיקער רוי, צע־ריסן פלייש, מיט ריפּן פון בהמות. זיי האָבן דורכגעשטופּט זיך אַ וועג, געשריגן,

געשאָלטן מיט טויטע קללות. טייל זענען באַפאַלן איינער דעם אַנדערן מיט די קיך־מעסערס, געוואָרפן זיך אויף די קני.

— טיילן דאַרף מען זיך! זעט, לודזשיע, וואָס פאַרא שטיק פלייש דאָס שלעפּט!

— עס איז נישט הפקר!

אַ פרוי וואָס מען האָט זי געטראָטן, מיט אַ צעריסן קלייד, האָט צוגע־דריקט צו דער נאַקעטער ברוסט אַ העסלעך שטיק רויט פלייש. מעסער־גע־בלענד. פלייש. פּרויען־לייב. הענט מיט פינגער ווי חיהשע שפּאָנעס. צעשוימטע מיילער, אויסגעקרומטע — — —

מיכאַל לעבט דאָס אַלץ נאָך אַמאָל איבער. אָ, גאָט, עס איז דער אָנהייב פון שרעקלעכן. איך טרוי נישט מער דעם מענטש. איך טרוי זיך אַליין נישט. שטעל מיך נישט אויס פאַר קיין נסיון. אָ, גאָט, פאַרוואָס וועקסטו־אויף מיט ווילדן מלחמה־געוואָי דאָס וואָס דו האָסט דורות איינגעשטילט אין מענטשן באַפעל אָפּצושטעלן דעם האָרן־געשאַל פון די וועלדער. עס איז נאָך נישט שפּעט. פאַרוואָס האָסטו אָפּגעטאָן דיין פּנים פון דער ערד?

די וועלט טרייסלט זיך פון יעדן אויפרייס. די וואַגאָנען אויף די זייטיקע רעלסן שלאָגן זיך צוזאַמען. דער לעצטער צווייג אויף אַ בוים האָט זיך פאַר־וואַנדלט אין אַ פויגל. דער דייטשישער זעלנער מיטן בלעך־פּרצוף שטעלט שווערע טריט אויף דער ראַמפּע, ער צינדט־אָן אַ פּייקע. דער אויטאָמאַט וויגט זיך אויף זיין ברוסט. ער ברומט־אויס אַ קללה און צעלאַכט זיך דערנאָך צו זיך אַליין מיט אַ זשאַווער־געלעכטער. עס פּאַסט זיך אַריין אין דעם שפּעטן מלחמה־פאַרנאַכט. עס איז ווי אַ טייל פון די רעלסן, אַ טייל פון די בלינדע מויערן, פון די נאַקעטע שטאַמען, פון צעטראָטענעם גראָז ביי דער ראַמפּע, פון דעם אָנהויף פון ברוך־אייזן, פון גאָטס הימלען. דאָס געלעכטער אַרט נישט מיכאַלן. פאַרקערט, ער וואַרט אַז עס זאָל זיך באַנייען ווייל דערמיט ווערט אויפגעהאַלטן די צייט. ער האָט מורא פאַר דעם וואָס עס וועט קומען. זאָל לאַכן דער דייטש, זאָל ער פּיפקען די פּייקע און זאָלן זיינע טריט אָפּשלאָגן זיך אָן דער ראַמפּע.

אַרום פינף אַזייגער פאַרנאַכט, איז געוואָרן אויסטערליש שטיל.

די אויערן האָבן נישט געקענט אויפנעמען די שטילקייט. ערשט ווען די געדיכטע, פאַרקאָלטנטע רויך־שלייערן איבער וואַרשע האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן, איבערלאָזנדיק אַ מילדן גרוי־ראָזן, כמעט דורכזעעוודיקן נעפּל, האָבן זיך אויף עטלעכע ערטער באַוויזן שטיקלעך בלאָער הימל.

פאַרנאַכט זענען לעבן דער באַן־ראַמפּע דורכגעגאַנגען פרויען מיט פּעקלעך אויף די רוקנס, אין די הענט. טייל האָבן געפירט קינדער־וועגעלעך. זיי זענען אַרויס פון צווישן די ערד־אַנשיטן פון דער צווייטער זייט פאַבריק־מויער. זיי זענען געגאַנגען צו די נידעריקע, איינשטאָקיקע הייזער.

עטלעכע פרויען האָבן זיך איבערגעצלמט דערזעענדיק די געפאַנגענע, גע־ווישט די טרערן. זיי האָבן געזוכט מיט די בליקן, פאַרקלענערנדיק דערביי די טריט.

— ניכט שטיין!

דאָס איז געשען צווישן טאָג און נאַכט. אַן אַלטע פרוי אין שוואַרצע קליי־דער האָט זיך דערנענטערט צו די געפאַנגענע. זי איז געווען געבויגן, די טריט פּאַמעלעכע. דער שוואַרצער שאַל איז פאַררוקט ביזן העלפט פון קאָפּ און אַנט־פּלעקט ווייסע האָר. זי איז צוגעגאַנגען ביז צום וואַך־זעלנער און געוואַרט ביז ער וועט זיך אָפּשטעלן. די אַלטיטשקע האָט אויסגעזען ווי איינע פון די פרויען וואָס מען באַגעגנט יעדן זונטיק ביי קאַשטשיאָלן. שוואַרצע הילצערנע קרעלן אויפן האַלדז מיט אַ צלם. אַ געקנייטשט פּנים. אויסגעלאָשענע ליפּן, שעפּ־טשנדיקע. דאָס קלייד לאַנג, געפאַלבעוועט. מען זעט נאָר אַרויס די שפּיצן פון די שיך. אַנשטאָט אַ געבעט־ביכל האָט זי געהאַלטן אין דער האַנט אַ קליין פּעקעלע אין גרוי פּאַפּיר פאַרבונדן מיט אַ שטריקל.

די דייטשישע וועכטער האָבן זיך איבערגעקוקט. זי האָט געקענט זיין לויט איר אויסזען אַן אַלטע פון ביירען, אָדער פון פּריסן, אַזאַ וואָס זיי האָבן שוין ערגעץ־ווו געזען. אירע ציכטיקע קליידער, די שוואַרצע קרעלן, דער גרויער פּאַס האָר פון הינטערן שוואַרצן שאַל און דער געשעפּטש, האָט זיי אויף אַ רגע צוריקגעבראַכט צו די שטילע זונטיקדיקע גאַסן פון זייערע שטעט.

— גנעדיקער הער אָפיציר... פאַרציייונג... — האָט זי גערעדט האַלב־דייטש, האַלב־פּויליש — סין... דער זאָן, הער, טוטאַי, מוי סין... מיין זאָן... לאָסט אים געבן דאָס פּעקכען... לאָסט מיך אַנשאַוען דאָס לעצטע מאָל... בוג וואַם זאַפּלאַ־טשי... גנעדיקער הער... מיין זאָן...

— דיין זאָן, מוטערכיע? ווער איז דיין זאָן, ציינגן זי ביטע!

די זקנה איז געגאַנגען לענגאויס דער וואַנט ווו עס זענען געזעסן די גע־פאַנגענע פּאַליאַקן, הינטער איר, די דריי דייטשישע סאָלדאַטן. עס איז געקומען אַ דייטשישער עלטסטער. אַלע האָבן נאָכגעפאָלגט דער זקנהס טריט. זי איז צוויי מאָל פאַרבייגעגאַנגען די רייע, צלמדיק זיך. דאָס מויל אירס האָט גע־

ציטערט. דאָס שוואַרצע קאַפּטיכל איז נאָך מער פאַררוקט געוואָרן און אַראָפּ־געפאַלן אויף איר אַקסל.

— דערקענסט נישט דיין זאָן! זאַ־זאַ...

מיטאַמאָל איז זי געבליבן שטיין לעבן מיכאַלן. זי האָט זיך ווי אויסגע־גלייכט.

— מיין זאָן... דיזער...

איינער פון די סאָלדאַטן וואָס האָט זי באַגלייט האָט אַרויסגענומען פון איר האַנט דאָס פּעקעלע, באַטאַפּט עס, געוואָלט אויפקנופּן דאָס שטריקל און לסוף אַ שליידער־געטאָן אויף מיכאַלס שויס.

ער האָט טרויעריק געשאָקלט דעם קאָפּ צו דער זקנה און געזען ווי זי דערווייטערט זיך, געבויגן, קליין. איר שוואַרץ קלייד האָט זיך קוים אויסגע־טיילטביים גרויען פלויט. זי איז פאַרביי דעם אַנהויף פון רעלסן, פאַרביי די צעשטערטע וואַגאָנען און נעלם געוואָרן. אַ לאַסט־וואָגן האָט זיך אַנגעצונדן און אָנגעהויבן רעגלמעסיק רוישן. צוויי רעפלעקטאָרס פון לאַסט־אויטאָ האָבן געבלענדט אויף דער ראַמפּע. עס איז געוואָרן אַ טאָפּל־ראָד אויף דער וואַנט ווי אַ ליכטיקע ציפער אַכט און דערנאָך איז ס׳ליכט געפאַלן אויף די געפאַנ־גענע.

מען האָט זיי צונויפגעטריבן אין איין קנויל, אין אַ קרייז און איבער זיי האָבן זיך דערהויבן די טונקעלע שאָטנס פון די באַוואָפנטע דייטשן. מיכאַל איז געזעסן ענג צונויפגעדריקט. אַרום זיך האָט ער געהאַט רוקנס פון געפאַנגענע און אויף זיין שויס אַ נישטיק פּעקעלע. ער האָט עס אַפילו נישט געקענט באַ־רירן ווייל זיינע הענט זענען גענ׳ען די גאַנצע צייט פאַרלייגט אויפן קאַרק. ער איז געווען מיד און גלייכגילטיק. די רעפלעקטאָרן האָבן געציטערט פון מאָטאָרס עטעמען. דער ליכטזייל האָט ווי אַ גרייצער געבויערט זיין פּנים. נאָך אַ ווײַלע און ער וועט פאַלן צו דער קילער שטיינערנער ערד. ער איז אָבער נישט געפאַלן. אין דעם וויגנדיקן ליכטזייל פון דער לאַסט־מאַשין האָבן געציטערט נאַכט־מילבן. פון ערגעץ־נאָענט האָט מען געהערט אַ קוואַקען פון זשאַבעס. דער רויך־נעפּל איבער וואַרשע איז נאָך אַלץ נישט צערונען. אין דער פינצטערניש טיילן זיך אויס די ראַזלעכע קנוילן.

מיכאַל וויל אַרויסרייסן דעם קאָפּ פון ליכט־קרייז און קען נישט. אַ רוקן פון אַ געפאַנגענעם פאַרשטעלט אים איצט אַ האַלב פּנים. עמעצער האָט זיך אַ בייג־געטאָן און אַ גוטער היילנדיקער שאָטן איז געפאַלן אויף אים ווי אַ צערטלדיקע האַנט. ער האָט צוריקבאַקומען די הויט. ער האָט אייליק באַרירט

מיט די פינגער דעם שטערן, די שליפן. די מידקייט טרעט־אָפּ. עמעצער שעפּ־טשעט. וויגנדיקע שאָטנס. ווידער טריט פון די דייטשן און אַ הייזעריק קול.

אין האַלב־נאַכט האָט מיכאַל דערפילט דעם ווייסל־ווינט. עס שמעקט מיט וואַסער־גראָז. דאָס זענען ריחות פון די גרינע קעמפּעס. דאָרט וויגן־זיך אויפן ווייסל־שפּיגל צווייגן פון ווערבעס. אַ שיפל פון אַ פישער דערגרייכט איצט דעם אַנדערן ברעג. אַ שטילער באַריר פון שיפלס דנאָ מיט דער ערד. אין טייך וזקראַ, אין קעסלגרוב, באַווייזט זיך יעדן האַרבסט דאָס וווּנדערלעכע מיידל מיט די צעקעמטע האָר. זיי שווימען אַרום אויף די אייבערשטע וואַסערן. פּיי־ווּעשס טאָכטער קען דריי מאָל דורכשווימען דאָס קעסלגרוב ביים לבנה־ליכט. אירע האָר פּאַרפּלאָנטערן זיך מיט די האָר פון יענעם מיידל. אַליש שטייט ביי די אויפגעריסענע דאַמבעס. סטעפּאַ, דאָס ערדישע מלאכל, קניט ביי וואַק־סענע ליכט אין סאָכאַטשינער קאָשטשיאָל. דער פּראָבאָשטש צלמט זי איבער. קיווע קאָפּס טאָכטער, ברײַנע, לויפט מיט פלאַמענדיקע הענט און יאָגט־נאָך דעם וואָגן. טויטער טאַטע! שטעל־אָפּ דעם געלויף פון פערד! אויף דעם לעצטן צווייג פון אַלטן דעמב וויגט זיך אַ געהאָנגענער. ווער איז דאָס? קיינער קען נישט דעם מענטש. ווער איז דער פרעמדער? ער זעט אויס ווי אַ הייליקער! מיכאַל שווידערט־אויף. אַ געהאָנגענער רעדט צו די פאַרזאַמלטע פויערים אַרום דעמב: איך בין מיכאַל... מנחם... יפת... דער לעצטער פון די יאָסעס... ער באַרירט דעם האַלדז און וויל אים לויז מאַכן פון די שטריק... בעלאַ גייט אים אַנטקעגן אין אַ ווייס קלייד... זי טראָגט אַ בינטל האַרבסטיקע פעלד־בלימלעך און לייגט דאָס צופוסנס פון דעמב... ניין, עס איז נישט אמת. איך בין איצט ביי דער מויער, אויף דער ראַמפּע... מיינע פיס באַרירן די ערד...

מיכאַל האָט זיך אויסגעבויגן און שנעל אַראָפּגעלאָזט די פאַרלייגטע הענט, די אַנגעדראָלענע און אָנגערירט דעם שטיין.

אין ליכט־אויג פון דער לאַסט־מאַשין איז פאַרלאָשן געוואָרן. דער ליכט־זייל איז צעריסן געוואָרן. דער מאָטאָר האָט אויפגעהערט רוישן. עפּעס איז דאָרט קאַליע געוואָרן. די קעלט האָט אים אַדורכגענומען. ערשט איצט האָט ער דערפילט אַ נאָגנדיקן הונגער. מיט אומרויִקע פינגער האָט ער געקנופּט דאָס פּעקעלע אויף די קני. ברויט? ניין. עפּעס ווייכס. דאָס איז אַ טונקל העמד. אַ פּראָסט פאַרוויקלט העמד. די וועכטער גייען הין און צוריק. מיכאַל ציטערט. אַ צאָן קלאַפּט אָן אַ צאָן. דאָס איז פון קעלט, פון הונגער, פון מידקייט. אָדער דאָס איז פון דעם אויסטערלישן חלום וואָס ער האָט געחלומט אַ וואַכעדיקער? ניין. עס איז פון דער קעלט. אויך דאָס צווייטע ליכט־אויג איז פאַרלאָשן געוואָרן.

די דייטשן זידלען, זיי שעלטן. עמעצער פּאָרעט זיך ביים מאָטאָר.

מיכאַל האָט צעוויקלט דאָס טונקעלע העמד און עס אָנגעטאָן אויף דער דינער צעריסענער סאָלדאַטן־בלוזע. איצט איז אים וואַרעמער. עמעצער האָט אָנגעשפּאַרט דעם רוקן אויף זיין ברוסט. עס איז גוט וואָס דער ליכטזייל רייסט נישט מער די הויט. איצט רוען די אויגן־אַפּלען. ער שליסט זיי.

...דאָס פישער־שיפל וויגט זיך אין דער שטילער נאַכט ביים ברעג און עס וויגן זיך מיט די גרויסע גרינע בלעטער אויף דער וואַסער־פלאַך. דער ריח פון דער ווייסל איז אויסגעמישט מיטן ריח פון אַש און האַלאָוועשקעס. אין וואַרשע איז שטיל.

פּאַרטאָג.

וויסטע געשרייען פון די דייטשן. מיכאַל איז אויפגעשפּרונגען. מען טרייבט די געפאַנגענע צו אַן אָפענעם לאַסט־וואָגן. ציווילע מענטשן רייניקן אָפּ די רעלסן. זיי זענען באַוואַכט פון דייטשישע זעלנער.

איינער פון די וועכטער פאַרהאַלט אים ביים לאַסט־וואָגן. מען שטויסט אים אַרויס פון דער רייע. אַ שאַרפער ווייטיק אין רוקן. דאָס איז דער קלאַפּ פון אַ ביקסן־קאָלבע. מיכאַל פאַלט.

— וואָס מאַכסטו היער?... צוריק!... צוריק... דו ציווילער קערל... צוריק...

ער שטייט צווישן די באַן־אַרבעטער ביי די אָנשיטן פון די רעלסן. ער קוקט אויף די זשאַווערדיק צעצווייגטע שינעס וואָס לויפן אין פאַרשיידענע זייטן. הינטער זיין רוקן הערט ער געשרייען און אַ ריטשען פון וואַגאָן־טירן.

מיכאַל האָט אָנגעהויבן פּאַמעלעך גיין. דער ערשטער טריט וואָס ער האָט געשטעלט איז געווען אַן אומזיכערער. ער טרויט נישט די ערד, נישט די הימ־לען. באַלד וועט קומען דער שאָס. דאָס וועט זיין אַן איינצלנער שאָס. פון אַ צעבראָכענעם צווייג וועט זיך אָפרייסן אַ גרויסער פויגל און אין דער ווייט וועט זיך עפּעס אָפּשלאָגן אַזוי נישטיק און אַזוי שוואַך ווי דער געפליוך פון אַ שטיינדל וואָס קייקלט זיך אַראָפּ פון דער גרעבלע אין טייך אַריין. ער וועט אַני־דערקניען אויף איין קני, דערנאָך אויף דער צווייטער. ער וועט צולייגן דאָס האַרץ און דערנאָך די ליפּן צו דער ערד, צום זשאַווער־גראָז, וואָס וואַקסט צווישן די באַן־שוועלן און פאַרטרויען דער וועלט זיין לעצט געשעפּטש.

עס איז שטיל.

דער שאָס איז נישט געקומען. זיינע טריט זענען אייליקע. מיכאַל זעט אויס אין דער טונקעלער בלוזע ווי איינער פון די באַן־אַרבעטער וואָס איילן די רע־דער פון וואַגאָנען.

אַ האַלבן טאָג איז ער אַזוי געגאַנגען ביז ער האָט דערגרייכט די ווייסל. ער דערקענט די געגנט, דאָס איז דער צפון פון וואַרשע.

אַ פויער האָט אים געגעבן אַ שטיק שוואַרץ ברויט און געזאָגט:

— וואַרשע האָט קאַפּיטולירט.

ביינאַכט איז מיכאל אַריבער די ווייסל.

ער איז נישט ווייט פון נאָוועדוואָר לעבן מאָדלין. דורך דאַנען איז געפאָרן די מאַמע מיט דער קאַטש און געפירט אים קיין סאָכאַטשין.

דאָס איז געווען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן זענען אַריין קיין וואַרשע. ער האָט שנעל דורכגעשניטן דעם שאָסיי און מיט זייטיקע דאָרפס־וועגן, אויסמיידנדיק וואַרשע, געגאַנגען אין דער נאַכט־פינצטערניש אויף מזרח.

פעלדער פון מאַזאָוויע. זאַגראַדעס פאַרטונקלטע. אָפּשיין פון לבנה־ליכט אויף געקאַלכטע ווענט פון דרימלענדיקע כאַטעס. שאָטנס פון טאָפּאָליעס וואָס דערגרייכן ביזן האָריזאָנט.

באַטשנע וועגן. רעדער־אָפּדרוקן פולע מיט וואַסער וואָס זענען אויס ווי אָדערן פון דער דאָזיקער ערד דער צעטראָטענער דורך וועלכער עס לויפן דורך אין יעדן דור האָרדעס פאַרווילדעוועטע. אַמאָל קומען זיי אויף רייטפערד קאָזאַקישע פון מזרח און אַ צווייט מאָל אויף וועגענער, אייזן־באַשלאָגענע, פון מעריב.

אָ, פוילישע ערד! איצט ווערסטו געטראָטן פון טאַנקן שאַרפציינ‍יקע. שטילער פויער פון מאַזאָוויע, וואָס ביסט פאַרנאַכט אַהיימגעפאָרן פון פעלד אויף דיין וואָגן און געלאָזן רעדער־אָפּדרוקן אין דער צעווייקטער ערד. איך גיי איצט אויף דעם וועג וואָס דו האָסט אויסגעטראָטן. איך ווייס אַז זיי וועלן מיך דערפירן צו אַ היימישער שוועל. „שטשענשטש באָזשע" וועל איך זאָגן. איך שטיי אין דיין אָפענער טיר. מיך האָט גערופן דאָס אָרעמע ליכט פון דיין נאַפט־לאָמפּ. איך זע דיך זיצן ביים טיש אַ פאַרהילטן אין פאַרע פון הייסע קאַרטאָפל. אין אַ וויג פלאַפּלט אַ קינד. דער גרויסער אויוון איז וואַרעם. עס שמעקט מיט פריש־געבאַקן שוואַרץ ברויט. איך שטיי ביי דיין שוועל אין אַ געשענקט העמד וואָס אַ זקנה אין שוואַרצע קליידער האָט מיר געגעבן.

איך בין נישט קיין פרעמדער אויף דער ערד. איך הער ווי עס שעפּטשען אויס די טאָפּאָליעס פּאַטשעזשן, ווי עס זינגען־אויס די וויעזשבעס אַלט־יידישע תפילות און די טייכן בעטן ביי די הימלען גנאָד אַז גאָט זאָל באַשיצן די שטעט און דערפער וואָס ליגן ביי זייערע ברעגעס.

פאַרוווּנדיקטע ערד!

אַפילו די הינט בילן נישט אין דער נאַכט. זיי ווילן נישט שטערן דיין רו.

די פייערן פון שטעט זענען פאַרלאָשן. דאָס לבנה־ליכט קען נישט אויפ־גיין און נישט פאַרגיין. די ערד איז פול מיט לויערנדיקע שאָטנס. די ווערבעס מיט ריטלעך צעשורפּעטע וואָס שטייען דיבאָם ווי פון אַ צער און צאַרן. ווינט־געוויין אין קזשאַקעסביים טייך. נאַכט־געשאָרך פון פייגל.

מיכאַל בייגט זיך איין צום טייך. ער נעמט־אָן וואַסער און טרינקט.

דאָס וואַסער איז קיל און זיסלעך אַזוי ווי האָניק. ער וואַשט דאָס פּנים, טוט אויס דאָס העמד, צעשנאָרוולט די שיך און שטעלט טריט אין טייך.

רינגען צעלויפן זיך אַרום אים. זיי דערוויטערן זיך און מיט די רינגען שווימען אַוועק צעריסענע שאָטנס פון זיין גוף. זיי צעלויפן זיך מיט די וועלן צו מזרח און צו מערב, צו צפון און דרום.

ערגעץ־ווו און ערגעץ־ווען, אַז ער וועט שוין דאָ נישט זיין, וועלן זיך אַלע צעריסענע טיילן פון זיין גאַנצן גוף אָפּגעפונען.

ער איז נאָך נישט היימלאָז ווייל ער קען די פעלדער און די שטעט.

מערבדיק ליגט זאַקראָטשין, פּלינצק, נישט ווייט פון פּלינצק, סאָכאַטשין מיט די דערפער: קוכאַר, גוטאָזשעוואָ, קאַלאָזאַמב.

צפונדיק שפּרייטן זיך די פעלדער פון טשעכאַנאָווע, פון מלאַווע. וואַרשע געפינט זיך אויף דרום פון דעם וועג.

מיכאַל אָטעמט טיפער. עס שמעקט מיט זשיוויצע. נישט ווייט פון דאַנען שפּרייטן זיך די וועלדער וואָס ציען זיך ביז פּאַליעסע, ביז די ביאַלאָוויעזשער פּושטשע. דאָ האָבן זיינע זיידעס געהאַקט געהילצער און דורך שמאָלע טייכלעך זיי אַרויסגעפירט ביז נאַרעוו. דערנאָך האָבן יידישע טראַטווע־בינדער זיך גע־לאָזט אויף טראַטוועס מיט דער ווייסל ביז דאַנציק.

אַרום ווישעגראָד און מלאַווע געפינען זיך די עפּל־סעדער, קאַרשן־סעדער.

מיכאַל גייט ביז מאַלקין. ביי מאַלקין צעצווייגט זיך דער וועג, איינער לויפט ביז ווייסרוסלאַנד און דער צווייטער, דורך לאָמזשע צו די באַלטישע שטעט.

שטעטלעך מיט טורעמדיקע קאָשטשיאָלן, מיט דרימלענדיקע מערק, מיט יידישע געסלעך וואָס טוליען זיך ווי שאָף.

שאָטנס פאַרלויפן אים דעם וועג, זיי זענען אָנגעדראָלן מיט פּחד

מיכאַל הערט זיך איין אין דער נאַכט. די ערד אונטער זיינע פיס גוססט. ער וויל לויפן נאָר די קני ברעכן זיך. ווידער אַ דרעמלענדיק דערפל. אַ האָנען־געקריי. אַ רעווען פון אַ קו. אַ מענטש ביי אַ וואַנט. ער מיידט אויס דאָס דערפל

און גייט איבער אַ פּאַראַקערט פעלד. ער רעדט צו זיך אַליין: בלייב ליגן צווישן די קוסטעס. רו זיך אויס. גיי נישט אַוועק פון דער היימישער ערד.

ער קוקט זיך אַרום. קיינער פאַרפאָלגט אים נישט. דער אייגענער שאָטן ווערט גרעסער. ערשט איצט האָט ער דערזען אַז עס באַגלייט אים נאָר דער אייגענער שאָטן. מיכאַל גייט פאָרויס. ערגעץ צאַנקט אַ פייערל. גוט וואָס דאָס פייערל איז אַזוי שוואַך, אַזוי נישטיק און ווייט. דאָס פרעמדע טונקעלע העמד וואַרעמט אים. ער האָט מורא צו פאַרלירן דאָס שוואַכע ווייטע פלעמל. עס איז פאַר אים אַן אָנהאַלט אין דעם נאַכטיקן גאַנג אויף מזרח.

אינהאַלט

קאַפּיטל איינס — 7
קאַפּיטל צוויי — 10
קאַפּיטל דריי — 35
קאַפּיטל פיר — 57
קאַפּיטל פינף — 75
קאַפּיטל זעקס — 89
קאַפּיטל זיבן — 101
קאַפּיטל אַכט — 119
קאַפּיטל ניין — 135
קאַפּיטל צען — 157
קאַפּיטל עלף — 173
קאַפּיטל צוועלף — 189
קאַפּיטל דרייצן — 203
קאַפּיטל פערצן — 223
קאַפּיטל פופצן — 243
קאַפּיטל זעכצן — 261
קאַפּיטל זיבעצן — 277
קאַפּיטל אַכצן — 295

פאַרלאַג־אַדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

דערשינענע ביכער:

1. דוד בן־גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף (אויספאַרקויפט)
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות־פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
6. אפרים דקל — געהיים־דינסט פון דער „הגנה" אין ארץ־ישראל
7. ד"ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. י. לעשטשינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־יידנטום
9. מ. גראָס־צימערמאַן — יידן צווישן יידן
10. יצחק בן־צבי — מיט דער צווייטער עליה
11. רחלס לידער
12. מענדל מאַן — די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען
13. אריה לעאָן קובאָווי — וואָרצלען און פליגלען (אויספאַרקויפט)
14. שלמה סימאָן — אין די טעג פון די ערשטע נביאים (אויספאַרקויפט)
15. יוסף ווייץ — זכרונות
16. אפרים אויערבאַך — גילדענע שקיעה
17. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (אויספאַרקויפט)
18. יצחק יאַנאַסאָוויטש — מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד
19. פּנחס שטיינוואַקס — ציוניסטן (אויספאַרקויפט)

20-21. יעקב גלאַטשטיין — אין תוך גענומען (צוויי בענד)

22. שלמה ביקל — אַ שטאָט מיט יידן
23. חיים גרינבערג — ייד און וועלט.
24. חיים גרינבערג — מענטשן און ווערטן
25. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (באַנד 2)
26. שלמה ביקל — רומעניע

27. לייב שפּיזמאַן — געשטאַלטן.
28. מ. שענדעריי — דער לעבנסוועג פון ב. דאָבריאַנסקי.
29. מענדל מאַן — על נהרות פוילן

אין שפּאַניש:

Marie Syrkin: Al Servicio de una Causa (Agotado)
Ab. N. Polak: Así se forjó el Estado de Israel
Iehuda Burla: Las Hazañas de Acavia

אין גיכן דערשײַנען:

לעאָן וויינער — געזאַנגען פון גערעאַנגל און אויפקום.
חיים גרינבערג — בלעטלעך פון אַ טאָג־בוך
לוי אשכול — אין געראַנגל פון אויפבוי
מענדל מאַן — אַ קעמל אין מדבר
יצחק יאַנאַסאָוויטש — אַ שטוב אין שטעטל (צווייטע אויפלאַגע)

Moisés Hess: Roma y Jerusalem (Versión castellana y estudio preliminar de LEON DUJOVNE).

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
MENDEL MANN
París

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Againes Germany.

Editado por
Poale Sion Hitajdut
Departamento
Ediciones "**KIUM**"

Este libro se terminó de imprimir en el mes de julio de 1962, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S.R.L. - Av. Corrientes 1976 - Buenos Aires

MENDEL MANN

Junto a los Ríos de Polonia

BUENOS AIRES

1962